STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00778

FRAGMENTN FUN MAYN LEBN

Zygmunt Turkow

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Miriam & Samuel Rotrosen
in memory of
Morris Rymberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיגמונט טורקאָוו

פראַגמענטן פון מיין לעבן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

75

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

זיגמונט טורקאָוו

פראַגמענטן פון מײַן לעבן

זכרונות

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Z. Turkow, Río de Janeiro

ZYGMUNT TURKOW

FRAGMENTN FUN MAIN LEBN

(FRAGMENTOS DE MI VIDA)

★

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1951

אינהאַלט

		זייט
	במקום אַן הקדמה	7
I	שאַטנס פונעם אמאָל	13
II	...„קום, גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דיינע אויגן"...	18
III	די „דייטשע שול"	25
IV	ביים שוועל פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט	33
V	„לייב גוואַרדי וואָלינסקי פאָלק"	42
VI	מוראַוולאָוום שולע	54
VII	דזשיקע גאַס	66
VIII	דזשעלנע	80
IX	ביילים און זאַמענהאָף	100
X	גענשע גאַס	106
XI	ער וואַקסט אַן אַרטיסט	122
XII	דזשיקע 44	133
XIII	קרינסקיס שולע	161
XIV	לערער און פריינט	171
XV	שול־חברים	185
XVI	מיין ערשטער צענזאָר	204
XVII	דער ריז און דער קאַרליק	212
XVIII	דער יידישער אַקטיאָר	228
XIX	אַ שריט צו טעאַטער באַנייאונג	233
XX	די לעצטע שול־פאָרשטעלונג	242
XXI	יאָנאַס מיין מעצענאַט	250
XXII	איינפלוסן פון מייסטער	257
XXIII	קיין ניסים געשען נישט	268
XXIV	דאָס יאָר 1914	276
XXV	און וואָס ווייטער	288

פאַרוואָס זכרונות

(במקום אַן הקדמה)

זינט איך בין געוואָרן אַ בן־חמישים, באַקום איך אָפט פאָרשלאַגן צו שרייבן זכרונות. איך פלעג תמיד געפינען אַ תירוץ און זיך אַרויסדרייען דערפון.

שרייבן זכרונות דערמאָנט מיך אין אַ סיום, אין אָפּגעטועטער אַר־בעט, אין אַ סך־הכל פון אַ לעבן.

און סך־הכל מיינט — עבר; געווען אַמאָל, געטון אַמאָל... און איך בין פול מיט עתיד, מיט פּלענער, מיט נישט געשטילטן באַגער צו אַרבעט

און אַרבעט — מיינט לעבן! האָט זיך געוואָלט זכרונות איבערלאָזן פאַר עלטערע פון מיר, פאַר די, וואָס האָבן שוין זייער סך־הכל געמאַכט און רוען אויף די לאָרבער־בלעטער...

ביז — — — — —

די נסיעה איבער אייראָפּע, וועלכע איך האָב אונטערגענומען אין אָנהויב פון יאָר 1949.

די מלחמה־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין בראַזיל. שווערע, פּיינפולע יאָרן. איך בין דאָך די ערשטע זיבן חדשים געווען מיט די דייטשן אין וואַרשע!

פאַרלאָזנדיק פוילן סוף אַפּריל 1940 האָב איך מיר אָפּגעגעבן חשבון, אַז קיין גוטס קאָן מען פון די נאַצישע רוצחים נישט דערוואַרטן.

זענען די געכט געווען — כסדרדיקע שלאָפלאָזיקייט, די טעג — ענד־לאָזער אומרו. אַזוי חדשים און יאָרן — —

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט דאָס שרעקלעכסטע. אָבער די רייכסטע, די משונהדיקסטע פאַנטאַזיע האָט נישט געקאָנט זיך אויסמאָלן דעם סך־הכל, וואָס די דייטשן האָבן מיט אונדז געמאַכט!

איך האָב געלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט די ערשטע פּאַסאַזשיר־שיף וואָס וועט אָפּגיין קיין איי־ראָפּע מיך צוריקברענגען אַ היים.

ווייל ווי וועט דען נישט בלייבן כאָטש אַ מיליאָן יידן אין פּוילן. ווי וועט דען נישט כאָטש בלייבן אַ האַלבער מיליאָן יידן אין פּוילן.

וועט מען זיך דאָך דאַרפן ווידער שטעלן אין דינסט פון די פּאַר־בליבענע. זיי וועלן זיך דאָך נויטיקן אין טרייסט, אין דערמוטיקונג, מען וועט זיי דאַרפן מאַכן פאַרגעסן אָן די גרוילן פון די מלחמה־יאָרן. אַריין אין די חרובע הייזער, אויספּילן די לעכער מיט פרישע ציגל, צעמענטירן די שפּאַלטן, באַדעקן די מויערן מיט דעכער...

און אָט דערגייט צו אונדז דער טרויעריקער אמת. זוכסט קרובים, פריינט, שרייבסט, טעלעגראַפירסט, האַפסט. ווילסט זיך אַלץ נישט צוגלויבן...

הויבסט אָן צו באַקומען ידיעות. איינע אומגלויבלעכער, אומפאַר־שטענדלעכער פון דער אַנדערער.

„נישטאָ״ — דערגייט צו דיר סעגאַלאָוויטשעס איכה. שווער צו גלויבן. שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק. דער מוח באַנעמט דאָס נישט!

די וועלט פרייט זיך מיטן נצחון. — די גאַס האָט זיך צעטאַנצט. — פעלקער יובלען!

די צייטונגען זענען מודיע מיט קידוש־לבנה אותיות: „היטלער באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד! — דער נאַציזם איז טויט! טויט! — נצחון!!! — די דעמאָקראַטיע האָט געזיגט!״ — —

און פון דער צווייטער זייט, פון אונדזער, יידישער זייט: „נישטאָ״! די וועלט האָט געזיגט! — און מיר?...

און ס׳האַרץ ווערט צעריסן פון צער: פאַרוואָס האָבן דאָס רחלע און שרהלע נישט דערלעבט, מיינע אָרעמע שוועסטער, וואָס האָבן אַזוי ווייניק פרייד געהאַט אין זייער לעבן?!

פאַרוואָס האָט דאָס דודל נישט דער־לעבט, דער שטענדיק צעשמייכל־טער דודל העלפמאַן, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אַנצוזאָגן גוטע בשורות?

פאַרוואָס האָט דאָס נישט דערלעבט מיין חבר אייזיק, דער „קעניג״ פון די יידישע אַקטיאָרן, אייזיק סאַמבערג מיט זיין אָפּטימיזם, וואָס האָט אַלעמען אַזוי געמוטיקט און געשטאַרקט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע?

מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די מויערן, וואָס וואַקסן אויס אין פאַר־שידענע געגנטן פון אונדזער שטאָט און ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס

ווערט געגרייט פֿאַר אונדז אַ שוץ קעגן עפּידעמיעס... אַז אין אַ זעקס חדשים אַרום וועט מען די מויערן צעוואַרפֿן — ווייל נישט מער ווי זעקס חדשים וועט דאָך נאָך דויערן די מלחמה... ער איז אין דעם איבערצייגט, ווי ס׳איז איצט טאָג אויף דער וועלט! זאָלן זיך נאָר אָנהייבן די רעגנס און די דייטשע טאַנקעס און אַרטילעריע וועלן זיך נישט קאָנען באַוועגן איבער די פּוילישע בלאָטעס...

פֿאַרוואָס האָט דאָס נישט דערלעבט דער גוטמוטיקער אַרנאָלדו ווער נאָך, אַזוי ווי ער, וואָלט געקאָנט אַ קלאַפּ טון אין פּלייצע און אויס־רופֿן מיט פֿרייד: „שלאַגער! היטלערס פּיעסע איז דורכגעפֿאַלן! כ׳האָב אים אין דער ערד!״ — —

פֿאַרוואָס האָבן דאָס נישט דערלעבט די קינדערלעך פֿון לעמבערג, וואָס האָבן זיך אַזוי האַרציק געזעגנט מיט אונדז ביי דער לעצטער פֿאַר־שטעלונג פֿון „בר כוכבא״... דאָס האַרץ איז דאָך געוואַקסן פֿאַר פֿרייד, ווען דער 12־יעריקער „דעלעגאַט״ האָט פֿון דער בינע אונדז געדאַנקט אין נאָ־מען פֿון די טויזנטער לעמבערגער שול־קינדער...

פֿאַרוואָס האָט דאָס נישט דערלעבט די ענטוזיאַסטישע יוגנט פֿון ווילנע, וואָס האָט ממש געיובלט פֿאַר פֿרייד, ווען אסתּר רחל קאַמינסקאַ איז ווידער דערשינען אויף דער בינע נאָך איר שווערער אָפּעראַציע. ווער קאָן דען פֿאַרגעסן דאָס בילד, ווען אַ פֿול־געפּאַקטער זאַל האָט גע־וויינט פֿאַר פֿרייד און אויך מיר אויף דער בינע האָבן מיטגעוויינט.

פֿאַרוואָס האָבן דאָס נישט דערלעבט אונדזערע טייערע, נאָענטע פֿאָלקס־מענטשן, אונדזערע טאַטעס, וואָס האָבן מיט אַזאַ טיפֿן טרויער באַגלייט פּרצן צו זיין אייביקער רו.

און זייערע טאַטעס, אונדזערע זיידעס, וואָס האָבן אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿון דער קאַרעטע, אַליין זיך אין איר איינגעשפּאַנט און אַרומגעפֿירט מענדעלען בעת זיין באַזוך אין וואַרשע. די „גאַראַדאָוואָיס״ האָבן סאַ־לוטירט, די גויים זענען שטיין געבליבן מיט אָפֿענע מיילער, פֿאַרחידושט, פֿאַרגאַפֿט —

„טאָ דזשיאַדזיאַ פּשיעכאַל״! — „דער זיידע איז געקומען״ — האָט מען זיי דערקלערט.

און איצט — נישטאָ די זיידעס, נישטאָ די טאַטעס, נישטאָ די קינ־דער. — זעקס מיליאָן.

איינציקע יאָר האָט געגומען, ביז איך האָב מיך געקאָנט אַנטשליסן צו פֿאָרן אויף דעם מיליאָניקן קבר־אבות.

דאָס לעבן האָט זיך זײַנע אײַזערנע געזעצן. כ׳בין געווען אַ קינד, האָב איך מיר בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איך וועל זײַן אימשטאַנד איבערצולעבן מײַן מאַמעס טויט. אויב דאָס וועט געשען — האָב איך מיר געטראַכט — וועל איך מיר דאָס לעבן נעמען.

אַזוי מסתמא טראַכטן אַלע קינדער. און איך האָב עס איבערגעלעבט, אַזוי ווי אַלע קינדער לעבן דאָס איבער. אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן. און נאָך דעם געזעץ־נאָך האָבן מיר איבערגעליטן, איבערגעווייטיקט און איבערגעקרענקט אונדזער לעצטן פאָלקס־חורבן און געפונען אין זיך כּוח און ווילן ווײַטער צו לעבן.

און איך האָב באַשלאָסן מיט די אייגענע אויגן צו באַטראַכטן דעם חורבן פונעם יידישן לעבן אין פוילן.

און איך האָב דערזען, באַנומען און פאַרשטאַנען!

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז **אונדזער** לעבן האָט זיך געענדיקט דעם 1טן סעפטעמבער 1939.

געענדיקט — אויף מער זיך נישט אומצוקערן; דאָס, וואָס ס׳קומט איצט פאַר אינעם יידישן לעבן אין פוילן, איז נישט קיין המשך פונעם אַמאָליקן, נאָר אַן אָנהויב פון אַ ניי — אַ גאַנץ אַנדער לעבן, ווי מיר האָבן דאָס געהאַט פאַר דער מלחמה.

נײַע באַגריפן, נײַע פאָרמען, אידעאַליזירט פון נײַע מענטשן.

אפילו דער פאָן אַ נײַער: פון איין זײַט די וואַרשעווער חורבות, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער גרויסער „נישטאָ״, פון דער אַנדערער — גאָטישע שטעט פון נידערשלעזיע מיט אומצײליקע פאַבריק־קוימענס אַרום, מיט געדיכטע וואָלקנס רויך, וואָס שלענגלען זיך צו די הימלען.

נײַע ישובים מיט נײַע מענטשן, מיט נײַע פּנימער בײַ דער אָנפירער־שאַפט.

אַלץ ניי און אַלץ אַנדערש.

פון דעם אַלטן פאַרבליבן בלויז איינציקע בית־עלמינס און אָפּגע־ראַטעוועטע ביכער אויף די פּאָליצעס פון די ניי־געגרינדעטע ביבליאָטעקן.

און די שארית־הפּליטה, זיי האָבן זיך שוין באַוויזן טיילווייז צו באַנײַען.

איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער „אַמאָל״, אין וועלכן איך האָב צוזאַמען מיט די אומגעקומענע מיליאָנען געלעבט און זיך אויסגעלעבט, איז פאַרשוווּנדן אויף מער זיך נישט אומצוקערן.

ווײַל אויך מדינת ישראל בויט זיך אויף נײַע יסודות, מיט אַ נײַעם

לעבנס-שטייגער, מיט אַ נייער מענטאַליטעט, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון דעם איבערגעריסענעם „אַמאָל“.

איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרצייכענען די לעצטע פאַר צענדליק יאָר פון דעם „אַמאָל“, — די יאָרן פון מיין קינדהייט און פון דער צווישנצייט פוןביידע וועלט-מלחמות.

ס׳גייט מיר בעיקר צו פאַרהיטן געוויסע פאַקטן פון דער אַנטוויקלונג, דערגרייכונגען און ראַנגלענישן פון יידישן טעאַטער אויפן פאָן פונעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פונעם פוילישן יידנטום אין יענע יאָרן.

אַלס אַקטיווער אָנטיילנעמער אינעם דאָזיקן לעבן האָב איך צו פאַרצייכענען אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען און דערפאַרונגען.

פון מיינע חברים, וואָס וואָלטן געקאָנט ענלעכעס פאַרצייכענען, זענען בלויז פאַרבליבן יחידים. זאָלן זיי דאָס נישט-דערציילטע דער-גאַנצן.

יעדעס קאַפּיטל דעראינערונגען איז מאַטעריאַל פאַר די צוקינפטיקע דורות. פון די דאָזיקע קאַפּיטלעך וועלן זיי זיך שאַפן אַ באַגריף פון דעם רומפולן און אַזוי טרויעריק-פאַרשניטענעם „אַמאָל“.

אָט פאַרוואָס איך האָב מיך איצט אַנטשלאָסן אויפצומישן און צו פאַר-עפנטלעכן די קאַפּיטלעך פון מיין לעבן.

I

שאַטנס פונעם „אַמאָל״

ערב פרילינג 1949.

מיר באַזוכן דעם היסטאָרישן מוזיי אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 5. פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען דער יודאַאיסטישער אינסטיטוט.

מיט קנאַפּע צען יאָר צוריק האָבן מיך די דייטשן געכאַפּט אַרויס־צו טראָגן פון דאָרט יידישע ביכער. צווישן די „טרעגער״ זענען אויך געווען די אַקטיאָרן: נאַטאַן, צימבאַליסט און אייניקע שרייבער. אויך פּראָפ׳ באַלאַבאַן, שוין דאַן אַ בן שבעים...

ער האָט אויך געווויס זיינע אייגענע ביכער אַריינגעוואָרפן אין לאַסט־וואָגן, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט צו די „וויסנשאַפטלער״ פון אַלפרעד ראָזענבערג.

נאָכן באַפרייען דעם בנין פון „מינדערוועטיקן יידישן גייסט״ האָט מען אים אָנגעפילט מיט יידישע צרות. ס׳האָט זיך דאָרט אינסטאַלירט דער קאָאָרדינירקאָמיטעט. מיין ברודער יאָנאָס האָט דאָרט פאַרנומען איינעם פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און קאָמפּליצירטסטע אַמטן. נישט איינמאָל האָב איך באַוווּנדערט זיין געדולד, אויסדויער און מיטגעפיל צו די אומצייליקע אומגליקלעכע. נישט יעדער באַאַמטער האָט זיך דאַן, ליידער, אויסגעצייכנט מיט אַזוי פיל טאַקט און קאַלטבלוטיקייט. ס׳איז געווען אַן איבערמענטשלעכע נערוון־אָנשטרענגונג. איך וואָלט עס זיכער נישט אויסגעהאַלטן.

איינמאָל, אַרויסגייענדיק פון זיין ביוראָ, שטעלט מיך עמיצער אָפּ. איך ווער אויפגעציטערט. יעדע אומגעריכטע באַוועגונג אָדער אויסרוף פלעגט מאַכן אויפציטערן.

ס'זענען דאָן אַרומגעפּאָרן איבער די גאַסן קליינע, עלעגאַנטע אויטאָמאָבילן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן. אַ פינגער פלעגט זיך אַרויסשטעלן פונעם פענצטערל און דער באַקאַנטער: „קאָם הער, קאָם הער", פלעגט פאַרבעטן אַ פאַרבייגייער אין אויטאָמאָביל אַריין. דער פאַרבעטענער פלעגט שוין שפּורלאָז פאַרשווינדן.

ווי מען פלעגט איבערגעבן, זענען דאָס געווען דייטשע געלערנטע, וועלכע פלעגן אויף אַזאַ אופן קלייבן עקספּערימענטאַל־קרוליקעס אין מענטשן־געשטאַלט צו „וויסנשאַפטלעכע" צוועקן.

דאָס מאָל איז עס נישט געווען קיין גערמאַנישער וויסנשאַפטלער. אַן אומבאַקאַנטע יידישע פרוי שטעלט מיך אָפּ:

— פּאַניע טורקאָוו, כ'באַשווער אייך, בעט אייער ברודער, ער זאָל געבן אַ שטעלע פאַר מיין פאָטער. ער איז אַרבעטסלאָז און מיר האָבן נישט פון וואַנען צו לעבן...

— רעדט אַליין מיט אים, אויב ער וועט נאָר קענען, וועט ער אייך העלפן.

— ניין, הער טורקאָוו, אייך וועט ער פאָלגן, איר זענט זיין עלטע־רער ברודער!

איך איל מיך, יעדע רגע איז מיר איצט טייער. די פרוי הויבט אָן צו וויינען, לאָזט מיך נישט גיין ווייטער.

— לאָזט מיך גיין, איך דאַרף אונדזער פאָטער אָפּפירן אין שפּיטאָל...

די פרוי טרעט נישט אָפּ, פאַרשטעלט מיר דעם וועג...

— פאַרהאַלט מיך נישט, אונדזער פאָטער האַלט ביים שטאַרבן — זאָג איך.

זי האָט מיך אָפּגעלאָזט און איז אַריין איר ביטער האַרץ אויסוויינען פאַר מיין ברודער.

איצט געפינט זיך אין יענעם בנין די רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבן" און איבער דער רעדאַקציע — דער היסטאָרישער מוזיי.

מאַגיסטער בלומענטאַל, דער דירעקטאָר פון מוזיי, די פאַרוואַלטערין און פּראָפ. טאַדעאוש זאַדאַרעצקי פירן אונדז אַרום איבערן בנין.

איך גיי ווי אין פיבער. אָט איז אַ טייל פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו,

נישט לאַנג אויסגעגראָבן פון אונטער די חורבות. טייל מאַטעריאַלן צע־פוילט, טייל נאָטיצן קוים לעזבאַר.

עס ווערט ממש „זעבאַר" די אומשטערבלעכקייט פון גייסט. באַוווּנ־דערסט דעם מענטש, וועלכער האָט אין די גורלדיקסטע מינוטן פון זיין לעבן נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר וועגן המשך פון זיין פאָלק.

ד"ר רינגעלבלום האָט דורך זיין טעטיקייט אין געטאָ אַריינגעשריבן איינע פון די שענסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון אונדזער מאַר־טיראָלאָגיע פון אַלע צייטן.

אָט זענען לאַנגע רייען פּאָליצעס מיט אָפּגעראַטעוועטע ביכער און ספרים, זיי קומען אָן פון אַלע זייטן, פון אַלע שטעט און דערפער, פון געוועזענע קאָנצענטראַציע־לאַגערס און אויפגעגראָבענע מאַסן־קברים.

מיר גייען אַריין אין גרויסן, ליכטיקן זאַל פון די „זאַכלעכע באַווייזן". אָן אַ צאָל עקספּאָנאַטן, פּאַכמעניש, מיט פּיעטעט און ליבע פונאַנדערגע־טיילט.

„באַווייזן" פון אמונה און בטחון, דערהויבענעם קידוש־השם און פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד.

ס'פעלן אויך נישט מוסטערן פון שוואַכקייט און געפאַלנקייט אין אָנבליק פון דייטשער רציחה און חיהשקייט.

אָט אַ גלעזערנע שאַנק מיט דייטשע טראָפייען... די דאָזיקע שאַנק קען דינען ווי אַ וויזיט־קאַרטע פאַר דעם פאָלק פון מאָדערנע קאַניבאַלן.

פון יריעות אויסגעאַרבעטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. פון פאַר־מעטן אויפגענייטע עלעגאַנטע שטיוועלעך און האַנט־טאַשן פאַר די גרעט־כענס און הילדעס. פון אונטער דעם שוואַרצן לאַק קען מען נאָך דייט־לעך לייענען די הייליקע אותיות פון די געשענדעטע ספרים.

אין אַ זייט — קינדער־שיכלעך. דערנעבן הויזעלעך, קליידעלעך, זאָרגפעליק אויסגעשטריקט פון די צאַרטע הענט פון די הייליקע יידישע מאַמעס.

זיי האָבן מסתמא נישט באַוויזן צו דערגיין צו די דייטשע ממזרים.

אין שכנות פון דעם, אין אַ ווינקל פון זאַל, אייניקע דאָקומענטן פון אונדזער אייגענער שוואַכקייט.

אַ גרויס בילד געמאָלן דורכן קינסטלער לייזעראָוויטש, וואָס איז גע־האנגען איבערן שרייב־טיש פונעם יידישן „פירער" פון לאָדזשער געטאָ, דעם טרויעריק־באַקאַנטן רומקאָווסקי. אויפן פּאָן פון דער „בארימטער" בריק, וואָס האָט פאַראייניקט איין טייל פונעם לאָדזשער געטאָ מיט דער צווייטער, זעען זיך פאַרחושכטע, אויסגעהונגערטע קינדער... זיי ווענדן זיך מיט פאַרלאָשענע בליקן צו רומקאָווסקין — ער איז דער איינציקער וואָס קען זיי ראַטעווען... און ער פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַן פונעם בילד... ער, דער „רעטער" אליין, מאַיעסטעטיש־אויפגעבלאָזן, מיט אַ געלער לאַטע אויף זיין מאַנטל, קוקט אויף זיי מיט רחמנות, ווי אַ פאָטער אויף זיינע קינדער...

אויף אַזאַ שפּלדיקן אופן האָט אַ קינסטלער באַמיט זיך צו געווינען די לייטזעליקייט פונעם „טאַטן רומקאָווסקי"...

און נישט אויף אַ ווייניקער שענדלעכן אופן האָבן דאָס געטון אַ גרופּע יידישע בעלי־מלאכות...

אָט איז אויסגעשטעלט אונטערן בילד אַ גרויסער אַלבאָם מיט שבחים פארן „פאָטער פון די ארבעטער". אויף דעם מעטאַלענעם טאָוול פון דעם אַלבאָם זענען אויף אַ קינסטלערישן אופן אויסגעטאָקט און אויס־גראַווירט עמבלעמען פון געוויסע צעכן אַלס מתנה פון „עמך"...

אָבער דאָס אַלץ ווערט בלאָס לגבי די מוסטערן פון מענטשלעכער ווערדע און הערלאישן קאַמף.

אָט האָט איר אַ מאַקעט פון אַ „בונקער" אויף שוויענטאָיערסקע גאַס.

וויפל דערפינדערישקייט, שכל, אינטעליגענץ איז ארייננעלייגט אין יעדן גאַנג איבער די חרובע מויערן און פארשאָטענע קעלערס! וויפל פאַר־זיכטס־מיטלען, אַלארם סיגנאַל! וואָס פארא לאַבירינט פון פארשידנסטע מינים גענג און לעכער האָט געפירט צום „בונקער".

די גרויסע ארכיטעקטן, וואָס האָבן אויפגעבויט די מאָדערנע וואָלקן־קראַצער, האָבן זיכער נישט ארייננעלייגט אַזוי פיל דערפינדערישקייט אין זייערע פּלענער, ווי אונדזערע אַנאָנימע ארכיטעקטן פונעם יידישן ווידערשטאַנד...

און נישט ווייט פונעם דאָזיקן מאַקעט — צעממאַלעטע גאַנגען,





רעכטס: ראָזאַ און זיגמונט טורקאָוו, פּראָפ׳ טאַדעאוש זאַדערעצקי און מאַג׳ נ. בלומענטאַל
אין היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. אינמיטן: ביים דענקמאָל פון די געטאָ־קעמפער אין
וואַרשע. לינקס: אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ

יאַגד־ביקסן... אמתע ביקסן האָט זיי די „אַרישע זייט” זעלטן פאַרקויפט...

דערנעבן פאַרבלוטיקטע טליתים און תפילין, אַ דורכגעשאָסן תהילימל... אַ סינטעז פון רעליגיעזן און „וועלטלעכן” קידוש השם.

אַזוי האָבן די פאַראייניקטע רעשטלעך פון אונדזער אויסגעקוילעט פויליש־יידנטום, אָן אויסנאַם פון קלאַס און אידעאָלאָגיע פאַרטיידיקט זייער לעצטן באַסטיאָן... אונדזער „אַמאָל”!

ביים פאַרלאָזן דעם מוזיי הערסטו קולות. וואָס דערטראָגן זיך פון יעדן ווינקעלע, שרייען אַראָפּ פון די ווענט, פון די פּאָליצעס...

די קולות גייען דיר נאָך און לאָזן דיך נישט רוען! געדענק די זעקס מיליאָן!

II

...„קום, גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דיינע אויגן”...

עס פירט אונדז פּראָפעסאָר טאַדעאוש זאַדאַרעצקי, איינער פון די געצייילטע חסידי אומות העולם.

א הייסער פּאַרטייידיקער פון תּלמוד, וועלכן ער האָט דערלערנט אין אָריגינאַל; אַן אויסגעפּרוווטער יידן־פריינט, וואָס האָט צוליב דעם אַ סך געליטן פון דער רעאַקציע אינעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן. אויך בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער אויף אַ ווירדיקן אופן זיך באַצויגן צו זיינע יידישע פריינט. אים האָט מען טאַקע צו פאַרדאַנקען דאָס אָפּראַטעווען פון פאַרניכטונג אַ סך זעלטענע יידישע ספרים, מאַנוסקריפּטן און אונדזערע רעליקוויעס פון אונדזער „אַמאָל”.

איצט העלפט ער צו ביים שטודירן די אָפּגעראַטעוועטע דאָקומענטן און גרייט אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע וועגן אַרכיוו פונעם מוזיי.

ער איז אונדזער ציצעראָ אינעם חורבן וואַרשע. ער פירט אונדז ווייזן די חורבות פון געטאָ.

מיר פאַרלאָזן דעם בנין פון אינסטיטוט און פאַרהאַלטן זיך אַ ווייַלע פאַרן אַריינגאַנג.

גאָטגעבענטשטער פּוילישער פרילינג. אָטעמסט איין אין זיך די מילדע, היימישע לופט און... פרעמדן שטויב פון די חורבות.

די זון גלעט און צערטלט דיך, גלייך ווי זי וואָלט דיך, אַן אַלטן באַקאַנטן, באַגריסט מיט אַ ליבן ברוך הבא...

דעם פון דור־דורות וואַרשעווער, דעם פון טאַטנס און מאַמעס צד — וואַרשעווער...

וואָלסט זיך וועלן שפּיגלען און באָדן אין דער זון, — אַזאַ אַנדערע ווי אין דיין היים אין די מלחמה־יאָרן — אין בראַזיל...

קאָנסט דיך אָבער לאַנג נישט מחיה זיין מיט איר, — ווערסט אומ־רואיק, קוקסט דיך אַרום, הויבסט אָן זוכן...

— „נאָך אַ מאָל! יאָ! ס׳איז דאָך טלאָמאַצקע! והא ראיה; דער אינסטיטוט, דער אַמאָליקער יודאַאיסטישער אינסטיטוט... ער שטייט דאָך אויפן זעלבן אָרט! אָבער אַנטקעגן אים איז דאָך אין „מיין צייט" געווען טלאָמאַצקע 6! אויפן אָרט פון די בערג־ציגל איז דאָך אַמאָל געשטאַנען דאָס ריזיקע, פינף־שטאָקיגע הויז: טלאָמאַצקע 6! אוודאי, אָט שטייט דאָך נאָך אויפן זעלבן אָרט אפילו דער היסטאָרישער קיילעכיקער ברונעם... די דייטשן זענען אַן אַלט קולטור־פאָלק: האָבן פּיעטעט פאַר היסטאָרישע דענקמעלער, האָבן געלאָזן דעם ברונעם...

אָבער הינטערן ברונעם איז דאָך געווען יאָרן־לאַנג איינגעפונדעוועט דאָס הויז, טלאָמאַצקע 6.

איך פלעג דאָרט זיין אַן איינגענער. ס׳האָט דאָרט אויפן לעצטן שטאָק געוווינט יצחק גרינבוים און ביי אים ד״ר יצחק שיפּער.

ביידע דעפּוטאַטן פון וואַרשעווער סיים, ביידע פּאָליטיקער, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוער.

ביידע גרויסע פריינט פונעם יידישן טעאַטער און פון אונדזער „צענטראַל" און קאַמינסקי־טעאַטער בפרט.

איז דען פאַרגעקומען ביי אונדז אַ וועלכע ס׳איז פּרעמיערע אָן די דאָזיקע צוויי אויסגעשפּראָכענע טעאַטער־חסידים?...

און נאָך דער פּרעמיערע, — די אימפּראָוויזירטע באַנקעטן אין „מעטראָפּאָל" אויף טלאָמאַצקע און שפּעטער אין „פּיקאַדילי" אויף בילאַנסקע...

און די שמועסן וועגן טעאַטער אין זייער גרויסער און דאָך אַזוי געמיטלעכער אויפנאַם־שטוב אויף טלאָמאַצקע 6.

ס׳זענען פאַרשוווּנדן די קעמפער און פּאָליטיקער, — האָסט זיך געפונען צווישן יידישע אינטעליגענטן מיט טיפער טעאַטער־קולטור.

שיפּער דער גאַליציאַנער און גרינבוים דער קאָנגרעס־פּוילישער האָבן גערעדט צו דיר אין איין געמיינזאַמער, פאַרשטענדלעכער און אַזוי נאָענטער שפּראַך, די שפּראַך פון אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור.

פרוי גרינבוים האָט פאַרשטאַנען צו שאַפן די אינטימקייט, וואָס מאַכט דיך תיכף היימיש מיט דער סביבה.

גרינבוים האָט קאָמענטירט די לעצטע פּרעמיערע. האָסט באַוואונדערט זיין לאָגישן אַנאַליז, זיין באַהאַוונטקייט אין דער טעאַטער־ליטעראַטור און זיין אַריינדרינגען אין דער אַקטיאָרישער פּסיכאָלאָגיע.

האָסט אים נישט געקאָנט אָפּנאַרן. פּלעגסט זיך צוהערן צו זיינע אָבסערוואַציעס און זיך לערנען ביי אים.

ער האָט פאַרשטאַנען אויף אַ סובטעלן, נישט שאַקירנדיקן אופן אָנצוווייזן פעלערס, — מיר, אַקטיאָרן, זענען דאָך אַזוי עמפּינדלעך אויף אַן אויסדרוק, אויף אַ וואָרט... ער איז געווען פון די געציילטע קריטיקער דאָס צו פאַרשטיין.

נישט איינמאָל פּלעגט דיר ביי אַזעלכע שמועסן איינפאַלן: איז דאָס דער זעלבער פאָלקס־טריבון, וועמענס לייבן־שטים דונערט אין וואַר־שעווער סיים אין פאַרטיידיקונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע און מענטש־לעכע רעכט?

איז דאָס דער מוטיקער און ריקזיכטלאָזער באַקעמפער פון די גראַבס־קים און בעקס?!

דאָס וואָלט דאָך מער זיך געפּאַסט פאַר דעם אימפּולסיוון און קוועקזילבערדיקן יצחק שיפּער!

זעלטן ער זאָל איינזיצן אויף אַן אָרט... וויל ער דיך אין עפּעס איבערציינגן, מוז ער זיך באַוועגן איבערן צימער. זיין שטים, להיפּוך צו גרינבוימס, איז הויך, אַ ביסל הייזעריקלעך, אָפט מאָל פּאַטעטיש, דעק־לאַמאַטאָריש.

זיינע אויגן פינקלען, די געדיכטע האָר צעפאַלן זיך איבערן שטערן, דאָס לענגלעכע פּנים ווערט בלאַס פאַר עמאָציע.

ער האָט געקענט ווייניקער איבערציינגן פון גרינבוימען, ער איז גע־ווען ווייניקער קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן פון אים: אַן אימפּולסיווע קינסטלער־נאַטור! ער האָט דיך אָבער געקאָנט מיטרייסן און ענטוזיאַז־מירן, ווייל ער איז אַליין געווען אַן ענטוזיאַסט אין בעל־חלומות!

אָט האָט ער אַ נייע אינסצעניזאַטאָרישע און רעזשיסאָרישע קאָנ־צעפּציע פאַר „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ער לייגט עס פאַר מאַזאָן,

דעם דירעקטאָר פון דער „ווילנער טרופּע". יאָר 1921. ס'איז ביי זיי א שטאַרקער רעפּערטואַר־קריזיס. דאָס קאָן זיי ראַטעווען פון אונטער־גאַנג.

אָט לייענט אונדז שיפּער זיין אינסצעניזירונג אינעם אויבערשטן פּאַיע פון קאַמינסקים־טעאַטער. דערנאָך דערקלערט ער די איינצלהייטן פון דער קינפּטיקער אויפפירונג. דער קינסטלער וו. ווינטרויב האָט שוין אפילו צוגעגרייט סקיצן פון דעקאָראַציעס.

מיר זענען פארכאַפּט פון דער קאָנצעפּציע, — זי איז געוואָגט און אָריגינעל.

דער פּרץ־ספּעץ, אַלטער קאַציזנע, גיט זיין סמיכה. מען טרעט צו צו דער אַרבעט.

און... דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז שיפּערס קינסטלערישער וויזיע האָט געפעלט די סצענישע ערדישקייט.

זיינע פליגלען האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט ברייטער פונעם רעאַלן סצענישן קעסטל.

מען איז געווען געצוווּנגען מיט א שווער געמיט צו רעזיגנירן פון דעם פּרווו. שיפּער האָט זיך אָבער לאַנגע יאָרן נאָך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק און געוואָרט אויף א תיקון אין א נייעם טעאַטער...

האָט ער אים נישט געפונען אין דער קעגנוואַרט, האָט ער זיך גע־ווענדט צו דער פאַרגאַנגענהייט. ער איז געוואָרן דער היסטאָריקער פאַר עקסעלאַנס פון יידישן טעאַטער.

אָפּט פלעגט ער מיר לייענען נייע קאַפּיטלען פון זיין צוקינפטיקער „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע פון די עלטסטע צייטן ביז 1750".

מיט יעדער נייער השערה פלעגט ער זיך פרייען ווי א קינד. א ניי אַנטדעקטער דאָקומענט אין שייכות צו אונדזער טעאַטער־געשיכטע האָט אים מער אינטערעסירט ווי די אָנגעווייטיקטע פּאָליטישע פראַגעס. ער איז געווען מער היסטאָריקער ווי פּאָליטיקער.

ס'האָט אים מער געפּאַסט אַן אוניווערזיטעט־קאַטעדרע, ווי די סיים־טריבונע.

אין טעאַטער איז ער געווען אַ בן־בית. ביי מיין אויפפירונג פון „סערקעלע" אין יאָר 1923 האָט ער געטאָגט און גענעכטיקט אינעם טעאַטער...

דער „צענטראַל" אויף דער לעשנע איז פאַר די חדשים פון די צו־גרייטונגען צו „סערקעלע" געוואָרן זיין צווייטע היים. אים האָבן מיר טאַקע געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ סך גאַליציאַנער שפּראַך־אויסדרוקן, מיט וועלכע ס'האָבן אָראָפּגערעדט פון דער בינע עטינגערס העלדן.

ער האָט אויך פאַר דער פּרעמיערע געהאַלטן אַן אַריינפיר־וואָרט וועגן עטינגערן און זיין סביבה.

ביי מיין אויפפירונג פון מענדעלעס „פּריזיוו", אינעם זעלבן יאָר, איז ער ווידער געווען דער ממונה איבער דעם פּורים־שפּיל. ער האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. האָט ער דאָך אַ שטיק פון זיין לעבן געווידמעט אויף צו פאָרשן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע טעאַטער־פאָרעם ביי יידן.

ווען איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע אין אַפּריל 1940, איז ער געווען געפערלעך קראַנק. מען האָט מיך נישט צוגעלאָזט זיך געזעגענען מיט אים.

זיין אומגעהייערע וויטאַליטעט און לעבנס־לוסט האָבן אים אָבער פון דער דאָזיקער קראַנקהייט אַרויסגעריסן — כדי אים אומצוברענגען אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון מאַידאַנעק.

שיפּער וועט אָבער בלייבן דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער אויף אַלע אייביקייטן.

אויב שיפּער האָט אין טעאַטער געזוכט דאָס עסטעטישע און היס־טאָריש־שטייגערישע, האָט דאַקעגן דער פּאָליטיקער גרינבוים געזוכט אין אים זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע באַשטימונג.

אין שייכות דערמיט געדענק איך פאָלגנדיקן פאַל:

אין יאָר 1927 האָב איך אין „וויקט" אויפגעפירט יעקב פאַטס אַ פּיעסע „אין גאָלדן לאַנד".

די פּיעסע האָט מיך געלאָקט צוליב דעם שלל רעזשיסאָרישע און אינסצעניזאַטאָרישע מעגלעכקייטן, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין זיך. די פּיעסע האָט אויך געגעבן אַ ברייט פעלד פאַר דעקאָראַטיווער לייזונג און

דער פּאַריזער קינסטלער מאַנע קאַץ האָט טאַקע צוגעגרייט פּרעכטיקע פּראָיעקטן, וועלכע אריה מערזער האָט מייסטערהאַפט רעאַליזירט.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע? אַ קליין, פאַרוואָרפן שטעטל. די יידישע באַפעלקערונג שטיקט זיך אין חשבות און האָפענונגסלאָזיקייט. באַווייזט זיך פּלוצים אַ פּנים־חדשות אין שטעטל, ער זאָגט אָן, אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ גאָלדן לאַנד. (ער רופט עס אָן: האַנאַלולו.) מען דאַרף פאַר־לאָזן דאָס שטעטל און פאָרן אַהין. עס ווערט אַ באַוועגונג אין שטעטל. מען גרינדעט אַ ווערבירונגס־ביוראָ אויף צו פאַרשרייבן קאַנדידאַטן. ס'פאָרט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. ס'בלייבט דאָס אַלטוואַרג. דאָס שטעטל צעפאַלט זיך פון שימל, ס'זינקט איין צוזאַמען מיטן אַלטוואַרג.

אין אַפּאָטעאָז — אַ שיף מיט די אויסגעוואַנדערטע אויפן וועג צום „גאָלדן לאַנד". מען זינגט אַ לויבגעזאַנג צום אויפגייענדיקן מאָרגן.

וואָלט מען אויף דער שיף אַרויסגעהאָנגען אַ פאָן מיט האַמער און סערפּ, וואָלט עס דרייסט געקאָנט אָנגיין אַלס סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־פּיעסע.

אַ ווייס־בלויע פאָן מיט אַ מגן־דוד — וואָלט זי געמאַכט ציוניסטיש.

פאַר דער בונדישער אידעאָלאָגיע דאַקעגן האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט דאָ אויסגעפינען קיין פאָן...

די קריטיק האָט איינשטימיק אונטערגעשטראָכן, אַז בלויז צוליב דער רעזשי און אויסשטאַטונג איז כדאי געווען אויפצופירן די זאַך. דער עולם אָבער איז זי נישט געקומען זען.

די בונדיסטן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסן טייל פון אונדזער שטענדיקן טעאַטער־עולם, זענען געווען קעגן פּראָפּאַגירן עמיגראַ־ציע.

די ציוניסטן ווידער האָט נישט אינטערעסירט צו זען די פּיעסע פון אַ בונדיסט, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון ארץ־ישראל.

די קאָמוניסטן, וואָס זענען געווען שאַרף באַקעמפט פון דער בונדי־שער פּרעסע, האָבן, פאַרשטייט זיך, באָיקאָטירט די פאַרשטעלונג.

צו יענער צייט איז גראָד געקומען קיין ווארשע דער ענגלישער גע־נעראַל דידס, וועלכער איז ארומגעפאָרן מיט אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאמפּיין לטובת דעם קרן היסוד.

און אָט — אין אַ געוויסן אָוונט — ברענגט אים גרינבוים צו אונדז אין טעאַטער...

אַ חוץ זיי האָבן זיך אין זאַל געפונען נאָך אַ צוויי מינים באזוכער... דער ענגלישער גענעראַל איז געווען באַגייסטערט פון דער פאָרשטעלונג און האָט זיך געוווּנדערט, פארוואָס יידן האָבן אַזוי ווייניק אינטערעס פאַר זייערס אַ נאַציאָנאַלע פּיעסע...

גרינבוים האָט אריינגעשיקט צו מיר אַרנאָלדן פרעגן צו וואָלט נישט געווען מעגלעך נאָך דער פאָרשטעלונג צו זינגען די „התקוה"...

מיר האָבן שפּעטער אָפּט קאָמענטירט דעם פאַל אויף טלאָמאַצקע 6.

עס גיט אַ בלאָז אַ ווינטל און צעטראָגט אַ שטויב איבער דער לופט.
דעם שטויב פון די חורבות פון טלאָמאַצקע 6.

III

די „דייטשע שול״

צווישן אינסטיטוט און די בנינים, וואָס האָבן געגרענעצט מיט טלאָ־מאַצקע 13, איז געווען אַמאָל אַ סקווער מיט שמעקנדיקן גראָז באַוואַקסן.

פון די ביימער פלעגט זיך צעטראָגן איבער טלאָמאַצקע דאָס פריי־לעכע געזאַנג פון די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך אין די צווייגן נעסטן אויס־געבויט.

אַרום דעם סקווער פלעגט זיך הערן דאָס הילכיקע געלעכטער פון גרע־סערע פייגעלעך: די משהלעך און שלמהלעך, תלמידים פון דער דערביי־איקער אַסכלה־שולע.

מיט זאָרגלאָזער פרייד און הילכיקע קולות פלעגן זיי 12 אַזייגער נאָכמיטאָג „אינוואַדירן״ דעם סקווער צו כאַפּן פרישע לופט בעת דער „גרויסער פויזע״.

אויך איך פלעג אָפט צוקומען אַהין פון מיין שולע אויף רימאַרסקע 12 כאַפּן אַ שפּיל אין „קוקסאָ״, אין „פּאַלאַנט״, אָדער אין „יאָגעלעך״.

נישט איינמאָל פלעג איך פון די דאָזיקע שפּילן אַהיימקומען מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג און צעדראַפּעט פּנים... דער טאַטע פלעגט מיך דערפאַר מכבד זיין מיט פּעטש, די מאַמע מיט קושן...

דער דאָזיקער „טלאָמאַצקער סקווער״ איז געווען פונאַנדערגעטיילט אין צווייען דורך אַ לאַנגער, געפלאַסטערטער אַלייע.

פון דאָרט האָבן הויכע, ברייטע טרעפּ געפירט צום הויפּט־אַריינגאַנג פון מאָנומענטאַלן, אימפּאָזאַנטן בנין פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע. דאָס פאָלק פלעגט זי רופן „די דייטשע שול״, די „קאָר־שול״, אָדער גאָר „טלאָ־מאַצקע שול״.

פאַרוואָס קאָר־שול — ווייס איך נישט; זענען דאָך געווען אַנדערע שולן ווי „סיני", „מוריה", נאָזשיקס שול, וואָס האָבן געהאַט חזנים מיט כאָרן. מעגלעך דערפאַר, וואָס די טלאָמאַצקע־שול איז געווען די עלטסטע, גרעסטע און רייכסטע.

דער צונאָמען „דייטשע" איז איר געגעבן געוואָרן געווים צוליב די מתפּללים אירע, וואָס זענען באַשטאַנען ס'רוב פון דער וואַרשעווער אַסימילאַציע. אַ גרויסע טייל פון זיי פּלעגט באַזוכן די סינאַגאָגע נאָר איין מאָל אין יאָר, יום כפור. דעמאָלט פּלעגן זיך ציען פון די „פּוילישע" געגנטן, ווי: נייע־וועלט, מאַרשאַלקאָווסקע, אַלייען, — עלעגאַנטע קאַרעטעס (אין די שפּעטערדיקע יאָרן — אויטאָמאָבילן) און ברענגען די באַצילינדערטע ראַטמאַנדס, נאָטאַנסאָנס, מוטערמילכס, אייגערס און בערגסאָנס, — די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער טראַדיציאָנעלער אַסימילאַציע.

זייערע קינדער האָבן שוין די סינאַגאָגע ס'רוב פאַרביטן אויף קאָשטשאָלן...

זשאַנדאַרמען אויף די פערד פּלעגן היטן אָרדענונג און צעטרייבן די נייגעריקע בחורים אין די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, וואָס פּלעגן זיך פאַרזאַמלען אַנצוקוקן די „אפּיקורסים", ווי אַ בייז וווּנדער.

איבערקומענדיק בשלום די זשאַנדאַרמען, האָט מען נאָך געמוזט פאַרבייגיין אַ שפּאַלער פון שמשים אין שוואַרצע גלחישע טראַכטן, וואָס זענען געווען צעשטעלט לענגאויס די הויכע טרעפּ און, צום סוף, דעם לאַנגיעריקן הויפּט־גבאי, (פראָנט האָט ער געהייסן) מיט זיינע קייזער־ווילהעלם־וואָנסעס.

דער דורכשניטלעכער מתפּלל האָט אַלזאָ געהאַט דורכצוגיין אַ שטרענגן בילעטן־קאָנטראָל, איידער ער האָט באַטרעטן די שוועל פון גאָטס הויז... אַן אויסנאַם פּלעגט געמאַכט ווערן פאַר די באַצילינדערטע מיוחסים, אָדער קריסטלעכע געסט, ספּעציעל פּוילישע אָדער אויסלענדישע אָפּערן־זינגער, וואָס פּלעגן קומען באַוווּנדערן אַ באַרימטן חזן. זיי פּלעגט מען פונדערווייטנס דערקענען און מאַכן פּאַר זיי אַ וואַרע.

דערפאַר אָבער פּלעגט בעת אַ חתונה אין אַ וואָכן־טאָג דער אַריינגאַנג אין סינאַגאָגע זיין פריי פאַר אַלע.

די צופעליקע פארבייגייער פלעגן טאקע אויסנוצן די געלעגנהייט. א לאנגע קייט פון קארעטעס מיט צוויי קוטשערס אויף די קאָזלעס פלעגט ארומרינגלען דעם סקווער.

די מנורות פוןביידע זייטן אריינגאנג האָבן העל געלויכטן, דאָס זעל־בע אַלע לאָמפּן אין קאנדעלאַברעס אינעווייניק.

א וואַלד מיט צילינדערס, דורכגעפלאָכטן מיט ווייסע פרויען־טאָאַ־לעטן, פלעגט זיך ציען איבער די טרעפּ צווישן א רייע פּאַלמעס און אָלעאַנדערס, וואָס זענען לכבוד דער שמחה געווען צעשטעלט פון ביידע זייטן.

דער כאָר אונטער אָרגל־באַגלייטונג האָט באגעגנט חתן־כלה מיטן טראדיציאָנעלן מענדעלסאָן־מארש. מיט געקינצלטער ערנסטקייט, טריט ביי טריט, אין טאקט פון דער מוזיק, פלעגט זיך דער צוג לאנגזאם דער־נענטערן צו דער חופה.

קליינע מיידלעך, אָפּטמאָל קריסטלעכע, פון געשמדטע קרובים, פלעגן גיין פאָראויס אוןווארפן בלומען אנטקעגן חתן־כלה. ס'איז געווען אַפּעק־טירטע טעאַטראַלישקייט אין דער דאָזיקער פּראָצעסיע. אין די שפּעטער־דיקע יאָרן האָבן מיר אַזאַ טעאַטער באַצייכנט אלס שונד.

מיך פלעגט דאָס ווײַלן און איך פלעג חוזק מאכן פון דער שטייפ־קייט און אָנגעבלאָזענער ערנסטקייט, נישט איין מאָל פלעג איך נאָכקריי־מען זייערע שטייפע באַוועגונגען און גראַטעסקע „וויכטיקייט".

איך האָב שוין אלס יינגל געזוכט די „אמתדיקייט" אין אַלעם, אַזוי ווי איך האָב עס אין יאָרן שפּעטער געזוכט אין טעאַטער...

הגם אונדזער פאָטער האָט געדאַוונט אין א „היימישער" שול, איז מיר די סינאַגאָגע געווען גוט באַקאַנט.

די יידישע תלמידים פון די רוסישע מיטל־שולן זענען געווען גע־צוווּנגען קלאסן־וויַיז צו באַזוכן די סינאַגאָגע ביי יעדן יום־טוב פון קייזערלעכן הויף. „גאַלוּוקע" פלעגט עס ביי אונדז הייסן.

אמת, דאָס זינגען דעם „באָזשע צאַריאַ" אין רוסיש און די מאָנאָ־טאָנע דרשה פון ראַבינער פּאָזנאַנסקי אין פּויליש האָט אונדז געלאַנגוויי־ליקט, דאָך האָבן די „גאַלוּוקעס" געהאַט פאַר אונדז א באַזונדערן רייץ.

קודם־כּל — אַ פרייער טאָג פון לימודים! אַ חוץ דעם — די מעגלעכ־קייט צו פּאַראַדירן איבער די גאַסן אין נייעם מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ... זיי האָבן געגלאַנצט אונטער דער זון און געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט פון די שילערינס, וואָס זענען אויך געגאַנגען אין לאַנגע רייען, בראש מיט זייערע קלאַסן־דאַמען, צו דער טלאָמאַצקע סינאַגאָגע.

יעדער פון אונדז פלעגט זיך דאָרט אויסזוכן זיין „מיידל" און נישט איין קינדערישער ראָמאַן האָט זיך אָנגעהויבן פון די באַגעגענישן אין סינאַגאָגע.

אַ חוץ דעם האָט געצויגן אַהין דער כאָר. דער „טלאָמאַצקער כאָר". ער איז געווען פאַרשטעקט אויף אַ גאַלעריע איבער דער מזרח־וואַנט, אַזוי הויך, אַזוי נאָענט צום הימל... אונדזערע בליקן זענען אָפט געווען גע־ווענדט אַהין, צו דער אָוואַלער סטעלע, פון וואַנען ס'פלעגט אַראָפּקוקן דאָס קעפּל פון אַ באַקאַנט יינגל, אַ שול־חבר, אָדער גאָר אַ כאָריסט פון יידישן טעאַטער.

איך פלעג זיי מקנא זיין צוליב דער זכיה צו באַטרעטן די בינע און דאָס העכסטע אָרט פונעם קאָלאָסאַלן סינאַגאָגע־בנין.

דער כאָר פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע איז געווען אַ שם דבר.

אָנהויבנדיק פון די קליינע אַלטלעך און סאָפּראַנדלעך און ענדיקנדיק מיט די „העכסטע" טענאָרן און „טיפסטע" באַסן, זענען דאָס געווען שטימעס פון הויכער קוואַליטעט.

כדי אָנצוקומען אין כאָר פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע, האָט מען געמוזט דורכגיין אַ שטרענגן עקזאַמען. נישט איינער פון די סינאַגאָגע־כאָריסטן האָט שפּעטער טריאומפירט אויף די אָפּערן־בינעס פון דער גאָרער וועלט.

איך האָב מיר דאָרט געהאַט מיינע באַליבטע כאָריסטן און איך פלעג מיך גרויסן מיט זייער באַקאַנטשאַפט:

דער קליין־וווקסיקער מנחם קיפּנים מיט זיין לירישן טענאָר, וואָס האָט דאָמינירט אַפילו דעם כאָר פון דער וואַרשעווער אָפּערע, ווו ער האָט גלייכצייטיק געזונגען, האָט אין יאָרן אַרום אָפּגעשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין מיין אַרטיסטישער אַנטוויקלונג און איך פלעג נישט איין מאָל

גענומען פון זיין באַהאַוונטקייט אין מוזיק ענינים. ער איז אויך מיט דער צייט געוואָרן אַ גוטער פריינט פון אונדזער פאַמיליע.

ס'האָבן דאָרט געוווינט די ברידער פיינשטיין, איינער — אַ כאָ־ריסט פון יידישן טעאַטער, דער צווייטער — פון דער אָפּערע. דער עלט־סטער, הערמאַן, איז שפּעטער געוואָרן אַקטיאָר און האָט נישט איין פּרעכטיקן עפּיזאָד אָפּגעשפּילט אונטער מיין רעזשי.

איך האָב פאַר דעם דאָזיקן זקן געהאַט אַ שטאַרקן סענטימענט, אויף וועלכן ער האָט מיר געענטפערט מיט רירנדיקער פריינטשאַפט. ער האָט געשפּילט מיט מיר שוין אַלס עמעריט. איך פלעג תמיד באַוווּנדערן זיין ערנסטע באַציאונג, ליבע צום טעאַטער און דיסציפּלינירטקייט. אָט די דיסציפּלינירטקייט האָט ער טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך פונעם כאָר פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע.

זיין יינגערער ברודער, דער אָפּערע־כאָריסט, האָט אויך געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו טעאַטער. געווען אַמאָל אַ „מאָדע" אין וואַרשע אויף קינדער־טעאַטערס, ד"ה טעאַטערס אויף האַלב־פּראָפעסיאָנעלע יסודות, אין וועלכע ס'האָבן אַלע ראָלן געשפּילט קינדער. די דאָזיקע טעאַטערס פלעגן אַפילו אַרומפאָרן „גאַסטראָלירן" איבער די דאַטשע־ערטער, איבער דער אַזוי גערופענער „ליניע", ווי אָטוואָצק, פאַלעניץ, און נישט איינמאָל פלעגן די עלטערן מוזן קומען אַהין פון וואַרשע „אויסקויפן" זייערע קינ־דער, ווייל די אימפּרעזע האָט נישט געהאַט אויף רייזע־הוצאות.

איינער פון אָט אַזעלכע אימפּרעסאַריאָס איז געווען דער יינגערער פיינשטיין און ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס איך האָב מיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט...

ביידע פיינשטיינס האָבן אויך געהאַט אַ גרויסן אויסוואַל פון טעאַ־טער־קאָסטיומען — „שפּאַנישע און היסטאָרישע", וועלכע זיי פלעגן אויסבאָרגן פאַרשידענע וואַנדערנדיקע טרופּעס און אַמאַטאָרן־גרופּעס.

מיין ערשטע „היסטאָרישע" ראָל אין קרינסקיס שולע, דעם „פּאַר־רעטער יאָזאַן", האָב איך טאַקע געשפּילט אין פיינשטיינס אַ קאָסטיום...

דער טלאָמאַצקער כאָר האָט זיך געגרויסט מיט זיינע דיריזשאָרן. לאַנ־גע יאָרן איז דאָרט געווען טעטיק דער באַוווּסטער פּעדאַגאָג און מוזיקער ליאָוו, וועלכער האָט אויך אַ געוויסע צייט אָנגעפירט מיטן „הזמיר"־כאָר.

נאָך זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע האָט דעם אַמט איבערגענומען דער גלענצנדיקער כאָר־מייסטער און קענער פון ליטורגישער מוזיק — אייזנ־שטאַט. אים האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען די געלונגענע כאָר־געזאַנגען צו מיין אויפפירונג פון זשולאַווסקיס „שבתאי צבי" אין יאָר 1923 אין „צענטראַל"־טעאַטער.

ער איז אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען פון די דייטשע הענט צוזאַמען מיט זיין פענאָמענאַלער טאָכטער מאַרישאַ, „דער נאַכטיגאַל פון געטאָ".

אַ באַזונדער בלעטל אין דער געשיכטע פון דער „דייטשער שול" שטעלט מיט זיך פאָר דער בכבודיקער און גוט באַצאָלטער אַמט פונעם אַזוי גערופענעם „אָבער־קאַנטאָר".

נישט יעדער זינגער האָט זוכה געווען צו ווערן טלאָמאַצקער שליח ציבור.

אַלטע מעלאָמאַנען און חזנים־קענער פלעגן דערציילן חידושים וועגן די דאָזיקע עמוד־קינסטלער. די גרעסטע אָפּערן־הייזער פון דער וועלט פלעגן זיך באַמיען צו אַנגאַזשירן געוויסע חזנים פון דער וואַרשעווער „קאָר־שול". אייניקע פלעגן טאַקע פאַרבייטן דעם עמוד אויף אָפּערן־ברעטער, אַנדערע ווידער פלעגן געטריי בלייבן דער שול און זיך אויסלעבן אין ליטורגישער נגינה.

דער טאַטע פלעגט מיר דערציילן חידושים וועגן אַ גרויסן חזן סאָל־וואַטאַר, וועמענס קול ס'האָט זיך געהערט „ביזן טעאַטער־פּלאַץ"...

ער פלעגט זיך נישט קאָנען אָפּליבן פון סיראָטעס פאַרגייער, דעם חזן גריצהענדלער. זיין טאָכטער איז, אגב, געווען די באַרימטע זינגערין פעליציאַ קאַשאָווסקאַ, (קאַשע איז אויף פויליש — גריץ...) זי האָט אָבער נישט דערגרייכט צו איר פאָטערס „אויבערשטע" טענער...

לאַנגע יאָרן האָט געקיניגט אין טלאָמאַצקע סינאַגאָגע גרשון סיראָטע.

נאָך אַ יום־טוב פלעגט מען וואָכן־לאַנג אויף די בענק פון קראַשינ־סקיס גאָרטן און אין קאַנאַרעקס קאַוויאַרניע אַנאַליזירן און קאָמענטירן יעדעם „נייע שטיקל", יעדע „אויבערשטע צ" פון זיין נייער קאָמפּאָזיציע.

סיראָטע האָט געהאַט זיינע געשווירענע פּאַטריאָטן און קענער און נישט איינמאָל פלעגן אויפן טלאָמאַצקע סקווער פאָרקומען געשלעגן צוליב

א „שמע קולנו" אָדער „ויהי רצון", וואָס פלעגט זיך ענדיקן מיט פּאָלי־ציייִשער אינטערוועניץ... סיידן ס'פלעגט זיך באַווייזן דער קליינער מ. קיפּנים און אַרויסזאָגן זיין מיינונג. קיפּנים איז געווען דעצידירנדיק. און ביידע קעגנערישע צדדים האָבן זיך אונטערגעוואָרפן זיין מיינונג...

הגם מיר זענען געווען באַפריינדעט מיט דער פאַמיליע סיראָטע, פלעג איך זעלטן באַזוכן די „דייטשע שול".

איך האָב נישט ליב געהאַט די קאָמערטאָן־חזנים, וואָס בעטן צו גאָט אויף נאָטן. איך האָב באַטראַכט די סינאַגאָגע ווי אַ קאָנצערט־הויז, דאָס דאַווענען ווי אַן איינשטודירטע פאָרשטעלונג און די חזנים און פּרעדיקער אין זייערע טעאַטראַלישע טראַכטן, ווי אַפּערעטן אַקטיאָרן... אָפּטמאָל טאָקע פלעגן זיך נאָך סיראָטעס אַ „שטיקל" דערהערן אין ימים נוראים שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

האָט מיך ליבער געצויגן דאָס טעאַטער „אויף אַן אמת". אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג איך גערנער באַזוכן אַ גערער, אָדער קאָזשעניצער שטיבל מיט אַן אַלטן ייד ביים עמוד, וואָס האָט מיט ביטערע טרערן און פון די „טיפסטע טיפענישן" אויסגעוויינט ביי גאָט זיין ביטער הארץ און געבעטן ישועה פאַרן פאָלק ישראל...

אזא „מין המצר" האָט אויף מיר שטאַרקער געווירקט ווי אַ טלאָ־מאַצקער „אויבערשטע צע". מיט דעם פאַרדייטשטמערישן אשכנז־עברי.

הינטער דער סינאַגאָגע האָבן אויף אַ שטילן, אָפּגעשלאָסענעם הויף געוווינט אַלע באַאַמטע פון דער סינאַגאָגע, אָנהויבנדיק פון פּרעדיקער, אויבער־קאַנטאָר און ענדיקנדיק מיטן שמש.

אינעם דאָזיקן הויף איז מיר אין יאָר 1923 אויסגעקומען אויסצופירן אַ סצענע פון מיין ערשטן פילם „תקיעת כף". געווען דאָרט אַ סצענע, ווי אליהו הנביא דאַרף זיך פון זיין לעגענדאַרע געשטאַלט פאַרוואַנדלען אין אַ היינטצייטיקן פאָלקסטימלעכן זקן. דער דאָזיקער טריק דאַרף געמאַכט ווערן זייער פּרעציז און האָט אין יענער צייט געפאָדערט זייער פיל צייט און געדולד. איך האָב דעריבער פאַר דער סצענע אויסגעקליבן דעם שטילן הויף הינטער דער סינאַגאָגע.

מיר אַלע, דער פּראָדוצענט, אָפּעראַטאָר, איך און דער רעזשיסער, זענען געווען ווייניק באַהאַוונט אין דער פילם־טעכניק. די דאָזיקע סצענע, וואָס האָט ביי דער צווייטער, גערעדטער, ווערסיע אין יאָר 1937, גע־דויערט אין אַטעליע אַ קאַרגע האַלבע שעה, האָט דאַן ביי אונדז צוגע־נומען אַ גאַנצן טאָג...

וואָלט עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה, ווען איך וואָלט נישט באַ־דאַרפט אַלס אליהו הנביא שטיין שעהען־לאַנג אומבאַוועגלעך, באָרוועס און נאַקעט אין אַ שטאַרקן פראָסט און אין טיפן שניי.

סיראָטע, וואָס האָט זיך פון זיין ווייטונג צוגעקוקט צו דער דאָזיקער לעבנסגעפערלעכער פילם־אַרבעט, האָט טאַקע טעלעפאָנירט צו אסתר־רחל קאַמינסקי:

„לאָזט נישט אייער איידעם ריזיקירן מיטן לעבן. ער קאָן נאָך באַקו־מען אַ לונגען־אַנצינדונג!”

קיין לונגען־אַנצינדונג האָב איך גראַד נישט באַקומען, אָבער אַ בראָנכיט האָב איך פּאַראיבעריקט אויפן גאַנצן לעבן.

אָבער ווען האָט עס דאַן געאַרט! אַבי די סצענע איז געלונגען און דעם עולם איז זי געפעלן!

אויפן עקראַן האָט זי געדויערט אַ קנאַפּע האַלבע מינוט...

פון דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע איז די „טלאָמאַצקע שול” ארויס גאַנץ.

די דייטשע מעכאַניזירטע סאָלדאַטעסקע האָט זי נישט באַוויזן צו פאַרניכטן.

דאַקעגן דער דייטשער מענטשן־האַס און רשעות האָט זי בעתן געטאָ־אויפשטאַנד אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך.

ווי אַלץ אַרום.

פון דעם אָרט זעט זיך: רימאַרסקע, סענאַטאָרסקע און די חורבות פון „נאָוואָשטשי”־טעאַטער אויף ביעלאַנסקע.

אָן אַרויסגעריסן בלעטל פון דעם „פּנקס טלאָמאַצקע”.

IV

#ביים שוועל פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט

מיר לאָזן זיך גיין צום האַרץ פון געוועזענעם געטאָ, צום אַמאָליקן, פון דור־דורות איינגעפונדעוועטן, פאָלקסטימלעך־יידישן וואַרשע.

עס ציט מיך צו זען די ערטער, וווּ איך האָב מיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט, געוועבט חלומות, געבויט קרישטאָלענע פּאַלאַצן און באַקומען גייסטיקע און ערדישע צידה לדרך פאַר מיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

גענשע 5: אלף־בית, חומש־אָנהויבן אין פיינהאָלצס חדר.

מילע 38: די משפּחה ווערט פאַרגרעסערט. ס'ווערט געבוירן אונ־דזער דריטער ברודער מאַרק.

פּזשעיאַזד 13 ברענגט אונדז דעם יינגסטן ברודער יצחק. איך הויב אָן צו באַזוכן מוראַוולאַנס שולע.

דזשיקע 44: ס'קומען אויף דער וועלט אונדזערע צווילינג־שוועסטער, רחלע און שרהלע. איך ווער בר־מצוה.

קופּיעצקע 12: איך הויב אָן באַזוכן די דראַמאַטישע שולע, „הזמיר", „הבימה העברית". אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דלוגע 8: דייטשע אָקופּאַציע. „אַרטיסטיש ווינקעלע". כ'ווער אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר...

פון חדר ביז זעלבשטענדיקייט. אַ לעבן אַ גאַנץ! וווּהין מיינע וואַנ־דער־וועגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן זאָלן מיך נישט האָבן געפירט: מאָס־קווע, ציריך, בוענאָס איירעס, בוקאַרעשט צי מעקסיקע, — פון אומעטום האָט מיך געצויגן אהין, צו אָט דער יידישער וואַרשע, צו דעם וויגעלע פון מיין אומרואיקן און קיינמאָל נישט געזעטיקטן לעבן.

— איך האָב דאָרט יעדעס שטיינדעלע, יעדעס ווינקעלע געקענט און — ליב געהאַט!..

בעת דעם בלעקאוט אין מלחמה־צייט פלעג איך שפּאַנען איבער די דאָזיקע יידישע גאַסן מיט דער זעלבער זיכערקייט ווי אין אַ ליכטיקן זומער־טאָג...

און אַט שטיי איך ביי דער שוועל פון דער דאָזיקער וועלט מיינער, קוק מיך אַרום, כ׳זוך, כ׳חשבון און... קאָן גאָרנישט אויסחשבונען...

ווו איז דאָס אַלץ געווען, ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען און ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?

האָב איך דאָך געזען אין די פילם־כראָניקס די רעזולטאַטן פון אַטאָמישע באָמבעס... שרעקלעכע צעשטערונג! אָבער דאָך — עפּעס איז דאָך פאָרט פארבליבן...

ווו האָבן די דייטשן גענומען די מיליאָנען טאָנעלאַדן פון רשעות אויף צו מאכן אַזאַ פארוויסטונג, אַזאַ אומבאַגרייפלעכן תוהו־ובוהו?!

ס׳איז פאַר מיר געוואָרן זעבאַר, ממש אָנצוטאַפּן דעם באַגריף: „נישטאָ״...

איך בין נישט גערירט, ניין, ווייל וואָס קאָנען שוין רירן חורבות פון הייזער און גאַסן נאָכן איבערוווּנדן דעם פארלוסט פון זעקס מיליאָן... פונעם יידישן לעבן...

איך בין נאָר געפּלעפט, איבערראַשט פון דער פּרעציזער טעכניק פון פאַרניכטונג, צו וועלכע באַשעפענישן „אין געשטאַלט פון גאָט״ האָבן געקאָנט דערגיין!

מיר קוקן זיך שווייגנדיק איבער: איך, מיין פרוי, און פּראָפ. זאַדארעצקי.

מיין פרוי איז בלאַס, פאַרטראַכט און שווייגנדיק. האָט זי דאָך איר גאַנצע משפּחה פארלוירן אין לעמבערג. טראַכט זי איצט אוודאי וואָס פאַר אַ פּנים ס׳האָט איר געבוירנשטאָט...

פּראָפ׳ זאַדארעצקי, אויך אַ לעמבערגער, שמייכלט אין פארלעגנהייט, האַלט נישט אויס מיין בליק, גלייך ער וואָלט זיך געפילט ווי אַ מיטשולדיקער אין דעם אַלעמען. ער איז דאָך אַן „אַריער״...

אָבער ניין, דער איידעלער קריסטלעכער געלערנטער שעמט זיך פאַר זיינע מיטמענטשן...

ס׳איז אַ חרפּה צו געהערן צום מין מענטש!

ביאַליק האָט אומגעבלאָנדזשעט אין זיין „שחיטה־שטאָט” צווישן חורבות, אויסגעקרימטע טירן, צעשטירצטע אויוונס...

ער האָט געזוכט דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנטע בלוט פון אונדזערע ברידער אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף טויערן און ווענט, אויף סלופּעס און צוימען...

ווו זאָלן מיר זוכן?..

נישטאָ קיין ווענט, נישט קיין שטיינער פון דער גאַס... נישטאָ בכלל א וועלכער ס׳איז סימן, אז מענטשן האָבן דאָ געלעבט און אויסגעבויט א וועלט אַ גאַנצע, וואָס האָט זיך גערופן „פּויליש יידנטום”.

עס הויבט זיך אָן ביי דיינע פּיס און פאַרשווינדט ערגעץ אונטערן האָריזאָנט א האָפענונגסלאָזער „נישטאָ”! פאַרשווינדט מיטן שטויב, וואָס דער ווינט צעטראָגט איבער דער לופט...

קומסט צו זיך. די פאָרשטעלונגס־קראַפט הויבט אָן צו אַרבעטן. הויבסט דיר אָן צו רעקאָנסטרואירן אין זכרון דעם פּלאַן פון די מקומות, וואָס נאָר דער טויט קאָן אים ביי דיר פאַרווישן.

פאַראַן שטערונגען, וואָס דעזאָריענטירן... אָט איז א טראַמוויי־ליניע, וואָס איז דאָ קיינמאָל נישט געווען. דאָס האָט זי שוין די נאָכמלחמהדיקע שטאָט־פאַרוואַלטונג באַוויזן צו פאַרלייגן. זי פירט איבער דעם אַמאָליקן פּושעיאַזד, שניידט דורך די געוועזענע נאָוואָליפּקי און פירט איבער די אומענדלעכע פּוסטקייטן ערגעץ אין דער ריכטונג פונעם אמאָליקן „וואָינעפּלאַץ”, וווהין די ניאַניע פלעגט מיך מיט יאָנאַסן פירן שפּאַצירן...

אחוץ דער דאָזיקער נייער ליניע איז אלץ טויט... פּוסטקייט.

כדי אַרומצונעמען מיטן בליק דעם גאַנצן שטח דאַרף מען אַרויפקלעטערן אַ מעטער, אַנדערטהאַלבן... אזוי האָבן די צעפּרעסטע ציגל און שטיינער געהויבן די אויבערפלאַך פונעם אמאָליקן יידישן וואַרשע...

נאָר אָט פון דערווייטנס — דער אַמאָליקער „לייב גוואַרדי וואָלינסקי פּאָלק”! דער בנין איז פון דער רעגירונג שוין כמעט רעסטאַווירט.

געפינען מיר זיך, הייסט עס, ביים „פּושעיאַזד”... אָט לינקס הויבט זיך אָן לעשנע. ביים עק איז דאָך געווען עפּשטיינס פּאָפּולערע זייגערמאַכעריי און אויפן מויער דער גרויסער וואַנט־זייגער, וועלכן ער האָט אוועקגעשאָנקען דער שטאָט.

יאָרנלאַנג פלעגן מיר וואַרפן בליקן אויפן דאָזיקן זייגער. אַמאָל — גייענדיק צו די לימודים אין שולע אַריין, שפּעטער — צו די פאָרשטעלונגען אין „צענטראַל"־טעאַטער.

אַפילו נאָכן פאַלן פון וואַרשע פלעגט דער האַלב־בלינדער עפּשטיין נישט פאַרגעסן אָנצוציען דעם זייגער.

אין אַ געוויסן טאָג איז דער זייגער שטיין געבליבן — ס'איז מער נישט געווען, ווער ס'זאָל אים אָנציען.

אַ פּאָר צענדליק טריט אַרויף האָט על פּי שכל באַדאַרפט זיין דאָס אָרט פון פּזשעיאַזד 5.

די לעצטע יאָרן האָט איציק מאַנגער דאָרט אויסגעזונגען זיינע גאָלדפּאַדעניאַדעס, זיינע חומש־מאָטיוון.

אויך איך האָב דאָרט צו פאַרנאָטירן אַ שיין בלעטל פון מיינע יונגנט־חלומות.

דאָס איז געווען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ גרופּע יונגע אידעאַליסטן, שילער פון דראַמאַטישער שולע, מאָלער, סקולפּטאָרן, סטודענטן האָבן זיך אויפן לעצטן שטאָק אָפּגעדונגען אַ מאַנסאַרדע און פלעגן זיך יעדן אָוונט צונויפקומען, כדי צו לייענען אויפן קול, דיסקוטירן און שאַפן פּראָיעקטן... ווי צו פאַרזאָרגן די וועלט!

יעדער פון אונדז איז גרייט געווען אויף קרבנות, אויף מסירת נפש.

מיר האָבן געזוכט מוסטערן אין דער געשיכטע, אין דער ליטעראַטור, ווי אויך מיטלען און וועגן ווי זיי צוצופּאַסן צו אונדזער צייט און פאַרהעלטענישן.

מיר האָבן געגלויבט, אַז נאָך דער מלחמה וועט פּוילן אויפשטיין תחית המתים און זיך נויטיקן אין נייע כוחות, וואָס זאָלן אויף אַ דערצידירטן אופן באַקעמפן די קאָנוועגציאָנעלע לעבנס־שאַבלאָנען.

די קאָמערציאַנאַליזירטע קולטור האָט אונדז אָפּגעשטויסן און מיר האָבן זיך געמוטשט, ווי אַזוי זי אַרויסצורייסן פון די סוחריש־עם־האַרצישע הענט.

צו יענער צייט האָט דוד הערמאַן באַשלאָסן צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז מיט נייע מענטשן. ער האָט אין מיר און יאָנאַסן געפונען אי־

בערגעגבענע מיטהעלפער. איך האָב אים צונויפגעפירט מיט „פּושע־יאַזד 5״. די גרעסטע טייל פון אונדזערע חברים איז געווען ווייט פון יידישער קולטור און אפילו קיין יידיש נישט געקענט. איז טאַקע געווען מיין אויפגאַבע צו פּאַראינטערעסירן אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע „גויים״, ווי מאָריץ טרעפּלער, מרים שיק, יוסף שידלאָ און בעלאַ בעלערינאַ מיט יידיש טעאַטער.

דער עלטערער פון אונדז, טרעפּלער, אַ זייער אינטעליגענטער און ערנסט דענקענדיקער בחור, האָט מיט אַ צייט פריער געהאַט געענדיקט די פּוילישע דראַמאַטישע שולע און נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טון. אין פּוילישן טעאַטער האָט מען אים נישט צוגעלאָזט, דאָס יידישע טעאַטער פלעגט פאַרטרייבן אַ מענטש מיט געשמאַק. הערמאַן האָט אים באַוויזן צו פּאַראינטערעסירן. ער איז טאַקע געוואָרן זיינער אַ שטאַרקער אָנהענ־גער און אין אייניקע יאָר אַרום האָט ער זיך צוזאַמען מיט הערמאַנען אָנגעשלאָסן אין דער „ווילנער טרופּע״. זיין פּוילישן פּסעוודאָנים „בראַנ־סקי״ האָט ער פאַרביטן אויף „נאַרוויד״ (אויך נאָך אַ פּוילישן שרייבער) און אַלס אַזעלכער איז ער שפּעטער אָנגעקומען אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. ס'איז פון אים געוואָרן איינער פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע רעזשיסאָרן. ער איז אויך געווען אַ גוטער חבר, ביי וועלכן מיר האָבן פיל געלערנט. נאָך יעדער אַמאַטאָרן־פאַרשטעלונג, אין וועלכער איך האָב אָנטיילגענומען, פלעגט ער אָנשרייבן אַ גרעסערע קריטיק און זי מיר איבערגעבן. דרוקן איז נישט געווען ווו און פאַר וועמען. די דאָזיקע יוגנט־אַרבעטן האָבן געקאָנט דינען אַלס מוסטער פון זאַכלעכקייט און ערלעכער באַציאונג פאַר אַ סך געשווווירענע קריטיקער.

דער צווייטער חבר, יוסף שידלאָ, האָט צוזאַמען מיט מיר געענדיקט די דראַמאַטישע שולע, איז אויך אַריבער מיט דער צייט צו די „ווילנער״ און צוזאַמען מיט נאַרווידן אָנגעקומען אין מאָסקווער יידישן טעאַטער, ווו ער האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט.

אויך די צאַרטע, זייער טאַלענטירטע מרים שיק איז פון הערמאַנען אַריבער צו די „ווילנער״, האָט אָבער צוליב פאַמיליען־סיבות נישט געקאָנט פאַרבלייבן ביים טעאַטער. מיר האָבן דאָס שטאַרק באַדויערט: ס'טעאַטער האָט אין איר פאַרלוירן אַ קולטורעלע קראַפט און מיר אַ ליבע חברטע.

בעלאַ בעלערינאַ איז געווען איינע פון די פיר רובינליכטס — צוויי שוועסטער און צוויי ברידער — וואָס זענען אַרויס פון דער פּזשעיאַזד 5 גרופּע און געוואָרן אַ יידישע אַקטריסע. איר שוועסטער, רות קאַרלינסקי, האָט זיך געווידמעט דעם באַלעט און איינער פון די ברידער, פעלעק, איז געוואָרן אַ טאַלענטירטער סקולפּטאָר, וואָס האָט אין יאָר 1926 פּראָיעקטירט די מצבה פאַר אסתר רחל קאַמינסקי. ער, ווי אויך דער יונג־פאַרשטאָרבענער מאָלער יוסף זיידענבייטעל האָבן מיטגעווירקט אין הערמאַנס גרופּע נישט בלויז ווי קינסטלער־דעקאָראַטאָרן, נאָר אויך ווי שפּילער־אַמאַטאָרן. דערביי האָט זיידענבייטעל אַרויסגעוויזן געוויסע סצענישע פעאיקייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט יאָנאַסן זענען געווען פון די אַקטיווסטע אַמאַטאָרן ביי הערמאַנען.

פון דער גאַנצער פּזשעיאַזד־גרופּע האָט נאָר איין חבר נישט געהאַט קיין שייכות צום טעאַטער: דאָס איז געווען דער שפּעטער באַקאַנטער מעדיקער ד״ר יעקב מונוועז, וועלכער איז בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע געוואָרן דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע.

ער טאַקע האָט אויפגענומען אַהין אונדזער קראַנקן טאַטן אַ קורצע צייט פאַר מיין פאַרלאָזן וואַרשע. די ענגשאַפט איז דאָרט צו יענער צייט געווען אַזוי גרויס, אַז טאַקע נאָר אין נאָמען פונעם אַמאָליקן פּזשעיאַזד 5 האָט ד״ר מונוועז זיך באַמיט אויסצוגעפינען אַן אָרט פאַר אַן איבעריק בעט.

מיר פלעגן אויך אויף פּזשעיאַזד 5 אימפּראָוויזירן קינסטלערישע אָוונטן, אויף וועלכע יעדער פון אונדז פלעגט זיך באַמיען איבערצושטייגן דעם אַנדערן.

די פּראָדוקציעס פלעגן פאָרקומען אין פּויליש אָדער אין רוסיש. דעקלאַמאַציעס פון מיצקעוויטש און פּושקין, באַר־געזאַנג פון „אַי דאַ אוכניעם״ און „דובינושקאַ״ און די נייע לידער פון דעם אויפגעקומענעם פּוילישן לעגיאָן.

איך האָב אַמאָל איבערגעלייענט אין רוסיש אַנדרעיעווס „דערציילונג וועגן די זיבן געהאָנגענע״. נישט איינער פון אונדז האָט דאַן מקנא

געווען דעם מוט פון אַנדרעיעווס העלדן און געחלומט וועגן ענלעכע העל־דישע טאַטן...

איך מיט יאַנאַסן זענען אויך געווען די ערשטע אריינצוברענגען אויף פּזשעיאַזד 5 אַ יידיש וואָרט.

די רובינליכטס, קינדער פון אַ טראַדיציאָנעל־יידישער היים, האָבן צוגלייך מיט די איבעריקע „פּזשעיאַזדלער" באַטראַכט יידיש ווי אַ דייטשן זשאַרגאָן און פּלעגן אָפּט אָפּחוזקן פון אים, ספּעציעל ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ וואָרט פון סלאַווישן אָפּשטאַם. איך מיט יאַנאַסן, דעמאָלט שוין „פאַרברענטע" יידישיסטן, האָבן אַלזאָ געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף, ביז ס'איז אונדז געלונגען אויסצוקעמפן דאָרט בירגער־רעכט פאַר יידיש.

איך פּלעג אָפּט דעקלאַמירן אין פּויליש מיין באַליבטן מאָנאָלאָג פון „אוריאַל אַקאָסטאַ", וועלכן איך האָב באַארבעט אין דער דראַמאַטישער שולע. דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג האָב איך איבערגעזעצט אין יידיש און ער האָט דאָס טאַקע גורם געווען די ענדערונג אין דער באַציאונג צו יידיש פון אונדזער גרופּע.

איך האָב נאָך עד היום נישט פאַרגעסן די פערזן פונעם דאָזיקן מאָנאָלאָג:

„שטאַרקער צו ליבן, אָדער שטאַרקער צו גלויבן!
מוז היינט באַשליסן מיין נשמה אין מיר!
איינס פון די ביידע מוז ווערן דערהויבן,
כאָטש די געפילן זענען גלייכע אין איר!
יהודיתן ליב איך... ווען אָבער די ליבע, די ריינע
זאָל מיך אין שול־הויף פירן אריין
אָפּצורופן דאָרט די איבערציייגונגען מיינע,
אָ, וואָלט זיך אַקאָסטאַ פאַרשאָלטן אַליין!
ווייל איבערצייגונג באַצירט דאָך דעם העלד,
דאָס איז זיין גלויבן, זיין קראַפט און געווער,
פירט צו די וועגן פון אַ שענערער וועלט,
וו מען הערט נישט קיין זיפצן, מען זעט נישט קיין טרער!
דאָס פאַר אַ פאָן האַלט אַ קעמפער אַ מעכטיקער,

זאָל ער געלויבט זיין, כאָטש פאלן מוז ער!
איידל פון דעם ווערט אפילו אַ נידערטרעכטיקער,
וואָס קלויבט זיך עס אויס און פאַרלאָזט עס נישט מער!
אָ, ווען ס׳זאָלן טויזנטער שטימען מיר שרייען:
גיי־נאָך נאָך דיין הארץ, איבערצייגונג פאַרלאָז,
וויל איך מיך קיינמאָל פון דעם חרם באפרייען,
ביי מיר וועט דער אמת נישט פארלירן זיין מאָס!

נאָך דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג איז ביי מיר טאקע אנטשטאַנען דער געדאנק צו איבערזעצן אין פערזן גאנץ „אוריאל אַקאָסטא", אַזוי ווי ער איז אין אָריגינאל ביי גוצקאָוון. צו דער איבערזעצונג האָב איך מיך באנוצט מיט דער פוילישער איבערדיכטונג פון באָלאָז—אַנטאָניעוויטש.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, שוין אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, פלעג איך טאַקע שפּילן די ראָל פון „אַקאָסטא" פון מיין „געגראמטער" איבערזעצונג און די איבעריקע ראָלן פלעגן געשפּילט ווערן פון לערנערס געדרוקטן ביכל.

דער דערמאָנטער אַקאָסטא־מאָנאָלאָג, דער „משוגענער אין שפּיטאָל", וואָס איז געווען דעמאָלט מיין „קרוין־ראָלע", ווי אויך די „עצה" פון שלום עליכם, אין וועלכער יאָנאַס האָט זיך אויסגעצייכנט, האָבן טאקע פאַראינטערעסירט אונדזערע „פּזשעיאַזדלער" מיטן יידישן טעאַטער און געשאפן אַ באָדן אויף אָנצובינדן קאָנטאַקט מיט דוד הערמאנען.

צו די שטענדיקע באזוכער פון אונדזער קרייז האָבן אויך געהערט איייניקע יונגע דייטשע סאָלדאטן: אן אקטיאָר, אַ לערער און א סטודענט.

מיר האָבן זיך אַזוי באפריינדעט מיט אנאנדער, אז זייער אָפּפאָרן אויפן פראָנט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א טרויער־טאָג פאר אונדזער קרייז...

עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די „דעקלאמאציע", מיט וועלכער דער יונגער, צאַרטער לערער פלעגט אונדז אָפט „מהנה זיין":

„וואס קימערט אונז רום, איטאַליאַנאָ, פראַנצאָז!
שטאָס ווידער שטאָס! שאָס ווידער שאָס!

פראַגמענטן פון מיין לעבן

ווער ליבן פעראיינט, ווער האַסן פעראיינט,
ווער האָבן נור איינען פיינד: ענגלאַנד!"
ווער ווייסט, מעגלעך, אז דער דאָזיקער לערער האָט שפּעטער גע־לערנט מיט זיינע שילער דאָס „האָרסט־וועסל־ליד"...
מעגלעך אז די דעמאָלטדיקע חברים אונדזערע האָבן בעת דער צוויי־טער דייטשער אָקופּאציע אָנגעפירט מיט דער „ליקווידאציע" פונעם געטאָ...
זיי האָבן דאָך אַזוי גוט געקענט אונדזערע גאַסן און הייזער...

V

„לייב־גוואַרדי וואָלינסקי פּאָלק"

איך באַמי מיך ווייטער צו אָריענטירן אין דער פּוסטקייט.

כמעט אַנטקעגן אונדזער פּזשעיאַזד 5 האָט זיך אַמאָל אָנגעהויבן די דלוגע (לאַנגע) גאַס, וועלכע איך פּלעג במשך פון איינציקע יאָר, טאָג־איין, טאָג־אויס, אויסמעסטן הין און צוריק.

זי האָט געפירט איבער ביעלאַנסקע און קראַשינסקיס פּלאַץ צום הויז נומער 8, ווו מיר האָבן געוווינט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ביים עק פּזשעיאַזד און לאַנגע האָט זיך געפונען די „דלוגע" תפיסה. זי האָט געגרענעצט מיט אַ לאַנגער רייע מלוכה־בנינים, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם פּזשעיאַזד ביז נאַוואָליפּקי. אַנטקעגנאיבער, פון דער צווייטער זייט פּזשעיאַזד, האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאַראַלעלע גאַסן: נאַוואָליפּיע און מילנע.

צווישן די תפיסה־בנינים און נאַוואָליפּיע האָט זיך געפונען דער ריזיקער קאַזאַרמע־פּאַלאַץ פון ניקאָלאַיס געטרייסטן „לייב גוואַרדי וואָלינסקי" פּאָלק, וועלכער האָט אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן אַרויסגעוויזן זיין „געטריישאַפט" אין די יאָרן 1904—1906 און איז אויך געווען דער ערשטער צוצושטיין צו דער רעוואָלוציע אין יאָר 1917.

אין פראָנט פון דער דאָזיקער קאַזאַרמע איז געווען אַ פּלאַץ מיט אַ סקווער, וועלכער האָט געטיילט יענע זייט פּזשעיאַזד אין צווייען. לינקס פונעם סקווער, צווישן נאַוואָליפּיע און מילנע איז יאָרן־לאַנג געווען איינגעפונדעוועט אַ ברייט, געדיכט באַוווינט הויז אונטערן נומער 13, באַקאַנט אַלס אסתר אייזנבערגס הויז.

דאָרט האָבן מיר געוווינט ביים אָנהויב פון דער ערשטער רעוואָלוציע

און דאָרט איז אונדזער משפּחה פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ פערטן בן־זכר, אונדזער ייִנגסטן ברודער יצחק.

די פענצטער פון אונדזער דירה אויפן דריטן שטאָק זענען טאַקע אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ מיטן סקווער און מיר פלעגן דייטלעך זען וואָס עס קומט פאָר לינקס, אַרום גרויסן פראַנטאָן פון וואָלינער פּאָלק און אַנטקעגנאיבער, אין דעם ברייטן הויף פון די קאַזאַרמעס ביי דער „דלוגע־תפיסה".

פון אונדזער פענצטער אויף פּזשעיאַזד 13 פלעג איך זען די „וואָלינצעס" אַריינטרייבן טויזנטער מענטשן אין הויף פון זייער קאַזאַרמע. זיי פלעגן קלאַפּן מיט ביקסן איבער די קעפּ, קאָפּען מיט די פיס, אַראָפּכאַפּן ביי די געשלאָגענע די היטן פון די קעפּ און צעשליידערן איבער די רינשטאָקן. די געשרייען און יללות פון די געשלאָגענע, דאָס הירזשען פון די קאָזאַקישע פערד און צעיושעטע וואָלינצעס פלעגט פאַרהילכן די לופט.

מיין לערער, דער סטודענט האָלצמאַן, וואָס האָט מיך געגרייט צו די עקזאַמענס אין מוראַוולאָוום שולע, איז שיעור נישט אומגעקומען פון אַ קאָזאַקישער שווערד. בעתן צעטרייבן אַ מאַניפעסטאַציע האָט אים אַ קאָזאַק, רייטנדיק אויפן פערד, נאָכגעיאָגט איבער די טרעפּ פון זיין הויז און צעשפּאָלטן דעם שאַרבן.

די קאָזאַקן, אָדער די „קאָזעלעך", ווי ס'פאָלק האָט זיי גערופן, פלעגן זיך באַנוצן מיט זייערע שווערדן מיט אויסערגעוויינלעכער פלינקייט. איך פלעג אָפט מיך צוקוקן צו זייערע איבונגען ביים „וואָינע־פּלאַץ" און מיך חידושן ווי אַזוי זיי קאָנען אין שנעלסטן גאַלאָפּ צעשפּאַלטן אויף צווייען אַ ליימענעם גולם און דאָס אָפּגעהאַקטע שטיק ליים זאָל בלייבן אויפן אָרט...

די דעמאָנסטראַציעס פלעגן זיך געוועגלעך ציען פון לעשנע צו דזשיקע און טיילמאָל פאַרביימאַרשירן דעם פּזשעיאַזד אומגעשטערט. מען פלעגט זינגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר" און „די שבועה", רויטע פענער פלעגן פלאַטערן איבער די טויזנטער אַנטבלויזטע קעפּ... די צעפלאַמטע בליקן זענען געווען געווענדט צום „לייב גוואַרדי וואָלינסקי פּאָלק"... אויפן ברייטן באַלקאָן צווישן די מעבטיקע קאָלאָנעס פלעגן שטיין אָפי־

צירן און העכערע מיליטער־לייט און שווייגנדיק אראָפּקוקן אויף די מאַר־שירנדיקע רייען. מיט אַ קרומען שמייכל אויף די ליפּן, מיט חידוש און האַס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט דאָס באַוועגן זיך פון די דיסציפּלינירטע מאַסן. משמעות זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל פון „אויבן” צו געבן דעם „ערב רב” אַ חיי־שעה...

עפּטער אָבער פלעגן געגעבן ווערן אַנדערע באַפעלן.

אָט מאַרשירן אומצייליקע רייען איבער פּזשעיאַזד. מען באַגלייט אַ געפאַלענעם חבר צו זיין אייביקער רו. די עגלה איז באַדעקט מיט אַ רויטער פאָן. אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג ווערט אָפּגעהיט פון דער אַרבעטער־מיליץ מיט רויטע אָפּצייכענונגען אויף די אָרעמס. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט און בילדן אַ לאַנגע קייט פון ביידע זייטן גאַס.

אויף די טראָטואַרן זענען צעשטעלט קאָזאַקן אויף די פערד און, — ס'גלויבט זיך נישט די אויגן, — זיי סאַלוטירן צו דער עגלה... די טרויער־פּראָצעסיע באַוועגט זיך אין פייערלעכער ערנסטקייט און טויטער שטילקייט. ס'הערט זיך נאָר פון צייט צו צייט דאָס הירזשען פון די קאָזאַקישע פערד.

און פּלוצים, ווען די טרויער־פּראָצעסיע געפינט זיך שוין צווישן ביידע קאַזאַרמעס, רייסן זיך די קאָזאַקן מיט ווילדע קולות אַריין אין איר געדיכטעניש און הויבן אָן צו פּאַכען מיט די אַנטבלויזטע שווערדן אויף רעכטס און לינקס. גלייכצייטיק לויפן אַרויס פון די קאַזאַרמעס די „געטרייע” וואָלינצעס און פאַרשפּאַרן די אַריינגענג צו נאָוואָליפּיע און מילנע.

פון רימאַרסקע און נאָוואָליפּקי לויפן אונטער פּאָליציי און אָכראַנע־אַגענטן. די פּראָצעסיע ווערט פאַרשפּאַרט פון אַלע זייטן. דער פּזשעיאַזד ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. מען ברעכט די טויערן, וועלכע פּאָליציי האָט געהייסן באַצייטנס פאַרשליסן. מען שפּרינגט אין פענצטער פון די פּאַרטער־דירות. מען צעטרעט זיך איינס דאָס אַנדערע, מען ווערט צע־טראָטן פון די קאָזאַקישע פערד.

ס'הערן זיך שאָסן פון פּראָוואָקאַטאָרן, די „וואָלינצעס” ענטפערן מיט ביקסן־זאַלפּן. נישטאָ קיין אויסוועג. בלויז די טויערן פון די קאַזאַר־

מעם זענען ברייט צעעפנט... לויפט מען אהין אריין זיך ראַטעווען פון די שאָסן...

דער פּלאַץ ווערט גיך אָפּגעליידיקט. אַרום דער פּאַראיינזאַממטער עגלה ליגן אין קאַלוזשעס בלוט פאַרווונדעטע און דערהרגעטע.

היטן, שטעקנס, רויטע פענער, צעטראָטענע בלומען קרענץ וואַלגערן זיך איבער דער גאַס...

פון דערווייטנס דערהערט זיך דער סיגנאַל פונעם „קעטשל" — די גיכע הילף"...

איך זע פאַר זיך דאָס בלאַסע פּנים פון אונדזער מאַמען... ס'איז שווער אָנגעקומען זי אָפּצומינטערן פון חלשות. איך זע די קאָנוווּלסיעס פון איר צאַרטן קערפּער, איך הער איר ציטערנדיק קול: „מען הרגעט מענטשן. מען הרגעט מענטשן"...

אפשר איז אויך דאָס געווען די סיבה, וואָס אונדזער יינגסטער ברודער איז געקומען אויף דער וועלט אַביסל פאַר דער צייט... אונדזער פאַמיליען־אַקושערטע, פרוי טראַן, וואָס האָט אונדז אַלע „אָפּגענומען", האָט אים שוין געטראָפן א „געקומענעם" אָן איר הילף...

ווען אין יאָרן אַרום איז יצחק אין אַן ערשטן מאַי אַריינגעפאַלן צו מיר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, האָב איך מיך דערמאָנט אָן די טעג, ווען ער איז אויף דער וועלט געקומען...

דער „פּריוויסלאַנסקי קראַי" האָט שוין דעמאָלט געהייסן „זשעטש־פּאָספּאָליטאַ פּאָלסקאַ", די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט איז שוין געוואָרן דערגרייכט און פונדעסטוועגן איז אַלץ געבליבן ווי אין די „אַלטע, גוטע, וואָלינסקע צייטן"...

נאָר געביטן די אויסערלעכע דעקאָראַציע: אנשטאָט קאָזאַקישע — פּוילישע גראַנאַטענע מונדירן; אַנשטאָט „אָכראַנע" — „דעפענזיווע"־אַגענטן. די זעלביקע כלה, נאָר אַנדערש געשלייערט.

מיר פלעגן אויך פון אונדזערע פענצטער זיך צוקוקן צו „פרידלעכע" פייערלעכקייטן. דאָס האָט אָבער געמוזט געמאַכט ווערן בשתיקה, דורך אַ שפּאַלט פון אַ פאָרהאַנג, ווייל אין פאַרקערטן פאַל האָט געדראָט אַ קויל אין קאָפּ...

אין די „טאַבעלנע״ טעג, ד״ה אין די געבוירנטעג פון אַ מיטגליד פון צאַרישן הויף, פלעגן די קאַלאָנעס פון וואַלינער קאַזאַרמע זיין באַפּוצט מיט גירלאַנדעס און נאַציאָנאַלע פענער. פאַר די טויערן פלעגן זיין אויסגעשטעלט פעסער מיט פּאַלמעס און אַנדערע עקזאָטישעביימער, צוגעשיקטע פון דער אָראַנזשעריע אין זאַקסישן גאָרטן.

ביים ראַנד פון די טראָטואַרן, לענגאויס די קאַזאַרמעס, פלעגן אין ספּעציעלע לעבער זיין צעשטעלט טעפּלעך מיט אָנגעצונדענע קנויטן. עטלעכע טעפּלעך פלעגן זיין צעשטעלט צווישן די קאָלאָנעס אויף די באַלוסטראַדעס פון באַלקאָן.

די אילומינאַציע פלעגט אויף מיר מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק און איך פלעג נישט קאָנען די אויגן אָפּרייסן פון די ציטערדיקע פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין אייל.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגן מיך אַזוי ציען די עלעקטרישע לעמפּלעך פון דער בינע־ראַמפּע...

לכבוד אַזעלכע יום טובים פלעגן אין וואָלינער פּאָלק פאָרקומען פייערלעכע באַלן, אַ מיליטערישער אָרקעסטער פלעגט פונעם באַלקאָן באַגעגענען מיט טושן און מאַרשן די הויכגעשטעלטע מיליטערלייט, וואָס פלעגן אין אָפענע קאַרעטעס קומען מיט זייערע אויסגעפּוצטע פרויען.

אַרום האָט געפינקלט פון די מעדאַלן, זילבערנע און גאָלדענע עפּאָלעטן פון די הויכראַנגיקע אָפיצירן און פון די בריליאַנטן פון זייערע אויסדעקאָלטירטע דאַמען.

אַמאָל פלעגט אויך קומען מיט זיין סוויטע דער גענעראַל גובערנאַטאָר אַליין. דעמאָלט פלעגן אָנגענומען ווערן אויסעראָרדנטלעכע פאַרזיכטס־מיטלען. די גאַסן פון בעלוועדער ביז פּושעיאַזד פלעגן דעמאָלט אָפּגעשלאָסן ווערן פאַר דעם גאַסן־פאַרקער, אין אַלע עקן זענען צעשטעלט געוואָרן קאָזאַקן מיט פּיקעס און נעבן זיי די פּאָליציי־קאָמיסאַרן און געהיים־אַגענטן.

די צופעליקע פאַרבייגייער פלעגן גרינטלעך רעווידירט ווערן און נישט איינמאָל פלעגט נאָך אַזאַ „רעוויזיע״ אַרויסגערופן ווערן דאָס „קעטשל״, אָדער ס׳וועגעלע פון פּראָזעקטאָריום...

לענגאָויִם דעם פּושעיאַזד פלעגן זיין אויסגעשטעלט שפּאַלערן פון וואָלינצעס. זיי פלעגן נאָכלויפן דער קאַרעטע פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואַרפן אין דער הויך זייערע היטלען און פאַרהילכן די לופט מיט ווילדע הוראַ־געשרייען. דעם דאָזיקן „ספּאָנטאַנעם" ענטוזיאַזם און אַלע פּאָרזיכטס־מיטלען פלעגט באַצייטנס, מיט גרויס זאָרגפעליקייט, איינרעזשיסירן דער אויבער־פּאָליציימייסטער אַליין. מיר האָבן טאַקע געהאַט די געלעגנהייט צו זען פון אונדזערע פענצטער נישט נאָר דעם ספּעקטאַקל, נאָר אויך די גענעראַל־רעפּעטיציע.

קיין חידוש נישט, וואָס „זיין עקסעלענץ" איז געווען צופרידן מיט דער אויפנאַמע און מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכל סאַלוטירט אויף רעכטס און אויף לינקס.

פון זינט איך געדענק מיך, אָנהויבנדיק פון גענשע 5 ביז זלאָטע 75, ווען איך האָב פאַרלאָזט די עלטערנס היים, פלעגן ביי אונדז פאָרקומען יעדן שבת־צו־נאַכטס, „פּזשיענטשעס", אויפנאַמעס פאַר קרובים פון טאַטנס און מאַמעס צד און סתם גוטע פריינט.

מען פלעגט פאַרברענגען אַ פּאָר שעה ביי אַ געדעקטן טיש אין געמיטלעכע שמועסן אויף פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, ס'פלעגן באַרירט ווערן פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, געשעפטס־ענינים. אָפטמאָל פלעגט מען שפּילן אין „קוויטלעך", אָדער אָנשטעלן דעם גראַמאָפאָן און הערן די פריש־אָנגעקומענע פּליטן פון דאַווידאָוו און סיביריאַקאָוו; מען פלעגט צוזינגען צו סיראָטעס, אָדער קוואַרטינס „שטיקלעך" און גלייכצייטיק דיסקוטירן וועגן די נייע פּיעסן פון יידישן טעאַטער. „אויפן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג" פלעג איך דעקלאַמירן, אָדער „פאָרשטעלן" אייגענע אימפּראָוויזאַציעס, מאַכן אַ „דראַמאַטישע מינע" און זיך אפילו גרימירן מיט אַ צוגעברענטן קאָרעק... שפּעטער־צו איז מיין „קרוין־ראָל" געוואָרן דער „משוגענער אין שפּיטאָל", וועלכן איך פלעג שפּילן ביי יעדער געלעגנהייט.

דער פעטער „סרוכאַיעם" (ישראל־חיים), דעם טאַטנס עלצטער ברודער, איז אַמאָל געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר ביי גאָלדפאַדע־

נען... כדי נישט צו פֿאַרשעמען אונדזער פֿאַמיליע־נאָמען, האָט ער גע־שפּילט אונטערן פּסעוודאָנים גרודבערג.

(נאָך אים טאַקע האָט זיך אין יאָרן אַרום אונדזער יצחק אויסגע־קליבן זיין בינע־נאָמען: גרודבערג).

ווען דער פֿעטער „סרוכאַיעם" האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן צום פּריזיוו, האָט ער זיך געמאַכט אַ פֿעלער און פֿאַרבליבן טויב אויפֿן גאַנצן לעבן. צוליב דעם טאַקע האָט ער געמוזט אויפֿגעבן דאָס שפּילן טעאַטער און זיך נעמען צו אַ „לייטיש" פֿאַך.

דער פֿעטער „סרוכאַיעם" איז געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג און ווען ער פֿלעגט זיין אין „טראַנס" און פֿאַר אונדז פֿאַרשפּילן ווי אַזוי דע־סאַנטאָס פֿאַרשעלט אַקאָסטאַ, אָדער אַ קאָמישע סצענע פֿונעם „יידישן רעוויזאָר" — דאַכט זיך שייקעוויטשעס אַ באַאַרבעטונג — פֿלעגן מיר זיין אין זיבעטן הימל.

איך בין געווען אַ שטאַרקער פֿאַרערער פֿונעם פֿעטער „סרוכאַיעם". זיין ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט און שניידנדיקע שטים פֿלעגט מיר מאַכן „פֿאַרגליווערן דאָס בלוט" און גענדזנהויט אויפֿן קערפּער. אין דער זעלבער צייט איז מיר אָבער אויסגעקומען מאָדנע, פֿאַרוואָס ער רעדט אַזוי אַנדערש פֿון אַלע לעבעדיקע מענטשן, אַזוי איבערגעטריבן הויך און קרימט דערביי אַזוי מיטן מויל... ער האָט דאָך אַזאַ שיין „אַקטיאָריש פּנים", מיט אַזעלכע אויסדרוקפֿולע, קלוגע אויגן... פֿאַרוואָס מאַכן אַ תּל דערפֿון?...

דאָס האָט הפּנים דער שפּעטערדיקער רעזשיסאָר שוין פֿון קינדוויז אָן רעאַגירט אין מיר אויף איבערטריבענעם פּאַטאָס און געקינצלטע העוויות...

מיר האָבן אויך געהאַט אַ צווייטן „אַרטיסט" אין דער משפּחה: יוסף־בער שאַפּיראָ, דער ייִנגסטער זון פֿון דער מומע רוזשע, דער מאַמעס עלצטער שוועסטער. ער איז געווען מיט אייניקע יאָר עלטער פֿון מיר, האָט געלערנט אין אַ „שטיבל", אָבער שטילערהייט, זיין פֿאָטער, דער פֿעטער איטשע, זאָל נישט וויסן, פֿלעגט ער אַנטיילנעמען אין דראַמאַטישן קרייז אויף שוויענטאָיערסקע גאַס, וווּ זיי האָבן ביזן חורבן־וואַרשע געוווינט.

„וואַרשע" האָט פון תמיד אָן ליב געהאַט יידיש טעאַטער, און ווען די מאַכט האָט עס פאַרווערט צו שפּילן עפנטלעך, פלעגן זיך אין די יידישע גאַסן, כמעט אין אַלע גרעסערע הייף, שאַפן „היימישע" ליבּ־האַבער־קרייזן. די דאָזיקע קרייזן זענען שוין פאַרבליבן אַ טראַדיציע ביי די יידישע מאַסן און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנעם יידישן טעאַטער. די אַמאַטאָרן־גרופּעס פלעגן אַפילו פון צייט צו צייט „אַנגאַ־זשירט" ווערן אויף דער „ליניע", קיין אָטוואָצק אָדער פאַלעניץ, צו שפּילן אַ שטיק מיט אַ „דיווערטיסמענט", ד"ה, אַ קאָנצערט־טייל, אָן וועלכער ס'איז דעמאָלט קיין שום פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער נישט געווען געמאָלט. דאָס פאָלק האָט די דאָזיקע „דיווערטיסמענטן" גערופן פּשוט־יידישלעך: „אַ סטרומענט".

איינער פון די טיכטיקסטע שפּילער אין די דאָזיקע אַמאַטאָרן־טרו־פּעס פון שוויענטאָיערסקע גאַס איז טאַקע געווען אונדזער קוזין יוסף־בער. אויך ער פלעגט אונדז מהנה זיין מיט אַ דראַמאַטישן מאָנאָלאָג פון אַ „ד"ר אַלמאַסאַדאַ", אָדער „מיליאָנער אַלעס בעטלער". האָט ער זיך טאַקע קונה־שם געווען ביי אונדזער פאַמיליע אַלס אמתער „דראַמאַטורג"...

שפּעטער צו, ווען אינעם יידישן טעאַטער האָט זיך איינגעבירגערט יעקב גאָרדין, פלעגט יוסף־בערס „קרוין־ראָל" זיין אוריאל מזיק פון „גאָט, מענטש און טייוול". אָפט פלעגט ער אונדז אין די שבת־צו־נאַכטן אָפּ־שפּילן דעם פּראָלאָג, וווּ דער טייוול טענהט זיך אויס מיט גאָט.

מיט פאַרלייגטע הענט און פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל פלעגט ער נאָכמאַכן לייזער ראַפּעלס שטימע און אַלע האָבן באַוווּנדערט, ווי גוט ער מאַכט אים נאָך...

איך בין געגאַנגען ווייטער אין דעם פּרט. איך פלעג זיך „פאַרגרי־מירן" מיט אַן אָפּגעבראַנטן קאָרעק פאַרן מזיק, מאַכן „טייוולאָנישע שטריכן" אויפן קליינעם פּנימל, אַראָפּקעמען די האָר אַלאַ מעפיסטאָ און פאַרוואַרפן אַ רויט טישטוך איבער דער אַנטבלויזטער ברוסט... אַזוי אַ „פאַרשטעלטער" פלעגט מיר לייכטער זיין פּעסטצושטעלן, אַז „מאָנאַטאָן און לאַנגווייליק ציט זיך די צייט אין די הימלען"...

נאָך די „דראַמאַטישע סצענעס" פֿלעגט געווענלעך קומען די פֿאַרווייַלונגס־טייל, דאָס הייסט, די נומערן פֿון „דיווערטיסמענט". אַפֿילו דער פּעטער בייניש וויטענבערג און גדליהו סעמיאַטיצקי, די „אַריסטאָקראַטן" פֿון אונדזער משפּחה, פֿלעגן גוטמוטיק שמייכלען און צוהערן זינגען אַ „שטיקל" פֿון יידישן טעאַטער.

מוזיקאַליש איז קיינער פֿון אונדזער משפּחה נישט געווען. דער „פּאַכמאַן" אַליין איז געווען אַ טויבער, פֿלעגן טאַקע אַזעלכע היימישע כאָרן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמתער קאַקאָפֿאָניע, וואָס האָט גורם געווען, אַז מיר האָבן אין די יונגע יאָרן געהאַט אַ „שלעכט אויער".

אין די יאָרן פֿון פּושעיאַזד 13 זענען די דאָזיקע שבת־צו־נאַכטן געוואָרן פֿאַרשטערט...

ווי אין חלום געדענק איך אַ וואָך־נאַכט אין אונדזער היים. די מאַמע וויינט, דער טאַטע גייט אַרום אַן אויפֿגערעגטער איבער דער שטוב. ביי די ווענט — געפּאַקטע וואַליזן. עפּעס אַן ערב־יום כּפּור־שטימונג אין דער לופֿט. יעדע ווײַלע הערט מען זיך צו צו די טריט אויף די טרעפּ. מען וואַרט אויפֿן פּריסטאַוו, וואָס דאַרף קומען אָנזאָגן צי דעם טאַטנס יאָרגאַנג דאַרף ווערן מאָביליזירט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1904. די מלחמה קעגן יאַפּאַן האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. איבער אַלע גאַסן זענען צעקלעבט פֿאַרביקע פּלאַקאַטן מיט גרויסע קאָזאַקן, וואָס האַלטן אין יעדער פֿויסט אַ האַלב טוץ יאַפּאַנטשיקלעך...

געגראַמטע נסים ונפֿלאות ווי אַזוי „אונדזערע" צעקוועטשן די „געלע וואַנצן", ווי אַזוי „מיר פֿאַרוואַרפֿן זיי מיט היטלען"...

אייניקע „פּריזיוויניקעס" קלויבן זיך צו מאַכן אַ ויברח קיין אַמעריקע. צווישן זיי אונדזער טאַטע. די נאַכט איז אַלזאָ אַ דעצידירנדיקע.

דער פּריסטאַוו קומט מיט אַ גוטער בשורה. אַ שמחה אין דער גאַנצער משפּחה. מען קומט אונדז ווינטשן מזל־טוב. מיר פֿאַרבלייבן וואַרשעווער.

זומער צייט, אין פּאַלעניץ, זע איך פֿאַרבייפֿאָרן עשאַלאָנען מיט יידן מיט בערד און פּאות, וואָס זענען פֿון דער אָטוואָצקער ליניע אָפּגעשיקט געוואָרן צום ווייטן מזרח צו קעמפֿן פֿאַרן „צאַר און פֿאָטערלאַנד"...

פון די אָפענע לאַסט־וואַגאָנעס שרייען זיי אונדז אַראָפּ: „זאָטע נעזינטס, יידן!״...

די זעלבע ווונטשן האָב איך געהערט אויף דער זעלבער ליניע דעם 6טן סעפּטעמבער 1939, ווען מיר האָבן אויף אַ באַפעל פון דער מאַכט פאַרלאָזן וואַרשע.

נאָכהער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען עשאַלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע. פּסח סטאָלער, וואָס האָט געבויט אונדזער ווילע אין פאַלעניץ, האָט מיר דערציילט חידושים וועגן די קליינע, שמאָל־אויגיקע מענטשעלעך. ער האָט דערציילט, ווי די גרויסע קאָזאַקן מאַכן פּליטה און די „געלהויטיקע וואַנצן״ קאָנען נישט „נאַדאָנזשען״ זיי נאָכצויאָגן...

עס געדענקט זיך נאָך ווי די טעמע פון אַ גאַנצער רייע שבת־צו־נאַכטן איז געווען עפּעס אַ גרויסער ייד מיטן נאָמען הערצל, וואָס האָט געוואָלט באַפרייען די יידן פון גלות און האָט זיך אפילו צעקריגט מיטן סולטאַן צוליב דעם... זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ טיפן טרויער ביי אַלע יידן.

איך געדענק די באַזאָרגטע פּנימער אַרום די טרויער־מעלדונגען אויף די ווענט וואָס האָבן מודיע געווען וועגן ד״ר הערצלס טויט, די „אל מלא רחמימס״ אין די שולן.

די שבת־צו־נאַכטן קומען פאַר זעלטענער. פון די ווייטערע גאַסן האָט מען מורא צו גיין אין די אָוונטן. אַלץ אָפטער ווערט דערמאָנט דער נאָמען קאָנסטאַנטינאָוו, אַ פּאָליציי־פּריסטאַוו, וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. מען דערציילט זיך בסוד וועגן זיינע אכזריותן, ספּעציעל לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

מען רעדט שוין אפילו, אַז די „באָיוווקע״ האָט אים „אַרויפגענומען אויפן צעטל״ און אַז מען וועט „ראַכע נעמען״ פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם יידישן בלוט...

ס׳איז אָבער שווער צוצוקומען צו אים, ווייל ער ווערט שטאַרק באַוואַכט און ווי נאָר ער באַווייזט זיך אויף דער גאַס, ווערט די גאַס תיכף אָפּגערייניקט...

אונדזער קוזין שלום וויטענבערג, אַן 18־יאָריקער בחור מיט אַ קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר, מיט גליענדיקע טונקל־ברוינע אויגן, ווערט צעממיתט

פון אַ וואָליניעץ. מען הערט אים שוין מער נישט אויף אונדזערע אָוונטן דעקלאַמירן מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין. ער ווערט פאַרשוויגן און גייט ביסלעכווייז אויס. דאָס איז דער צווייטער זון, וואָס שטאַרבט אין בליענדיקן עלטער ביי די וויטענבערגס.

די מומע ראַשקע פאַלט צוליב דעם אַריין אין מעלאַנכאָליע און מיט יאָרן שפּעטער, פאַרענדיקט זי איר לעבן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע.

דער פעטער גדליהו סעמיאַטיצקי גייט אַרום אַ באַזאָרגטער: זיין בן־יחיד איגנאַץ, אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום, איז אַראָפּ פון דרך הישר און איז צוגעשטאַנען צו „יענע"...

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערמאַנט זיך אַ פאַקט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל הייטערקייט אין יענער שווערער צייט.

איגנאַץ האָט געהערט צו דער „באָיוווקע" פון פּ. פּ. ס. און פלעגט אָפט געשיקט ווערן קיין אויסלאַנד נאָך געווער פאַר דער פּאַרטיי.

איינמאָל, אומקערנדיק זיך פון אַזאַ נסיעה מיט אַ פולן טשעמאָדאַן מיט ברויונינגס, דערזעט ער ווי דער גאַנצער וואָקזאַל איז באַלאַגערט מיט זשאַנדאַרמעריע און אָכראַניקעס... ווען ער געפינט זיך נאָך אויפן טרעפּל פון וואַגאָן, דערנענטערט זיך צו אים מיט שנעלע טריט אַ זשאַנדאַרמען־אָפיציר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל. קיין צוריקוועג איז שוין נישטאָ. מען מוז האַנדלען אַנטשלאָסן. כאַפּט ער אויף גיך אַרויס אַ פּאַפּיראָס פון טאַש, גייט דרייסט אַנטקעגן דעם אָפיציר, האַלטנדיק אין דער צווייטער האַנט דעם טשעמאָדאַן מיטן געווער, און בעט אים העפלעך אים דערלויבן צו פאַררויכערן...

דער אָפיציר ענטפערט אים מיט דער זעלבער העפלעכקייט, איגנאַץ באַדאַנקט אים נאָך העפלעכער און פאַרלאָזט אומגעשטערט דעם וואָקזאַל.

ווען איך האָב לעצטנס, מיט 45 יאָר שפּעטער, געטראָפן איגנאַצן אין לאָדזש און דערמאָנט אים דעם דאָזיקן פאַקט, האָט ער אים נישט געדענקט. ער איז די היטלער־אָקופּאַציע איבערגעקומען אַלס אַריער, איז נישט קיין חידוש וואָס די איבערלעבונגען פון דער וויטער פאַרגאַנגענהייט זענען אים פאַרווישט געוואָרן פון זכרון...

פראַגמענטן פון מיין לעבן

א טרויער האָט ארויסגערופן אין אונדזער שטוב די ידיעה, אז יוסף־בער איז געכאַפּט געוואָרן אויף א געהיימער פאַרזאַמלונג און זיצט אין „פּאַוויאַק".

אָט הער איך דאָס ציטערדיקע קול פון דער מומע רוזשע. זי דער־ציילט דער מאַמען וועגן איר אומגליק. יעדן טאָג טראָגט זי פּעקלעך צום פּאַוויאַק, נאָר מען לאָזט זי נישט צו...

איינמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי זי זעט אים אינעם שמאָלן פענצטערל הינטער די קראַטעס און ווי ער קלאַפּט אין שויב מיט „זיינע בלאַסע פינגער"...

דאָס שטילע געוויין פון דיביידע שוועסטער, מיין מאַמע און די מו־מע רוזשע, איז פאַר מיר געוועזן א געוויין פון א גאַנצער וועלט מאַמעס און געלאָזט טיפע שפּורן אויף מיין גאַנץ לעבן...

פון דעמאָלט אָן קאָן איך נישט בלייבן גלייכגילטיק צו עמיצנס טרערן... אפילו צו קינדסטלעך ארויסגערופענע טרערן.

נישט איינמאָל בין איך געפאַלן א קרבן פון דער דאָזיקער שוואַכקייט...

VI

מוראַוולאָווס שולע

אין דער דאָזיקער שטורמישער צײַט האָב איך „פאַרענדיקט" פײַנ־האָלצס חדר און בין אָנגעקומען אין מוראַוולאָווס האַנדלס־שולע.

די שולע האָט זיך געפונען אויף רימאַרסקע 12, טאַקע נישט ווײַט פון אונדזער היים; נאָר פאַרבײַציוגײַין דעם פּושעיאַזד 5, עפּשטײַנס זײַ־גערמאַכערײַ און איבערצוגײַין די לעשנע.

אויף רימאַרסקע פלעגט מיר אויסקומען פאַרבײַציוגײַין אַ קלײנע, שמאָלע בוכהאַנדלונג מיט אַ שילד איבערן שויפענצטער: „מ. י. פריײד".

פאַרן דאָזיקן בוכהענדלער האָבן מיר, קינדער, שטאַרק דרך ארץ געהאַט צוליב זײַן ערנסטקייט און „אַריסטאָקראַטישן" אויסזען, מיט וועלכן ער האָט זיך אַזוי אונטערשיידט פון די אַרומיקע סוחרים און קרע־מער.

זײַן לײַבן־קאָפּ מיט פּעך־שוואַרצע האָר, גערדיכטע ברעמען און לאַנ־גע, פּויליש־פּריצישע וואָנצעס, האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערע חשיבות זײַן קאָרפּולענטער, מיטלוויקסיקער פיגור, וואָס פלעגט זיך לאַנגזאַם און געמיטלעך באַוועגן.

זייער אָפט פלעגן מיר אים זען שפּאַצירן מיט זײַנס אַ לעבעדיקער קאָפּיע, — אַ מאַן אין די זעלבע יאָרן מיטן זעלבן לײַבן קאָפּ, מיט די זעלבע ברעמען און וואָנצעס, אפילו אין די זעלבע ווײַכע, ברײַטע היטן און לאַנגע פּעלערינעס...

די „קאָפּיע" אָבער האָט געהאַט אַ מער פלײשיקע נאָז, פעטערע ליפּן און אַזעלכע גליענדיקע פײַערלעך אין די אויגן, וואָס איז מיר מער בײַ קײַן אַנדערן מענטש נישט אויסגעקומען צו זען...

דורכגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן און זײַ מיט דרך ארץ נאָכקוקן.

— „פרץ", פלעגט מען זיך שושקען: „פרץ גייט"... מיין פּאָטער האָט זייביידן געקאַנט און ווען ער פלעגט מיך אַ מאָל אָפּפירן אין שולע און זיי באַגעגענען אויף רימאַרסקע, פלעגט מען זיך געווענלעך פאַרהאַלטן מיט דער זעלבער פראַגע: „וואָס הערט זיך עפּעס גוטס?"...

פונעם טאַטן האָב איך מיך דערוווסט, אַז דער מאַן מיט די גליענ־דיקע אויגן אַרבעט אין גמינע און... איז אויך אַ שרייבער...

אַ מאָל פלעגט מיר פרץ שטעלן עפּעס אַ פראַגע וועגן מיינע לימו־דים און איך פלעג רויט ווערן און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן...

ס'האָט אַפילו נישט געהאָלפן מיין טאַטנס שטרענגער בליק מיטן פאָרוווּרף: „מען קאָן דאָך מיינען, אַז דו ביסט שטום!" איך האָב פאַר־עקשנט געשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

אַלס קינד בין איך געווען זייער דרייסט, נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין שום סכנה, געקראָכן איבער דעכער און אויף די העכסטע ביימער.

די עלטערן האָבן אָבער דערשטיקט אין מיר די דרייסטקייט אויס מורא פאַר מיין געזונט. נישט דערלויבט זיך צו פאַרנעמען מיט אַ וועלכן ס'איז ספּאָרט. איך פלעג מקנא זיין אַנדערע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער דעם פאַרפרוירענעם וואַסער פונעם זאַקסישן גאָרטן. די באַקן רויט, די בליקן צעפלאַמט, — ווי ווילדע שדימלעך האָבן זיי זיך אַרומגעטראָגן איבערן אייז און געחוזקט פון מיר, אַז איך בין אַ פּחדן...

און איך פלעג שטיין אַ בלאַסער ביים ברעג און ציטערן פאַר קעלט און פאַרדרוס. מיר איז דאָס פאַרגעניגן געווען פאַרווערט: איך קאָן מיך, חלילה, צוקילן, אָדער, חלילה, צעברעכן אַ פוס...

ס'איז מיר געווען פאַרווערט צו שפּילן אויף אַ בלאָז־אינסטרומענט אין שול־אָרקעסטער, ווייל ס'קאָן, חלילה, פאַרשאַטן צו די לונגען...

צוביסלעך האָט דאָס אַנטוויקלט אין מיר אַ מורא פאַרן געזונט און אַ נישט דרייסטקייט, וואָס באַגלייט מיך ביז היינט צו טאָג.

נישטאָ די נייע ראָל, פּרעמיערע, אָדער דעביוט, פאַר וועלכע איך זאָל מיך נישט שרעקן באַצייטנס און נישט מורא האָבן פאַר אַ דורכפאַל... כ'באָקען מיך נישט גערן מיט נייע מענטשן, כ'האָב מיך פיינט פאַרצו־

שטעלן... בעיקר באַהערשט מיך אַ נישט דרייסטקייט אין אַנבליק פון באַמטע און זיכערקייטס־היטער. אין פּאָליציי, אָדער אין אַן אַנדערן עפנטלעכן אַמט גיי איך עד היום אין באַגלייטונג. דאָך, בעת אַ לעבנס־סכנה, ווייז איך אַרויס אין דער גרעסטער מאָס קאַלט בלוט, אָריענטאַציע און באַהערשונג.

אַזוי האָב איך מיך אויך אָריענטירט און אויסגעמיטן סכנות אין די וואַרשעווער גאַסן בעת די „בלוטיקע טעג" פון פינפטן און זעקסטן יאָר.

פון מ. פריידס בוכהאַנדלונג איז שוין געווען אַ טריט צו מיין שולע, וועלכע איך האָב לכתחילה אָנגעהויבן צו באַזוכן מיט גרויס אינטערעס.

די דאָזיקע שולע איז באַשטאַנען פון 3 קלאַסן אַ חוץ צוויי צוגריי־טונגס קלאַסן: אַ ייִנגערן און עלטערן. דער ערשטער קלאַס האָט אַרומ־גענומען דעם פּראָגראַם פון אַ דריטן גימנאַזיאַלן און נאָכן פאַרענדיקן די שולע פלעגט מען קאָנען אָנקומען אין פּאָליטעכניקום אָן עקזאַמען, אָדער אין אוניווערזיטעט, נאָכן באַלייגן אַן עקזאַמען פון לאַטיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז יאַנאָס אָפּגעגעבן געוואָרן אין סקרי־ניקאָווס גימנאַזיע און מיר פלעגן אַלזאָ לערנען די ערשטע יאָרן אין באַזונדערע שולעס. דער דירעקטאָר פון מיין שולע, ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש מוראַוולאָוו איז געווען אַ הויכער, דיקער מאַן, מיט אַ טיפּיש רוסיש פּנים: אַ פאַרשפּיצט רויט נעזל, קליינע, טאַטערישע אייגעלעך, אַ געפלעגט גרוי בערדל, צעקעמט פון ביידע זייטן אַרום די רויטע בעקלעך; אַ גוטמוטיקער, מיט אַ ווייכער, כמעט ווייבערישער שטימע. האָט ער ביי די שילער אַרויס־גערופן גרויס דרך ארץ און צוטרוי, להיפוך צום אינספּעקטאָר ניעטשאַיעוו, וועלכער איז ביי אַלע געווען פאַרהאַסט.

ניעטשאַיעוו, גלייכצייטיק לערער פון כעמיע און פיזיק, איז געווען אַ הויכער, דאַרער זקן מיט אַ פאַרמעט־געל פּנים מיט איין גרויס, בייז אויג, וואָס פלעגט אויף אַלעמען אָנוואַרפן אַ פּחד. דאָס צווייטע אויג איז ביי אים געווען אויסגעהאַקט און ס'איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ שוואַרצן, רונדן צודעק. זיין שטימע איז געווען אויך אַזוי טרוקן, ווי זיין אויסזען און האָט ממש געשניטן די אויערן.

ביידע, סיי דער דירעקטאָר, סיי דער אינספּעקטאָר האָבן געפירט די שולע לויטן מוסטער פון די רעגירונגס גימנאַזיעס, ווו די שילער האָבן

באַדאַרפט דערציוגן ווערן אַלס געטרייע דינער פון צאַר... אין דעם זין טאַקע זענען געווען פאַבריצירט די לערנביכער פון געשיכטע, געאָגראַ־פיע און ליטעראַטור.

פויפּסטלעכער פונעם פויפּסט איז אין דעם פרט געווען אונדזער לע־רער פון „זאַקאָן באָזשי" — יידישע רעליגיע, — אַ געוויסער שאַפּיראָ, אַ ליטוויש יידל מיט קורצזיכטיקע אויגן און געלע וואָנצעס, וואָס האָט נישט איינמאָל געטאַדלט די „לאַנגע פּעלערינעס און שוואַרצע העמדלעך", וואָס וואַגן זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם „צאַר־באַטיושקאַ". ער פלעגט אונדז טאַקע פירן אין טלאָמאַצקע סינאַגאָגע אין די „טאַבעלנע" טעג. פאַרן גיין אין סינאַגאָגע פלעגט ער אונדז נאָך אין קלאַס דערקלערן די וויכטיקייט פון דער פייערלעכער דאַטע...

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער זעלבער שאַפּיראָ געוואָרן אַ פּוילישער פּאַטריאָט און געלערנט דעם זעלבן „זאַקאָן באָזשי" אויף פּויליש. די ביידע שפּראַכן, סיי רוסיש, סיי פּויליש, האָט ער גערעדט מיטן זעלבן ליטווישן אַקצענט...

דער פאָטער האָט נישט געוואָלט, ווי אייניקע אַנדערע עלטערן, אָפּ־קומען מיט דער דאָזיקער „יידישער עדוקאַציע". הגם אייראָפּעאיש גע־קליידט, איז דער פאָטער געווען שטרענג רעליגיעז און ער האָט אויך געוואָלט זיינע קינדער אין דעם גייסט דערציען. פלעגט טאַקע צו אונדז אַ פּאָר מאָל אין וואָך קומען אַ רבי אויף צו לערנען העברעאיש און תנ"ך.

דער דאָזיקער רבי, אויך אַ ליטווישער ייד, אַ הדרת פּנים מיט אַ ברייטער, גרויער באָרד, געדיכטע, טונקעלע ברעמען און קלוגע, הגם שטרענגע אויגן, איז געווען זייער אַ „טייערער" און איז געווען אַן איינ־גייער נאָר אין די „בעסערע" הייזער.

הגם אונדזער היים איז נישט געווען קיין „בעסערע", דאָס הייסט, קיין רייכע, האָט דער פאָטער אָבער נישט געקאַרגט קיין געלט אויף צו לערנען זיינע קינדער און טאַקע אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס אין זייערע פאָרשריטן.

אָפטמאָל פלעגט דער פאָטער ביייוווינען אונדזערע לעקציעס און

אַפּילו געהאַט די פּריווילעגיע פון צייט צו צייט אַריינצוקומען אין קלאַס פון מוראַוולאָווס שולע בעת אַ לעקציע.

פונעם לערער שאַפּיראָ האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מען מוז בלינד־דערהייט אויספאָלגן אַלץ וואָס „נאַטשאַלסטווע" הייסט און מיין רבי האָט מיך געלערנט, אַז אַלץ וואָס עס שטייט אין דער תורה איז הייליק און מען טאָר אויף גאָרנישט פרעגן קיין קשיות, וואָס מער נישט פאַרענטפער־טע קשיות איך פלעג אָנטרעפן, אַלץ נייגעריקער בין איך געוואָרן און געזוכט ענטפערס אין אַ זייט.

ווען איך פלעג מיט די דאָזיקע ענטפערס אַ מאָל זיך טיילן מיטן רבין, פלעגט זיין פנים בלאַס ווערן, און זיין גרויסער קערפּער אָנהויבן צו ציטערן פאַר אויפרעגונג... מיט טרערן אין די אויגן פלעגט ער מיך וואָרענען כ'זאָל נישט איבערחזרן, ווייל איך קאָן נאָך חלילה אויסוואַקסן אַן אפּיקורוס...

ער האָט מיך פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר אַ „ווויל בחורל מיט אַ פייערדיק קעפּל".

אויך מוראַוולאָוו פלעגט זיך באַציען צו מיר מיט סימפּאַטיע, הגם איך פלעג זיין איינער פון די גרעסטע „לאָבוזעס" אין שולע. איך האָב אָבער די פאַרשידנסטע שמד־שטיק און „גראַנדעס" אָפּגעטון מיט אַזאַ פלינקייט און מיט אַזאַ אומשולדיקן אויסדרוק, אַז ס'איז געווען שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט...

צו די באַליבטסטע שפּיצלעך מיינע האָט געהערט דאָס אונטערלייגן אַ פּעטאַרדע אונטער דער קאַטעדרע. בעת עמעצער פון די נישט באַליבטע לערער פלעגט זיך אָנהויבן צו בייזערן אויפן קלאַס, פלעג איך געבן אַ צו ביים שטריקל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער פּעטאַרדע ביז מיין אָרט, נעמענדיק אין אַכט די אומרואיקע צייט און די אָפּטע באַמבע־אויפרייסן אין שטאָט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן די ווירקונג פון אַזאַ שפּיצל.

האָט טאַקע דער לערער שאַפּיראָ אַ מאָל געהלשט פון אַזאַ „עקספּלאָ־זיע". איך האָב אַ צו געטון דאָס שטריקל, ווען ער האָט זיך שלעכט אָפּגערופן וועגן די שילער פון די העכערע קלאַסן, וואָס האָבן געמאַכט אַ „זאַבאַסטאָווקע" (שטרייק) און נישט געוואָלט באַזוכן די למודים.

דער דאָזיקער פאַל האָט זיך שלעכט פאַר מיר געענדיקט, ס'איז תיכּף אָנגעלאָפן דער „קלאַסני־נאַסטאַוניק" (קלאַסן־אויפזעער) איררי־מיצאַ און דער אינספּעקטאָר ניעטשאַיעוו, מען האָט אונדז אַלעמען אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט און געדראָט מיט אַרעסט, אויב מען וועט נישט אויסגעבן דעם שולדיקן, האָט זיך טאַקע איין שילער דערשראָקן פאַרן אַרעסט און אָנגעוויזן אויף מיר...

מען האָט מיך דאַן געוואָלט אויסשליסן פון שולע מיט אַ „וואָלטשי בילעט", וואָס פאַרמאַכט פאַר דעם שילער די טירן פון אַלע שולעס אין שטאָט.

אַ דאַנק דער אינטערווענץ פונעם טאַטן און טאַקע פון מוראַוולאָוון אַליין, איז מיר דערלויבט געוואָרן אין איינציקע וואָכן אַרום ווידער צו באַזוכן די שולע.

דאָס האָט מיך אָבער נישט אָפּגעהאַלטן וויימער אָנצוגיין מיט מיינע שפּיצלעך, איך האָב נאָר געביטן דעם „רעפּערטואַר"... גענומען זיך צו „אומשולדיקערע" מיטלען... אָנצייכענען עפּעס מיט קרייד אויפן בענקל איידער עס פלעגט זיך דאָרט זעצן אַ לערערין... אין דער פּויזע, נאָכן אַרויסגיין פון קלאַס, פלעגן איר אַלע נאָכקוקן, לאַכן און אויפן קול קאָמענטירן די אָפּקאָפּירטע צייכענונגען. איך אָבער פלעג צוגיין צו איר שוין ביים אַריינגאַנג פון קאַנצעלאַריע און מיט אַן ערנסט פּנים איר העפלעך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דאָס קלייד איז איר פאַרשמירט... איך פלעג נאָך באַקומען אַ דאַנק און אַ גלעט איבערן קאָפּ...

איך בין געווען אַ ספּעציאַליסט אויף אונטערזאָגן, אויף אַרויסהעלפן אַ חבר אין אַן עת צרה, ווען ער האָט נישט געקענט ענטפערן אויפן לערערס פראַגע. דאַקעגן ווען איך פלעג מיך אַליין געפינען אין אַן ענלעכער סיטואַציע, פלעג איך סימולירן חלשות, אָדער אַ קראַץ טון זיך אין נאָז ס'זאָל אָנהויבן גיין בלוט, נישט איינמאָל פלעג איך אין אַזאַ פאַל אָפּגעשיקט ווערן אַ היים און חברים זענען מיך מקנא געווען, וואָס איך האָב אַזאַ „דאַנקבאַרע" נאָז...

מוראַוולאָוו פלעגט באַהאַנדלען די שילער „אַן־גראַ", קלאַסן ווייז, און יעדער באַזונדער פלעגט אַרויסרופן זיין אויפמערקזאַמקייט נאָר אין פאַל

פונעם נישט פּינקטלעכן איינצאָלן פונעם שכר־לימוד, אָדער ביי נישט גוטער אויפפירונג.

ער האָט פונדעסטוועגן געקענט יעדן שילער ביים נאָמען און געווען באַקאַנט מיט דער סאָציאַלער לאַגע פון די עלטערן. פון מיין פאָטער האָט ער גאָר שטאַרק געהאַלטן צוליב זיין פּינקטלעכקייט און אינטערעסירן זיך מיט מיינע פאָרשריטן אינעם לערנען. פאַר מיר איז דאָס גראָד געווען אַ חסרון, ווייל איך האָב תמיד געמוזט אָפּגעבן חשבון און באַווייזן די „נאָטן", וואָס זענען נישט תמיד געווען באַפרידיקנדיק, בעיקר פון אויפפירונג...

איך פלעג אָפט באַקומען אַ שאַרפן פּסק פאַר אַ שלעכטער „נאָטע" און כדי דאָס צו פאַרמיידן, האָב איך מיך גענומען פאַלסיפיצירן די „נאָטן"... איך האָב אינגיכן דערגרייכט מייסטערשאַפט אינעם איבערמאַכן די „נאָטן", אינעם אַרויסרייסן גאַנצע זייטלעך פונעם „באַלניק", „אויסבעסערנדיק" גלייכצייטיק די נומעראַציע פון די זייטלעך. אָפט מאָל פלעגן זיך טאַקע אַנדערע חברים ווענדן צו מיר, איך זאָל זיי אַרויסראַטעווען פון אַ פּיינלעכער סיטואַציע... איך פלעג דאָס אָבער נישט טון בחינם, נאָר מיר הייסן באַצאָלן מיט פּאָסטמאַרקעס, אָדער אַנדערע זאַכן, וועלכע איך פלעג זאַמלען.

פון קינדווייז אָן האָב איך אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו קאָלעקציאָנירן, האָב אָבער קיינמאָל נישט געהאַט קיין גערולד און אויסדויער צו דערפירן עפּעס ביז אַ סוף.

געווען אַלזאָ ביי מיר סעזאָנען פון „כעמישע זאַכן", וואָס זענען באַשטאַנען גאָט ווייס פון וואָס פאַרע פּראָשקעס, שטאַנגען, אָדער פליסיקייטן.

נענוג געווען אַ חבר זאָל מיר עפּעס ברענגען מיט אַן אָנגעשריבענעם לאַטייניש נאָמען און עס אָנרופן: „כעמישע זאַך", בין איך גרייט געווען אים צו מאַכן אַ צייכענונג, אָנשרייבן אייניקע זייטלעך „קאַליגראַפיע", אָדער גאָר אָפּגעבן די פּאָר קאָפּיקעס, וואָס די מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן אין שולע אריין.

מיין לייכטגלויביקייט און צוטרוי צו אַנדערע איז שוין פון קינדווייז אָן געווען באַקאַנט מיינע חברים און איך בין אין די קינדער־יאָרן נישט

איינמאָל געוואָרן אָפּגענאַרט און אַנטוישט, נישט ווייניקער ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

פּלעגט פאַרשווינדן דער אינטערעס פאַר „כעמישע זאַכן", האָב איך אָנגעהויבן צו קאָלעקציאָנירן וואָרצלען פון ביימער. דאָס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אומבאַקוועמלעכקייטן, ס'פּלעגט אָנפּלאָדיען ווערעם אין שטוב, האָט עס אָפּגעטרעטן דעם פּלאַץ פאַר פּאָסטמאַרקעס... נאָך פּאָסט־מאַרקעס — זומער־פייגעלעך; נאָך זומער־פייגעלעך — לעבע־דיקע זשאַבעס, יאַשטשערקעס, שלאַנגען, אויף וועלכע מיר פלעגן מאַכן גאַנצע „פּאָלאָוואַניעס" בעת די וואַקאַציעס אויף דער זומער־וווינונג.

אונדזער מאַמע פלעגט אויסשטיין גענוג צרות פון די דאָזיקע „קאָ־לעקציעס", דאַקעגן דער פאָטער פלעגט זיך נישט צערעמאָניען, נאָר פּשוט נעמען אַרויסוואַרפן די „יקר־המציאותן" אין מיסטקאַסטן אַריין...

ס'פלעגן נישט העלפן מיינע און יאַנאַסעס פּראָטעסטן, בקשות און טרערן צוליב די דאָזיקע „וואַנדאַליזמען". אַפילו די מאַמע פלעגט זיך אָפּטמאָל איינשטעלן פאַר אונדז: „זאָלן זיך די קינדער שפּילן"... דער טאַטע פלעגט אָבער אין אַזעלכע פאַלן זיין אומברחמנותדיק און „איינמאָל פאַר אַלעמאָל" מאַכן אַ סוף צו די „פּאַסקודסטוועס"...

די אַלע קאָלעקציעס, גראָד אַזוי ווי אַלע „טעאַטראַלע אונטערנעמונ־גען" און „ליטעראַרישע אַרבעטן" פלעגן מיר מאַכן בשותפות: איך מיט יאַ־נאַסן.

כדי צוצוגעבן אַ יורידישן ווערט אונדזער שותפות, פלעגן מיר שרייבן קאָנטראַקטן, אַרויפטריפן רויטן לאַק, ד"ה פאַרזיגלען און דער אָפּ־מאַך איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן.

ווי נאָר ס'פלעגט פאָרקומען אַ חילוקי דעות צווישן די „שותפים", פלעגט דער אָפּמאַך (קאָנטראַקט) תיכף צעריסן ווערן, ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווי מען איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג און ס'איז תיכף אונטערגעשריבן און פאַרזיגלט געוואָרן אַ נייער קאָנטראַקט... אַזעלכע קאָנטראַקטן פלעגן אָפּטמאָל געשריבן ווערן צו דריי, פיר אַ טאָג...

די לימודים אין שולע האָבן מיך אינגיכן אויפגעהערט צו אינטע־רעסירן. די לערער זענען נישט געווען פאַראינטערעסירט אין די שילער,

פּלעגן מעכאַניש אָפּזיצן זייער שעה און, דערהערנדיק דאָס קלינגען פֿור־נעם שווייצאַר גריגאַרי, אויף גיך פֿאַרלאָזן דעם קלאַס.

אויך מיר, קינדער, פּלעגן אויף אַ מעכאַנישן אופֿן איינחזרן אונדזערע לעקציעס אין דער היים, „איינזובערעווען", ווי מען האָט דאָס גערופֿן. ס'הייסט פּשוט איבערזאָגן דעם געגעבענעם טעקסט אַזוי פֿיל מאָל, ביז ער האָט זיך פֿאַרפּיקסירט אין זכרון און אויך אַזוי מעכאַניש פּלעגן מיר דאָס איבערחזרן פֿאַרן לערער. סיי ביים לערנען, סיי ביים ענטפֿערן אין קלאַס איז אונדזער געדאַנק געווען ערגעץ אַנדערש...

אַזאַ מין מעכאַניש לערנען האָט, פֿאַרשטייט זיך, ווייניק וואָס גע־קאָנט געבן דעם יונגן שילער, סיידן — אַ שלעכטן זכרון אין דער צוקונפֿט.

מיין זכרון איז טאַקע פֿון יענע יאָרן געוואָרן איינגעוווינט אויף אַן ענלעך מעכאַנישן אופֿן אַלץ אויפֿצונעמען; מיט דער צייט איז עס געוואָרן פֿאַרבונדן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און לעצטנס איז פֿאַר מיר דאָס פֿאַרפּיקסירן אַ טעקסט פֿון אַ ראָלע די גרעסטע אָפּקומעניש!

ליידער האָבן זיך אונדזערע לערער ווייניק אינטערעסירט מיט אונ־דזער דערציִאונג און דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, געווירקט דעמאָראַלי־זירנדיק אויף די שילער. גריגאַרים גלאָק פּלעגט אָפּט פֿון אונדז אויפֿגענומען ווערן מיט אַ הילכיקן „הורא"!...

אויך גריגאַרי איז געווען צופֿרידן פֿון די פּויזעס צווישן די שעהען, ווייל זיין בופֿעט פּלעגט אונדז צוציִען מער ווי די לימודים...

ווען איך האָב באַדאַרפֿט אַריבערגיין אין העכערן צוגרייטונגס־קלאַס, איז די שולע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ 7־קלאַסיקער און איך בין אָנגע־קומען גלייך אין דריטן קלאַס.

דער לערער־פּערסאָנאַל איז פֿאַרבליבן דער זעלבער, אפֿילו אונדזער קלאַס־אויפֿזעער, אירימיצאַ, האָט אונדז נישט פֿאַרלאָזט.

דאָס איז געווען אַ כאָכאָל, מיט לאַנגע, בלאָנדע וואָנסעס אויפֿן גלאַנצנדיקן, רונדן פּנים מיט כיטרע אייגעלעך. וואָס פּלעגן אַנטדעקן אַלע „איבעריקע" זאַכן, וואָס אַ שילער פּלעגט ברענגען אין קלאַס און ער פּלעגט זיי תיכף קאָנפֿיסקירן. ער איז געווען פֿון אונדז אַלעמען געהאַסט נישט ווייניקער פֿון ניעטשאַיעוון.

ווי נאָר ס׳פלעגן זיך דערהערן זיינע סקריפּענדיקע טריטעלעך, פלעגן מיר אויף גיך פאַרנעמען די ערטער און מאַכן דעם אָנשטעל פון קאָנצענט־רירטקייט און פלייסיקייט.

ער פלעגט אונדז לערנען די רוסישע שפּראַך און אַלץ אַרויסלייענען מיט אַ מאָנאָטאָנער טרוקענער שטימע פון די לערנביכער. די שילער פלעגן אין דער צייט שרייבן זיך בריוועלעך, צייכענען און אין די הינטער־שטע בענק אפילו שפּילן אין מאַרקעס.

ביים אַרויסגעבן די „נאָטן" פלעגט ער זיין זייער שטרענג: מער ווי אַ 3 מיט אַ פּלוס", האָט ער געטענהט, קאָן דער בעסטער שילער נישט באַקומען, ווייל אויף אַ „4" קאָן ער נאָר אַליין, דאַקעגן אויף אַ „פינף" — נאָר איין גאָט!

איך פלעג ביי אים פונדעסטוועגן באַקומען אַ מאָל אַ „4", ווייל דער פאָטער פלעגט אים יעדן יום־טוב אַריינשיקן אַ פלאַש ווין מיט אַ טאָרט און צו ניי־יאָר — אַ גאַנצן פּופּציקער.

דער דאָזיקער כאַבאַרניק איז געווען אַ גרויסער פּחדן און ווען עס פלעגט ווערן „פּריילעך" אין שטאָט, פלעגט ער „צוליבן שלעכטן געזונט" זיך זעלטן ווייזן אין שולע.

די „הייסע" טעג האָבן זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין אונדזער שולע, ספּעציעל אין זעקסטן און זיבעטן קלאַס.

אַמאָל האָב איך, גייענדיק אין שולע, דערזען די גאַנצע רימאַרסקע באַלאַגערט מיט פּאָליציי. פאַרן אַריינגאַנג אין שולע איז געשטאַנען די קאַרעטקע מיט קראַטענע פענצטערלעך, וועלכע פלעגט אין יענע טעג כסדר פאָרן אין דער ריכטונג פון פּאַוויאַק און צוריק...

אויף די טרעפּ — מיינע שכנים, די גוט־באַקאַנטע וואָלינצעס, מיט די ביקסן אין די הענט.

אויפן ערשטן שטאָק, אינעם ברייטן האָל, פאַרן אַריינגאַנג אין דער קאַנצעלאַריע, זענען צעשטעלט אין גלייכע רייען אַלע שילער פון די הע־כערע קלאַסן, אייניקע מיט פאַרבלוטיקטע פּנימער...

זיי שטייען מיט אויפגעהויבענע הענט און זשאַנדאַרמען לײדיקן אויס זייערע טאַשן. אָפיצירן קוקן דורך די געפונענע נאָטיץ־ביכלעך און אַנ־דערע קעגנשטאַנדן.

דער איין־אויגיקער ניעטשאַיעוו לויפט אַרום צווישן די רייען, שטופּט אַרויס פון דאָרט אייניקע שילער, קוויטשענדיק היסטעריש: „בונטאָווש־טשיקי! מערזאַווצי! וו׳סיביר! נאַ קאַטאָרגו!"

און די „בונטאָווטשיקעס" ווערן מיט קלעפּ אַראָפּגעטריבן אויפן הויף און פון דאָרט אין די קאַרעטקעס אַריין, וואָס פירן זיי ערגעץ־ווו אַוועק...

ביים רירן פון די קאַרעטקעס הערן זיך פון דאָרט אויסגעשרייען: „דאַ זדראַווסטוויעט סוואָבאָדאַ! דאָלאָי סאַמאָדיערזשאַוויע!"...

נאָך די קאַרעטעס פאָרט נאָך אַן אָפּטיילונג רייטער־זשאַנדאַרמעריע, וואָס רייניקט אָפּ די גאַסן פון צופעליקע פאַרבייגייער...

אַזעלכע פאַלן פלעגן זייער אָפט פּאַרקומען אין די וואַרשעווער שולעס, ביז אין אַ געוויסן טאָג זענען זיי אַלע פאַרמאַכט געוואָרן. מען האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ באַפעל פון הויפּט־אינספּעקטאָר זיי ווידער צו עפענען.

מיר האָבן זיך אין האַרצן געווונטשן, דער באַפעל זאָל קומען וואָס שפּעטער, אונדזערע עלטערן, דאַקעגן, דאָס פאַרקערטע.

און אָט אַ פרישע נייעס, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ וואַרשע.

דער „טיראַן" קאָנסטאַנטינאָוו איז געפאַלן פון אַ באָמבע! טיילן פון זיין קערפּער זענען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע ערטער, אפילו אויף אַ דאַך פון אַ הויז האָט מען געפונען אַ שטיקל האַנט מיט אַ פינגער...

נישט בחינם האָבן זיך די הייזער אַרום מאַרשאַלקאָווסקע און שוויענטאָקזשיסקע אַ טרייסל געטון פון דער עקספּלאָזיע! מיר האָבן זיי געהערט אפילו אויפן פּזשעיאַזד.

מען שושקעט זיך וועגן דעם אָנפאַלער... אייניקע זאָגן: אַ מיטגליד פון דער „באָיוווקע", אַ קריסט... אַנדערע ווידער — אַ יידישער סטודענט...

און אָט דערהערט זיך דער נאָמען: ברוך שולמאַן... אַ פּשוטער טרע־גער... זיך מקריב געווען פאַר דער פרייהייט... אומגעקומען ווי אַ העלד אין קאַמף מיטן טיראַן...

און אָט זינגט מען שוין אין די הייף:

„ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען"...

און יעדער סטראָף פונעם ספּאָנטאַן געשאַפענעם פאָלקסליד פאַר־ענדיקט זיך מיטן פערז:

„ברוך שולמאַן, דער גרויסער העלד!"

פאַרן זינגען דאָס דאָזיקע ליד קומט שווערע שטראָף, תפיסה, אָבער דער יידישער פאָלקס־מענטש שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר דעם.

דער הייליקער אָנדענק און פאַרערונג צום העלד איז שטאַרקער פון דער צאַרישער נאַגאַיקע...

„ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען"... לאָזט זיך לאַנגע יאָרן הערן איבער די וואַרשעווער הייף.

אין יענער צייט האָב איך אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר אויף דער וועלט... עפּעס אַ געראַנגל פון „צדדים"... פון איין זייט — „בונטאָוושטשיקעס", וועלכע מען דאַרף פאַרשיקן קיין סיביר און פון דער אַנדערער — „געטרייע זין פון פאָטערלאַנד"...

איין צד שרייט: „ביעי"! („שלאָג"!), דער צווייטער — „דאָלאָי"!

איין צד קלאַפּט מיט נאַגאַיקעס איבער די קעפּ; דער צווייטער — מיט „בלאַסע פינגער" אין שויב פונעם פּאַוויאַק...

און אָט שפּאַן איך איבער די חורבות פון די דאָזיקע קאַמפן, פון העלדנטאַטן, פון געוואַגטקייט, מסירת נפש און קידוש השם.

וויפל ברוך שולמאַנס האָט שפּעטער געשאַפן דער אויפשטאַנד אינעם געטאָ...

און פון דעם אַלעם איז פאַרבליבן איין גרויסער, אומענדלעכער „נישטאָ"!

ניין! זי איז אומצעררייסבאַר די קייט פון יידישער העלדישקייט! זי בייט נאָר דאָס אָרט, פאַרלאָזט די חורבות אויף אויפצולעבן אַנדערשווו מיט נייעם אימפּעט, מיט יונגן גלויבן און פּיאָנערישער עקשנות!

די דאָזיקע קייט ציט זיך ביז מדינת ישראל. זי איז אויפגעוועקט געוואָרן צו אַ ניי לעבן דורך דער דאָזיקער העלדישקייט און מסירת נפש!

ס'האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט דער פאַרלאַנג צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם המשך פון דער דאָזיקער קייט און צו באַזוכן ישראל.

דערווייל אָבער האָב איך מיך ווייטער געלאָזט זוכן די ערטער פון מיין פאַרגאַנגענהייט, פון מיינע קינדער יאָרן.

VII

דזשיקע גאַס

די נייע טראַמוויי־ליניע פירט אונדז פאַרביי די וואָלינער קאַזאַרמעס.

אָט ענדיקט זיך די הויפּט־קאַזאַרמע און... אין דער ברייט האָט זיך באַדאַרפט ציען די נאַוואָליפּקי. פון איר רעכטער זייט האָט זיך אַמאָל אָנגעהויבן די נאַלעווקעס און פאַראַלעל צו איר, פון לינקס — די דזשיקע.

צווישן די דאָזיקע צוויי לעבעדיקסטע אַרטעריעס פונעם יידישן „אַמאָל" האָבן זיך געצויגן גרויסע, געדיכט־באַוווינטע הייזער־בלאָקן. דאָרט איז געווען קאָנצענטרירט דער גאַנצער יידישער מסחר, וואָס האָט פון דאָרט געשטראָמט איבער די פאַרשידנסטע שטעט פון דער פּראָווינץ און ווייט מחוץ דעם לאַנד, אַזש קיין אַמעריקע, קיין כינע...

בתי מדרשים און „שטיבלעך" האָבן זיך נישט פאַרמאַכט 24 שעה אין מעת־לעת. יידישע שולן פון אַלע ריכטונגען: בונדישע, העברעאישע, אָרטאָדאָקסישע; חדרים און קינדער־גערטנער; פּראָפעסיאָנעלע פאַראייַנען און קלובן; יידישע טעאַטערס און קינאָס.

רעסטאָראַנען, האָטעלן און אכסניות פאַר די פּראָווינצער סוחרים; „צוקערניעס" און „קאַוויאַרניעס", ווו ס'פלעגן זיך צונויפקומען די יידישע וואָרט־זאָגערס און מנהיגים; די פּאָליטישע פירער און קעמפער. יונגעלייט אין לאַנגע קאַפּאָטלעך מיט שוואַרצע „ליטעראַרישע" בינדעס, וואָס האָבן געחלומט וועגן אַ „בעסערע וועלט"... אַקטיאָרן, אַמאַטאָרן, בדחנים און „לאַבעזשניקעס" — קלעזמאָרים.

דאָרט האָבן זיך געפונען חתונה־„סאַלעס", ווו ס'פלעגן מיטן „קנאַק" געפּראַוועט ווערן יידישע שמחות, קאָנצערטן און, אין אַ נויט, טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

יידישע געלערנטע, אַדוואָקאַטן און מעדיקער האָבן דאָרט געהאַט זייערע לאַבאָראַטאָריעס, קאַנצעלאַריעס און קאַבינעטן.

יידישע קינסטלער — זייערע אַטעליעס, ווי אויך זייערע אָפּנעמער: פון די רייכסטע באַלעבאַטים ביז דעם אָרעמסטן אַרבעטער.

בעלי־מלאכות — זייערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, באַלעבאַטים — זייערע פאַבריקן.

אַלע מעגלעכסטע און אוממעגלעכסטע פאַכן און מלאכות זענען דאָרט געווען קאָנצענטרירט.

אין מיטן וואָך אַ מענטשלעכער מוראַווייניק, פון וועלכן ס'פלעגן זיך צעלויפן אין אַלע זייטן און צוריקלויפן פאַרהאַוועטע, פאַרשמייעטע יידעלעך, וואָס זוכן פרנסה. ווען די פאַלסט אַריין אין שטראָם פון דעם הו־האַ, קאָנסטו זיך מער נישט באַוועגן לאַנגזאַם, ווערסטו מיטגעריסן און מוזט פאַרשנעלערן די טריט. דער שטראָם רייסט דיך מיט מיט זיין אימפעט, פאַרטויבט דיך מיט זיין טומל...

דערפאַר אָבער ברענגט דער שבת אַ ליבע רואיקייט פאַר דער דזשיקע און נאַלעווקעס... די קליינע פאַרמאַכט, די פאַבריקן רוען... יונגעלייטלעך אין לאַנגע קאַפּעטלעך שפּאַצירן מיט זייערע „סימפּאַטיעס". לאַנגע רייען פאַר די קאַסעס פון די יידישע טעאַטערס אויף סמאָטשע און דזשיקע, אויף דזשעלנע און לעשנע...

עס איילט זיך אַ ווייבל פון בעקער מיטן טעפּל טשאָלנט... אַ גרופּע צעשטראַלטע באַלעבאַטים גייען צוריק פון אַ קידוש מיט די טליתים אונטערן אָרעם...

פּראָלעטאַרישע יוגנט גייט אין „נאָוואָשטשי", אָדער אין קאַמינסקיס טעאַטער אויף אַ פּרימאָרגן־אַקאַדעמיע פון זייער אָרגאַניזאַציע...

אין די אָוונטן רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס אויף פּאָליטישע און קולטור טעמעס אויף טלאָמאַצקע 13, אויף קראָכמאַלנע, אויף קאַרמעליצקע...

און די ערב יום־טובים אין די וואַרשעווער גאַסן מיט די כאַראַקטעריסטישע אויסרופן:

— „אַלץ ווערט געכשרט! יינגלעך, מיידלעך, ווייבלעך"...

— „חמץ צו פאַרברענען, חמץ צו פאַרברענען!"...
אָדער: „סכך! סכך! פרישער סכך!"
— „גרינוואַרג, ווייבער, גרינוואַרג!...

און די אויסרופן פון די „געלעגנהייטס" סוחרים: „קוויטשערס!" — ערב שבועות; „פענער!" פאַר שמחת־תורה; „דריידלעך!" — צו חנוכה און „גרעגערס!", ערב פורים...

און דער פורים גופא מיט זיינע פורים שפּילן! די פאַרשטעלטע „מאַזשגאַרן", וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און גלייכצייטיק זיך געשראָקן פאַר זיי...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך ענלעכעס געפּילט צו מיינע חברים, פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן...

די יינגלעך מיט די איינגעוויקלטע טעלער „משלוח־מנות", וועלכע מיר האָבן מיט אַזאַ אומגעדולד און נייגעריקייט אויסגעקוקט: „וואָס פאַראַ גוטע זאַכן וועט ברענגען דער טעלער?...

ליבע, טראַדיציאָנעלע הייף און גאַסן פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס!

און די אַרבעטער יום־טובים אין דער יידישער גאַס מיט זייערע אימפּאָזאַנטע מאַניפעסטאַציעס מיט די רויטע פענער!

דאָרט פלעגן אונדזערע פאָלקס־טריבונען אָנצינדן די מאַסן און זיי רופן צו מעשים!

פון דאָרט פלעגן אונדזערע אומדערשראָקענע העלדן מאַרשירן אויף קידוש השם!

דאָרט פלעגט זיך יידיש בלוט גיסן אין די רינשטאָקן און פון דעם בלוט פלעגט אויסוואַקסן נייע העראָאישקייט, וואָס האָט אַזוי פיל שיינע בלעטער פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון אונדזער אַרבעטער באַוועגונג!

דאָרט — האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדער יאָרן. מיין זכרון גרייכט ביז דער צייט, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען אלף־בית צו 3 יאָר. מיר האָבן דאַן געוווינט אויף גענשע 5.

לאָמיך גיין אין דער ריכטונג.

איך פלעג דאָך דאָרט גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן... גיי איך איצט מיט אָפענע אויגן און זע דאָס זעלבע וואָס מיט פאַרמאַכטע...

די טראַמוואַי־ליניע פירט איבערן פאַרשוויגענעם האַרץ פונעם געוועזענעם יידישן לעבן צווישן נאַלעווקעס און דזשיקע.

אַט דאָ איז מסתמא געווען שטאַבזיבס גרויסע הויז... איך געדענק אים נאָך פון גענשע 5. דאָרט האָט ער געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ „יידיש" היטל... די פּריילינס זיינע זענען נאָך געווען קינדער אין די וויגעלעך.

אויף נאָוואָליפּקי ראָג דזשיקע, אינעם אייגענעם הויז, איז ער שוין געווען „דייטש" געקליידט און דאָס אמאָל רויטלעכע בערדל — האַלב ראַזירט און מיט דער צייט איז עס אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די פּריילינס האָבן צוליב פּרץ מאַרקישן אָנגעהויבן צו רעדן יידיש, געוואָרן אָפּטע איינגייערינס אויף טלאָמאַצקע 13 און ער, מאַרקיש, ביי זיי אויף נאָוואָליפּקי עק דזשיקע...

די ווענט פון זייער גרויסער דירה פלעגן באַצירן די געלונגענע און נישט געלונגענע בילדער פון יידישע קינסטלער. האָט טאַקע דאָס הויז געשמט אַלס „קינסטלער־הויז".

לינקס פון דעם הויז האָט זיך אָנגעהויבן די דזשיקע...

געניי דאָס אָרט פעסטצושטעלן איז אוממעגלעך. מען דאַרף זיך אָריענטירן אין דער „פאַנטאַזיע"...

אָט איז פון רעכטס דאָס אָרט פון דזשיקע 6, וואָס האָט זיך פאַראַלעל צו דער נאָוואָליפּקי דורך דריי לאַנגע הייף אַדורכגעריסן אַזש ביז די נאַלעווקעס. האָט עס טאַקע פון דער צווייטער זייט געטראָגן דעם נומער 11 נאַלעווקעס.

דאָרט האָט זיך געפונען דער רעסטאָראַן פון די טרעפלערס, מיין חבר נאָרווידס עלטערן, און אינעם צווייטן הויף זייער דירה, וווהין איך בין אַ מאָל מיט אַ ציטער אין האַרצן אַרויף זיך באַקענען מיט דעם דעמאָלטיקן שילער פון דראַמאַטישער שולע.

ביי אים האָב איך באַקומען די ערשטע אויסקונפטן און עצות ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין ביים אָנקומען אין אַ דראַמאַטישער שולע.

די ווענט פון זיין גרויסן צימער זענען געווען באַהאָנגען מיט משונהדיקע פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן און קאָפּברעכערישע קאָמפּאָזיציעס פון זיין

יינגערן ברודער, יאַנוש טרעפּלער, דער זעלבער האָט מיר אין יאָרן אַרום פּראָיעקטירט דעקאָראַציעס צו פּינסקים „אוצר".

דאָרט האָב איך אויך דערקענט דעם גימנאַזיע שילער מונוועז און נאָך אייניקע פון די שפּעטערדיקע חברים פון פּזשעשיאַזד פּינף.

אינעם ערשטן הויף פון דזשיקע 6, דעם אַזוי גערופענעם שפּילריינ־ביאַלער הויף, האָט געוווינט אונדזער מאַמעס עלצטער ברודער, דער פּע־טער גוטמאַן גאָטאָוויזנאַ מיט דער מומע גאָלדוש.

אַליין קינדערלאָזע, האָבן זיי אונדז, זיין יינגסטער שוועסטערס קינ־דער, שטאַרק ליב געהאַט.

אונדזער מאַמע איז געבליבן יונגערהייט אַ יתומה און זיי האָבן איר פאַרטראָטן די עלטערן... זיי האָבן זי אויך חתונה געמאַכט און אַלע יאָרן געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אונדזער היים.

אויך מיר, קינדער, האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט, איבערהויפּט דעם גוטן, האַרציקן, תמיד צעשמייכלטן פּעטער גוטמאַן.

נישט איינמאָל פלעג איך זיך איינגראָבן מיט די פינגערלעך אין זיין גערדיכטער, בלאָנדער באָרד... ער פלעגט עם גוטמוטיק פאַרטראָגן און, הוידענדיק מיך אויף די קניען, צוזינגען זיינס אַן אייגענע אימפּראָ־וויזאַציע...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג איך מיין טאָכטער הוידען מיטן זעלבן געזאַנג.

יעדן שבת נאָכמיטאָג פלעגן מיר מאַכן וויזיטן ביים פּעטער „סראָ־כאַיעם" און ביי זיי, ביים פּעטער „סראָכאַיעם" פלעגן מיר „פאַרשטעלן" און ביים פּעטער גוטמאַן דערציילן נייעסן פון חדר און פון דער היים און טאַקע באַקומען דעם געשמאַקן שבת־אויבסט. אַ ספּעציעלע פּאַרציע פאַר מיר, שלמה זלמלען, ווי ער האָט מיך גערופן און אַ צווייטע פאַר שמחה־יונהלען, — פאַר יאַנאַסן.

פּעטער גוטמאַן האָט פאַרגעטערט קינדער און האָט שטאַרק געליטן וואָס ער האָט קיין אייגענע נישט געהאַט.

פלעגט ער דערפאַר לאָזן אַלע פאַר יאָר שרייבן אַ ספר־תורה און פּראַוון דעם סיום מיט גרויס פּאַראַד.

דער גאַנצער הויף איז געווען פול מיט געסט, וואָס האָבן געטאַנצט און געזונגען ביז אין טאָג אריין. דער פעטער גוטמאַן האָט געשטראַלט פאר נחת און מומע גאָלדוש האָט זיך געפילט גליקלעך ווי אַ געוויינעריין.

די ספרי תורהס פלעגט פעטער גוטמאַן אוועקשענקען דעם „שטיבל״, וואָס ער אַליין האָט געגרינדעט אינעם זעלבן הויז, טאַקע אַנטקעגן זיין דירה. ער איז געווען דאָרט גבאי ביזן סוף פון זיין לעבן.

די לעצטע יאָרן זיינע איז ער געווען פאַראָרעמט און קראַנק.

ווען אונדזער מאַמע איז אין יאָר 1929 געשטאָרבן, איז ער, אַ קראַנקער, געלעגן אין בעט און מיר האָבן דאָס אומגליק פאַרבאָרגן פאַר אים.

צו ביסלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנצושטויסן, אַז מיט „איטקע־לען״, ווי ער האָט אונדזער מאַמען גערופן, איז עפּעס נישט גלאַט. שוין אַזאַ לאַנגע צייט, ווי זי איז אים נישט מבקר חולה...

סוף־כל־סוף האָט ער זיך דערוווסט וועגן איר טויט און, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען, איז ער, אַ שווער קראַנקער, ארויס אויפן בית־עולם צו דער מאַמעס קבר.

דער גרויסער פראָסט — ס׳איז דאַן געווען איינער פון די שווערסטע ווינטערס אין פּוילן — און דער עגמת נפש האָבן אים איינגאַנצן צעבראָכן...

אָט זע איך אים זיצן אויף זיין באַליבט אָרט ביים פענצטער פון זיין פּאַרטער־דירה. ער קאָן אונדז נישט מוחל זיין, פאַרוואָס מיר האָבן אים נישט צוזויסן געטון וועגן דער לוויה...

— „סטייטש... מיין איטקעלע... מיין איטקעלע...״ און טרערן רינען איבער זיין ווייסער באָרד און דער גאַנצער גוף ציטערט און טרייסלט זיך...

„מיין איטקעלע... מיין איטקעלע״...

אין איייניקע טעג אַרום האָט זיך אָנגעהויבן זיין גסיסה. זי האָט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך שטאַרק געמאַטערט.

זיין שווער כאָרכלען, ווי פון אַ געלעכערטן בלאָז־זאַק האָט מיך געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

יעדע ווײַלע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אַ גבאי פונעם שכנות־דיקן שטיבל און פאַרשוונדן געוואָרן מיט פאַרדרוס: — „זע נאָר, ווי

לאַנג עס ציט זיך״... אַזוי אייניקע מאָל... ביז איך האָב פאַרהאַקט די טיר און געלאָזט זיי אומגעדולדיק וואַרטן אין דרויסן אויף זיין פטירה...

תמיד — פאַרבייגייענדיק דזשיקע 6, פלעג איך זען פאַר זיך דאָס גוטמוטיקע פּנים פון פעטער גוטמאַן און הערן דאָס געזאַנג ביים הוידען מיך אויף זיין קני.

איצט קאָן איך נישט דערקענען דאָס אָרט, ווו דאָס געזאַנג איז געזונגען געוואָרן, ווו שלמה־זלמלע און שמחה־יונהלע האָבן אַזוי פיל זאָרגלאָזע שעהען פאַרבראַכט...

אַנטקעגנאיבער איז געווען דזשיקע 5.

דאָס הויז האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח. געווען אפילו אַ מאָל אַ פּלאַן אויסצובויען אינעם ברייטן הויף פונעם הויז אַ יידיש טעאַטער.

ווי תמיד, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אינעם בויען אַן אייגענעם בנין פון אַ יידיש טעאַטער, האָבן שוין די „קאָמפּעטענטע" אינסטאַנצן געפונען אַ פּאַראַגראַף דאָס צו פאַרווערן.

אין דעם הויז האָט זיך געפונען דער „החלוץ" און קליין־הענדלער פאַראיין. דאָרט האָבן אויך געוווינט דער אַלטער איגנאַצי אַדעלפּאַנג און פאַלקאָווניק ד"ר מיזעס, וועלכע האָבן געשמט מיט זייערע גרעסטע פּריוואַט ביבליאָטעקן און זעלטנסטע ביכער־קאָלעקציעס.

אין די גרויסע זאַלן פון דזשיקע 5 פלעגן אויך אָפט פאָרקומען קאָנצערטן און טעאַטער אָוונטן.

געווען אַ צייט אין וואַרשע, ספּעציעל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אויף דער יידישער גאַס זענען געווען שטאַרק פּאָפּולער אַזוי גערופענע „קאָנצערטן".

אַן אַרבעטסלאָזער אַקטיאָר פלעגט „אָרגאַניזירן" אייניקע יונגעלייט וואָס „פילן אַ דראַנג צום טעאַטער", מען פלעגט אָפּדינגען אַ חתונה־זאַל, אַ טאַנץ־זאַל, אַ פאַרמאַכטן קינאָ, אָדער סתם אַ גרעסערע „סאַלע" און מען... פלעגט פאַרקויפן בילעטן.

דאָס פּראָגראַם גופא פלעגט געוועגלעך אימפּראָוויזירט ווערן בעתן קאָנצערט...

איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָנצערטאַנטן אין יענער צייט איז געווען שלמהלע לינדענפעלד, אַ פּראָפעסיאָנעלער קופּלעטיסט אָן אַ שטי־מע, מיט אַ בלאַס, פאַרחושכט פּנים, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף נישט דערעסענע טעג און נישט דערשלאָפענע נעכט...

געוועלעך פלעגט ער זינגען זיינע אייגענע שאַפונגען, וועלכע ער פלעגט לאָזן אָפּדרוקן און פאַרקויפן טאַקע אויפן זעלבן קאָנצערט.

קוקנדיק אויף זיין בילד, מיט וועלכן ס'איז געווען באַצירט דאָס שער בלעטל, אויף זיין שמייכלענדיק פּנים אונטער אַ צילינדער, ווילעריש פאַררוקט אויף אַ זייט, אויפן ווייסן קראַוואַט און „בריליאַנטענע" קנעפּ אויפן „פראַטשנעם" העמד, האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער דאָזיקער פאָלקסזינגער גייט תמיד אַרום אַ הונגעריקער...

ס'האָט זיך באַוויזן אויף די דעמאָלטיקע קאָנצערטן אַ צווייטער קופּ־לעטיסט פונעם זעלבן שניט, אַן עלטערער ברודער פונעם שרייבער שלמה גילבערט, נישט וועלנדיק געטרויען דאָס ביכל בילעטן דעם פאַר־קויפער, פלעגט ער עס אים אַראָפּדערלאַנגען פון דער עסטראַדע און האַלב־דייטשמעריש אַנאָנסירן: „אַט גיב איך איבער מיין פרוינט אונד קאָלעגע די בילעטן פאַרן נעקסטן קאָנצערט".

דער זעלבער גילבערט איז נאָך דער ערשטער מלחמה פאַרוואָרפן געוואָרן אַזש קיין בראַזיל און פאַרענדיקט זיינע „קאָנצערטן" אויפן בית־עולם פון פּאָרטאָ אַלעגרע...

פון די דאָזיקע „קאָנצערטן" איז אַרויס אַ גאַנצע רייע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט דער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אינעם יידישן טעאַטער, ווי: אסתר פערעלמאַן, מאַקס פּאָקאָי, מאָרים לאַמפּע, משה פּאָלאַקעוויטש, זישע קאַץ און אונדזער באַליבטער בדחן, שיעלע באָק־סענבוים.

איך בין געווען אַן אָפטער איינגייער אויף די דאָזיקע קאָנצערטן. ס'האָט מיך אינטערעסירט די אימפּראָוויזאַציע, די פּרימיטיווע אויסדרוקס־מיטלען פון די איינגעבוירענע טאַלענטן, אָפטמאָל גאַנצע און האַלבע אַנאַלפאַבעטן.

אויף איינעם פון אַזעלכע קאָנצערטן האָב איך דערקענט דעם אַלטן אָסקאַר.

זיגמונט טורקאָוו

די מלחמה האָט אים צוריקגעבראַכט פון די ווייטע רוסישע פּראָווינצן אין זיין היימשטאָט וואַרשע.

ער האָט מיך איבערראַשט מיט זיין דעקלאַמירן אין דער דייטשער און פּוילישער שפּראַך. דער דאָזיקער זקן האָט געהאַט פענאָמענאַלע שטים־מיטלען און דיקציע. הגם אָן איין צאָן אין מויל, האָט ער דאָך נישט געלאָזט פאַרלוירן גיין קיין איין אות פון אַ וואָרט און מיר האָבן אים אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשטעלט פאַר אַ ביישפּיל פאַר יונגע אַקטיאָרן: ער האָט באמת מיט זיך פאָרגעשטעלט די מוסטערהאַפטסטע שולע פאַר דיקציע, דעקלאַמאַציע און קונסט פון אויסשפּראַך.

זיין שטים האָט פאַרמאָגט מעטאַל פון אַ גלאָק, אויסדרוקס־קראַפט און עלאַסטישקייט.

ווען נישט זיין איינגעשרומפּן פּנים, דאָס איינגעבויגענע גופל אויף די ציטערדיקע פיסלעך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס דעקלאַמירט אַ צוואַנציק יאָריקער ריז!

און זיין זכרון! אויך אין דעם פּרט איז ער געווען אַ פענאָמען: אַזעלכע פּיעסעס, ווי שילערס „רויבער" האָט ער געדענקט פון אויסנווייניק... און ווען ער פלעגט אונדז פאַרשפּילן די סצענע פון פראַנץ מאָר אינעם לעצטן אַקט, זענען מיר געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם... זיין שטימע האָט געדונערט באַשולדיקונג און האַס, די אויגן האָבן דורכגעשטאָכן מיט זייערע בליצן, אַ שוים האָט זיך באַוויזן אויף די איינגעפאַלענע ליפּן. האָסט געהאַט דאָס געפיל, אַז די גאַנצע תוכחה ווערט אויסגעשפּיגן פון אָט דעם קליינעם מענטשעלע, וועלכער וואַקסט פאַר דיינע אויגן, באַצווינגט דיך מיט זיין ווילן און אוממענטשלעכער קראַפט און דערפילסט זיך פּלוצים אַזוי קליין און אומבאַהאָלפן, גלייך מען וואָלט דיר די גלידער און ס׳לשון אָפּגענומען...

נאָכן סוף פון דער סצענע האָבן מיר לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך... ס׳האָט זיך נישט געהויבן די האַנט צו אַפּלאָדירן... דער אַפּלאָדיסמענט האָט זיך אויסגעוויזן פאַר אַ צו וואָכנדיקן אויסדרוק פון באַגייסטערונג לגבי דעם גרויסן יום־טוב, וואָס ער האָט אונדז געגעבן.

יונגוואַרג איז ספּאָנטאַן אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, געהויבן דעם זקן אין די לופטן, געקושט, געיובלט!...

דאָס איז געווען דער דערהויבנסטער אָוונט וואָס די קאָנצערטן האָבן מיר געגעבן.

צום באַדויערן אָבער האָט אָסקאַר נישט געקאָנט זיך אויסלערנען קיין יידיש, אין דעם פּרט האָט אים זיין זכרון נישט צוגעדינט, הגם ער האָט עס שטאַרק געוואָלט.

ער האָט אַ שטיק צייט געשפּילט אויף דייטשע בינעס, אַפילו מיט אַדאָלף זאָנענטאַל, ווי ער פלעגט זיך אָפט באַרימען...

יאָרן לאַנג ווידער איז ער אַרומגעפאָרן מיט יידיש־דייטשע טרופּעס איבער רוסלאַנד און איז געווען דער ספּעץ פון דייטש־רעדן און לערנען זיינע מיטשפּילער „שפּילן אויף דייטש".

די עלטערע אַקטיאָרן פלעגן זיך שושקען, אַז אין יענע יאָרן אויס־נוצנדיק זיין פּריווילעגירטע פּאָזיציע פון אַ „דייטש", פלעגט ער נישט שטענדיק האַנדלען עטיש און חבריש לגבי זיי... מען האָט אַפילו גע־שמועסט, אַז ער איז געשמדט...

זיי פלעגן אים טאַקע אויסמיידן נאָך זיין צוריקקומען קיין וואַרשע. האָט ער דערפון שטאַרק געליטן און נישט איינמאָל זיך פאַר מיר באַקלאָגט.

אסתּר רחל קאַמינסקי, וועלכע איז אויך געווען איינע פון זיינע ערשטע שילערינס, פלעגט אים, להיפוך צו אַנדערע, מקרב זיין, און ביי יעדער געלעגנהייט אים געבן אַ „דזשאָב".

געדענק איך טאַקע איינעם פון אַזעלכע געלעגנהייטן, ביי וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו שטיין מיט אים צום ערשטן מאָל אויף דער בינע, דאָס איז אַגב געווען מיין דעביוט אינעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער.

ס'איז געווען אין דער צייט פון „פּזשעיאַזד 5". אין קאַמינסקיס טעאַטער איז געגעבן געוואָרן אַ בענעפיס לטובת דעם „רעזשיסער" הער־מאַן פישער.

כדי דער אָוונט זאָל אַרויסרופן אַ גרויסן אינטערעס, האָט מען באַ־שלאָסן צו מאַכן אַ „קאָמבינאַציע־פאָרשטעלונג" פון „די רויבער" מיט בלויז „סטאַרס", אויפן אַמעריקאַנער שטייגער.

אסתּר רחל קאַמינסקי האָט געשפּילט אַמאַליע, אַלס קאַרל מאָאָר איז אויפגעטראָטן אַן אָפיציר פון דער דייטשער אַרמיי, אַן אָפּטער איינ־

גייער אין יידישן טעאַטער; אָסקאַר האָט געשפּילט זיין קרוין־ראָל — פראַנץ מאָר און איך, הגם אַן אָנפאַנגער, האָב באַדאַרפט ארויסרופן פאַר־אינטערעסירונג אַלס „יונגער, טאַלענטירטער ארטיסט פון דער פּוילישער בינע”...

אַלס נייַנצניַעריקער בחור האָב איך געשפּילט דעם אַלטן מאָר און אָסקאַר, דער זיבעציקיעריקער מאַן — מיין זון...

אַזעלכע קוריאָזן, אגב, האָבן נישט איינמאָל זיך געטראָפן מיט מיר אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן...

אין אַ געוויסער סצענע, ווען פראַנץ הויבט אָן שטיקן זיין אַלטן פאָטער, האָט זיך אָסקאַר אַזוי איינגעגעסן מיט זיינע ציטערדיקע פינגער אין מיין האַלדז, אַז עס האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם... איך האָב מיך קוים באַפרייט פון די ביינערדיקע צוואַנגען און אַריינגעשריגן אים אין אויער: „הער אָסקאַר, זי דערשטיקן מיך!”...

ער האָט זיך דערנאָך פאַרענטפערט פאַר מיר, אַז ער קאָן נישט „מאַכן דעם אָנשטעל” אויף דער בינע, ער מוז איבערלעבן... אַי, וואָס פון אַזאַ „איבערלעבן” קאָן אַ צווייטער פאַרלירן דאָס לעבן, איז געווען דער תירוץ, אַז „פון שפּילן טעאַטער איז נאָך נימאַנד געשטאָרבן”...

אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגט אסתר רחל קאַמינסקי אָפט אויסזוכן פאַר אָסקאַרן און ער איז צוליב דעם געווען שטאַרק צוגעבונדן צו איר.

— „זי איזט גראָס, — פלעגט ער זאָגן — זי איזט אַדאָלף זאָנענטאַל אין קליידל!”...

נישט געקוקט אויף די אָפטע קאָנצערטן און ספּאָראַדישע אויפטריטן אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער האָט ער פונדעסטוועגן כמעט אַלע זיינע יאָרן געליטן נויט...

נאָך דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע, וואָס האָט פאַרשמוצט דאָס יידישע טעאַטער מיט אַן אַ שיעור נייע גערמאַניזמען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג אָפּצוהיטן די ריינקייט און קולטיווירן דאָס יידיש לשון אויף דער בינע.

דאָס איז געווען די סיבה, וואָס קיין שום טעאַטער האָט אים נישט געוואָלט אַנגאַזשירן אויף אַ לענגערער צייט, הגם אַזעלכע פּרוּוון זענען אָפט געמאַכט געוואָרן.

— „איך שפּרעך דאָך יידיש! — פלעגט ער זיך באַקלאָגן מיט טרערן אין די אויגן. „וואָס זאָגן די לייטע דאָס איך קיין יידיש שפּרעכע! און וואָס איזט דאָס, ניכט יידיש?!...

אין יאָר 1927 האָב איך אים, אַלס עמעריט פון אַרטיסטן פאַראיין, מיט אַ צווייטן עמעריט, אַמאַסיע, אַנגאַזשירט אינעם „וויקט". איך פלעג פאַר אים שאַפן סצענעס אַן ווערטער, אין וועלכע ער פלעגט פונדעסט־וועגן ווירקן מיט זיין אימפּאַזאַנטן, ווייסן קאָפּ און שאַרפער עקספּרעסיע.

אויף די „וועלף" פון ראָמען ראַלאַן האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט וואָס איך האָב אים אין די מאַסן סצענעס געמאַכט פאַר אַ גענעראַל, און ווען ס'פלעגט אים אַמאָל אויסקומען צו שטיין נישט אויפן ערשטן פּלאַן, פלעגט ער זיך באַקלאָגן פאַר מיר: „זאָגן זי, איך בין דאָך גענעראַל, וואָרום קאָמט דיזע שנעקעס צו שטיין פון פאָרנע"...

ביים רעפּעטירן פּאַטס אין „גאָלדן לאַנד" האָב איך אים געמוזט בעטן, ער זאָל רעדן אויף זיין קול, נישט... מאַכן זיך אַלט...

— „יאַ, איך שפּיל דאָך איינעם גראָספּאַטער — פלעגט ער זיך פאַר־טיידיקן: — קאַן איך דאָך ניכט שפּרעכן ווי אָסקאַר"...

אגב די באָבע, זיין פרוי, הייסט עס, האָט דאַן געשפּילט די יינגסטע טאָכטער פון לייזער און זינע ראַפעל, די קליינינקסקע 15 יאָריקע אַנדזשע... זי האָב איך ווידער געדאַרפט לערנען „זיך מאַכן אַלט"...

דערפאַר האָט ער אויפגעלעבט אין פּינקסים „אוצר". צווישן אַלע באַ־לעבאַטים פון שטאָט, וואָס באַזוכן דעם בית־עולם, האָט זיך דאָך על פּי שכל געקאָנט געפינען אויך אַן עלטער יידל, וואָס רעדט דייטשמעריש. האָב איך טאַקע איינעם פון אַזעלכע באַלעבאַטים געגעבן אָסקאַרן און דערלויבט אים צו רעדן זיין „ריינעם יידיש". איך האָב אים ממש מחיה געווען דערמיט, אָסקאַר וואָלט נאָך געלעבט לאַנגע יאָרן, ווען נישט אַ קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער ער איז געפאַלן אַ קרבן. אומקערנדיק זיך אַמאָל פון טעאַטער, איז ער איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל. געלעגן אַ צייט אין שפּיטאָל, דערנאָך ווידער זיך באַוויזן אין פאַראיין און אין געריטנערס רעסטאָראַן, אָבער ס'איז שוין נישט געווען דער אַמאָ־ליקער לעבנסלוסטיקער, טעמפּעראַמענטפולער אָסקאַר. ער איז אויסגע־גאַנגען ווי אַ ליכט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָזענער, אַ פאַרגעסענער...

אַן עלטערע פרוי, אַ קריסטין, האָט דערקלערט אויפֿן בית־עולם, אַז זי איז זיין טאָכטער...

ביי זיין לעבן האָט קיינער נישט געוווּסט, צו ער האָט ווען געהאַט אַ פאַמיליע...

זיין אמתער נאָמען איז געווען אייזנבעט און געשטאַמט האָט ער פון אַ שטאַרק אַסימילירטער ווארשעווער משפחה.

אין 1929 האָט זיך אין די „ליטעראַרישע בלעטער" געדרוקט אין אייניקע המשכים מיינע אַ נאָוועלע אונטערן נאָמען: „עמעריטן". אַלס מוסטער האָבן מיר טאַקע געדינט ביידע עמעריטן פון אַרטיסטן פאַראיין: יוליוס אָסקאַר און אַמאַסיע.

זייענדיק שוין אין בראַזיל האָב איך אין מיינס אַן איינאַקטיקער דראַמע: „אויף דער עלטער", אויפגעלעבט אַן עפּיזאָד פון יוליוס אָסקאַרס לעצטע יאָרן ביים טעאַטער.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט זיך גענומען פון די קאָנצערטן אין דער יידישער גאַס. איינס פון די דאָזיקע „קאָנצערטהייזער" האָט זיך טאַקע געפונען אויף דזשיקע 5.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע טיי־האַלע.

אַ צווייטע, אַן ענלעכע, איז געווען אינעם לאָקאַל פונעם געוועזענעם דרוקער פאַראיין אויף דזשעלנע 33, קעגנאיבער פּאַוויאַק.

די דאָזיקע טיי־האַלעס, ווו מען האָט פאַר אַ פּאָר גראָשן באַקומען אַ היים און געצוקערט גלאָז טיי און אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַדע — זענען געווען אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך דעם טיכטיקן און ליבהאַרציקן פאָלקס־מענטש לאָזער קלאָג, דעם געוועזענעם פאָרזיצער פון דרוקער פאַראיין.

אין דער טיי־האַלע אויף דזשיקע 5 האָט אייניקע חדשים געאַרבעט אַלס קעלנער אייזיק סאַמבערג. איך פלעג אים אָפט באַגלייטן, ווען איך פלעג גיין צו דער זעלבער אַרבעט אויף דזשעלנע.

די דאָזיקע אַרבעט האָבן מיר אייגנטלעך אַליין גענומען אויף זיך. ס׳איז אונדז, אַלס אַרבעטלאָזע, באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער חודשדיקער געהאַלט פון דעם פאָנד פאַר „פאַרדינסטפּולע". כדי די אונטערשטיצונג

זאָל טראָגן אַ בכבודיקן כאַראַקטער האָט מען אונדז באַשטימט אַלס אויפזעער אין די צוויי טיי־האַלעס.

קומענדיק אָבער דעם ערשטן טאָג צו מיין נייעם „אמט”, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער „פּאָסטן” איז אַ פיקטיוון, ווייל אַלס אויפזעערין אַרבעט דאָרט די דינאַמישע און קלוגע טאָכטער פון לאָזער קלאָג, וועלכע ווייזט אַרויס אַ סך בריהשקייט ביי דער דאָזיקער שווערער און פאַר־אַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן טאָג אינעם ווייסן קיטל, אין דער צייט וואָס אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן געהאָלפן אין קיך אָדער פונאַנדערגעטראָגן די טאַצן מיט די גלעזער טיי פאַר דער גרויסער צאָל דורכגעפרוירענע און הונגעריקע היימלאָזע. מיט סאַמבערגן האָט אויך פּאַסירט דאָס זעלבע. איך האָב אים אַלזאָ פאַרגעלייגט, מיר זאָלן נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט ווי די סטאַטיסטן, נאָר פרייוויליק נעמען אויף זיך די ראָלן פון קעלנערס, אין וועלכע ס׳איז אגב דאָרט געווען אַ מאַנגל.

סאַמבערגן איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. אַ מאָל, גייענדיק צו דער אַרבעט, האָט ער מיר אויף זיין שטייגער אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— „ס׳איז געווען אַ גאָלדענער איינפאַל! אַרבעטן מיר כאָטש ערלעך אויס די פּאָר זלאָטעס!

און זאָלן טאַקע די יידן וויסן, ווער ס׳דערלאַנגט זיי ס׳גלעזל טיי! קאָן מען נישט שפּילן קיין טעאַטער פאַר זיי, לאָמיר זיי כאָטש אויף אַזאַ אופן פאַרשאַפן הנאה...

דאָס אָרט, וווּ סאַמבערג האָט פאַרשאַפט הנאה אַלס קעלנער, איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וואַרשעווער מאַפּע צוגלייך מיט די ערטער, וווּ ער האָט דאָס געטון אַלס „טוביער”, „שיילאָק” און „מאָטקע גנב”... צוזאַמען מיט אים אַליין...

VIII

דזשעלנע

מיר גייען ווייטער, — ארויף צו דער ריכטונג פון געגשע.

אַט באַלד דערנעבן, אויף דער זעלבער זייט, האָט זיך אַמאָל גע־פונען די פּאַוויע גאַס מיט דעם פּאָפּולערן דענטיסט און בונדישן טוער, יאַשקע ליפּשיץ; מיט אַ גאַנצער רייע „קאַוויאַרניעס", וואָס זענען אין „יע־נע" טעג געווען אַפּטע אָביעקטן פון זשאַנדאַרמסקע־אָבלאַוועס... נישט איינמאָל פלעג איך זען ווי מען טרייבט פון דאָרט די געסט מיט די „בלויזע" שווערדן צום שכינותדיקן „פּאַוויאַק"...

פון דער דאָזיקער גאַס טאַקע האָט זיך גענומען דער צונאָמען „פּאַ־וויאַק" פון דער טרויעריק באַרימטער תפיסה...

דער פּאַוויאַק האָט געגרענעצט מיט דער דזשעלנע, וואָס האָט זיך, פּאַראַלעל צו דער פּאַוויע, אויך אָנגעהויבן פון דער דזשיקע.

ביים עק פון דיביידע גאַסן, טאַקע אויפן טראָטואַר גופא, איז געווען די בערזע פון קלעזמער, סאַרווערס און בדחנים: די גאַנצע חתונה־בראַנזשע...

דאָ האָט איר געקאָנט זיך פאַרשאַפן די פּאָפּולערסטע חתונה־קאַ־פּעלע, דאָ האָט איר געקאָנט „שליסן אַן אָפּמאַך" מיט אַ הויפּט־סאַרווער, וועלכער האָט צוגעשטעלט די „סאַלע", מיט די טישן, מיטן געפעס און טאַקע מיט דער סעודה אויך. פאַרבייגייענדיק פלעגט איר כאַפּן אין דער לופט אָפּגעהאַקטע ווערטער: „לעבעדיקע קאַרפּן", „העכט", „פעטע אינ־דיקעס" — „גילדערנע יויך"... — „באַטשעווסקים שליוואָוויץ" — „זעקס און נײַנציקער"...

אָדער גאָר אַן אומפאַרשטענדלעכע פראַזע פונעם קלעזמער־זשאַרגאָן: „נעסקעם, דער דויל טערעט"... (גיב אכטונג, דער „יאָלד" פאַרשטייט...).

אין דערבייאיקן רעסטאָראַן פלעגן „אַריינשפּרינגען" די ספּעציאַליסטן פון „וואָלעכלעך" און „דאַינעס", פון אַ כלה־באַזינגען „מיט מאָראַל" און פון אַ קאָנצערט פון יידישן טעאַטער — צו „דערכאַפּן ס'האַרץ" און תיכף צוריקקומען: אפשר מאַכט זיך עפּעס אַ שמחהלע...

אַהין פלעג איך אָפט קומען צו מיין פריינט שיעלע באַקסענבוים, דעם קלוגן, באַשיידענעם און האַרציקן פאָלקס־בדחן.

אַ טריט ווייטער איז געווען דאָס באַרימטע קינאָ פון דזשעלנע נומער 1.

בעת דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע, ווען אין אַלע יידישע „אי־לוזיאָנען" און זאַלן האָבן זיך באַוויזן טרופּעס פון אייניקע פּראָפעסיאָ־נאַלן און אַזוי גערופענע „מלחמה אַקטיאָרן", האָט אינעם דאָרטיקן קינאָ אָנגעהויבן צו שפּילן אַ טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון בעני אַבעלמאַן און שטראַספּאָגעל.

זייערע מיטשפּילער זענען באַשטאַנען פון אַ רייע „מלחמה אַקטיאָרן" מיטן „אימיטאַציע דראַנאָוו" בראש. דער „אימיטאַציע דראַנאָוו" איז געווען אַ נידעריקער, ברייטביינעקער, געזונטער בחור מט אַ קאָפּ שווארצע קודלעס און ברענענדיקע אויגן. גערעדט האָט ער אויף אַ טיפן באַס, וועלכן ער האָט זיך באַמיט נאָך מער צו „פאַרטיפן", כדי ס'זאָל זיין ענלעך צו דעם „אמתן" דראַנאָווס שטימע.

דער „אמתער", נ. דראַנאָוו, אַ גלענצנדיקער דראַמאַטישער אַקטיאָר, האָט פאַר דער ערשטער מלחמה געשטורמעט ווארשע מיט זיינע „אינטערי־גאַנטן" און „דראַמאַטישע רעזאָניאָרן". די „אימיטאַציע" האָט זיך טאַקע אויסגעקליבן זיין נאָמען פאַר אַ פּסיידאָנים. די עלטערע אַקטיאָרן האָט שטאַרק פאַרדראָסן וואָס אַ „סמאַרק" דערלויבט זיך צו פּראָפּאַנירן אַ חברס „אויסגעאַרבעטע פירמע", זיי האָבן אים פונדעסטוועגן טאָלערירט צוליב זיינע „אַקטיאָרישע" מעלות.

בעני אַבעלמאַן און שטראַספּאָגעל האָב איך נאָך געקענט פון קאָמ־פּאַניעצנס „ערמיטאַזש־טעאַטער" אויפן מוראַנאָוו, וווהין דער טאַטע פלעגט אונדז אָפט מיטנעמען.

דערזעענדיק זיי אַ מאָל אין גאַס, פלעג איך זיי נאָכגיין ביזן האָטעל אויף דלוגע, ווו זיי האָבן יאָרן לאַנג געוווינט. אַזוי פלעג איך אויך אָנ־

דערע אַקטיאָרן נאָכגיין. איך האָב מיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אין זייערע „אַקטיאָרישע" פּנימער און פלעג זיי מקנא זיין מיטן גליק „פאַר־צושטעלן" פאַרן עולם, וועלכער „פּאַטשט זיי בראַוואָ" און האָט זיי ליב.

יענע, מוראַנאָווער, צייטן זענען טאַקע געווען זייער גלאַנץ־פּעריאָד, הגם צווישןביידן איז געווען אַ גרויסער חילוק סיי אין זייער פּאָזיציע אין דער פּראָפעסיע, סיי אינעם אופן פון שפּילן און באַציאונג צום טעאַטער.

ל. שטראַספּאָגעל איז געווען דער טיפּישער טעאַטער בעל־מלאכה, די פאַרקערפּערונג פון אַקטיאָרישן קאַבאָטיניזם.

זיין לענגלעך צעקנייטשט פּנים מיט דער האָרבאַטער, לאַנגער נאָז און שפּיציקע אייגעלעך האָט אויסגעזען נאָך לענגער און בלאַסער צוליב די שוואַרצע „באַטשקעס" און די געקרויזלטע האָר אויפן פלאַטשיקן שאַרבן.

גערעדט האָט ער ווי פון אַ פּאַס אַרויס און די ווערטער פלעגן זיך קייקלען ווי אַרבעס איבער אַ ברעט, — אונטערשפּרינגנדיק, שיטערלעך, אָפּגעהאַקט...

פאַר יעדער נייער פּראָבע האָט ער אומבאַדינגט געמוזט אַ גלעט טון די רעכטע „באַטשקע" און אַ זאָג טון אַ ווערטל פון זיין אייגנאַרטיקן זשאַרגאָן: „אַשקעס... בעהאָרביאַס... בעבניקנים"...

נישט איינמאָל פלעגט זיך איין צושויער פרעגן ביים צווייטן: „וואָס האָט ער געזאָגט?" און דער צווייטער פלעגט אַ צי טון מיט דער פּלייצע און נישט וויסן וואָס צו ענטפערן... פאַר ביידן איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז עפּעס אַ „שווער" וואָרט, וואָס זיי קאָנען נישט פאַרשטיין און ס'איז גלייכער זיך צו מאַכן נישט וויסנדיק...

קיין ראָל האָט ער קיינמאָל נישט געקענט און וואָס ער פלעגט נישט דערהערן פון סופלאָר, פון וועלכן ער האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן, פלעגט ער פאַרטרעטן מיט זיינע „אַשקעס און בעהאָרביאַס" אויף פאַר־שידענע אופנים וואַריאירט; דער עולם האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט...

שטראַספּאָגעל פלעגט גערן שפּילן קאָמיקער, הגם אַלץ אין אים איז געווען טראַגיש: זיין אומעטיק פּנים, זיינע אַרויפגעצויגענע פּלייצעס

און די גאַנצע ביינערדיקע פיגור, וואָס האָט זיך ביים גיין געווינגט אויף רעכטס און אויף לינקס.

באַוועגט האָט ער זיך לאַנגזאַם, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן מיט מאָנאָגראַמען און שווער דערביי געאָטעמט צוליב דער אַסטמע, וואָס האָט אים תמיד געשטיקט.

קיין ערשטן אָרט האָט ער קיינמאָל אין טעאַטער נישט פאַרנומען, פלעגט אָבער כסדר זיין אַנגאַזשירט אַלעס „כאַראַקטער קאָמיקער", וואָס האָט אויך געקאָנט אין אַ נויט שפּילן „פאָטערס און אינטריגאַנטן". ער האָט אַלזאָ צוזאַמען מיט זיין ווייב געהערט צו די „נוצלעכע פּאַרלעך".

ער האָט אויך געהאַט די מעלה, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכע גאַרדעראָב און „ביבליאָטעק", דאָס הייסט פּיעסעס מיט נאָטן, דאָס האָט זיך, ספּעציעל אין די וואַנדער טרופּעס, הויך געשאַצט.

ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך און צו די יונגע אַקטיאָרן זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג.

צו מיר מיט יאַנאַסן האָט ער זיך באַצויגן טאָלעראַנט, ווייל ער האָט אונדז געקענט פון „דער היים": פאַר יעדן בענעפיס פלעגט ער קומען צו אונדז פאַרקויפן בילעטן...

אויב שטראַספאָגל איז געווען אַ בעל־מלאכה, האָט דערפאַר זיין שותף, בעני אַבעלמאַן, געהאַט אַ נשמה פון אַ קינסטלער.

ס'טעאַטער איז פאַר אים געווען אַ בית־המקדש, דאָס שפּילן אַ גאָטעסדינסט און זיך אַליין האָט ער געהאַלטן פאַר אַ כהן גדול.

ער פלעגט זיך נישט באַקלאָגן, ווי אַנדערע, אויפן „פאַרשאָלטענעם שטיקל ברויט", נאָר מיט ווירדע טראָגן אויף זיך די לאַסט און שוועריקייטן פון שפּילן יידיש טעאַטער.

אַן אימפּאָזאַנטע געשטאַלט, שטענדיק ציכטיק און עלעגאַנט אָנגעטון.

אַ גרויס, ברייט פּנים מיט זאָרגפעליק פאַרקעמטע העלע האָר, אַ צעפלאַטשיקטע ברייטע נאָז מיט קליינע, גוטע, מאָנגאָלישע אויגן, וואָס האָבן תיכף געוווּנען דיין צוטרוי.

ער איז געווען ערלעך, געוויסנהאַפט און פּינקטלעך. דערפאַר פלעגן אים דירעקטאָרן גערן אַנגאַזשירן, להיפוך צו אַנדערע, קאַפּריזנע „סטאַרס",

וואָס פֿלעגן אָפּט ברעכן די קאָנטראַקטן. אַבעלמאַנס אַ וואָרט האָט גע־האַט מער די ווערט ווי געשריבענע קאָנטראַקטן.

געווען אַ צייט, ווען ער האָט געשטורעמט וואַרשע מיט זיין „בר כוכבא", „שמשון הגבור" און ענלעכע גבורים פון גאָלדפאַדענס און לאַ־טיינערס העלדן־רעפּערטואַר. האָט מען אים טאַקע אַנאָנסירט אַלס דעם „איינציקן העלדן טענאָר"... אפילו ווען ער האָט געשפּילט „אוריאל אַקאָסטאַ", איז ער געווען אַנאָנסירט אַלס דער „בעסטער אוריאל אַקאָסטאַ און איינציקער העלדן־טענאָר"...

און ער האָט באמת געהאַט אַ שטים פון אַ לייב און אַן אומגעהויערע פיזישע קראַפט.

כאָריסטן פלעגן מורא האָבן צו שטיין נעבן אים אויף דער בינע, ווייל נישט איינמאָל האָט די גיכע הילף אָפּגעפירט אַ פאַרוווּנדעטן „רוי־מער", וואָס איז געפאַלן פון דער שווערד פונעם יידישן העלד בר כוכבא...

צוויי סטאַטיסטן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די לייבן־פעל, זע־נען אַ מאָל אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון דער בינע פאַרחלשטע, נאָכדעם ווי בר כוכבא — אַבעלמאַן האָט זיי גענומען „באַצווינגען".

מאַשיניסטן פלעגן אונטערהאַלטן פון הינטן די דעקאָראַציעס פון דער ביתר־פעסטונג, ווען אַבעלמאַן האָט געקעמפט מיט די זעקס רוימער, וואָס האָבן זי באַלאַגערט...

און ער אַליין פלעגט טאַקע אַראָפּגיין אַ האַלב פאַרחלשטער פון אַזעלכע סצענעס...

ער האָט נישט געהאַט קיין געפיל פאַר מאָס און נישט פאַרשטאַנען צו צוימען זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט.

אויב אַנדערע אַקטיאָרן פלעגן זיך „צעלאָזן" ביי אַ פולן טעאַטער און זיין „קאַלט" ביי אַ שוואַכן „סבאָר", פלעגט ער זיך אויפן זעלבן ערלעכן אופן באַציען צו זיין ראָל, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל מענטשן וואָס געפינען זיך אין זאַל.

אַ וועלכע ס'איז שפּאָרזאַמקייט אין כוחות און אין אויסדרוק־מיט־לען איז אים לחלוטין געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. זיין ריזן שטימע האָט דעריבער תמיד געקלונגען אומנאַטירלעך און פאַרסירט,

די מימיק פאַרקריפּלט פון מגושמדיקע העוויות, די באַוועגונגען נישט געצוימט און צופעליק. ווען אַ רעצענזענט פלעגט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף די דאַזיקע פעלערן זיינע, האָט עס אים טיף באַליידיקט און וויי געטון. געווען אפילו אַ פאַל, ווען ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן אַ רע־צענזענט...

זיין ווייב, פּעני, האָט אים פאַרגעטערט, הגם אַליין אַן אַקטריסע, האָט זי זיך אויסגעטון פון אוועלכע ס'איז פּערזענלעכע אַקטיאָרישע אַמ־ביציעס, כדי צו וואַכן איבער איר הייסגעליבטן בעני...

זי האָט שוין אַכטונג געגעבן, דער אַנאָנס זאָל זיין ווי געהעריק רע־דאַקטירט, זיין נאָמען אויפן אַפיש זאָל זיין געדרוקט מיט די גרעסטע אותיות...

ווען אַבעלמאַן פלעגט אַרויסגיין אויף דער בינע, איז זיין געטרייע פּעני געשטאַנען מיט אַ הייליקן ציטער און שטראַלנדיקן פּנים הינטער די קוליסן, זיך געקוויקט מיט זיין שפּילן און אַכטונג געגעבן, ס'זאָל זיין שטיל אויף דער בינע:

— „צי הערט איר נישט — האָט זי מיט אַ ציטערנדיקן קול זיך געבעטן — אַז דער געטלעכער אַבעלמאַן שטייט אויף דער בינע?!"...

אַבעלמאַן האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „ליטעראַרישן" אַקטיאָר — ער האָט זיך אַפילו די לעצטע יאָרן זיין נאָמען בעני געענדערט אויף ברוך — און אויב עס קומט אים אויס צו שפּילן „מאַכערייקעס", האָט ער עס געטון צוליב עולם. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן מיטן שאַבלאָנעם אַקטיאָרישן תירוץ:

— „דער עולם צאָלט און פאַרלאַנגט און מיר זענען אים מחוייב צו געבן וואָס ער פאַרלאַנגט"...

האָט ער טאַקע צו זיין בענעפיס באַשלאָסן צו שטעלן אַ „ליטעראַ־רישע" פּיעסע, דימאָווס „אייביקן וואַנדרער".

כדי צוצוגעבן מער יום־טובדיקייט דער דאַזיקער פאַרשטעלונג, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו פאַרבעטן צוויי „ליטעראַרישע" אַקטיאָרן אָנ־טיילצונעמען אין איר. די צוויי „ליטעראַרישע" אַקטיאָרן זענען געווען ניאָמע ניצבערג און איך.

ביידע זענען מיר געווען באַפריינדעט מיט די אַבעלמאַנס און באַ־

וווּנדערט זיין אויפריכטיק ערנסטע באַציאונג צום טעאַטער, וואָס האָט אים אַזוי אויסגעטיילט פון זיינע איבעריקע חברים.

מיר האָבן מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג. ניצבערג האָט רעזשיסירט די פּיעסע און געשפּילט דעם רענעגאַט שמורלאָ, וועלכן ער האָט מיט איייניקע יאָר פריער געשפּילט אין צמחס „הבימה העברית". איך האָב געשפּילט אַבעלמאַנס פריינט, דעם אַלטן דאַווידזאָן.

אָנגעטון האָבן מיר זיך אין אַ קעלער אונטער דער בינע, וואָס איז געווען מיט אַ פאָרהאַנג פונאַנדערגעטיילט אין צוויי גאַרדעראָבן: פאַר מענער און פרויען.

אַבעלמאַן מיט דער פרוי זענען געקומען די ערשטע אין טעאַטער. זיי זענען געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט צו דער פאָרשטעלונג, זייערע פּנימער האָבן געשטראַלט ווי ביי אמתע בעלי־שמחה.

מיר, די צוויי יונגע, האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט צו אַלעם וואָס קומט פאָר אינעם „אמתן" טעאַטער און געבליבן שטאַרק אַנטוישט. די וואָכעדיקייט, וועלכע די אָנטיילנעמער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון גאַס, די גראָבע וויצן, פעטע אַנעקדאָטן און דאָס מעכאַנישע אָנטון און גרימירן זיך פאַר דער פאָרשטייענדיקער פּרעמיערע איז אין אונדזערע אויגן געווען די גרעסטע פּראָפאַנאַציע פון טעאַטער.

אַבעלמאַן דאַקעגן איז געזעסן אַ קאָנצענטרירטער פאַר זיין שפּיגל, גלייך אַרום אים וואָלט קיינער נישט געווען נאָר ער אַליין מיט דעם פּערסאָנאַזש פון זיין ראָל, וואָס באַקומט איצט זיין אויסערלעכע פאָרעם. ער פלעגט פון צייט צו צייט וואַרפן אויף זיינע חברים אַ בליק פיל מיט פאָרוואורף און צוקן מיט די פּלייצעס, גלייך ווי ער וואָלט זאָגן: „רואיק, קינדער, מיר שפּילן דאָך היינט אַ בעסערע פּיעסע"...

די זעלבע בליקן פלעגט ער אויך אַראָפּוואַרפן פון דער בינע צום עולם, וואָס איז מערסטנטייל באַשטאַנען פון מאַרק־יידענעס און שמוגלערס, — די פּאָפּולערסטע באַשעפטיקונג אין די יאָרן פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן.

זיי פלעגן זיך קאַטשען פון געלעכטער ביי יעדער ערנסטער סצענע, אויפן קול זיך דורכשמועסן וועגן זייטיקע זאַכן און זיך דערכאַפּן ס'האַרץ מיטן מיטגעבראַכטן עסנוואַרג.

שטראַספאָגל איז טאַקע אַרומגעגאַנגען אַ טריאומפירנדיקער אין די אַנטראַקטן:

— „זעסט, אַ ליטעראַרישע פּיעסע האָט זיך אים פאַרוואָלט דעם „אַכלאַפּ״! וועט מיר נאָך פאַרטרייבן דאָס ביסל יידן פון טעאַטער״...

אבעלמאַן ווידער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אונדז:

— „איר זעט, „בראַנדעלע קאָזאַק״ גיב זיי, אָדער „ס׳פּינטעלע ייד״, וועלן זיי לעקן די פינגער! און איר האָט צו מיר טענות, הלמאי איך שפּיל נישט קיין ליטעראַטור״...

נאָכן לעצטן אַקט האָב איך צום ערשטן מאָל זיך באַטייליקט אין דער צערעמאָניע פון „באַערן דעם בענעפיציאַנט״.

איך פלעג נאָך אַלס קינד נישט איינמאָל דאָס זען פון טעאַטער־זאַל. ס׳פלעגט אויף מיר תמיד מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק דאָס אַרויסקומען פון דער גאַנצער טרופּע מיט בלומען־קרענץ און מתנות... אַן עלטערער אַקטיאָר פלעגט האַלטן אַ פייערלעכע רעדע, אונטערשטרייכנדיק די פאַר־דינסטן פונעם בענעפיציאַנט פאַרן יידישן טעאַטער, זיינע מעלות אַלס חבר און מענטש און דערביי דערלאַנגען אים די פּרעזענטער.

דער בענעפיציאַנט, אַ גערירטער, פלעגט דאַנקען די חברים און דעם עולם און גלייכצייטיק אַנאָנסירן דעם פאָרשטייענדיקן בענעפיס און בעטן דעם עולם אַרויסצווייזן זיין חבר דעם זעלבן אינטערעס וואָס אים...

אַ בענעפיס איז באמת געווען אַ יום־טוב פאַרן אַקטיאָר, וועלכער האָט אויף דעם אַ גאַנץ יאָר געוואַרט. איינער פון די וויכטיקסטע פונקטן אינעם קאָנטראַקט צווישן אַקטיאָר און אונטערנעמער איז טאַקע געווען דער בענעפיס. קודם כל איז עס געווען אַ גרויסער קוואַל פון הכנסה, וואָס פלעגט אַרויסראַטעווען דעם אַקטיאָר פון דעפיציטן. נישט תמיד פלעגט די גאַזשע פון אַ דורכשניטלעכן אַקטיאָר קלעקן אויף צו מאַכן אַ לעבן...

דעם פּאָפּולערן אַקטיאָרס בענעפיס פלעגט במילא צוציען אַ גרויסן עולם און די בילעטן פלעגן ווערן באַצייטנס אויספאַרקויפט. דאַקעגן דער אַקטיאָר פון „אַ גאַנץ יאָר״ פלעגט געניסן פון זיין רעכט צו פאַרקויפן אַליין די בילעטן און ער פלעגט אַרומגיין מיט זיי צווישן די פריינט און באַקאַנטע.

געדענקט זיך מיר ווי פֿאַר יעדן בענעפֿיס פֿלעגט אונדז באַזוכן דער בענעפֿיציאַנט און דערלאַנגען דעם טאַטן זיינע רעזערווירטע, שטאַבילע ערטער.

אָט קומט אַריין שאַיעלע ראַטשיין מיט זיין פֿריילעכן שמייכל, באַגריסט זיך האַרציק מיטן טאַטן און שיט מיט וויצן, פֿון וועלכע מיר קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער...

אָט קומט צו אונדז לייבעלע ווינער, דער ליבלינג פֿון דער יידישער גאַס, פֿאַרבעטן צו זיין „יום־טוב"...

אָט קומט דער ערנסטער אַדאָלף בערמאַן, וועלכער פּרוווט אויך מאַכן אַ וויץ: „ביי אייך עסט מען שוין מיטאָג און איך האָב נאָך קיין פֿרישטיק נישט געגעסן"...

דער דאָזיקער „וויץ" האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק און תמיד, ווען איך פֿלעג אים באַגעגענען, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ הונגעריקער...

געוועגלעך נאָך אַ בענעפֿיס פֿון אונדזערס אַ „ליבלינג" פֿלעגט דער טאַטע פֿאַרבעטן דעם בעל־שמחה אין יודאַשקעס רעסטאָראַן אויף עק נאַלעווקעס און מוראַנאָוו און אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין „באַר אַנגעלסקי" אויף רימאַרסקע.

די אַקטיאָרן פֿלעגן דערציילן נסים ונפֿלאות פֿון זייערע דערפֿאָלגן און מיר, די קינדער, פֿלעגן שלינגען זייערע ווערטער...

די דאָזיקע בענעפֿיסן האָבן נאָך געהאַט אַן אַנדערע, אפֿשר נאָך אַ גרעסערע מעלה איידער דער מאַטעריעלער פּראָפֿיט.

צו אַזאַ אָוונט האָט יעדער אַקטיאָר געהאַט דאָס רעכט אַליין זיך אויסצוקלויבן די פּיעסע און די ראָל פֿאַרן בענעפֿיס, וואָס איז אים אַ גאַנץ יאָר געווען נישט דערלויבט. ער האָט זיך אַלזאָ דערמיט „אויסגעשלאָגן" די מאָראַלישע עוולות וואָס ער האָט במשך פֿונעם סעזאָן געליטן...

נישט איינמאָל פֿלעגן זיך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן אַנטפּלעקן נייע טאַלענטן, וואָס זענען ביז דאַן געווען פֿאַרבאָרגן. נישט איינמאָל האָט אַ בענעפֿיס דעצידירט איבערן ווייטערדיקן גורל פֿון אַ ביז דאַן נישט באַקאַנטן אַקטיאָר.

לויטן עולם, וואָס פלעגט קומען צו אַ בענעפיס, האָט מען זיך גע־קאָנט שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם אַקטיאָרס סביבה און געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע.

געווען בענעפיסן וואָס פלעגן צונויפזאַמלען די גאַנצע אונטערוועלט; אַנדערע — די אַרבעטערשאַפט און שטודירנדיקע יוגנט.

אויף טייל בענעפיסן פלעגט איר טרעפן דעם מיטל־קלאַס און באַ־לעבאַטישן עולם, אויף אַנדערע ווידער — אינטעליגענץ און אַסימילאַציע.

זייער אָפט פלעגן בענעפיסן פון „בעסערע" אַקטיאָרן באַזוכן: פּרץ, פרישמאַן, נאָמבערג, ספּעקטאָר און דינעזאָן.

אויך פּוילישע אַקטיאָרן פלעגן אַמאָל קומען צו אַזעלכע אָוונטן, ספּעציעל פון אסתר רחל קאַמינסקי, וועלכע איז געווען שטאַרק פאַרערט דורך פּוילישע און רוסישע אַקטיאָרן.

איך געדענק ווי צו אַ בענעפיס פון אסתר רחל קאַמינסקי איז גע־קומען דער אָבערפּאָליציימייסטער באַלק מיט זיין סוויטע און געשיקט איר אַ גרויסן קויש בלומען. דער דאָזיקער פאַל איז שטאַרק קאָמענטירט געוואָרן אין די יידישע קרייזן און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ „גוטן סימן".

אסתר רחל קאַמינסקי פלעגט אַפילו אויף אירע אייגענע הוצאות צופּאָרן אין אַנדערע שטעט אָנטיילצונעמען אויף אַ בענעפיס פון אַ חבר. אויף אַן ענלעכן אופן פלעגן אויך האַנדלען אַנדערע אָנגעזעענע אַקטיאָרן.

די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע פאָרשטעלונגען האָבן פון קינדערוייז־אָן געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערן רייץ און ביי אַבעלמאַנס בענעפיס האָב איך מיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַקטיוו באַטייליקט אין אַזאַ פייערלעכקייט.

נאָך דער פאָרשטעלונג שטעלן מיר זיך אַלע אויס אויף דער בינע. אין מיטן שטייט אַבעלמאַן, נעבן אים זיין געטרייע פעני. אַ פאָרשטייער פון אַ טרופּע, דאַכט זיך, דער אַקטיאָר קעסטין, טרעט פייערלעך אַרויס צו דער אוואַנסצענע און האַלט אַ „ספּיטש" אין אַ „געהויבענער", האַלב דייטשער שפּראַך און דערלאַנגט אַבעלמאַנען אַ קליין פּעקעלע: „אַ גאָל־דענע אור מיט איינער קעטע", אַ פּרעזענט פון אַלע קאָלעגן...

אבעלמאַן איז געריירט פון דער טייערער מתנה, צעקושט זיך מיט זיין חבר, דריקט אַלעמען די הענט, — דער בענעפיס ענדיקט זיך.

אין גאַרדעראָב עפנט אבעלמאַן דאָס קעסטעלע און אָנשטאָט דעם צוגעזאָגטן פּרעזענט, געפינט ער גאָר דאָרט וואַזעלין צום אויסגרימירן זיך...

ער קוקט שווייגנדיק אויף די „קאָלעגן", יענע שמייכלען אין פאַר־לעגנהייט, נישט איינעם טוט געווים באַנג דער נאַרישער שפּאַס...

ס'דערהערט זיך אבעלמאַנס ציטערדיקע שטימע:

— „פאַרוואָס האָט איר מיר פאַרשטערט מיין יום־טוב?"...

מער האָט ער נישט געקאָנט רעדן. ער איז צוגעפאַלן צום גרימיר־טישל און אַ לאַנגע צייט אַזוי פאַרבליבן אומבאַוועגלעך. פעני איז גע־שטאַנען ביים וואַנט מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין די קאָסטיומען און שטילערהייט געוויינט...

אַ פאַרשטערטער יום־טוב איז געהאָנגען אין די לופטן. פון דאַן אָן האָט אבעלמאַן אויסגעמיטן בענעפיסן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ מאָראַלישע און מאַטעריעלע וועגעטאַציע.

די שונד טעאַטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די „העלדישע פּיעסעס" און געזוכט „קוועקזילבערדיקע סוברעטקעס" מיט „טאַנצנדיקע און פייפנ־דיקע בוף־קאָמיקער"...

די דראַמאַטישע טעאַטערס האָבן גענומען שפּילן אַ רעפּערטואַר, צו וועלכן אבעלמאַן האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן, הגם ער האָט עס אייני־קע מאָל געפּרוווט.

ער האָט אויף מיר געהאַט שטאַרק פאַרדרוס, וואָס איך האָב אים אין יאָר 1927 נישט אָנגאַזשירט צו שפּילן אין דעם דורך מיר באַנייטן גאָלדפאַדנס „צענטן געבאָט" אין „וויקט".

— „סטייטש — האָט ער זיך באַקלאָגט — ס'איז דאָך מיין גאָלד־פאַדן און איך בין דאָך זיין אַקטיאָר אַזוי פיל יאָרן, — דאַרף איך אַרומ־גיין ליידיק און צוקוקן ווי אַנדערע שפּילן גאָלדפאַדענען? אויף אייך האָב איך מיך נישט גערעכנט!"...

איך האָב אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן און נישט געוווּסט וואָס פאַרא תירוץ אויסצוגעפינען... ער איז פון זיין שטאַנדפּונקט געווען גערעכט, איך האָב אָבער געהאַט מיין שטאַנדפּונקט, וואָס האָט זיך מיר אויך אויסגעוויזן פאַר גערעכט...

זאָגן אים דעם אמת — וואָלט עס אים נאָך מער ווי געטון, איז שוין בעסער צו שווייגן און זאָל ער זיך טראַכטן, אַז איך האָב אים נישט וואָס צו ענטפערן...

וואָלט ער נישט געשטעלט קיין „מאָראַלישע" באַדינגונגען און איינגעגאַנגען אויף קלענערע ראָלן, וואָלט ער מסתמא באַקומען באַשעפטיקונג אין אַ וואַרשעווער טעאַטער. פלעגט ער אָבער קודם־כל רעדן וועגן ראָלן וואָס „פּאַסן פאַר אַבעלמאַנען" און זיין פּעני פלעגט אים געבן גערעכט... איז אים נישט פאַרבליבן מער, ווי פון צייט צו צייט צוצופאָרן צו אַ פּראָווינץ־טרופּע אויף גאַסטשפּילן, אָבער אויך די טרופּעס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ בעסערן „דראַמאַטורג", אָדער „קוועקזילבערדיקן פּאַט"...

אַבעלמאַן איז פון עגמת נפש קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. זיין טויט האָט ביי אונדז אַלעמען אַרויסגערופן טיפן טרויער. מיט אים איז אַוועק אַ מערקווירדיקער דאָן קיכאָט פון יידישן טעאַטער, אַ זעלטענער נאַטור טאַלענט, וואָס די אומנאָרמאַלע אַרבעטס־באַדינגונגען האָבן צעפּטרט.

זיין לוויה, איינגעאָרדנט דורכן אַרטיסטן פאַראיין האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פון זיינע אַמאָליקע פאַרערער און אַקטיאָרן.

זיין פּעני האָט אים מספּיד געווען אין העברעאיש און באַדעקט זיין קבר מיט אַ פּרוכת, וואָס זי האָט אויסגענייט פון זיין „בר כוכבא" מאַנטל...

מיט אַבעלמאַנען האָט זיך געענדיקט דער ערשטער פּעריאָד פון „סקאַלאַ" טעאַטער אויף דזשעלנע 1. פון דעם קינאָ־זאַל טראָגט זיך דערנאָך דאָס טעאַטער אַריבער אין דערבייאיקן גאָרטן, וווּ עס שפּילן אויף אַ פּראָוויזאָרישער בינע „געמישטן" רעפּערטואַר — געמישטע אַנסאַמבלען.

נאָכן פאַרמאַכן דאָס „צענטראַל" טעאַטער אויף לעשנאָ 1, נעמט איבער איינער פון זיינע שותפים, ה. ריבאַ, דעם „סקאַלאַ"-גאָרטן, פאַר־בויט אים מיט ווענט, באַדעקט מיט אַ דאַך און אַזוי אַרום אַנטשטייט די באַקאַנטע „סקאַלאַ-בודע".

אין דער צווישנצייט פון די צוויי מלחמות האָבן דאָרט געשפּילט אַלע מיני טעאַטערס: פון שמוציקסטן שונד, מעלאָדראַמעס, אָפּערעטעס ביז קינסטלערישן רעווי און דראַמע.

היימישע און אַמעריקאַנער „סטאַרס": אַנאַ יאַקובאָוויטש און פּסחקע בורשטין; אייזיק סאַמבערג און יאָזעף שיינגאָלד; רחל האָלצער און צילי אַדלער.

די קינסטלערישע רעוויעס: „אַזאַזעל" מיט לילית-גאָדיק; „אַראַראַט" און „סמבטיון" פון בראָדערזאָן און נאָזשיק.

גאַסטשפּילן פון אַלעקסאַנדער גראַנאַך און קורט קאַטש; פון אידאַ קאַמינסקי מיט איר אַנסאַמבל, קלאַראַ סעגאַלאָוויטשעס „פאָלקס טעאַ־טער" און „ווילנער טרופּע".

געווען צייטן, ווען „סקאַלאַ" טעאַטער האָט געוווּנען דעם בעסערן יידישן עולם, געווען צייטן, ווען ס'פלעגט באַדינען די אונטערוועלט. געווען ירידות און דערהויבונגען.

ווען דער וועלט-חורבן האָט אויסגעבראָכן, האָט „סקאַלאַ" פאַרוויילט די וואַרשעווער יידן מיט דזשיגאַן שומאַכערס פריילעכער רעוויע.

ס'הערט זיך מער נישט דאָרט דאָס געזונטע, זאַרגלאָזע געלעכטער פון אונדזער „עמך", ס'הערט זיך מער נישט דאָס געזאַנג פון אונדזערע טרובאַדורן, די וויצן פון אונדזערע קאָמעדיאַנטן...

מען דערקענט נישט מער דאָס אָרט ווו דאָס אַלץ האָט זיך „אָפּ־געשפּילט"...

און איינציקע טריט ווייטער, אויף דזשעלנע 7, איז געווען די שול „מוריה", ווו מיר האָבן איינציקע יאָר געדאַוונט.

איך געדענק גוט די דאָזיקע שול מיט איר יידישלעכן חזן, הגם האַלב-נלחיש געקליידט; מיט איר גלענצנדיקן כאָר, פון וועלכן ס'האָבן

מיר באַזונדערס אימפּאַנירט די צוויי באַסן: דער הויכער זשולקאָווער און דער קליינער באַרנשטיין.

ביידע זענען זיי געווען גלייכצייטיק כאָריסטן אין עפּעלבערגס „עליזעאום"־טעאַטער אויף קאַראָווע און צוליב דעם שוין אַליין זענען זיי געווען חשוב ביי מיר.

זשולקאָווער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גוטער יידישער אַקטיאָר, האָט אַפילו מיטגעשפּילט מיט מיר אין אייניקע עקספּערימענטאַלע פאָרשטעלונגען אינעם זעלבן „עליזעאום" און אין יאָר 1918 זענען מיר צוזאַמען מיט אסתר רחל קאַמינסקי געפאָרן קיין רוסלאַנד. ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן און שפּעטער פאַרנומען אַ אָנגעזעענעם אָרט אינעם בירָאָבידזשאַנער טעאַטער.

באַרנשטיין ווידער איז אַוועק קיין בערלין און איז דאָרט געווען ערשטער כאָריסט אין דער שטאַטישער אָפּערע. פאַר דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיט אַ דייטשער פרוי און צוויי קינדער, כדי צו טיילן דעם גורל פון די וואַרשעווער קדושים.

איך געדענק גוט די שול „מוריה" מיט איר מטיף, דעם אינטעליגענטן, צאַרטן און טעמפּעראַמענטפולן יצחק ניסענבוים.

אויב די טרוקענע דרשות פון ראַבינער פּאָזנאַנסקי אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע זענען געווען קאַלט און לאַנגווייליק, האָבן ניסענבוימס אימפּראָוויזאַציעס פאַרכאַפּט, מיטגעריסן און באַגייסטערט. יעדע דרשה זיינע איז געווען אַ מייסטערווערק פון רעדנער־קונסט, סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרעם.

הגם דאָס דאַווענען האָט מיך שוין דאַן ווייניק אינטערעסירט, פלעגט מיך אָבער ציען אַהין דער דאָזיקער רעליגיעזער טריבון. איך פלעג קיין אויג נישט אַראָפּנעמען פון זיין בלאַסן פּנים, איינגעראַמט אין אַ שוואַרצע, שיטערע באָרד; פון זיינע טיפע אויגן וואָס פלעגן זיך אָנצינדן פון באַגייסטערונג און מיטרייסן די מתפּללים.

זיין שוואַך קול האָט דאַן באַקומען אויסערגעוויינלעכע קראַפט, איז אַריינגעדרונגען אין די טיפסטע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט געמאַכט גלויבן נישט גלויביקע, געטרייסט געפאַלענע און געוועקט די גלייכגילטיקע.

ס׳איז געווען עפּעס נביאישעס אין זיין גאַנצער געשטאַלט, אין זיין באַגייסטערט פּנים, אין זיינע טרייסט און שטראָף־ווערטער, אינעם טיפן גלויבן אינעם באחרית הימים.

איך געדענק גוט די שול „מוריה״, דאָרט איז דאָך פאָרגעקומען מיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט... מיין בר מצווה דרשה.

איך האָב שוין דאַן געלערנט אין קרינסקיס שולע און ער טאַקע אַליין, אונדזער פריינט מאַגנוס קרינסקי, האָט פאַר מיר אָנגעשריבן צוויי דרשות: איינע אין העברעאיש, די צווייטע אין רוסיש.

די רוסישע דרשה האָב איך דעם זעלבן אָוונט געהאַלטן אין דער היים, בעת דער „וועלטלעכער״ פייערונג פון מיין בר־מצווה, די העברע־אישע — נאָכן מפטיר זאָגן אין שול.

עס געדענקט זיך מיר דער גרויסער, יום־טובדיק געשטימטער עולם. דער טאַטע און נאָך אייניקע קרובים אין צילינדערס... מען טוט מיר אָן דעם טלית. איך הער אויסרופן מיין נאָמען: „יעמוד הבחור שלמה זלמן ברב נפתלי־הערץ מפטיר!״... ס׳האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּן שטאַר־קער... די שטענדיקע אומדרייסטקייט האַקט מיר אונטער די פיס, איך פיל נישט מיינע טריט...

און אָט שטיי איך שוין אויפן בעלעמער פאַר דער אָפענער ספר־תורה. פון איין זייט דער חזן מיט הרב ניסענבוים, וועלכער באַגענגט מיך מיט זיין ליבן שמייכל. פון דער צווייטער זייט דער צעשטראַלטער מאַגנוס קרינסקי און דער טאַטע. ביים טאַטן טרערן אין די אויגן, ער באַמיט זיך צו זיין רואיק, ס׳גיט זיך אים נישט איין. די טרערן הויבן זיך אָן אַראָפּצוקייקלען צום שוואַרצן, פאַרשניצטן קאָמעץ־בערדל.

איך באַוויז נאָך צו כאַפּן אַ בליק אויף די פעטערס ישראל חיים און גוטמאַן — צווישן זיי געפינען זיך מיינע דריי ברודער: מאַרק און יצחק שטייען אויף דער באַנק און יאַנאַס, מעשה דערוואַקסענער, האַלט זיי אַרומגענומען.

איך מאַך די ברכה און הויב אָן זאָגן מפטיר מיטן איינגעלערנטן ניגון לויטן טראָפּ...

די ערשטע פייער־פּראָבע האָט זיך מיר איינגעגעבן, — איך דערפיל אַן אומבאַקאַנטע פאַר מיר דרייסטקייט.

דאָס ווירקט אויף מיר אַזוי דער עולם, זיין געשפּאַנטע דערוואַרטונג, זיין איינגעהאַלטענער אָטעם, זיין בליק, געווענדט צו מיר פון אַלע זייטן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג איך פילן ענלעכס ביי יעדער פּרעמיע־רע, ביי יעדן דעביוט אין אַ נייער פאַר מיר שטאָט...

אָט גיט דער גבאי אַ קלאַפּ דריי מאָל אין בעלעמער, איך הויב אָן מיין דרשה:

„שלש עשרה שנה מלאו לי היום! איזה רגשי קודש, איזה רגשי נועם יולדו בליבי היום...

מיין שוואַך שטימעלע ווערט שטאַרקער, צעהילכט זיך ווי אַ גלעקע־לע איבער דער גרויסער שול...

איך הויב אָן צו פילן די אויפמערקזאַמקייט פון עולם...

איך זע נישט קיין פּנימער און דאָך פיל איך די שפּאַנונג, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זיי... איך פיל, ווי איך האָב זיי באַהערשט און זיי זענען איצט מיינע...

אויף אַן ענלעכן אופן ווי אין יאָרן אַרום ביי אַ געלונגענער פּרע־מיערע...

מיר איז איינציקע מאָל אויסגעקומען בייצוווינען בר מצווהס אין דער זעלבער שול, מען האָט אָבער ביים סוף פון אַ דרשה, ווי געלונגען זי זאָל נישט זיין, קיינמאָל נישט אַפּלאָדירט, אַפּלאָדירן איז דאָך פאַרווערט אין אַ שול...

און דאָ פּלוצלינג — אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן! אַזוי ווי אין טעאַטער, אָדער אַמאָל ביי סיראָטאַס אַ זעלטן הויכן טאָן אין סינאַגאָגע...

דער טאַטע קושט מיך און וויינט. קרינסקי און הרב ניסענבוים דריקן מיך צו זיך...

ס׳דריקן מיר די הענט ווי אַ דערוואַקסענעם די „שענסטע" באַלע־באַטים פון שול, ד"ר מאיר קלומעל, העשל פאַרבשטיין... איך בין דער אָביעקט פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, שבחים, קאָמפּלעמענטן... און פּלוצלינג... פאַרלאָזט מיך די דרייסטקייט און איך הויב מיך אָן צו שעמען מיט דער דאָזיקער „פּריווילעגירטער" סיטואַציע... איך וואַרט מיט אומגעדולד, דאָס דאַווענען זאָל זיך ענדיקן, כ׳זאָל קאָנען אַרויס פון שול און צופאַלן צו דער מאַמעשי...

זי שטייט איצט זיכער מיט פאַרוויינטע אויגן אין דער ווייבער שול — צוזאַמען מיט די מומעס רוזשע, ראַשקע, דבורה און גאָלדוש...

איצט, נאָך אַזוי פיל יאָר, ווען איך באַזוך דזשעלנע 7, האָב איך נישט געקאָנט דערקענען דאָס אָרט, ווו איך האָב מיט פערציק יאָר צוריק איבערגעלעבט אַזעלכע דערהויבענע שעהען... געבליבן בלויז אַ באַרג חורבות...

מיינע געדאַנקען לויפן ווייטער... אָט בין איך ביים לעצטן עטאַפּ פון דער דאָזיקער גאַס: דזשעלנע 33.

אַמאָל האָט זיך דאָ געפונען דער מעכטיקער פאַראיין פון די אָרגאַניזירטע יידישע דרוקערס.

פּרעסע, פאַרלאַג־וועזן, אויפרופן, פּראָקלאַמאַציעס, טעאַטער־פּראָפּאַגאַנדע, ספרים, — דער מוח און דאָס האַרץ פונעם יידישן גייסטיקן לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון די באַשלוסן, פאָדערונגען און פאַראָרדענונגען פון דזשעלנע 33.

מיט דעם פאַראיין האָבן זיך גערעכנט רעדאַקטאָרן, פאַרלעגער, מוכר־ספרימניקעס, טעאַטער דירעקטאָרן און... אַרנאָלד! ניין, אַרנאָלד איז געווען דער איינציקער מענטש אין וואַרשע מיט וועמען ס'האָט זיך גערעכנט דזשעלנע 33!

ווען עמעצער פון די זעצער האָט פאַרקלענערט די אותיות פון „זיינס" אַ סטאַר", האָט ער שוין געכאַפּט אַ פּסק פון אַרנאָלדן:

— „ווער איז ער דאָס, דער לאַטעק, ער זאָל איבערדרייען מיינע אַנאָנסן?!"...

אָדער:

— „העי, דו, מאָרגן זאָל מיר אַריין דער נאָטיץ אויף אַ גוטן פּלאַץ, דו הערסט? ס'איז דער אמתער שלאָגער! אויספאַרקויפט!"...

אַ שפּיי אויף דער האַנט, אַ פאַרגלעט די האָר, אַ קלאַפּ יענעם אין פּלייצע און אַרנאָלד לויפט שוין ערגעץ אַנדערש דערליידיקן אַ „גוואַלדיקן ענין, ס'וועט זיך טון חושך!"...

אין דעם זעלבן לאָקאַל האָב איך ביים אָנהויב פון דער נאַצי־אָקו־

פּאַציע אַרנאָלדן דערלאַנגט אַ גלעזל טיי מיט אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַדע...

מיר האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן צו „דוצן"...

— „זיגמונט, נישט געזאָרגט! מיר וועלן נאָך באַגראָבן היטלערן! אַז דו דערלאַנגסט אַ גלאָז טיי אַרנאָלדן, און אַרנאָלד דאַרף טרינקען אַ גלעזל טיי פֿאַר צען גראָשן, איז ענדע וועלט! וועט שוין נישט לאַנג אָנ־האַלטן, וועסט זען מיינע ווערטער! ווייסט דאָך, אַז אַרנאָלד זאָגט, איז געזאָגט! גרייט נאָר צו „סחורה", ס'זאָל זיין יענער שלאַגער! „שולמית" נומער צוויי! אויספּאַרקויפט!"...

אָנשטאָט אַפּלאָדיסמענטן פּלעג איך איצט אָפּט הערן קללות פון די הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע פּליטים, וואָס האָבן אַזוי גיך נישט באַקומען דאָס גלעזל טיי, אָדער געמוזט שטיין אין דער רייע ביים איינ־צאָלן די פֿאַר גראָשן...

מען פלעגט אויך הערן ברכות פון אַנדערע, וואָס האָבן זיך דאָס האַרץ דערכאַפּט מיט אַ ביסל וואַרעמס און מיט אַן איבעריק שטיקל ברויט.

איך האָב אין אַ געוויסן טאָג מיט אַ שווער געמיט פּאַרוועקט אַ יונגן בחור אַרויפּצוקומען אַהין: דעם אָרימענס טונקעלער מאַנטל איז געווען איינגאַנצן העל פון דער מאַסע לייז, מיט וועלכע ער איז געווען באַדעקט און וואָס האָבן אַזש געשווינדלט אין די אויגן פון דער כסדרדי־קער באַוועגונג.

איך האָב יענע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן — איך פלעג בכלל כמעט נישט שלאָפן יענע נעכט — איך האָב ביטער געוויינט צוליב דער עוולה וואָס איך האָב באַגאַנגען לגבי דעם בחור. איך האָב אָבער אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען: די עפּידעמיעס האָבן געבושעוועט אין וואַרשע און יעדן טאָג פלעגט מען איזאָלירן הייזער, אָפּטמאָל גאַנצע קוואַרטאַלן.

ווען אַ סאַניטאַר־קאָנטראָל זאָל אַזאַ איינעם טרעפן אין אונדזער קיך, וואָלט מען זי געווען פֿאַרמאַכט און טויזנטער יידן וואָלטן פֿאַר־בליבן אָן אַ ביסל וואַרעמס.

דערפֿאַר אָבער איז צו מיין פרייד נישט געווען קיין גרענעץ, ווען אין אייניקע טעג אַרום האָט זיך דער זעלבער בחור נעיאַוועט אין

אַ ריינעם מאַנטל, אַן אָפּגעשוירענער און אויסגעבאַדענער: ער איז אַדורך אַ גרינטלעכע דעזינפעקציע, זיינע אַלטע מלבושים זענען געוואָרן פאַר־ברענט און מיט נייע האָט אים פאַרזאָרגט די קאָאָרדינירקאָמיסיע אויף לעשנאָ 13.

אַלס „מאָראַלישע" פאַרגיטיקונג האָט ער דאַן באַקומען אַ טאָפּלטע פּאָרציע טיי און ברויט.

ס'פלעגן דאָרט, ווי אין אַ דאַנטעאישן קאַליידאָסקאָפּ, זיך פאַרביי־טראָגן מאַקאַברישע געשטאַלטן, קאַליקעס, קראַנקע, הונגעריקע, נעכטיקע גבירים און היינטיקע שלעפּערס; געלערנטע, קולטור־טוער, אונטערוועלט־מענטשן, מלחמה־גבירים, קאָמבינאַטאָרן און שמוגלערס, אַפּיקורסים און כלי קודש.

אָט זע איך פאַר זיך דעם האַרציקן ר' משה, דעם געוועזענעם עקס־פּעדיטאָר פון „מאָמענט".

ער טראָגט נאָך אַלץ זיין לאַנגע קאַפּאָטע און יידיש היטל, וואָס טיילט נאָך מער אויס די ווייסקייט פון זיין באָרד און פּאות.

— „ר' משה — זאָג איך צו אים — פאַרוואָס זאָלט איר נישט אָרומשערן, אָדער אַרומבינדן די באָרד... פאַרוואָס זאָלן זי די דייטשן רייסן?...

ער קוקט מיך אָן מיט זיינע קלוגע אויגן, טראַכט אַ ווײַלע און ענט־פערט:

— „און אַז איך וועל נישט האָבן די באָרד, וועלן זיי דאָך רייסן פאַרן קאָפּ, — איז שוין גלייכער די באָרד"...

אין אַ געוויסן טאָג פאַלט אַריין, קלאַפּנדיק מיט די שטיוואַלעס, אַ „גראַנאַטענער" פּאָליציאַנט.

— „צאָ טו זאָ זעבראַניע?" (וואָס איז דאָ פאַרא פאַרזאַמלונג?).

די דאָזיקע פראַזע איז מיר נאָך גוט באַקאַנט פון די צייטן פון דער „וואָלינסקע קאַזאַרמע"...

אונדזער פאַרוואַלטערין לויפט גלייך צו צו אים:

— „פּאַניע נאַטשעלניקו, דו ווייסט דאָך, ס'איז דאָ קיין שום „זעבראַניע", ס'איז אַ „הערבאַטשאַרניע" (טיי־האַלע) פאַר היימלאָזע... דערלויבט פון דער מאַכט"...

— „מען קען שוין אייערע „הערבאַטשאַרניעס״! פאַרוואָס זענען די פענצטער נישט פאַרשטעלט, וואָס האָט איר דאָ צו זען?!״

אונדזער לאָקאַל האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגנאיבער דעם פאַוויאַק און פון אונדזערע פענצטער האָט מען געקאָנט זען די פאַרקראַטעוועטע שויבן, ווו ס׳האָבן אַמאָל געקלאַפּט די „בלאַסע פינגער״...

איצט זענען אָבער אונדזערע שויבן געווען פאַרפרוירן און מען האָט פון זיי גאָרנישט געזען.

מען האָט זיי פונדעסטוועגן פאַרקלעבט מיט פּאַפּיר און די „נאַטשאַלסטווע״ איז אַ באַרואיקטע אַוועק מיט אַ פופציקער־זלאָטע אין האַנט...

די „זעבראַניעס״ האָבן סיי ווי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן: די מאַרמעלאַדע איז פאַרשוווּנדן, אין אַ קורצער צייט אַרום אויך דאָס ברויט...

ווען מען האָט שוין נישט געהאַט מיט וואָס זיס צו מאַכן דעם טיי און צו באַהייצן די קיך, האָט זיך דזשעלנע 33 פאַרמאַכט.

איצט איז שוין נישטאָ קיין זכר דערפון.

דער פּאַוויאַק איז פאַרבליבן, אַזוי ווי די וואָלינסקע קאַזאַרמע.

IX

בײליס און זאַמענהאָף

לאָמיר זיך אומקערן צו דער דזשיקע גאַס.

רעכטס, אויף דער זעלבער זײַט ווו פעטער גוטמאַן האָט געוווינט אויף דזשיקע גאַס 12, איז אַמאָל געווען אַן „אילוזיאָן", אײנער פון די ערשטע ייִדישע קינאָס אין וואַרשע.

דעם ערשטן „אילוזיאָן" אין וואַרשע האָט געגרינדעט אַ געוויסער טאָווביין אויף מאַרשאַלקאָווסקע 118.

זײַן זון, מאָווש, איז געווען מײַן שול־חבר ביי מוראַוולאָוון, איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס איך האָב געהאַט פרײַען אַרײַנטריט אַהין.

דער פאָטער אָבער פלעגט מיך נישט תמיד לאָזן גײן צו טאָווביינען, ווײַל איך האָב צוליב דעם פאַרנאַכלעסיקט די לעקציעס...

אויף דזשיקע איז אָבער געווען נענטער צו גיין, פלעגן מיר שוין, איך און יאַנאַס, אויסגעפינען עפּעס אַ תירוץ און זיך אַרײַנכאַפּן אויף אַ סעאַנס.

אינעם טאָג, ווען ס'איז אונדז געווען באַשערט צו גײן אין „אילו־זיאָן", פלעג איך מיך שוין אויפכאַפּן מיטן דאַזיקן געדאַנק. דאַקעגן מיטן געדאַנק צו גײן אין טעאַטער פלעג איך מיך אַרומטראָגן אַ גאַנצע וואָך...

אַזוי אויך אין די יאָרן פון מײַן טעאַטער־טעטיקייט האָט מיך טעאַ־טער־אַרבעט מער געצויגן ווי פילם.

דער „אילוזיאָן" איז פאַר מיר געווען עפּעס אַ וואָכעדיקער יום־טוב, אָדער ווי אַ שבת־נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג, וואָס האָט קײנמאָל נישט געהאַט דעם זעלבן רייץ ווי אַן אָוונט־פאָרשטעלונג.

גייסט אריין, זיצסט אָפּ דיין שעה, אנדערטהאלבן און קערסט דיך ווידער אום צו דיין געוועגלעכער ארבעט: מאכן לעקציעס, לייענען אַ בוך, אָדער גיין ערגעץ מיט די עלטערן. דאקעגן טעאטער איז גאָר אַן אנדער זאך! גרייטסט זיך, אזוי ווי אַלע אין שטוב גרייטן זיך; טוסט דיך אָן אין אַ גאַלאַ מונדירל, פּוצסט זיך אוים; קוקסט זיך צו ווי דער עולם קומט זיך צונויף, הערסט די קלינגען פון עלעקטרישן גלעקל און ביי יעדן קלונג גיט אַ טיאַכקע אין הארץ: אָט באלד... אָט נאָך אביסל... אָט שוין הויבט זיך עס אָן!

דער סוד פון באהעפטן זיך פונעם זאַל מיט דער בינע... ס'צינדט זיך אָן די ראמפּע... ביסלעכווייז לעשט זיך דאָס ליכט אין זאַל... אָט שוין אינגאנצן פינצטער! דער דיריזשאָר באווייזט זיך אויף זיין אָרט פאַרן סופלאָר־קאסטן... זעסט אויך אַ האנט זיך באוועגן אין קאסטן, דאָס מישן די בלעטלעך פון דעם „שטיק", וואָס וועט באלד געשפּילט ווערן... סאַראַ סודות זענען פארבאָרגן אין די דאַזיקע בלעטלעך...

אָט גיט דער דיריזשאָר אַ הויב זיין שטעקעלע, דער אָרקעסטער פירט אריין אין דער שטימונג פון דער פאָרשטעלונג... אָט הויבט זיך אויף דער פאָרהאנג און ס'הויבט זיך אָן די מיסטעריע פון אָט דער אנדערער, אויסגעחלומטער וועלט, וואָס רופט זיך טעאטער!

נאָך אַ פאָרשטעלונג גייסטו טאַקע גלייך אהיים פול מיט איינדרוקן. טיילסט זיך מיט די עלטערן. פּרוווסט מיט יאָנאסן נאָכצומאכן געוויסע באַליבטע אַקטיאָרן, סצענעס גאנצע... קאָמענטירסט, קריטיקירסט און שלאָפסט איין אַ צעשמייכלטער, איבערלעבנדיק אויפסניי די פרייד פון געזעענעם.

ווער רעדט נאָך, ווען דער טאַטע פאַרבעט נאָך אַ פאָרשטעלונג די אַרטיסטן אין אַ רעסטאָראַן! זיצסט דעמאָלט פּנים אל פּנים מיט די דאַזיקע גליקלעכע מענטשן, וואָס קאָנען זיך אזוי פארשטעלן, אזוי ענ־דערן זייערע שטימעס...

גלויבסט נישט דיינע אויגן, אַז די זעלבע מענטשן זענען דאָס מיט אַ שעה צוריק געווען קעניגן, העלדן, פּאַטריאַרכן און מלאכים... סאַראַ גליקלעכע מענטשן!

און ווי גליקלעך זענען מיר, וואָס מיר געהערן צו די אויסדער־ווײילטע, מיט וועמען זיי ווילן פאַרברענגען...

אָט די אַלע עמאָציעס און יום־טובדיקייט האָבן מיר קיינמאָל נישט מיטגעבראַכט פון אילוזיאָן. אמת, מען האָט זיך טאַקע געקאַטשעט פון געלעכטער ווען „קובוש", אָדער מאַקס לינדער האָבן געבראָכן טעלער און געשפּרונגען איבער טישן און בעטן... ס'איז טאַקע „גערונען ס'בלוט אין די אָדערן" ווען „פאַנטאָמאַס" האָט באַזייטיקט אַלע שטערונגען פון וועג און איז אַרויס דער זיגער...

אָבער ווי נאָר ס'איז ליכטיק געוואָרן אין זאַל, האָסטו דערזען די וואָכעדיקייט! די פאַרשלאָפענע פּיאַניסטקע מיטן אויסגעדאַרטן פידלער וואָס האָבן ביי יעדן קאָמישן בילד געשפּילט די זעלבע פּאָלקעס און ביי יעדער דראַמע די זעלבע מאַרשן... אַזוי יאָר איין, יאָר אויס...

דער פאַרשטוויצטער עקראַן האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ אויף „אַמישנע", נישט מער ווי אילוזיע... בפרט ווען אַ בילד פלעגט זיך אויפן אינטערעסאַנטסטן אָרט איבעררייסן... גאָט, סאַראַ טופּעריי, סאַראַ פייפעריי!... אָדער ווען דאָס בילד פלעגט נישט ווערן גענוי אָנ־געשטעלט און ס'פלעגן זיך באַווייזן די פיס פון אַן אויבערשטן בילדל און די קעפּ פון אַן אונטערשטן... דער זאַל פלעגט דאַן פאַרהילכט ווערן פון קולות: „העכער! העכער!" און פון דעם טופּן מיט די פיס...

ווען אַזעלכעס פלעגט געשען אויף גענשע, ביי שרהקען אין „ביאָס־קאָפּ", פלעגט גאָר זיין יום־טוב אין שטעטל! שרהקע פלעגט אַליין אַרומ־גיין צווישן די בענק, אַראָפּשלעפּן די שרייערס פון די ערטער און אָן צערעמאָניעס אַרויסוואַרפן זיי פאַרן קאַרק. זי פלעגט דאָס באַגלייטן מיט אַ פּאָר אָפּגעטאָקטע קללות אויף איר ליטווישן לשון און נאָכדעם אַ קאָמאַנדעווע טון צום מאַשיניסט אין קאַבינע: „גיי ווייטער, וואָס שלאָפּ־סטו, אַ רוח אין דיין טאַטנס זון אַריין". דער מאַשיניסט איז טאַקע גע־ווען איר אייגענער זון...

קיינער האָט זיך איר פונדעסטוועגן נישט אַקעגנגעשטעלט, ווייל פאַר „שרהקען פון ביאָסקאָפּ", אָדער „שרהקע די ליטוואַטשקע", פלעגט מען האָבן דרך ארץ... זי איז דאָך געווען די ערשטע מזכה צו זיין וואַרשע מיט אַן „אילוזיאָן" טאַקע צווישן עמך, אויף דער סאָמער גענשע.

נאָכדעם ווי „שרהקע די ליטוואַטשקע" האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום אויפגעבויט אַן אייגענע קאָמעניצע אין פּאַלעניץ, האָבן איר שוין אַנדערע נאָכגעטון. באַווייזן זיך טאַקע אילוזיאָנען אויף קאַרמעליצקע, אויף דזשיקע 43 און אויף דזשיקע 12.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך דער סאַלאָן אויף דזשיקע 12, צוגלייך מיט אַנדערע סאַלאָנען פאַרוואַנדלט אין אַ טעאַטער.

דאָס יידישע וואַרשע פלעגט חדשים לאַנג איבערפולן די „דזשיקע 12", וווּ ס'איז געשפּילט געוואָרן פון אַ גרופּע אַמאַטאָרן, די רעפּאָרטאַזש־פּיעסע „מענדל ביילים".

פון די דאָזיקע אַמאַטאָרן זענען אייניקע געוואָרן מיט דער צייט באַקאַנטע אַקטיאָרן. גרויס און קליין האָט פאַרגאָסן ביטערע טרערן ווען מאָרים לאַמפּע, אָדער משה פּאָלאַקיעוויטש האָבן „פאַרגעשטעלט" די יסורים פון דעם מאַרטירער מענדל ביילים...

אויף מאַשקע ראַטמאַן האָט מען געטייטלט אין גאַס: „אָט דאָס איז מענדל ביילעסעס ווייב נעבעך"...

דער עולם פלעגט פייפן און נישט לאָזן קומען צום וואָרט אברהם גאָלדגעוויכטן, ווען ער האָט אַלס פּראָקוראָר געשאָטן פעך און שוועבל אויפן יידישן פאָלק...

אַ נס וואָס דער מנוולדיקער ליטווישער גלח פּראַנייטיס איז געשפּילט געוואָרן פון אַ קאָמיקער, ווען נישט וואָלט מען אינגאַנצן צעטראָגן דעם סאַלאָן...

דערפאַר אָבער האָט דער עולם אָפּגעטאָטעמט, ווען אין געריכט האָט זיך באַוויזן דער איידעלער אַדוואָקאַט גרוזענבערג. נאָך זיין באַרימטער פאַרטיידיקונגס־רעדע, אין וועלכער יעקב וויסליץ ווענדט זיך צום געוויסן פון דער וועלט און פאָדערט יושר און גערעכטיקייט פאַרן אומשולדיקן קרבן — איז דער עולם אויפגעשפּרונגען אין באַגייסטערונג:

„בראַוואָ, גרוזענבערג! בראַוואָ וויסליץ!"

מען האָט בייליסן באַפרייט! די גערעכטיקייט האָט געזיגט. דער עולם צעגייט זיך אַ דערמוטיקטער, פול מיט צוטרוי צום מענשטלעכן געוויסן און צו אַ יושרדיקן מאָרגן...

און איבער די גאסן דרייען זיך ארום דייטשע פאטרולן, וועלכע שמועסן זיך פריינטלעך דורך מיט די פארבייגייער.

— יא, דער ביילים... דאס קאן נור ביי דען רוסישען שוויינען פאסירען...

אויף דער צווייטער זייט גאס, אויף דזשיקע 11, האט געוווינט א באשיידענער יידישער געלערנטער.

ביים אריינגאנג פון טויער איז געהאנגען א קליין שילדל מיטן אויפ־שריפט: „ד״ר לודוויק זאמענהאף. אקוליסט"...

געוועז א צייט, ווען איך פלעג טאג טעגלעך אהינבאגלייטן יאנאסן, וואס האט זיך ביי אים קורירט.

עס שטייט מיר פאר די אויגן די נידעריקע געשטאלט פונעם דאק־טאר מיטן קורץ־געשווירענעם ווייסן בערדל, מיט די קלוגע אויגן וואס קוקן אויף דיר אריבער די אויגן־גלעזער. ער איז תמיד ערנסט, פארטראכט, זאכלעך. וויצלט זיך נישט, ווי אנדערע דאקטוירים, מיט וועלכע דו ווערסט גלייך היימיש און במילא חוצפהדיק.

ער רעדט צו דיר שטיל, לאנגזאם, און אלץ האט א שייכות צום ענין, צו דער קראנקהייט, וועלכע ער קורירט.

פונעם ערשטן בליק באקומסטו פאר אים דרך־ארץ און אבסאלוטן צוטרוי.

יאנאס פלעגט טאקע אויף א מערקווירדיק געדולדיקן און רואיקן אופן אויסהאלטן די ווייטיקן, מיט וועלכע די קוראציע איז געווען פארבונדן. זאמענהאף פלעגט אים נישט איינמאל, נאכן לאפסירן די אויגן, א גלעט טון אין באק און באוואונדערן זיין אויסדויער.

ער איז געווען שטרענג און גלייכצייטיק גוטמוטיק, ווי א ליבער זיידע.

מיט אונדז פלעגט ער רעדן פויליש, מיט אנדערע רוסיש, אדער יידיש.

עפעס געדענק איך, ווי דער טאטע האט אמאל דערמאנט, אז דער דאזיקער דאקטאר האט „געמאכט א נייע שפראך, וואס אלע זאלן זי קאנען פארשטיין"...

פראַגמענטן פון מיין לעבן

אין יאָרן אַרום האָט דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט אָנגערופן אַ טייל דזשיקע — פון נאָוואָליפּקי ביז גענשע — אויפן נאָמען פונעם שעפער פון עספּעראַנטאָ: „גאַס פון לודוויק זאַמענהאָף".

דאָס איז געשען אין שייכות מיטן אַלוועלטלעכן עספּעראַנטיסטן־קאָנגרעס אין וואַרשע.

אויפן וואַרשעווער בית עולם, דעם איינציקן לעבעדיקן אָרט פונעם אַמאָליקן יידישן וואַרשע, איז פאַרבליבן אומבאַרירט לודוויק זאַמענהאָפס קבר.

דאַקעגן פונעם הויז, ווו ער האָט געחלומט צו פאַרברידערן אַלע פעלקער און ראַסעס דורך אַ געמיינזאַמער שפּראַך — איז קיין שפּור נישט פאַרבליבן.

דאָס הויז איז אָפּגעמעקט געוואָרן צוגלייך מיט דער גאַנצער זאַמענהאָף־גאַס.

X

גענשע גאָס

מיר דערנענטערן זיך צום דענקמאָל פונעם געטאָ־אויפשטאַנד.

ווען ס'איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק אויפצושטעלן דעם דאָזיקן דענקמאָל, איז קיין בראַזיל אָראָפּגעקומען א דעלעגאַציע פון פּוילן אויף צו פירן אַן אַקציע לטובת דער זאַך.

מיר איז צוגעפאַלן דער כבוד צו זיין דער פאָרזיצער פונעם קבלת פנים קאָמיטעט, הגם דער געדאַנק פון אַזאַ דענקמאָל איז מיר נישט גע־ווען צום הארץ. איך האָב עס אויך דערקלערט איינעם פון די דעלעגאַטן.

— שטיינער האָבן מיר גענוג נאָכן געטאָ־חורבן, — האָב איך גע־טענהט — צו וואָס אַריינלייגן אַזוי פיל מי און געלט אין א נייעם שטיין? אויב שוין יאָ א דענקמאָל, זאָל ער זיין א נוצלעכער, א לעבעדיקער: א פאָלקס־אינסטיטוט, א דערציאונגס־הויז פאַר יתומים, א מוזיי, — יעדנ־פאַלס א בנין וואָס זאָל נישט זיין בלויז קיין טויטער עדות פון יידישן מוט און קדוש השם, נאָר א לעבעדיקער דערגענצער פון אונדזער מוראדיקן פאָלקס־פאַרלוסט, א לעבעדיקער באַווייז, אַז נישט געקוקט אויפן חורבן — „זענען מיר דאָ!"

די דעלעגאַטן האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז דער נייער ישוב אין פּוילן דאַרף האָבן דעם דאָזיקן דענקמאָל. ס'האָט פאַר אים א גרויסע מאָראַלישע באַדייטונג.

און אָט זע איך דעם דענקמאָל... און ס'באַשטעטיקט זיך מיר די ריכטיקייט פון מיינע השערות.

דער מאָנומענט פאַרלירט זיך אין דער אומענדלעכער וויסטעניש... פון דערווייטנס זעט ער אויס ווי א צופעליק פאַרבליבן שטיקל מויער נאָך אַן ערדציטערניש, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלץ אַרום.

ווי עקספּרעסיוו ס'זאָלן נישט זיין די בראָנזענע געשטאַלטן פונעם סקולפּטאָר טענענבוים, ווי אימפּאָזאַנט ס'זאָל נישט זיין פון דער נאָענט דער גאַנצער דענקמאָל, ווערט ער אָבער בלאַס און אויסדרוקסלאָז נאָך דעם ווי מען בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דער פאַרוויסטונג אַרום...

ס'דערמאָנט זיך מיר אַ סאָוויעטישער פילם, וועלכן איך האָב אַמאָל געזען אין פּאַריז, גערופן האָט ער זיך: „מיר, קראָנשטאַטער!"

אָט זעט איר אַ האַפן, אָט פאָרט איר אַרום אויף אַ מאָטאָר־שיפל, אָט שווימט איר שנעל, שנעל צווישן באַפעסטיקטע ברעגעס און פלוצים — שווימט איר אַריין אין גרויסן ים! מיט דער הילף פון אַ געשיקטן טריק איז בליצשנעל פאַרגרעסערט געוואָרן דער עקראַן און די אומ־ערוואַרטע, גוואַלדיקע ברייטקייט און רחבות פון ים פאַרבלענדט דיר די אויגן! רייסט ביי דיר אַרויס אַן אויסרוף פון אַנטציקונג, באַוווּנדערונג און איבערראַשונג!

ווערסט געפּלעפט און מאַכטלאָז לגבי דעם פאַרנעם! ס'ווייזט זיך דיר אויס, אַז אַלע ימים פון דער וועלט האָבן אַריינגעגאָסן זייערע כוואַ־ליעס אין דעם דאָזיקן ים־אָקעאַן און זענען גרייט דיך צו פאַרשלינגען...

דעם זעלבן איינדרוק מאַכט אויף דיר דער אומגעהויערער אָקעאַן פון פאַרוויסטונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיינע אויגן.

דאָס איז שוין אַליין פאַר זיך אַ מאָנומענט! קאַטאַקליזם! נישטאָ!

וואָס פאַר אַן איינדרוק קאָן שוין מאַכן אין דעם חורבן איבער אַלע חורבונות אַ שטיינערנע וואַנט מיט צוגעטראַכטע בראָנזענע פיגורן?

אפשר — אַזוי ווייט גרייכט שוין נישט מיין פאַנטאַזיע — ווען פון די גרויזעם וועלן אַמאָל אויפשטיין בנינים און דער מאָנומענט וועט זיך געפינען אין צענטער פון אַן אורבאַניזירטן פּלאַץ, וועט די ווירקונג זיין אַן אַנדערע, אפשר.

לעת־עתה וואָלט ער אויף מיר געווירקט, לאָמיר זאָגן, אויפן גענשער בית־עולם, אויף דעם איינציקן אָרט פונעם אַמאָליקן יידישן וואַרשע, וואָס איז פאַרבליבן לעבן...

דער היסטאָרישער מוזיי אויף טלאָמאַצקע האָט אויף מיר שטאַרקער געווירקט.

אין אַ זייט פונעם דענקמאָל געפינט זיך דער בנין פון דער אַמאָ־ליקער „דזשיקע" תפיסה.

דאָס העלפט מיר זיך ווייטער צו אָריענטירן. אין דער ברייט האָט זיך אַמאָל געצויגן די גענשע גאַס.

פון דער תפיסה לינקס האָט די גענשע געפירט צום בית־עולם.

אויף דער דאַזיקער זייט האָבן זיך געפונען פאַבריקן, וואַרשטאַטן און די יידישע מצבה־קריצערייען.

דאָרט האָט זיך טאַקע געפונען די ערשטע גרויסע מעכאַנישע סטאָלאַר־פאַבריק אין וואַרשע.

געגרינדעט האָט זי מיין נאָענטער פריינט הענעך העלדענבערג, מיט וועלכן מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אויף די ברעטער פון אַמאַ־טאָרן און דערנאָך פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

איך פלעג זיין אָן אָפטער איינגייער אין דעם געמיטלעכן דירהלע, וואָס איז געווען צוגעטולעט צו די גרויסע מויערן פון דער פאַבריק.

ס'איז געווען אַ גייסטיקער אָפּרו צו פאַרברענגען אין דער סביבה פונעם קלוגן, סובטעלן הענעך און זיין צאַרטער, אינטעליגענטער פרוי סאַלע.

סאַלע העלדענבערג האָט געענדיקט אַ דראַמאַטישע שולע, געהאַט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און פאַרגעטערט טעאַטער אַזוי ווי מיר.

אויך איר איז נישט באַשערט געווען זיך צו ווידמען איר באַליבטער קונסט. פאַרן פוילישן טעאַטער האָט זי אויסגעזען צו „סעמיטיש", פאַרן יידישן ווידער — האָט זי גערעדט אַ שלעכטן יידיש און נישט געקאָנט זיך צופּאַסן צום „באַקן" פּיעסעס.

ס'איז פאַר זיי געווען די גרעסטע טראַגעדיע, ווען זיי האָבן געמוזט רעזיגנירן פון טעאַטער און זיך נעמען צו פאַבריקאַציע. זיי האָבן פונ־דעסטוועגן געהאַלטן די גענשע גאַס פאַר אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד און נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק זיך אומצוקערן צום טעאַטער.

דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט די דאַזיקע וויכטיקע טייל פון דער גענשע גאַס קיינמאָל נישט געפונען פאַר נויטיק צו פלאַסטערן, ווי למשל די פּעריפעריעס וואָס פירן צו די צמענטאַזשן פון די קריסטלעכע רעליגיעס.

די עגלה מיטן מת פלעגט אונטערטאַנצן איבער די שטיינער, מיט וועלכע די גאַס איז געווען שיטער געדעקט. ערשט אויפן בית־עולם האָט מען זיך געקאָנט פריי און באַקוועם באַוועגן איבער די זאַרגפּעליק אָפּגע־היטענע אַלייען.

די דאָזיקע זייט גענשע איז געווען אַ מין שטיף־קינד ביי דער שטאָט וואַרשע.

פאַר מיר אָבער האָט זי געהאַט אַ באַזונדערן רייץ.

אין די סוטערינעס און קעלער־שטיבער פון די ענגע, שמוציקע הייף פון יענער זייט גענשע, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע קאַטאַריניאַזשעס, קונצנמאַכער, אַקראָבאַטן און פייערשלינגער.

באַלד אין דערפרי, ווען די ערשטע לוויה פלעגט זיך דערנעענטערן צום בית־עולם, פלעגט איר שוין אַנטקעגן גיין אַ כאַפּטע פאַרשלאָפענע קונצנ־מאַכער אויף צו פאַרווײלן די וואַרשעווער באַפעלקערונג.

טייל פון זיי, מיט אַ „בעסערן״ אויסזען, פלעגט גיין אויף לינקס, אין די גויאישע גאַסן, די אַנדערע — אויף רעכטס, אין די יידישע הייף.

געווען צווישן זיי „סאָליסטן״, דאָס הייסט, קאַטאַריניאַזשעס וואָס פלעגן אַליין אויספירן זייער פּראָגראַם. צוגעהאָלפן האָט זיי אַ ווייסע מויז, וואָס פלעגט אַרויסציען קאָנווערטן מיט „מזלות״, פון וועלכע די דינסט־מיידלעך האָבן זיך דערוווּסט סודות וועגן זייערע חתנים...

אַמאָל פלעגט אויך אַ מיידעלע באַגלייטן די גרילצנדיקע קלאַנגען פון דער קאַטאַרינקע מיט אַ „מאָראַליש״ געזאַנג און שפּעטער צונויפ־קלייבן איבערן הויף די אַראָפּגעוואָרפענע מטבעות.

אין יאָר 1929 האָב איך באַדאַרפט צו מיין אויפפירונג פונעם „הויז פון פאַרברעכער״ אַן אמתע קאַטאַרינקע. צוזאַמען מיט אַרנאָלדן זענען מיר אַרום אויף גענשע און אָפּגעדונגען ביי אַ קאַטאַריניאַזש זיין אינ־סטרומענט. יעדן אָוונט פלעגט ער אים ברענגען אין קאַמינסקיס טעאַטער און מעשה מבין זיך צוהערן ווי מיין ברודער יצחק שפּילט אויף איר, פאַרקליידט פאַר אַ קאַטאַריניאַזש.

— איך מאַך עס בעסער — האָט ער געזאָגט — פון דעם „געמאַכטן״ קאַטאַריניאַזש אויף דער סצענע! מען זעט באַלד, אַז ס׳איז נישט קיין פאַכמאַן״...

געוועז דועטן: אַ בלינדער פידלער מיט אַ טאָכטער, אָדער מאַן און ווייב. אָדער גאָר צוויי יתומים וואָס פלעגן דעם עולם מהנה זיין מיט לידער פון זייער אייגענער פאַרפאַסונג אויף צאַפלדיקע אַקטועלע טעמעס...

כמעט אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך געהערט אין די יידישע הייף אויסגע־שרייען „האנדל־האנדל!" פון די הויף־סוחרים, די פּאָפּולערע „האַנדלאַ־זשעס"; „אַלטוואַרק קויף איך, אַלטוואַרק", אָדער: „גאַ־גאַ־לע־גאַ"... פון די זאַמד־פאַרקויפער; אָדער: צו פאַריכטן, צו פאַרלייטן, מיידלעך, ווייב־לעך!... פון די וואַנדערנדיקע בלעכערס און פון די צענדליקער אַנדערע סוחרים און בעלי מלאכות...

אָבער דעם גרעסטן אויפזען פלעגן אַרויסרופן די הויף־אַרטיסטן מיט זייערע: שענקט אַ נדבה אַ בלינדע קאַליקע!... העלפט, יידן, אָרעמע יתומים!... וואַרפט אַראָפּ אַ גראָשן אַ בלינדע קאַליקע"...

מיר פלעגט זיין אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן ווי די „בלינדע" באַ־טראַכטן די מטבעות ווי אַלע זעעוודיקע, ווי די צוויי „יתומים" טרעפן זיך אין גאַס מיט זייערע טאַטע־מאַמע און גיבן זיי אָפּ „ס'פאַרדינסט", ווי הינקענדיקע פאַרגעסן זיך און הויבן אָן צו גיין ווי גלייכע... ווי אַ טויב־שטומע הויבט אָן צו שעלטן דעם מאַן מיט ביטערע קללות...

געוועז אויך גאַנצע טרופּעס מיט מוזיקאַנטן, אַטלעטן, אַקראָבאַטן און קונצנמאַכער.

אַזעלכע טרופּעס פלעגן שוין נישט גיין אין אַבי וועלכן הויף, זיי פלעגן אויסקלויבן די „אַריסטאָקראַטישע" הייף מיט אַ „בעסער" פּו־בליקום וואָס ווייסט ווי אָפּצושאַצן „אמתע קונסט".

אין מיר האָבן אַזעלכע טרופּעס געהאַט דעם געטרייסטן פאַרערער; איך פלעג נישט מיד ווערן נאָכצוגיין זיי פון הויף צו הויף און נישט איין־מאָל טאַקע אַדורכגעלאָזט צוליב דעם אַ לעקציע אין שולע.

איך האָב באַוווּנדערט זייער דרייסטקייט און געשיקטקייט, אָבער קודם־כל — די אימפּראָוויזירטע סיטואַציעס, וואָס זענען אין יעדן הויף אויף אַ באַזונדערן אופן געשאַפן געוואָרן, אָפּהענגיק פונעם אָרט, וווּ די קונצן זענען געוויזן געוואָרן.

אָט גייט אַריין אַזאַ טרופּע אין אַ גרעסערן הויף. דער עלצטער מיט אַ „מאַטשעיוווקע" אויפן קאָפּ, מיט לאַנגע, פאַרדרייטע וואָנצעס, זעט

אוים ווי אַן אמתער ציגיינער. ער שעלט זיך אָבער מיט אַזעלכע זאַפּ־טיקע יידישע קללות, אַז איך וואָלט געשווירן, אַז ער איז אַ ייד...

ער גייט אַרום איבערן הויף, קלאַפּט אינעם פּייקל און ציט־צו דעם עולם צו די פענצטער.

צוויי קינדערלעך צעלייגן אין מיט פונעם הויף אַ לענגערן דיוואַן און לויפן אַריין אין דערבייאיקן הויז. אין אַ ווײַלע אַרום קומען זיי אַרוים מיט די איבעריקע קונצנמאַכער, אָבער שוין גאָר ווי אַנדערע מענטשן...

דאָס זענען שוין נישט די מידע, גלייכגילטיקע און אָפּגעריסענע קונצנמאַכער! ס׳באַווייזן זיך שפּרינגנדיקע אַרטיסטן אין פאַרביקע טרי־קאָס מיט „גליקלעכע״ שמייכלען אויף די ליפּן, וואָס וואַרפן לופט־קושן אויף רעכטס און אויף לינקס.

און עס הויבט זיך אָן די פאָרשטעלונג... קאַרקברעכערישע שפּרונגען. אַ לעבעדיק ראָד פון צוויי קינדער, וואָס קייקלט זיך איבערן דיוואַן מיט אַזאַ געשווינדקייט, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתן ראָד... אָט קומט אַ צווייטער, וואָס שלינגט פייער, עסט גלאָז און לייגט זיך צום סוף אויף אַ ברעט מיט שאַרפע טשוועקעס און דער קאַטאַרינאַזש אַליין שפּרינגט אויף אים, ביז דער „הויף״ הויבט אָן צו שרייען: „דאָסיטש! גענוג!״...

און ווען דער עולם קאַרגט נישט קיין קלינגערס, קומט נאָך אַ „וואָלקע פראַנצוזקע״ — פון צוויי אמתע אַטלעטן מיט ווײַבערישע בריסטן און געשוואָלענע אָרעמס...

און ווידער די זעלבע לופט־קושן אין אַלע זייטן מיט די ליבע שמייכ־לען און די פאָרשטעלונג ענדיקט זיך.

מידע, גלייכגילטיקע, מיט פאַרדאַגהטע פּנימער גייען די קונצנמאַ־כערס אין אַ צווייטן הויף. אויב אַ „גוטער״ הויף געפינט זיך נאָענט פונעם ערשטן, טוען זיי זיך נישט איבער, פאַרוואַרפן בלויז די רעקלעך איבער די טריקאָס און גייען אין אַזאַ הולך איבער דער גאַס צום צווייטן הויף, ווי אמתע פּורים שפּילער!

אַ כאַפּטע קינדער באַגלייט זיי מיט „הוראַ״־געשרייען, שפּרינגנדיק און טאַנצנדיק איבער דער גאַס. און איך בין צווישן זיי...

אין אָוונט, אין דער היים, פּרווו איך מיט יאַנאָסן נאָכצומאַכן די קונצן, ספּעציעל די „פּראַנצוזקע וואַלקעס". איינמאָל בין איך פון אַזאַ „וואַלקע" קוים אַרויס אַ לעבעדיקער... בעת אַ „קאָמפּליצירטער פּאָזיציע", ווען יאַנאָס האָט מיך געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, בין איך פּלוצלינג אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט און מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטון מיטן קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע. אַ שטראָם בלוט האָט זיך מיר אַ גאָס געטון פון דער נאָז און איך האָב פאַרלוירן ס׳באַוווסטזיין... אַ נס וואָס קיינער איז אין דער היים נישט געווען און דער פאָטער האָט זיך וועגן דעם נישט דערוווּסט...

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין צו „וואַלקעס" אונטערגעלייגט אַ ווייכן דיוואַן...

די הויף־קונצנמאַכער האָבן אויך דערוועקט אין מיר אַ שטאַרקע ליבע צום צירק.

די ליבע האַלט נאָך אָן ביז היינט צו טאָג.

נאָך מער ווי צום טעאַטער פּלעגט מיך טאַקע ציען צו ציניזעלים צירק אויף אָרדינאַצקע. דער טאַטע האָט געוווּסט דערפון און אַז ער האָט געוואָלט ביי מיר פועלן זיך בעסער צו לערנען, פּלעגט ער מיר צוזאָגן מיטצונעמען אין צירק.

אין זיבעטן קלאַס בין איך קוים אַריבער צוליב דער „דעצידירנדי־קער וואַלקע" צווישן ווילדמאַן און ראָמאַנאָוו...

דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען יענע פאָלקס־אַרטיסטן פון דער לינקער זייט גענשע...

די רעכטע זייט גענשע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אָן אָפּגעשלאָ־סענע מלוכה, די מאַנופאַקטור־בראַנזשע.

אַלע געשעפטן, הייף און הייזער זענען געווען געווידמעט דעם דאָזיקן מסחר. הונדערטער טרעגערס, בעלי־עגלות, אַלע מעגלעכסטע טראַנספּאָרט־מיטלען זענען געשטאַנען אין דינסט ביי דעם דאָזיקן וויכ־טיקסטן אָפּצווייג פון פויליש־יידישן האַנדל.

גאַנצע שטאָבן פון אַגענטן, וואָיאַזשאָרן, קאָמיוואָיאַזשאָרן, מעק־לערס, עקספּערטן, בוכאַלטערס און עקספּעדיטאָרן זענען געווען דאָרט

באַשעפטיקט. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געשעפט זייער חיונה פון דער גענשער מאַנופאַקטור.

לאָדזש, זשיראַרדאָוו, ביעלסק; ענגלאַנד, איטאַליע, יאַפּאַן — פון אומעטום פלעגן קומען טוכענע, וואָלענע, סאַמעטענע, זיידענע באַלן־סחורות און אָנפילן די פּאַליצעס פון די גענשער געשעפטן און לאַגערס. פון דאָרט פלעגן זיי זיך ווידער צעגיין איבער די וואַרשעווער וואַרשטאַטן, איבער דער פּראָווינץ און ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן

די שטאָט לאָדזש האָט געשמט אַלס גרעסטער מאַנופאַקטור־פּראָדוצענט, די גענשע גאַס — אַלס גרעסטער מאַנופאַקטור אָפּנעמער אין פּוילן.

ווי אַן אָאַזיס אין דער דאָזיקער קאָמערץ־וועלט איז אַהין פון די צאַרישע צייטן פאַרוואָרפן געוואָרן אַ מלוכהשע פּראָגימנאַזיע. די פּוילישע רעגירונג האָט דעם בנין איבערגעגעבן פאַר אַ יידישן לערער סעמינאַר, וווּ פּראָפעסאָר באַלאַבאַן איז געווען דירעקטאָר.

כמעט אַנטקעגן דעם סעמינאַר האָט זיך אין אַ הויף געפונען די גענשער שול, ווו מען פלעגט אויפן „שפּרונג" אָפּכאַפּן אַ דאַווענען, אַ מאָל אויך אַ בלאַט גמרא אין בינו לבינו „צוקלאַפּן" אַ געשעפטל.

ביים אַריינגאַנג פון דזשיקע האָט זיך פון איין זייט געפונען שרהקעס באַרימטער „ביאַסקאָפּ" און פון דער צווייטער זייט — שמואל פיינהאָלצס „פּאָסטעמפּאָווע" (פּראָגרעסיווע) חדר.

די גענשע גאַס האָט זיך אַלזאָ געצויגן פונעם „גענשער" בית־עולם, אַדורכגעשניטן די דזשיקע און זיך געענדיקט ביי די נאַלעווקעס.

די גאַס וואָס האָט זיך ווייטער געצויגן איבער די נאַלעווקעס, ווי אַ המשך פון דער גענשע, האָט שוין געהייסן פראַנטשישקאַנער.

די פראַנטשישקאַנער גאַס ווידער האָט אַ חוץ מאַנופאַקטור און לעדער פאַרמאָגט אַ גאַנצע רייע ספרים געשעפטן.

דאָרט האָט איר געקאָנט געפינען פון כל־טוב: שמ"רם מעשה־ביכלעך און גאָלדפּאַדענס אָפּערעטעס, פּאָלקסלידער פון בערל זבאַראַזשער און וויצן־ביכלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער און שייקע פייפער.

צאינה וראינהם און טייטש־חומשים מיט מחזורים. די זעלטנסטע ווילנער און קראָקעווער אויסגאַבעס יקר המציאותן פון פראַנקפורט און

וואָרמס, פון אַמסטערדאַם און פלאָרענץ. געווען מיטל־אַלטערלעכע פאַ־ליאַנטן, מייסטערהאַפט געבונדן אין געטאָקטן לעדער מיט גאָלדענע ראַנדן און געציקלטע אותיות, וואָס פלעגן זיין צוגענגלעך נאָר פאַר יחידי סגולה.

געווען פּאָפּולערע בראָשורלעך מיט פּרימיטיוו־נאַאיווע צייכענונגען אויפן שער בלעטל מיט שבחים און יחוס־בריוו פונעם מחבר.

געווען דאָרט טליתים און תפילין, מזוזות און פּרוכתן; געטאָקטע בשמים־ביקסן און געשניצטע אתרוג פּושקעס; סגולות און עין־הרע אָפּ־שפּרעכונגען; חלפים פאַר שוחטים און מעסערלעך פאַר מוהלן... מען האָט אויך דאָרט געקאָנט באַקומען אַ לאָטעריי־צעטל ביי אַ מוכר־ספרים וואָס איז געווען „באַקאַנט מיט זיין מזל"...

געווען נאָך אַ גאַס מיט יידישע מוכר ספרימס, דווקא אין דער גוייאישער געגנט — אויף שוויענטאָקזשיסקע. הגם די באַלעבאַטים פון די געשעפטן זענען אויך געווען „לאַנג־געקליידעטע", איז אָבער די סחורה דאָרט געווען כמעט אויסשליסלעך אַ „גוייאישע".

שול־ביכער און העפטן, די פּוילישע און רוסישע קלאַסיקער, די נייע און אַלטע ליטעראַטור. זעלטענע קירכלעכע אויסגאַבעס אין דער לאַטיינישער שפּראַך, מוזעאַלע זעענסווירדיקייטן און כתב־ידן אויף פּאַר־מעט געשריבן מיטן שטרענגן גאָטישן שריפט.

קרימינעלע ראָמאַנען און פּאָרנאָגראַפישע ביכלעך; באָקאַטשיאָ און האָמער; קאָראַן און מיסיאָנערישע אויסגאַבעס פון דער ביבל.

דיביידע גאַסן האָבן פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערן צוציאונגס כוח און איך פלעג נישט איין טאָג פאַרברענגען ביים נישטערן די פאַרשטויב־טע פאָליצעס און זוכן „עפּעס" פון טעאַטער.

די שוויענטאָקזשיסקע גאַס פלעגט די לעצטע יאָרן זיין באַקאַנט אַלס אָרט פון „פאָלקס־אויפברויז" קעגן די יידישע געשעפטן...

פאַרן אָנהויב פון שול־יאָר פלעגן זיך דאָרט אויסשטעלן פּיקעטן אין אַקאַדעמישע היטלען מיט שטעקנס אין די הענט און נישט דערלאָזן צו קויפן אין די יידישע געשעפטן, ווו מען האָט אַלץ באַקומען ביליגער ווי ביי די פּוילישע שכנים.

„סוווי דאָ סווענאָ פּאָ סוואָיע" („דער אייגענער צום אייגענעם נאָכן אייגענעם") איז געווען דער לאָזונג פון די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פּיקעטן און זייערע פירער.

הגם דער לאָזונג איז געווען אַ „פרידלעכער" און האָט באַדאַרפט טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ריין עקאָנאָמישן קאַמף, פלעגן זייער אָפט אין יענע ריכטונג איילן די אויטאָמאָבילן פון דער גיכער הילף...

אַלס שילער, ווען איך האָב געוווינט אין דער יידישער געגנט, האָט מיך געצויגן שווענטאָקזשיסקע... אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב געוווינט אין דער גויאישער געגנט, האָט פאַר מיר באַקומען אַ באַזונדערן רייץ די פראַנטשישקאַנער מיט אירע יידישע אוצרות.

דאָרט טאַקע האָב איך געפונען אַן עקזעמפּלאַר פון עטינגערס „סער־קעלע", אַ יקר המציאות.

אָפּטמאָל פלעג איך, צוריקגייענדיק פון פראַנטשישקאַנער פאַרבייגיין די צוויי הייף פון גענשע 5.

דאָס דאָזיקע הויז האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערן רייץ.

איך פלעג אַרויפקוקן אויפן צווייטן שטאָק, ווו איך האָב אָנגעהויבן אַלף־בית צו לערנען. געזען דאָס פענצטער, אויף וועלכן איך האָב מיך אַמאָל אַרויפגעזעצט מיט די פיס אַרויס צום הויף, געריסן פּאַפּיר און געקוקט ווי עס „פליט"...

ס'האָבן זיך מיר דערמאָנט די דערשראָקענע פּנימער, וואָס האָבן פון די אַרומיקע פענצטער אַרויסגעקוקט און מורא געהאַט מיר עפּעס צו זאָגן, כ'זאָל מיך נישט „פאַרגאַפּיען" און אַראָפּפאַלן...

איך האָב געשמייכלט צו די דאָזיקע פּנימער און זיך באַרימט, ווי שיין מיינע פּאַפּירלעך פליען...

כ'געדענק ווי דער מאַמעס צאַרטע הענט האָבן מיך אַריינגעשלעפּט אין שטוב און האָב דערפילט די וואַרעמקייט פון אירע טרערן אויף מיין פּנימל...

כ'געדענק דעם פּסק, וואָס איך האָב געכאַפּט פונעם טאַטן פאַר דער דאָזיקער „דרייסטקייט" און ווי ער האָט זי מיר אָנגעהויבן „אַרויסצו־שלאָגן"...

דאָס איז געווען דער ערשטער „מען טאָר נישט", וואָס איך געדענק.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ כסדרדיקע סדרה פון „מען טאָר נישט"...

איך האָב דערקענט דאָס פענצטער פון קעלער, דורך וועלכן איך האָב אַמאָל אַראָפּגעשטופּט אַ חוצפּהדיק מיידעלע, וואָס האָט פאַר מיר זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט... צום גליק איז עס געווען אַ יידיש מיידעלע און מיר האָבן אויסגעמיטן אַ בלוט בלבול...

ווען מיר האָבן דערעפנט דעם אסתר־רחל קאַמינסקי מוזיי אין יאָר 1926 און הונדערטער מענטשן האָבן באַזוכט אונדזער דירה אויף אַבאַזשנע גאַס, האָט מיך אַ יונגע פרוי געפרעגט, צי איך דערקען זי...

יאָ, איך האָב זי דערקענט — דאָס איז געווען דאָס מיידעלע, וואָס איך האָב אַריינגעוואָרפן אין קעלער...

גענשע 5! ערשטער באַזוך אין טעאַטער! אלף־בית. חומש אָנהויבן... די ערשטע טריט צו „שפּילן"... די ערשטע פּרוּוון צו וואַנדערן...

דוד הערמאַן פלעגט זאָגן, אַז ער קאָן פון יעדן איינעם מאַכן אַן אַקטיאָר. אין דעם ליגט אַ שטיק אמת. דער מענטש ווערט געבוירן מיט אַ נטיה צו שפּילן, דאָס ווייזט זיך אַמבולטסטן אַרויס אין זיינע קינדעריאָרן.

אַזוי האָט אויך די גאַנצע מענטשהייט אין איר אור־פּעריאָד אויסגעפּילט איר פרייע צייט מיט ספּעקטאַקולאַרע צערעמאָניעס. זיי האָבן זיך געשאַפן אָפּגעטער, רעליגיעזן קולט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ספּעקטאַקולאַרע גאָטעסדינסטן, אין „פאַרשטעלן זיך". דאָס זעלבע ביז היינט צו טאָג ביי פּרימיטיווע פעלקער. דאָס זעלבע — אויף אַן אַנדער אופן ביי קינדער.

איך קאָן אַלזאָ זאָגן: איך בין געבוירן אַן אַקטיאָר. אַן אַקטיאָר און אַ וואַנדערער.

אָט הפנים — פאַראַן אַזעלכע ספּעציעלע קיילעכלעך אין בלוט, וואָס זענען נאָך פאַרבאָרגן פאַרן אויג פון מיקראָסקאָפּ... אָן די קיילעכלעך וואָלט איך אפשר געוואָרן אַ סוחר... צוליב די קיילעכלעך, מסתמא, נעמט זיך דער אויסדרוק: אַקטיאָריש בלוט...

דער פעטער „סראַכאיעם" איז געווען דער ערשטער דאָס דאָזיקע „בלוט" אין מיר צו אַנטדעקן.

דער צווייטער איז געווען מיין שול־דירעקטאָר מאַגנוס קרינסקי און דאַן מיין ברודער יאַנאַס. זיי ביידע האָבן מיך טאַקע צוגערעדט אַנצוקומען אין דראַמאַטישע שולע...

קרינסקי האָט נאָך אין מיר געהאַט אַנטדעקט אויך „שרייבעריש בלוט"... איך האָב אָבער געלאָזט קומען צום אויסדרוק דאָס ערשטע.

ערשט ביים סוף פון מיינע פערציקער יאָרן, ווען איך האָב צוליבן וועלט־חורבן פאַרלוירן מיין טעאַטער־וואַרשטאַט, האָב איך מיך געזוכט אויסצולעבן דורך דער פען.

איך האָב אָנגעהויבן צו „שפּילן" פון מיינע יינגסטע יאָרן אָן... אין דער זעלבער צייט האָב איך אויך דערפילט אין מיר דעם באַגער צו וואַנדערן... שפּילן און וואַנדערן. — מאַסקע און ראָד, די צוויי אור־אַלטע קאָמענדיאַנטישע עמבלעמען האָט מיר דאָס לעבן צוגעטיילט פון מיין פריסטער קינדהייט.

נישט איינמאָל איז אונדזער מוטער אַרומגעלאָפן אַ פאַרצווייפלטע איבער דאַטשעס, זוכנדיק איר בכור, בעת דער צוקונפטיקער וואַנדערער האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אויף אַ פּאַלאַנע און נאָכגעפאָלגט ווי יאַש־טשורקעס מאַכן אַ חורבן אין אַ מוראַווייניק...

ביי 4—5 יאָר פלעג איך אָרגאַניזירן אויספלוגן אויף גאַנצע טעג הינטער דער שטאָט, כדי צו איבערצייגן מיינע חברים, אַז דאָרט זענען פאַראַן נאָך גרעסערע בערג ווי אין קראַשינסקים גאָרטן...

מיין ברודער יאַנאַס איז געווען סאָלידער, נישט געוואָלט זיך אריינ־לאָזן אין אַוואַנטורעס, האָט אים טאַקע תמיד דער טאַטע מיר געשטעלט פאַר אַ ביישפּיל.

מיט מיין אָנקומען אין שולע פלעגן זיך די אויספלוגן ציען העט־העט ווייטער, — קיין ווילאַנאָוו צום קעניגלעכן פּאַלאַץ מיטן היסטאָרישן פּאַרק, אָדער צו די ברייטע פעלדער פון מילאָסנע. דאָס איז גאָר געווען אַ מחיה, ווייל מען איז געפאָרן אַהין מיט דער שיף! און וואָס פאַרא פאַר־גענינגן האָט דען געקאָנט זיין גרעסער, ווי אַ שפּאַציר איבער דער ווייסל...

באַקומענדיק אַ שלעכטע „צענזורקע״, פֿלעג איך גאָר באַשליסן אי־בערצורייסן מיט אַלץ און מיט אַלעמען, אַנטלויפֿן קיין וואַווער, ווו מיר פֿלעגן אָפֿט זיין אויף דאַטשע... אין אָוונט פֿלעג איך מיך אומקערן אַן אויסגעמאַטערטער און שעהען־לאַנג זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער... געהערט ווי מען לויפֿט, מען זוכט, מען רופֿט מיך און סוף כל סוף בין איך אַרויפֿגעגאַנגען אין שטוב מיט דער זיכערקייט, אַז איצט וועט מיך דער פֿאָטער נישט באַשטראָפֿן פֿאַר דער שלעכטער „צענזורקע״... איך בין דאָך אַ „געפֿונענער״...

אָט פֿאַרברענגען מיר אַ זומער ווייט פֿון דער סטאַציע, ערגעץ ביים ברעג פֿון דער ווייסל אין אַ גוט פֿון דעם יידישן פֿריץ פֿינקערט. „קליין שווידערעק״ האָט מען גערופֿן די געגנט. דער טאַטע קומט אַרויס נאָר אויף שבת־זונטיק. די גאַנצע וואָך פֿאַרברענגט דאָרט די מאַמע אַליין מיט די קינדער.

אונדזער שטיבל געפֿינט זיך ווייט פֿונעם פֿריצס פּאַלאַץ. ס׳איז געדיכט אַרומגערינגלט מיט שמעקנדיקע סאָסנעס. די זשיווויצע פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם, ס׳הויבט אַזש אָן ציפּן אין נאָז... בפֿרט ווען מען קומט פֿון וואַרשע.

די ווייסל שלענגלט זיך פֿאַרביי דער געגנט אין שמאָלע זיגזאַגן. פֿון ביידע זייטן — גילדערנע לאָנקעס מיט שמעקנדיקע היי, זילבערנע פֿעלדער מיט הויכע תבואה...

אַזוי גוט זיך צוצוהערן צו זייער סודען זיך, צום שושקען זיך פֿון די זאַנגען, ווען אַ ווינטל טוט זיי אַ גלעט...

אַרויפֿקריכן אויף אַ בוים, אַראָפּשפּרינגען אויף אַ הויכן סטאָג היי און ווי מיט אַ ווינדע אַראָפּפֿאָרן ביז דער ערד...

אַריינגנבענען זיך אין שייער, אַרויפֿקלעטערן איבער די סטאָגעס אַזש ביזן דאַך און דורך אַ שפּאַלט צווישן די ברעטער „פּסיקען״ צו אַ פֿאַרבייגייענדיקן פּויער אָדער שיקסע...

יענע קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן, ווייסן נישט ווער ס׳רופֿט זיי און גייען אַוועק בייזע, איבערלאָזנדיק אַ פּאָר זאַפּטיקע קללות אויפֿן אָדרעס פֿונעם נישט גוטן...

אין די שטאַלן, פון וועלכע ס'טראַגט זיך אַזאַ שמעקנדיקע וואַרעמ־קייט, אַזאַ פריילעך הירזשען פון די פערד און זאַרגלאָזיקע בלעקען פון בהמות!...

און די ראַסיקע אָקסן מיט די מעכטיקע הערנער, צו וועלכע ס'ווערט פון צייט צו צייט געבראַכט אַ שכנישע בהמה אויף צו „פּאָרן זיך"...

הימל, טייך, זון, רחבות! וואָס דאַרף מען דען מער נאָך אַ גאַנץ יאָר פארשוואַרצט ווערן אין די גראָע פיר ווענט פונעם חדר!

ווער רעדט נאָך, אַז אַ ציגיינער־טאַבאָר צעשטעלט זיינע פּאַלאַטקעס אינעם שכנותדיקן וועלדל... צוליב דעם אַליין האָט דאָך שוין געלוינט צו פּאָרן אַזוי ווייט אויף דאַטשע!

אַ קלייניקייט, ציגיינער!

דאָס פאָלק האָט צוגעטיילט אַקטיאָרן דעם צונאָמען ציגיינער. מסתמא צוליב זייער נישט איינגעפונדעוועטקייט, צוליבן שטענדיקן זיצן אויף די טשעמאָדאַנעס...

ציגיינער — איז דער סינאָנים פון אַקטיאָר, ספּעציעל פון יידישן. האָט מיך טאַקע פון קינדוויי אָן געצויגן צו אָט די גליקלעכע, זאָרגלאָזע, הפקר־וואַנדערער...

כ'פלעג שעהנווייז אָפּזיצן אין טאַבאָר, הערן זייער משונהדיק, געכאָרכלט לשון, באַוווּנדערן די פאַרביקע קליידער פון די ווייבער, זייערע פעך שוואַרצע צעפּ, דורכגעפלאָכטן מיט בונטע לענטעס און גאָלדענע מטבעות.

אַרומשטיפן מיט די האַלב־נאַקעטע, בראָנזיק־לייביקע ציגיינערלעך... באַגלייטן די קאָרטן־לייגערינס צו די שכנותדיקע פּויערים און זיך צוהערן צו זייער אייגנאַרטיקן תחינה־ניגון ביים „טרעפן" די צוקונפט.

גאָר גיך בין איך געוואָרן אַן אייגענער מענטש, אַ גאַנצער בן־בית אין טאַבאָר און נישט איינמאָל פלעגט מיך די מאַמע מיט כוח אַהיימפירן שלאָפן...

ס'איז געווען אַזאַ פאַרדרוס און איך האָב טאַקע געוויינט מיט ביי־טערע טרערן... ס'טייטש, אַזאַ פאַרכישופטע נאַכט... דער גאַנצער טאַבאָר אַרום דעם שייטער וואָס וואַרפט זיין רויטן אָפּשיין אויף די בראָנזענע

פּנימער, אויף די אָרומיקע פּאַלאַטקעס, אויף די פערד ביי די אויסגע־שפּאַנטע וועגענער...

איינער שפּילט אויף אַ גיטאַרע און אַלע זינגען צו אַזאַ אומעטיק ליד, עס קלינגט דאָך אַזוי יידישלעך די מעלאָדיע... עס ווילט זיך אַזוי אָפּ־זיצן די גאַנצע נאַכט און איינזאַפּן אין זיך אָט דאָס שיינע בילד, וואָס איז אַזוי אַנדערש פון דעם, וואָס מיר זעען תמיד אַרום זיך...

מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב אויפגעפירט די „בלאָנדזשענדע שטערן", האָב איך דעם קינסטלער, וואָס האָט פּראָיעקטירט די דעקאָראַציעס, אָפּגעמשלט ווי אַזוי איך זע דעם ציגיינער־טאַבאָר, אין וועלכן רייזעלע קומט צוגיין זיך דערוויסן וועגן איר לייבעלעס גורל...

איך האָב געהאַט פאַר זיך אַלס מוסטער דעם טאַבאָר פון „קליינעם שווידערעק"...

נישט איינמאָל פלעג איך, שטייענדיק הינטער די קוליסן בעת דער סצענע, זיך דערמאַנען אין יענע זאָרגלאָזע יאָרן...

אַ פיינלעכער צופאַל האָט איבערגעריסן אונדזער שווידערקער אידיליע.

אַמאָל ביינאַכט וועקט אונדז אויף פון שלאָף אַ שטאַרקע באַוועגונג אין שטוב. בשכינות האָט געוווינט אַ וואַרשעווער עלעגאַנטקע, וואָס האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אַרומצופּאַראַדירן איבער „שווידערעק" אָן אויסגע־פּוצטע אין אַלע אירע בריליאַנטן. האָט דאָס אפנים געצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון די פּויערים און אפשר גאָר פון „מיינע פריינט", די ציגיינער.

האָבן טאַקע דורך אַן איינברוך אין קעלער זיך אַריינבאַקומען צו אונדז אייניקע חברה־לייט מיט פאַרמאַסקירטע פּנימער און מיט רעוואָל־ווערן אין די הענט.

ביי אונדז האָבן זיי נאָר געזוכט דעם טאַטנס רעוואָלווער, דאַקעגן ביי אונדזער שכנה האָבן זיי צוגענומען איר גאַנץ צירונג, מיין מאַמעס אַ רינגל האָבן זיי נישט גערירט...

צו מאָרגנס בין איך געפאָרן אין שטאָט אַריין אָנזאָגן דעם טאַטן די „גוטע בשורה":

— „באַנדיטן זענען אונדז באַפאַלן"!

איך האָב עס אויסגעשריען כמעט מיט טריאומף, גלייך איך וואָלט באזיגט די אַנפּאַלער און אָפּגעראַטעוועט אונדזער משפחה פון אַ גרוים געפאַר...

דער טאַטע האָט אונדז דעם זעלבן טאָג אַריינגענומען קיין וואַרשע און פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר שוין פאָרן אויף אַן אַנדער דאַטשע־אָרט, אָבער אַלץ אויף דער בארימטער, געדיכט־באַוווינטער „אָטוואָצקער ליניע”.

XI

ער וואַקסט אַן אַרטיסט

די זומער־דאַטשע אויף דער „אָטוואָצקער ליניע" האָט מיר געגעבן אַ ברייט פעלד צו שפּילן.

ס'פלעגן קומען געסט, מען פלעגט גיין צו באַקאַנטע, פאַרברענגען, זינגען... איך האָב מיך טאַקע מיט וואָקאַלישע פעאיקייטן נישט אויסגעצייכנט, פלעג איך דערפאַר זיך „אויסלעבן" אין אימפּראָוויזאַציעס, אין נאָכקרימען, נאָכמאַכן און אין פאַרשטעלן זיך פאַר אַ „באַבוק". די קינדער פלעגן זיך שרעקן און מיך האָט דאָס געווילט...

די „גרויע ווירקלעכקייט" האָט מיר נישט אימפּאָנירט. איך האָב מיך געזען אין עקזאָטישע טראַכטן, אַלס ראָבינזאָן קרוזאָ, צווישן ווילדע מענטשן־פרעסער און חיות. מיין באַליבטע טראַנספאָרמאַציע איז געווען דאָס פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אינדיאַנער.

דערצו פלעג איך מאָביליזירן אַ גאַנצן שטאַב „אונטערטאַנער", וואָס האָבן צוזאַמענגעקליבן אַלע אויסגעצייכנטע פעדערס פון די הייף און איך פלעג מיך פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן אינדיאַנער פון מאַין־ריד און זשול־ווערן.

מיין באַליבטער כּלי־זיין איז געווען פייל און בויגן פון אייגענער פאַבריקאַציע. ווו איך האָב נאָר דערזען אַ „בלאַס־הויטיקן ברודער", פלעג איך אים מאַכן פאַר אַ ציל־ברעט פאַר מיינע „פאַרסמטע" פיילן. מיין טרעפן אין ציל איז גיך דערגאַנגען צו אַזאַ פּערפעקציע, אַז איך האָב אַ מאָל שיעור נישט אויסגעזעצט אַן אויג ביי אונדזערס אַ דינסט־מיידל...

**
*

א שבת פאַרנאַכט אויף גענשע 5...

אַרום גרויסן טיש זיצן די קינדער פון יתומים־הויז, ווו אונדזער פאָטער איז געווען פּאַרזיצער.

דער ווייסער קאָפּ פון דער פרוי דרייזין, די אויפזעערין פון יתומים־הויז, גיט צו א באַזונדערע חשיבות דעם גאַנצן בילד. די מאַמע טיילט שבת־אויבסט, אייניקע מומעס העלפן איר צו.

ס'קליינוואַרג ווערט דערוואַרעמט, הויבט אָן זינגען. דער טאַטע זינגט מיט, איך מיט יאָנאַסן אויך. אַלע דריי זינגען מיר פאַלש. דער טאַטע פילט דאָס נישט, איך אָבער גיב מיר אָפּ חשבון, אַז עפּעס איז דאָ נישט אַזוי ווי ס'דאַרף צו זיין... אַנדערש, ווי ס'זינגט די פרוי דרייזין...

דאָס זענען די ערשטע מאַניפעסטאַציעס פון זעלבסטקריטיק און מיר... מיט דער צייט האָט זיך דאָס אַנטוויקלט, איך האָב עס באַוווסט־זיניק קולטיווירט.

א דאַנק דעם האָט זיך טאַקע מיין „אויער" מיט דער צייט געבעסערט, אומאָפּהענגיק פונעם שוואַכן מוזיקאַלישן זכרון.

דער טאַטע שיינט פאַר נחת, אינטערעסירט זיך מיט יעדן קינד באַזונדער. מיט דער צייט גיט מען זיי אָפּ אין שולעס, אָדער צו לערנען א פאַך. א סך פון די קינדער זענען טאַקע אויסגעוואַקסן אַלס פּראָדוקטיווע מענטשן.

אייניקע פון זיי פלעגן אונדז נאָך אין יאָרן אַרום באַזוכן. ביי אייניקע זענען מיר געווען די הויפּט־מחותנים אויף זייערע חתונות...

ווייניקער פעאיקע האָבן זיך גענומען צו פיזישע אַרבעט. געדענק איך דעם געשטופּלטן גאָלדבערג, מיט וועלכן איך פלעג מיך אַרומכאַפּן פאַרן „אייזערנעם טויער", ווו ער האָט געאַרבעט אַלס טרעגער.

ער איז מיט דער צייט געוואָרן מיינער א גרויסער פאַרערער און ביים באַגעגנען זיך מיט מיר באַמיט זיך אַרויסצוווייזן זיין בקיאות אין טעאַטער־ענינים... ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט א פרייען אַריינגאַנג אין טעאַטער, האָט ער זיך דערפילט שטאַרק באַליידיקט:

— „איך בין טאַקע א טרעגער, אָבער אויף „גאַפּע" גיי איך נישט אין טעאַטער"...

געווען אַזעלכע, וואָס זענען אַראָפּ פון גלייכן וועג. אין יאָרן אַרום נאָך דער „געגנשע 5" האָט דער טאַטע, גייענדיק אין גאַס, דערפילט אַ פרעמדע האַנט ביי זיך אין טאַש.

נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָנצוכאַפּן דעם נישט געבעטענעם גאַסט, האָט זיך דערהערט אַ פּאַטש, באַגלייט פון אַ קללה:

— „זעסט נישט, אַז דאָס איז „פּאַן טורקאָוו", מיין „אַפּיעקון"?!".

אַזוי האָט אַ געוועזענער „וויכאָוואַנעק" פון יתומים־הויז זיך אָנגענומען די קריוודע פון זיין דערציער...

***

דער טאַטע פלעגט אונדז נישט קאַרגן קיין שפּילצייג און ווי נאָר ס'פלעגט אָנקומען עפּעס אַן „אויסערלישע" זאַך, פלעגט ער עס אונדז ברענגען אַ מתנה.

נישט איין קאָסטבאַרע שפּילצייג איז נאָך דעם זעלבן טאָג געפאַלן אַ קרבן פון מיין נייגעריקייט צו וויסן „ווי אַזוי ס'איז געמאַכט"...

איך האָב מיך געפרייט מיטן ערשטן פּאָנאָגראַף, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט. יעדער פון אונדז האָט עפּעס אַריינגעזונגען אָדער אַריינגעשריגן און טאַקע תיכף געהערט זיין אייגענע שטימע פון די וואַקסענע ראָלקעס אַרויס.

אַ שטאַרקן רושם האָבן געמאַכט די קללות פון דע סאַנטאָס, וואָס פעטער „סראָכאַיעם" האָט „אַריינגעשפּילט".

מ'האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, אָבער די געשרייען זענען געווען שרעקלעכע... ווי פון אַן אמתער קללה...

איך הויב אָן לערנען אַלף־בית. ס'איז אַ יום־טוב אין דער היים. איך בין דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. בין מיד צו ווישן דאָס פּנים פון די קושן פון די מומעס און צו רייבן די צעשטאָכענע באַקן פון די פעטערס בערד...

בליץ־שנעל האָב איך אויסגעלערנט די אותיות און זיי פליסיק געלייענט אָן דער הילף פונעם באַהעלפערס טייטל.

איך האָב פונעם ערשטן טאָג פיינט באַקומען ס'טייטל... ס'האָט מיך טעראָריזירט, געשטערט אַליין זיך צו אָריענטירן...

ווען איך פלעג מיך אַמאָל פאַרקוקן אויפן באַהעלפערס אויסערגעווענלעך לאַנגער נאָז, פלעגט מיר דאָס טייטל געבן אַ טיאָכקע אין פלייצע:

— „ווו קוקסטו!? זאָג! בית־אַלף — באַ!"...

די נאָז איז מיר אָבער נאָך מער דערגאַנגען די יאָרן פונעם טייטל... זי איז געווען אַזוי נישט פּראָפּאָרציאָנעל גרויס לגבי דעם שמאָלן, אויסגעדאַרטן פּנים מיטן שיטערן בערדל, אַז ס'האָט פשוט געשניטן די אויגן.

איך האָב זי באַשלאָסן קירצער צו מאַכן. געטראַכט און געטון: אָנגעכאַפּט דאָס האַרבאַטע פאַרזעעניש און אָנגעהויבן מיט אַלע כוחות צו ציען...

איך בין אַזוי אַרום זיינע פּטור געוואָרן...

און אָט גיט מען מיך אַריין אין פיינהאָלצס חדר. ערשטנס, איז עס אויף דער זעלבער גאַס, צוויי טריט פון געגנשע 5. צווייטנס, האָט פיינהאָלצס חדר געשמט ווי דאָס מאָדערנסטע און היגיענישסטע. די מלמדים רופט מען דאָרט „לערער", די קינדער זענען פון „באַלעבאַטישע" הייזער און פיינהאָלץ אַליין איז אַ „זיידערנער" מענטש, וואָס האָט אַפילו אָנזען ביי דער מאַכט...

און ס'איז טאַקע געווען אַ גרויסער חילוק צווישן דעם בטלנישן באַהעלפער און דעם הדרת פּנימדיקן שמואל פיינהאָלץ.

העל־בלויע אויגן האָבן באַשיינט דאָס ראָזאַ פּנים, וואָס איז געווען איינגעראַמט אין אַ רונדיק, פינקטלעך פאַרקאַמט בלאָנד בערדל.

תמיד ציכטיק אָנגעטון אין זיין עלעגאַנטער זיידענער קאַפּאָטע; אַ סאַמעטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וועלכע ער פלעגט נאָר אויסטון בעת אַ באַזוך פון אינספּעקטאָר.

תמיד מיט אַ ליבן שמייכל אויף די פיין געשניצטע ליפּן, העפלעך, רואיק און געדולדיק. האָבן דערפאַר די קינדער דרך ארץ געהאַט פאַר אים און גלייכצייטיק געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אים.

אפילו ווען איינער פלעגט זיך פאַרזינדיקן און פיינהאָלץ פלעגט אים אַריינצייל אַ געוויסע צאָל שמיץ מיט זיין „לינייקע", פלעגט עס דער תלמיד אָננעמען באהבה, ווייל אויב „שמעלקע" שמייסט, האָט ער זיך

עס זיכער פאַרדינט... פיינהאַלץ שמייסט נישט סתם „אין דער וועלט אַריין"...

זיין רעכטע האַנט איז געווען דער לערער פון רוסיש. קאַליש האָט ער געהייסן. אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, גוטע אויגן און ליבן שמייכל. אַ קורץ געקליידעטער, אַ גוטער פּעדאַגאָג און פריינטלעכער מענטש, האָבן מיר אים שטאַרק ליב געהאַט. פיינהאַלץ האָט זיך געשפּיגלט אין אים.

נאָך לאַנגע יאָרן האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט האָט זיך פּלוצלינג קאַליש אָפּגעטיילט פון אים און אויפן זעלבן הויף געעפנט אַ קאָנ־קורענץ חדר, וואָס האָט שוין געטראָגן דעם נאָמען „שקאָלע" און האָט צוגעגרייט צום ערשטן קלאַס גימנאַזיע.

פיינהאַלץ האָט זיך דאָס שטאַרק גענומען צום האַרצן, האָט צובים־לעך גענומען פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט, איז אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע און געוואָרן אַ יורד.

אין אַ קורצער צייט נאָך מיין אָנקומען צו פיינהאַלצן האָב איך אָנגעהויבן לערנען חומש. דאָס איז ווידער געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנ־צער רייע פייערלעכקייטן.

קודם כל איז דער טאַטע אַראָפּגעפאָרן מיט מיר צום גערער רבין, ער זאָל מיך בענטשן.

הגם נישט קיין חסיד, האָט דער טאַטע פונדעסטוועגן שטאַרק גע־האַלטן פונעם גערער און ווי נאָר ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ וויכטיקן ענין, איז ער געפאָרן צו אים נאָך אַן עצה.

פון דעם באַזוך אין רבינס הויף זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון די בייזע בליקן, מיט וועלכע מען האָט אונדז, „די דייטשן", באַגעגנט...

און די ברכה פונעם רבין, ווען דער טאַטע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים:

— „ער זאָל זיין אַ פרומער און ערלעכער ייד"...

אויב די ערשטע העלפט פון דעם רבינס ברכה איז נישט מקוים גע־וואָרן, האָבן מיר די צווייטע געירשנט פון אונדזערע עלטערן... ווייס איך נישט, צי עפּעס איז מקוים געוואָרן...

נאָכן צוריקקומען קיין ווארשע האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אייגנטלעכע פייערלעכקייטן.

אָט קומט צוגיין דער פעטער גדליהו — אַ רייכער תּבואה־סוחר, דער עלצטער און חשובסטער מיטגליד פון אונדזער פאַרצווייגטער פאַמיליע.

הגם איך האָב געזען, ווי דער פעטער הייבט אויף די האַנט און ס'פאַלט פון איר אַרויס אַ קופּערנער „צענער", האָב איך פונדעסטוועגן געוואָלט אים גלויבן, אַז דאָס האָט מיר אַ מלאך אַראָפּגעוואָרפן אַ מתּנה צו מיין חומש אָנהויבן...

איך האָב מיר געגוי פאָרגעשטעלט דעם מלאך, וואָס איז ענלעך צום פעטער גדליהו, נאָר מיט אַ לענגערער באָרד, פאַרשטייט זיך. אַנשטאָט דעם האַרטן הוט טראָגט ער אויפן קאָפּ אַ הויך מיצל, ענלעך צו דעם, ווי עס טראָגן משה און אהרון אויפן שער בלאַט פון חומש.

אויפן אָרט פון קליידער־באַפּוצונג האָב איך געזען וואָלקנס און פון יעדן וואָלקן קוקט אַרויס אַן אַנדער מלאך און שעפּטשעט אַראָפּ צו מיר אַזוי ווי דער פעטער גדליהו:

— „וועסט דיך גוט לערנען, שלמהלע, וועסטו קריגן נאָך"...

און אָט ווערט דאָס חומש־אָנהויבן געפּראַוועט ביי אונדז אינדער־היים. אַלע יינגלעך זענען געקומען אין יום־טובדיקע מלבושים. אויך די קינדער פון יתומים־הויז מיט דער פרוי דרייזין בראש זענען דאָ.

מען טיילט פּעקלעך מיט נאַשוואַרג און אַזעלכע שיין־געפּאַרעמטע פלעשלעך מיט ראָזשינקע וויין.

אָט שטיי איך אויף אַ בענקל אין מיטן שטוב, אויף אַ צווייט בענקל אַנטקעגן מיר דער „אויספרעגער". אַרום אונדז אַ וועלט מיט מענטשן, מיר ביידע געפינען זיך אין דער מיט און העכער פון אַלעמען...

דער אויספרעגער דערלאַנגט מיר די האַנט און טוט אַ פרעג אויף אַ יום־טובדיקע" שפּראַך:

— „וואָס פאַנגסטו אָן צו לערנען?".

איך האַלט אים פעסט פאַרן האַנט, קוק אים גלייך אין די אויגן און באַמי זיך אים איבערצושרייען:

— „חומש מיט גליק!".

— „וואָס מיינט חומש?" — פרעגט ווידער דער אויספרעגער.

— „די הייליקע תורה!" — ענטפער איך מיט פּאַמאָס.

— „ווי פאַנגט זיך אָן די הייליקע תורה?".

— „בראשית — אין אָנפאַנג, ברא — האָט באַשאַפן, אלהים — גאָט"...

ביז עס ענדיקט זיך די אנגענעמע צערעמאָניע פון אויספרעגן און ס'הויבט זיך אָן די פייערלעכע צערעמאָניע פון קושן, גלעטן און קנייפּן אין די באַקן.

פעטער „סראָכאיעם" נעמט מיך אַרום מיט זיינע ציטערדיקע הענט, גלעט מיר דעם קאָפּ און זאָגט צו די אַרומיקע:

— „ער וואַקסט אַן אַרטיסט!"

— „ביים דיר אָפּ די צונג!" — ענטפערט אים דער טאַטע...

דער טאַטע האָט זייער ליב געהאַט ס'טעאַטער, געווען דאָרט אָן אָפּטער איינגייער, אָבער זיין זון זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט — דאָס ניין! זיין זון דאַרף זיין אַ „לייט"...

***

ס'איז געווען פאַר מיר דער גרעסטער יום־טוב, ווען די עלטערן האָבן מיך צום ערשטן מאָל גענומען אין פּוילישן „פאָלקס־טעאַטער" אויף כלאָדנע גאַס.

איך בין אייניקע וואָכן געווען „אָנשטענדיק" און געהאָרכזאַם, כדי צו פאַרדינען זיך דאָס גיין אין טעאַטער.

דער פאַרס: „אוי, זוכט דאָס קינד!" האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, אַז ס'איז געשען מיט מיר עפּעס אַזוינס... וואָס האָט געצוווּנגען מיינע עלטערן מיך אַרויסצופירן פון טעאַטער און מיטן דער פאָרשטעלונג...

אַ צווייט מאָל, אין יידישן טעאַטער אויף כמיעלנע, האָט מיך שוין „בינקע־פינקע" אַזוי נישט עמאָציאָנירט און מיר זענען מיט מזל אויסגעזעסן ביזן סוף...



נפתלי טורקאָוו

כ'בין אָבער געוואָרן שטאַרק אַנטוישט, ווען אַן אַקטיאָר האָט נאָך דער פאָרשטעלונג אַראָפּגעצויגן פאַרן עולם דעם ווייסן פּאַרוק און איך האָב דערזען, אַז דאָס איז גאָר אַ פאַרשטעלטער פּליכעוואַטער ייִד, נישט דער „נאָבעלער" דאָקטאָר, וואָס האָט מיך אַזוי טיף גערירט מיט זיין גוט האַרץ...

אין אַ צייט אַרום האָב איך אין אים דערקענט דעם אַקטיאָר אַדאָלף בערמאַן, ווען ער איז געקומען אונדז פאַרבעטן צו זיין „יום־טוב"...

אין יאָרן שפּעטער האָב איך אים שוין גערופן פּשוט „אַרעלע"...

אַלץ וואָס איך פלעג זען אין טעאַטער, פלעג איך „נאָכמאַכן" אין דער היים. נישט געווען קיין פאַמיליען שמחה אָדער „פּשיענטשע", דער טאַטע זאָל מיך נישט אויפפאָדערן:

— „נו, שלאָמעק, ווייז עפּעס פאַר די געסט"...

נאָך יאָנאַסן איז דער טאַטע געווען מיין גרעסטער פאַרערער, הגם ער פלעגט טענהן:

— „גאָט זאָל מיך באַהיטן, מיין קינד זאָל ווערן אַן אַרומשלעפּער"...

אַ מאָל, ווען קיינער איז אין דער היים נישט געווען, האָב איך באַשלאָסן אָפּצושפּילן אַ סצענע פון „שמשון הגבור", אָבער טאַקע מיטן גאַנצן קנאַק: מיט דעקאָראַציעס, רעקוויזיטן און אַלע נויטיקע אַקסעסואַרן.

כדי צו זען „ווי דאָס קומט אַרויס", האָב איך די סצענע אָפּגעשפּילט אַנטקעגן אַ הויכן שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען צווישן צוויי פענצטער.

יאָנאַס האָט געהאַלטן צוויי הויכע באַרשטן — דאָס האָבן באַדאַרפט זיין די זיילן וואָס האַלטן אונטער דעם פּאַלאַץ; אויף די באַרשטן האָב איך אוועקגעלייגט קליינע האַנט־בערשטלעך און אַנדערע קעגנשטאַנדן — דאָס האָבן באַדאַרפט זיין די פּלישתים...

נאָכן צוגרייטן די „דעקאָראַציע" האָב איך מיך געשטעלט צווישן די צוויי „זיילן", אַרומגעקוקט זיך מיט אַ „גזלנישן" בליק און אַ געשריי געטון אַלאַ אַבעלמאַן: „תמות נפשי עם פּלישתים!"

דער פּאַלאַץ מיט אַלע פּלישתים איז, פאַרשטייט זיך, איינגעפאַלן, אָבער פונעם גרויסן שפּיגל איז פאַרבליבן נאָר די ראַם...

מיין גבורה האָט מיך דאַן געקאָסט אַ שיין ביסל טרערן און אויף להבא האָב איך מיך שוין באַמיט צו שפּילן ווייניקער נאַטוראַליסטיש...

ווען ס'פלעגט זיך מאַכן אַ שבת פאַרנאַכט אַן דעם באַזוך פון פרוי דרייזין מיט די יתומים, פלעגט דער טאַטע אונדז אָננעמען פאַר די הענט־לעך, אַרומשפּאַצירן איבער דער שטוב און דערציילן פאַרכאַפּנדיקע סצע־נעס פון טעאַטער...

איך האָב מיך געזען אַלס דער גרויסער יידישער העלד, ווען דער טאַטע פלעגט שילדערן ווי בר כוכבא „זיצט אויף דער קאַנאַפּע אין אַ שלאַפראָק, רויכערט אַ גוטן ציגאַר" און פירט אַן מיטן פאַרהער איבער דעם אַלטן אליעזר...

ווען דער טאַטע האָט אַ טופּע געטון מיטן פוס און אויסגעשריען: „פאַראורטיילט צום טויט!" האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך וואָלט דאָס בעסער געמאַכט און איך וואָלט געזאָגט נישט „צום טויט", נאָר „צום טאָט", ווי פיינהאַלץ האָט מיך געלערנט... אַזוי פּאַסט זיך בעסער פאַר אַ קעניג און אַ העלד...

מיטן אָנקומען אין מוראַוולאַנוס שולע האָב איך מיר פאַרשאַפט אַ נייעם „רעפּערטואַר": פּושקינס און מיצקעוויטשעס לידער און אייניקע מאָנאָלאָגן, וועלכע איך האָב געהערט פון די גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

פון „מאַך אַ דראַמאַטישע מינע" איז געוואָרן: „דעקלאַמיר עפּעס". און איך פלעג מיך נישט לאָזן צוויי מאָל בעטן...

צו מיין „קאַמישן רעפּערטואַר" האָט דאַן געהערט דער מאָנאָלאָג אין רוסיש: „דער טאָסט פון אַ סוחר", וועלכן דער אַרטיסט דאַלמאַטאָוו האָט „אַריינגעזאָגט" אין דער פּלאַטע.

דאָס איז אַ רעדע פון אַ שיכורן רוסישן קופּיעץ, וועלכער שלוקערצט און גרעבסט און פּלאַפּלט כלערליי אַבסורדן...

צוליב דעם דאָזיקן מאָנאָלאָג האָבן מיר אַ מאָל געהאַט אַ סך עגמת נפש.

דער טאַטע האָט געהאַט אייניקע פריינט פון צווישן די רוסישע באַאַמטע, וועלכע פלעגן אָפט אַרויסקומען צו אונדז אויף דאַטשע צו פאַר־ברענגען אַ זונטיק ביי אַ קערטל און אַ שנאַפּס.

זיי האָבן זייער געהאַלטן פון טאַטן צוליב זיין ברייטער האַנט און ערלעכן כאַראַקטער; ס'האָט זיי אויך שטאַרק אימפּאָנירט אונדזער עכט רוסישער פאַמיליען נאָמען, טורקאָוו.

כדי צו „כשרן" דעם דאָזיקן פאַמיליען נאָמען, האָט זיך דער טאַטע אפילו געלאָזט אָפּדרוקן וויזיט־קאַרטן: „ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש טור־קאָוו"...

פון טאַטנס נאָמען, נפתלי איז אַלזאָ געוואָרן דער הונדערט פּראָ־צענטיק רוסישער „ניקאָלאַי" און פון זיידנס — יונה, דער „איסטינאָ רוסקי": איוואַן...

דער טאַטע פלעגט זאָגן, אַז אַזוי ווי ער מוז אַלס פּרעזעס פון פאַר־שידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אָפט אָנקומען אין די „הויכע פענצטער" איז אַ סך באַקוועמער צו הייסן „ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש"...

מיר האָבן געהאַט אַ סך פּלאַטן אין דער רוסישער שפּראַך און פון זיי האָב איך געשעפּט מיין „רעפּערטואַר".

דער מאָנאָלאָג פונעם רוסישן שיכורן קופּיעץ פלעגט שטאַרק אויס־נעמען און איך פלעג אים ביי יעדער געלעגנהייט „אָפּשפּילן".

האָט עס אָבער שטאַרק באַליידיקט דעם טאַטנס רוסישע פריינט, וועלכע האָבן אין דעם געזען אַן אָפּחוזק פון רוסישע סוחרים...

דער טאַטע האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאַלמאַטאָוו אַליין האָט עס „אריינגעזאָגט", אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן:

— וואָס עס מעג דאַלמאַטאָוו, טאָר נישט אַ יידיש יינגל...

ווען מיר האָבן זיך פון גענשע איבערגעצויגן אויף מילע 38, האָט זיך בכלל מיין „פּאָפּולערקייט" אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסער צייט.

ס'איז אונדז צוגעקומען דער דריטער ברודער, מאַרק, און ער האָט אָפּגעצויגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון מיר מיט יאַנאַסן.

די גאַנצע פאַמיליע האָט באַוואונדערט זיין „וואָג", זיינע גרויסע אויגן, להיפוך צו אונדזערע און, דער עיקר, זיין „כוח הדבור", וואָס האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן הויף.

מיין „שטערן" איז צוליב אים אויף אַ צייט פאַרטונקלט געוואָרן... איין פעטער „סראַכאַיעם" איז מיר טריי געבליבן... און ווען איך

פלעג אים באַזוכן אין זיין וווינונג אויף מוראַנאָווסקע 16, האָב איך געמוזט מיין גאַנצן „רעפּערטואַר" איבערשפּילן...

דעם פעטערס חבר, מענדל קאַמאַשנמאַכער, איז געווען דער שטענדי־קער „ערן־גאַסט" ביי די דאָזיקע פּראָדוקציעס. זיי פלעגן זיך כסדר אי־בערקוקן, טשמאַטשקען מיט די ליפּן און ביים סוף פלעגט מיר מענדל אַ קניפּ טון אין באַק און זאָגן צום פעטער:

— „סראַכאַיעם, איר זייט גערעכט! ער וואַקסט אַן אַרטיסט!".

XII

דזשיקע 44

מיר געפינען זיך אויפן אָרט, ווו ס'האָבן זיך אַמאָל געקרייצט די גענשע און דזשיקע.

דורך דעם וועג פלעג איך גיין אין חדר, אין שולע, אָדער צום גענ־שער בית־עלמין אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ קרוב צי אַ פריינט.

דורך דעם וועג האָב איך באַגלייט צו איר אייביקער רו אסתר רחלען און אַ פּאָר יאָר שפּעטער מיין מאַמען.

נאָכן אומקערן זיך אַהיים פון אַ נסיעה, פלעג איך קודם כל באַ־זוכן די דאָזיקע צוויי קברים, דאָס זעלבע פאַרן אָפּפאָרן אין אַ רייזע.

דאָס מאָל בין איך אויך געווען דאָרט...

אין מאַי 1940 איז דאָרט צוגעקומען אונדזער טאַטנס קבר, האָב איך אים אָבער נישט געקאָנט געפינען.

די שוועסטער האָבן איינגאַנצן נישט קיין קבר... דורכן זעלבן וועג זענען זיי דאָך געגאַנגען צום אומשלאַג־פּלאַץ... אפשר טאַקע פאַרביי־געגאַנגען דאָס אָרט, ווו איך שטיי איצט.

דאָס איז די הייליקסטע גאָלגאָטע פון אַלע צייטן! אָט שטייט זי מיר פאַר די אויגן „אַ לעבעדיקע", די דאָזיקע גאָלגאָטע...

כ'בין דאָך באַשאָנקען מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע!... און איך — ווי זאָגט אהרן צייטלין — „איך מאַך ווערטער"...

***

פון גענשע 5 האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אויף מילע 38, פון דאָרט אויף פּזשעיאַזד 13 און פון פּזשעיאַזד 13 זענען מיר אַריבער, אין סאַמע „ברען" פון דער רעוואָלוציע, אויף דזשיקע 44.

אין יענער צייט איז דאָס אָרט, וווּ ס׳האָבן זיך געקרייצט די צוויי פּרינציפּאַלע יידישע גאַסן, געווען דאָס געפּערלעכסטע.

דער פּאָפּולערער שטאָט־משוגענער, לייבעלע טענצער, פלעגט זיך אַרומדרייען אָן אומעטיקער מיט זיינע שטעקנס, — אָן אַ קנעלונג.

אין די „רואיקע" צייטן פלעגן אָפט מאַרשירן מיליטערישע אָרקעס־טערס איבער די גאַסן, האָט לייבעלע טענצער געהאַט וואָס צו טון!

ער פלעגט גיין אויבן־אָן, צוגלייך מיטן קאַפּעלמייסטער, און „די־ריזשירן" מיט זיינע שטעקנס צום טאַקט פון די מיליטערישע מאַרשן.

זיין ציגן פּנים מיטן אויסגעקראָכענעם בערדל איז געווען קאָנצענ־טרירט... דער צילינדער טיף אַראָפּגעצויגן איבער די אויערן... די אומ־צייליקע „מעדאַלן" אויף זיין צעריסענער קאַפּאָטע האָבן צוגעטאַנצט ביי יעדן הויב מיט די שטעקנס.

מיר פלעגן אים נאָכלויפן און „צוגעבן קוראַזש", ער פלעגט אָבער אויף אונדז קיין אכט נישט לייגן און ריטמיש מאַרשירן פאַראויס פאַר דעם אָרקעסטער.

די מיליטערישע קאַפּעלמייסטערס זענען שוין געווען געוווינט צו זיין „מיטאַרבעט", מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַן אָרגאַנישער באַ־שטאַנדטייל פונעם אָרקעסטער.

אפילו זיין קאָנקורענט, דער צווייטער פּאָפּולערער משוגענער „שלמה קישקע", פלעגט אין אַזעלכע מאָמענטן דרך ארץ קריגן פאַר אים... ער פלעגט אָנשפּאַרן זיין גרויסן וואַסער־קאָפּ אין אַ וואַנט, באַ־טראַכטן זיין **חבר מיט די קעלבערנע** אויגן און אין אַ מאָדנער גרימאַסע צעקרימען זיינע פּעטע ליפּן. דאָס האָט ער מסתמא געשמייכלט אַזוי.

ביז ס׳האָבן זיך דערהערט די קולות פון די קליינע שטיפערס:

— „שלמה! לייבעלע איז אַ גענעראַל און דו ביסט אַ קישקע, אַ קישקע!"...

ער פלעגט דעמאָלט אַריינפאַלן אין אַ ווילדע רציחה און זיך וואַרפן אויף די יינגלעך מיט ביטערע קללות. די יינגלעך זענען אָבער געווען פלינקער פון אים און זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן... פלעגט ער דעמאָלט אויסלאָזן זיין כעס אויף אַ דערוואַקסענעם, וואָס איז אים צופעליק געקו־

מען אונטערן האַנט. דאָס האָט אונדז נאָך מער געווײַלט און די גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן מיט זאָרגלאָזן קינדערשן געלעכטער...

ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן אויף דזשיקע 44, פלעגן שוין קיין מיליטערישע אָרקעסטערס נישט מאַרשירן איבער די גאַסן. סיידן באַגלייטן אַ לוויה פון אַ געפאַלענעם הויכן מיליטערישן טשין.

אַ געוויינלעכן סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלן פאַרן „קייזער און פאָ־טערלאַנד", פלעגט מען מקבר זײַן אָן מוזיק...

ביי אַזאַ לוויה אָבער פלעגט זיך קיין ציווילער נישט טאָרן ווייזן אין גאַס...

פּאַטרולן פון וואָלינצעס, אָנגעפירט דורך פּאָליציייִשע פּריסטאַ־ווּעס און „רעוויראָוועס" זענען געווען פונאַנדערגעשפּרייט איבער ביידע טראָטואַרן און אָפּגעהיט די פּראָצעסיע פאַר אַ „שלעכט אויג".

נאָר לייבעלע טענצער און שלמה קישקע האָבן געהאַט די פּריווילע־גיע פריי זיך צו באַוועגן איבער די יידישע גאַסן...

זיי זענען געווען „בלאַגאָנאַדיאָזשנע"...

**
*

אין זײַן בוך „חורבן וואַרשע", דערמאָנענדיק דזשיקע 44, גיט מיין ברודער יאָנאַס צו אין קלאַמערן: „וויפל דערנאַנערונגען זענען ביי מיר פאַרבונדן מיט דעם הויז פון מיין קינדהייט!"...

זענען מיר דאָך געווען דעמאָלט גלייכע שותפים, מיט קאָנטראַקטן, חתימות, שטעמפּלען...

שותפים צו אָט דער זאָרגלאָזער, אימפּעטפולער און ראָמאַנטישער קינדהייט!

דער פאָטער איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פון הייזער און דאָס איבער־נעמען דזשיקע 44 איז געווען פאַר אים אַ גרויסע דערגרייכונג. אונדזער פאַמיליע איז צו יענער צייט שוין באַשטאַנען פון זעקס נפשות: די עלטערן און פיר זין — זענען אויך די הוצאות שטאַרק געוואַקסן.

דזשיקע 44 האָט דאָס אַלץ געדעקט מיט ריווח.

דאָס דאָזיקע הויז האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מלוכה פאַר זיך. דריי אומגעהויער לאַנגע הייף, פון וועלכע די ערשטע צוויי זענען גע־

ווען ארומגערינגלט מיט גערדיכט באוווינטע הייזער־בלאָקן; דער דריי־טער — מיט שפייכלערס און סקלאַדעס. אַ טויזנט נפשות האָבן געוווינט, געאַרבעט, געהאַנדלט און געמוטשעט זיך אינעם דאָזיקן הויז.

לכתחילה האָבן מיר געוווינט אין דער אינעווייניקסטער אַפּיצינע און געהאַט פאַר אַ שכן דעם „רעוויראָווי" גראַף מיט זיין פאַמיליע.

אַ חוץ דעם הויז־וועכטער זענען דאָס געווען די איינציקע קריסט־לעכע שכנים אין אונדזער הויז.

גראַף, פון דייטשער אָפּשטאַמונג, האָט גערעדט אַ געשמאַקן פאָלקס־טימלעכן יידיש, מיט העברעאישע ווערטער דורכגעפלאָכטן, און איז מיט אַלעמען געווען אַ פּאַן־בראַט. די איינוווינער פון פערטן „אוטשאַסטאָק", צו וועלכן אונדזער הויז האָט געהערט, האָבן זיך טאַקע צוליב גראַפן געפילט זיכערער ווי די איינוווינער פון אונדזערע באַצירקן. מיט גראַפן האָט מען געקאָנט „דורכקומען" און ער פלעגט צו דער קאָמפּליצירסטער סיטואַציע געפינען אַן אויסוועג.

ווען גאַסן־הענדלער פלעגן אויף גיך כאַפּן זייערע קוישלעך און קעסטלעך און נעמען אַנטלויפן אינעם אָנבליק פון אַ „קנעפּל", איז גע־נוג געווען זיי צו באַרואיקן: „האָט נישט קאַ מורא, ס'איז גראַף"... און די הענדלער האָבן זיך צוריקגעשטעלט האַנדלען.

גראַף פלעגט זיך טאַקע מאַכן אַוועקקוקן און גוטמוטיק גלעטן זיינע גערדיכטע וואָנצעס מיטן קליינעם בערדל...

— „זיי זענען דאָך נעבעך קבצנים — פלעגט ער טענהן — די גבירים וועלן שוין פאַר זיי באַצאָלן"...

אין „יענע" צייטן פלעגן גראַפן באַגלייטן אין גאַס, אַ חוץ אַ פּאַט־רול פון וואָלינצעס, זיינע צוויי זין, רישאַרד און יוזעף.

זיי זענען געווען אין אונדזער עלטער און מיר פלעגן זיך גערן מיט זיי שפּילן און מאַכן צוזאַמען די לעקציעס.

זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט זייער פאָטער און נישט געלאָזט אים אַליין גיין אין גאַס אויס מורא פאַר אַן אַטענטאַט. צו די וואָלינצעס האָבן זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי... ווי נאָר זיי פלעגן דערזען פון ווייטנס אַ לאַנגע פּעלערינע, אָדער אַ שוואַרץ העמדל, פלעגן זיי זיך שנעל דערנענטערן צום פאָטער און אים וואָרענען:

— „טאַטאַ, גיי אַריין אין טויער"...

ס'האָט מיך דאַן שטאַרק גערירט דאָס דאַזיקע ציטערן פון קינדער איבער זייער פּאַטערס לעבן.

אַ מאָל האָב איך מיך פאַרקוקט אויף אַן עלעגאַנטן „רעווירּאָווע" מיט אַ בלאָנד, געשניצט בערדל, אַלאַ ניקאָלאַי דער צווייטער, וואָס איז נעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט גאַס.

ס'איז געווען אַ שיינער זומער טאָג און די זון האָט זיך געשפּיגלט אין די גאָלדענע קנעפּ פון זיין ווייסן זומער־אוניפאָרם... איך האָב גע־קוקט אויף די פינקען וואָס די קנעפּ האָבן פונאַנדערגעוואָרפן אַרום זיך... פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אָפּגעהאַקטער קלאַפּ... איבערן ווייסן מונדיר האָט אַ שפּראָץ געטון מיט רויטע פינטעלעך... דער „רעווירּאָווע" האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן טראָטואַר און אַ קלאַפּ געטון מיטן קאָפּ אין מויער...

מ'האָט אָנגעהויבן צו לויפן און צו פאַרמאַכן די טויערן. איך בין קוים אַריין אין אונדזער טויער נומער 44. כ'האָב דאָרט געטראָפן גראָפן מיט די זין, זיי זענען געווען בלאַס און אים נישט געלאָזן אַרויסגיין אין גאַס...

איך האָב זיך דעמאָלט נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צו זיי...

ווען אונדזער פאַמיליע האָט זיך באַדאַרפט פאַרגרעסערן, זענען מיר איבערגעגאַנגען אין אַ גרויסע דירה אין פראַנט. די פענצטער פון דער דירה זענען אַרויס אין גאַס און מיר האָבן געהאַט אַנטקעגן זיך די וואָלינסקע און די גאַנצע ברייט פון דער דזשיקע, אָנהויבנדיק פון תפיסה ביז צו דער מילע.

מיר האָבן אויך געהאַט אַנטקעגן זיך דעם „ביאָסקאָפּ" מיט זיינע צוציענדיקע פּלאַקאַטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג.

אין שכנות פון אונדזער דירה איז געווען אַ גרויסער זאַל, ווו ס'פלעגן פאָרקומען חתונות, טאַנץ־לעקציעס, פאַרוויילונגען און „קאָנ־צערטן".

איך האָב געהאַט „פרייען אַריינגאַנג" אויף אַלע חתונות און בין געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט די בדחנים און קלעזמאָרים. ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט ביי מיר אַרויסגערופן געצעלע בייגאָט, וואָס

פלעגט „באַווייזן חידושים" אויף זיין מויל־האַרמאָניע. ער פלעגט אויפ־טרעטן אויף „בעסערע" חתונות און קאָנצערטן און אַרויסרופן באַוווּנ־דערונג מיט זיין פענאָמענאַלער מוזיקאַלישקייט און זכרון.

נישט געווען קיין אָפּערע, סימפאָניע, ציגיינער־ראָמאַנס אָדער פאָלקסליד, וואָס געצעלע ביינגאָט זאָל אייך נישט קאָנען אָפּשפּילן און טאַקע מיט „האַרץ און נשמה".

דער עולם פלעגט אָנקוועלן פון זיין יידישן קנייטש און קרעכץ, פון די חזנישע דריידלעך און „פאַלצעטלעך" און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט ער אַזוי פאַריידישט וואַגנערן, בעטהאָווענען און שאָפּענען...

ווען אַ יידיש „שטיקל" איז דאָך אָפּגערעדט... „אַ יידיש שטיקל" איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ רומעניש וואָלעכל אָדער אַ דאָינע. דאָ איז ער געווען אין דער היים און די צוהערער אין זיבעטן הימל!

ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער ציגיינער, ווי איינער פון די, וואָס מען טרעפט אָפט אין די טיפּיש רומענישע אָרקעסטערס.

אַ פּעך שוואַרצער, גאָלדענער קאָפּ, אַ פייערדיקער בליק וואָס ווינקט גנביש אַרויס פון די גרויסע אויגן־ווייסלעכץ; געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, דיקע, רויטע ליפּן, בלענדנדיק ווייסע ציין...

נישט איין כלה פלעגט פון אונטערן חופּה־שלייער כאַפּן אַ בליק אויפן דאָזיקן ציגיינער פּנים און אין האַרצן באַדויערט, וואָס איר חתן האָט נישט אַזעלכע אויגן...

געצעלע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביים „שיינעם מין" און ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער געקאָנט מאַכן אַ גרויסע קאַריערע...

געצעלע ביינגאָט איז געווען אַן ערלעכער מענטש און דערצו אַ קינסטלער, וואָס האָט ליב זיין אינסטרומענט. איז ער נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג, נאָר חתונה געהאַט מיט „לייטן גלייך" מיט אַן אָרענטלעך מיידל, אַן „ערלעך, כשר קינד". ער האָט זיך מיט דעם תמיד געגרויסט.

געצעלע האָט געהאַט אַ סך טאַלענט, אָבער ווייניק מזל.

אונדזערע פאָלקס־קינסטלער פלעגן אויפפלאַמען מיט אַ בלענדנדיק ליכט און גיך פאַרלאָשן ווערן פונעם ווינט וואָס האָט געבלאָזן אויף זיי פון אַלע זייטן...

געצעלע איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז. גוטע ברודער האָבן אים געוואָלט העלפן, ער האָט אָבער די הילף נישט אָנגענומען: ס'איז אונטערן כבוד פון אַ קינסטלער! פלעגט ער אַרומגיין אַ קראַנקער איבער די פּענסיאָנען פון דער „ליניע" און צושפּילן צום עסן פון די „לעטני־קעס"...

אַזוי האָט ער דורך דער האַרמאָניע אַרויסגעבלאָזן פון זיך די נשמה.

אין דער זעלבער סאַלע אויף דזשיקע 44 האָב איך דערקענט נאָך אַ מערקווירדיק פּאָרל קלעזמער: דאָס איז געווען אַ פידלער און קאָנטראַ־באַס, וואָס פלעגן אויך מהנה זיין די „ליניע" מיט זייער שפּילן.

דער פידלער, אַ הויכער, דאַרער, אומעטיקער ייד מיט אַ געל בערדל, האָט אויסגעזען ווי אַ לולב וואָס שאָקלט זיך גלייכצייטיק צום טאַקט פון זיין סמיטשיק... דער קאָנטראַבאַס ווידער, אַ קליין שמייכלענדיק יידל מיט אַ פּנים פון אַ וויעווירקע, מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן, האָט אויסגעזען ווי אַן אתרוג נעבן זיין שיתוף, דעם לולב.

ביידע פלעגן זיי גיין פון ווילע צו ווילע נישט אַרויסרעדנדיק צו זיך קיין וואָרט, איינער אַ ברוגזער, דער צווייטער אַ פריילעכער און מיר פלעגן זיי טאַקע רופן „בערל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס"...

ווען חברה קליינוואַרק פלעגט זיי גוט דערגיין די יאָרן, פלעגט דאָס הויקערל פלוצלינג אָנהייבן שעלטן מיט אַזעלכע אויסטערלישע קללות, אַז מיר פלעגן אַלע בלייבן פאַרגאַפט און זיך חידושן, פון וואַנען עס נעמט זיך צו אַזאַ קליין נפשל אַזאַ „כוח הדיבור" און אומאויסשעפּלע־כער קוואַל פון קללות און ניבול פּה. מיר איז קיינמאָל נישט אויסגע־קומען צו הערן אַזאַ פּילפּאַרביקן און קאָמפּליצירטן „לעקסיקאָן" ביי קיין שום מאַרק־יידענע אָדער אונטערוועלט־מענטש, וואָס זענען, ווי באַקאַנט, ספּעציאַליסטן אין דעם זשאַנר... און שעלטן פלעגט ער מיטן זעלבן אייביקן שמייכעלע אויף זיין וויעווירקע־פּנים...

ווען דוד הערמאַן האָט אויפגעפירט ביי די „ווילנער" דעם „דיבוק", האָט ער דעם דאָזיקן פּאָפּולערן דועט אַרויפגעפירט אויף דער בינע צווישן די קלעזמאָרים וואָס קומען מיטן חתן.

הגם דער דאָזיקער נאַטוראַליסטישער דעטאַל איז געווען אין סתירה מיטן סטיל פון הערמאַנס אויפפירונג, האָט ער אָבער שטאַרק אויסגע־נומען ביים עולם.

פון דעמאָלט אָן זענען אונדזערע קלעזמער געוואָרן די געשוווירענע אַנטיילנעמער אויף טעאַטראַלע חתונות און שמחות.

ווען איך האָב געשטעלט אין „צענטראַל"־טעאַטער מענדעלעס „פריזיוו", האָבן זיי אויך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון עולם מיט זייער צושפּילן צום פּורים־שפּיל.

אין די אַנטראַקטן פלעגט דאָס הויקערדיקע וויעוואָריקל פאַרווײַלן די אַקטיאָרן מיט זיינע קללות און נבול־פּה.

***

דער דריטער הויף פון דזשיקע 44 האָט אונדז געדינט אַלס רחבות־דיקער שפּיל־פּלאַץ. דאָרט פלעג איך מיך פאַרוואַנדלען אין אַ רויט־הויטיקן אינדיאַנער און אָרגאַניזירן געיעגן אויף שטשורעס, מיט וועלכע עס זע־נען פול געווען די שפּייכלערס.

מיר פלעגן אויך דאָרט מושטרירן אונדזערע „קאַלייקעס" קעגן די „שונאים" פון אַנדערע הייף, אויסבאַהאַלטן דאָרט אונדזערע געפאַנגענע און מלחמה טראָפייען, ביז ס'איז נישט געשלאָסן געוואָרן אַ שלום־אָפּמאַך.

מיר פלעגן דאָרט אַרומלויפן איבער די דעכער מיט גראָפּס זינדלעך און פאַרנאַרן פרעמדע טויבן אין זייערע טויבן־שלאַקן...

דאָרט איז געווען פאַר אונדז די „גרויסע, פרייע וועלט"...

אויף דזשיקע 44 האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע „אָרגאַניזירטע" פאָרשטעלונגען פאַר בילעטן: צוערשט אין אונדזער דירה און דערנאָך אינעם גרויסן זאַל פון יאַנקאָוויאַקס פריוואַט שולע, וואָס האָט זיך גע־פונען אינעם זעלבן הויף.

אויף דזשיקע 44 האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן צו די ראַנגלענישן פונעם יידישן אַרבעטער, צו זיין נעבעכדיקן לעבן און אין דער זעלבער צייט צום פאַרשווענדערישן און זאָרגלאָזן לעבן פון די באַלעבאַטים.

איך פלעג מיך צוהערן צו די טרערן און בקשות פון די אָרעמע שכנים, ווען זיי האָבן נישט געקאָנט איינצאָלן די פאָר רובל דירה־געלט צו דער צייט און די קאַטעגאָרישע פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים:

— אָדער געלט, אָדער ארויסוואַרפן אויף דער גאַס די פּענטאַ־קעס!...

איך פלעג צוזען די טרערן פון אונדזער מאַמען בעתן „איינשטעלן זיך" פאַר אַן אָרעמען „לאָקאַטאָר" און רחמנות האָבן אויפן טאַטן ווען ער פלעגט זיך פאַרענטפערן פאַר דער מאַמען:

— וואָס זשע ווילסטו, מען זאָל מיר אָפּזאָגן פון דער שטעלע?...

איך האָב מיך אַלזאָ צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אויף קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און בין געווען אַן עדות פון דעם קאַמף וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן די צוויי עקסטרעמע צדדים.

אויף דזשיקע האָב איך דערקענט די יידישע גאַס מיט איר הור־האַ, מיט אירע סוחרים, גאַסן־הענדלער, מעקלער, מלמדים, קרעמער און בעלי־מלאכות.

איך האָב דערקענט די יידישע אונטערוועלט מיט די לאַסט־גנבים, קעשענע־גנבים און שפּרינג־גנבים, וועלכע האָבן באַוויזן וווּנדער פון גע־שיקטקייט, דערפינדערישקייט און דרייסטקייט. איך האָב דערקענט זייער אייגנאַרטיקע עטיק און דערלערנט זייער זשאַרגאָן און פאָלקס־לידער.

נישט איינמאָל פלעגט אַ חברה־מאַן, וואָס האָט „געהאַלטן וואַך", מיך וואָרענען:

— דו, יאַט, וואָס קוקסטו, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!...

ער האָט מיר דאָס צוגעוואָרפן פאַרבייגייענדיק, קוים דאָס מויל געעפנט, אָבער פון זיין בליק האָט ארויסגעקוקט אַזוי פיל „אויטאָרי־טעט", אַז איך בין נישט טויט, נישט לעבעדיק אַרויפגעלאָפן אַהיים און אַראָפּגעקוקט פון פענצטער, צי מען יאָגט מיך נישט נאָך...

הגם איך האָב געוווּסט, אַז גנבה איז אַ פאַרברעכן און מען איז דער־מיט עובר אויף איינעם פון די צען געבאָטן, האָב איך פונדעסטוועגן דורך אַרץ געהאַט פאַר די דאָזיקע דרייסטע, הפקרדיקע חברה־לייט וואָס גע־פינען זיך אין אַ שטענדיקער געפאַר.

נישט אײנמאָל פֿלעג איך זײן אַן עדות פֿון אַ דורכגעפֿאַלענער „אונ־טערנעמונג" און פֿון דעם אומברחמנותדיקן פּסק, וואָס דער שלימזלדיקער גנב פֿלעגט אויפֿן אָרט באַקומען.

ס'פֿלעגן נישט העלפֿן די טרערן און געוואַלדן פֿון דער „כלה", וואָס איז ווי פֿון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן; דאָס אײנשטעלן זיך פֿון די „פּאַך־קאַלעגן", וועלכע פֿלעגן זיך באַמיען אים אָפּצושלאָגן... דער קרבן פֿון אַזאַ לינטש פֿלעגט אָפֿטמאָל בלײבן ליגן אַ האַלב־טויטער אין אַ קאַ־לוזשע בלוט...

מײן סימפּאַטיע איז אין אַזאַ פֿאַל געווען אויף דער זײט פֿונעם געשלאָגענעם און מיר האָט זיך זײער געוואָלט, אַז ס'זאָל געשען עפּעס אַ נס, און דער געשלאָגענער זאָל זיך וואַרפֿן אויף זײנע שלעגער און זײ געבן אַ פּסק...

אין אַ סך יאָרן אַרום האָב איך מיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן גע־פֿיל, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַן אָקסן־קאַמף אין לימאַ, פּערו.

דאָסמאָל האָב איך מיטגעפֿילט דעם באַפֿאַלענעם אָקס און האָב אין האַרץ געווונטשן, ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט דער באַנדע קצבים אין די אָפּערעטן־מלבושים, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זײן לעבן.

אויף דזשיקע האָב איך אָפֿט געזען די „שוואַרצע פֿעלערינעס", פֿאַר וועלכע דער „גענעראַל גובערנאַטאָר אַלײן" האָט געציטערט...

איך האָב געזען די צוגעשיקטע „ווירזאַקן" (טויט־אורטײלן) מיט אַן אָפּגעשטעמפּלטער שוואַרצער האַנט...

איך געדענק זײער אינטערוועניץ בײם טאַטן פֿאַר אַן אָרעמען לאָ־קאַטאָר און ווי דער טאַטע פֿלעגט זיך פֿאַרענטפֿערן:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר, איך בין דאָך נישט מער ווי אַ „מענטש" בײ יענעם! גײט צום ווירט!...

די דזשיקע 44 איז געווען דער אוניווערזיטעט, וואָס האָט אונדז צוגעגרײט צום לעבן...

ווען מיר האָבן זיך פֿון דאָרט אין אײניקע יאָר אַרום איבערגעצויגן אינעם שכנותדיקן געסל, אויף קופּיעצקע 12, און איך האָב צו זיבעצן

יאָר אנגעהויבן באזוכן די דראַמאַטישע שולע, בין איך שוין געווען אַ „פּאַלנער" מענטש מיט „אַלזייטיקער" לעבנס־דערפאַרונג.

אַזוי, לכל הפּחות, האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעוויזן...

די דזשיקע 44 האָט „געשמט" מיט אירע שטאַרקסטע יינגלעך, מיט וועלכע די אַרומיקע הייזער האָבן זיך נישט איינגעשטעלט צו „פאַר־טשעפּען".

דער דאָזיקער שם האָט זיך קודם כּל געגומען צוליב גראַפּס זין, מיט וועלכע ס'איז געווען גלייכער צו לעבן בשלום...

דאָך האָבן זיך צווישן אונדז געפונען אויך איניקע יידישע יינגלעך, מיט וועלכע מען האָט זיך „גערעכנט".

אויב דוד יאַנקאָוויאַק, דעם שול־דירעקטאָרס זון, איז נישט געווען אַזוי שטאַרק, ווי למשל, שלמה מענדזשעזשיצקי, איז ער אָבער געווען דרייסט און „ספּריטנע" און האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען פון דער שווערסטער סיטואַציע. מיר האָבן צוליב דעם געהאַט פאַר אים דרך־ארץ און אפילו אַ געוויסע צייט טאָלערירט זיין „אַנפירערשאַפט"... איך האָב זיך געחברט מיט אים, ווייל ערשטנס, איז ער געווען אַ „בעסער" יינגל און צווייטנס, זענען אויך אונדזערע עלטערן געווען באַפריינדעט.

ס'פלעגן מיך תּמיד אינטערעסירן זייערע געשפּרעכן וועגן פּאָלי־טיק, וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין דער אימפּעריע, וועגן שטרייקן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַ נייעס אין דער יידישער גאַס, און — וועגן גאָט...

יאַנקאָוויאַק איז געווען געלערנטער פונעם טאַטן און האָט עס ביי יעדער געלעגנהייט זיך באַמיט צו אונטערשטרייכן... ביי יעדער פראַזע פלעגט ער ציטירן קאָמפּליצירטע פּאַראַגראַפן, דעקרעטן און אָפטמאָל אַריינוואַרפן אַן אומפאַרשטענדלעך לאַטייניש וואָרט...

גערעדט האָט ער שטיל, לאַנגזאַם, געציילט יעדעס וואָרט און, לויט דעם טאַטנס אויסדרוק, פלעגט ער „אַרויסציען די נשמה".

דער טאַטע דאַקעגן איז געווען אימפּולסיוו, דינאַמיש, האָט נישט פאַרטראַגן קיין „טויטע" משלים און „הויך־פּאָליטיק", נאָר באַנוצט זיך מיט „לעבעדיקע" פאַקטן און געמאַכט פון זיי אויספירן.

להיפך צו יאַנקאָוויאַקן פּלעגט זיך דער טאַטע ביים רעדן „קאָכן און היצן“, זאָגן וואָס אויף דער לונג און „דיפּלאָמאַטיע“... היפּאָקריזיע און פאַלשקייט האָט ער אָרגאַניש נישט געקאָנט פאַרטראָגן. נישט איינמאָל פּלעגן זיך אָזעלכע פרידלעכע דיסקוסיעס ענדיקן מיט אַ ברוגז...

צוליב דעם איז דער טאַטע מיט אַ סך פריינט און קרובים אָפט געווען ברוגז. ער איז אָבער געווען אַ „יידישער גזלן“ און מיט איין גוט וואָרט האָט מען געקאָנט מיט אים צוריק שלום מאַכן.

בפרט ווען אין דעם שלום האָט זיך אַריינגעלייגט די מאַמע... זי האָט אויף אַ דיסקרעטן און צאַרטן אופן פאַרשטאַנען צו באַהערשן דעם טאַטנס „נערוון“, אָפּטמאָל אויפן חשבון פון אירע אייגענע נערוון... ווי אַ ווייסע, מילדע טויב האָט אונדזער מאַמע געשאַפן די וואַרעמע אַטמאָספערע פון ליבע, צוגעבונדנקייט און איבערגעגעבנקייט צווישן די מיטגלידער פון אונדזער פאַמיליע.

נישט בחינם פלעגן נאָענטע און וויטע קרובים קומען צו דער מאַמען אויסוויינען זייער ביטער האַרץ און בעטן אויסגלייכן אַ פאַמיליען סכסוך, גראַד אַזוי ווי מען פלעגט קומען צום טאַטן מיט אַ בוררות, אַ דין־תורה אָדער סתם נאָך אַ פּראַקטישער עצה.

די מאַמע האָט שטאַרק ליב באַקומען מיין צווייטן חבר, שלמה מענדזשעזשעצקי.

הגם שלמה איז געווען מיט אייניקע יאָר עלטער פון מיר און פון אַן אַנדער „ספּערע“, דאָס הייסט פון חסידישע עלטערן, האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ טיפע פריינטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין יונגן לעבן. לכתחילה איז אונדזער פריינטשאַפט געווען אַן „אויסגערעכנטע“... אים האָט אימפּאָנירט דאָס חברן זיך מיט אַ „סטודענטל“ און מיר — מיט אַן עלטערן פון מיר, אַ גרעסערן און, דער עיקר, דעם שטאַרקסטן פון גאַנצן הויף.

די גאַנצע פאַמיליע מענדזשעזשעצקים, די עלטערן, ברידער און שוועסטער, זענען געווען הויך, ברייטביייניק, ווי די דעמבעס אויף דער פּוילישער ערד.

איז טאַקע אַלץ אין זיי געווען ערדיש: סיי די פּשטות, סיי די ערלעכקייט, סיי די אַרבעטזאַמקייט און גבורה.



די מוטער איטע־גיטל טורקאָוו (געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1929)
און די צווילינגס־שוועסטער רחל (לינקס) און שרה (רעכטס)
—ביידע אומגעקומען אין טרעבלינקע

אנטקעגנאיבער אונדזער הויז, אויף דזשיקע 41, האָט זיך געפונען זייער ווינקעלער, ווו זיי פלעגן אליין אויסארבעטן די פארשידנסטע ליקערן, מעדן און וויינען. פלעגן זיי אומעטום מיטברענגען מיט זיך דעם שארפן ריח פון זייער ווינקעלער.

אין די פרייע שעהען פון לערנען און פון שטיפעריי פלעג איך ליב האָבן צו פארברענגען אינעם דאָזיקן קעלער. זומער, אין די גרויסע היצן, איז דאָך גאָר געווען א מחיה אראָפּצוגיין אהין זיך אָפּקילן.

די גאַנצע קאָמפּליצירטע אונטערנעמונג פון אויסארבעטן, סאָרטירן, פּאַקן און טראַנספּאָרטירן די קעסטלעך און פעסער האָבן אויסגעפירט די זין. דער אַלטער מענדזשעשעצקי, האָט זיך זעלטן פארנומען מיט דברי חול, נאָר ער פלעגט אין א ווינקל פון קעלער לערנען אויפן קול א בלאַט גמרא.

די נשמה פונעם גאַנצן קעלער איז געווען מיין חבר שלמה. איך פלעג באַוואונדערן, ווי ער פלעגט איינער אליין אויפהייבן א קאַסטן מיט פּלעשער וויין און אַרויסטראָגן אים פון קעלער ווי א שפּילעכל... אויף דער גאַס האָבן צוויי געזונטע טרעגער קוים געקאָנט דערשלעפּן דעם דאָזיקן קאַסטן...

שלמה פלעגט דאָס אַלץ טון מיט זיין אייגנטלעכער באשיידנקייט, אָן א ווֶעלכער ס'איז כוונה צו באווייזן זיך, „סטאַוויען זיך", ווי מיר פלעגן דאָס רופן.

פארקערט, אָפטמאָל פלעג איך האָבן דעם איינדרוק, אַז ער שעמט זיך מיט זיין גבורה, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין א געווענלעך יינגל אָדער אזוי ווי איך א „סטודענטל"... נישט איינמאָל האָט ער מיר פארטרויט, אַז ער וואָלט זיך געלאָזט אַנטון „קורץ", אָבער ער וויל נישט מצער זיין דעם טאַטן.

אָ, ווען זיין טאַטע וואָלט נאָר דערלויבט, וואָלט ער נישט נאָר אויסגעטון די קאַפּאָטע, נאָר ער וואָלט געוואָרן... אַן אַקטיאָר!

מיין חבר שלמה האָט פארגעטערט אַקטיאָרן און אַלץ וואָס האָט נעהאַט א שייכות צום טעאַטער...

אים האָב איך אפשר צו פארדאַנקען, וואָס אונדזער „טעאַטער

שפּילן" האָט אויף דזשיקע אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן „אמתן" טעאַטער, מיט אַ פאָירהאַנג, מיט בילעטן און מיט אַן „אמתער" פּיעסע.

ער פּלעגט דאָך יעדן שבת גיין צו די נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונגען אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, אויף די „באַניפּראַטן", ווי מען פלעגט עס רופן, און דערנאָך מיר דערציילן די נסים ונפלאות פונעם דאָרטיקן „ערמיטאַזש" טעאַטער.

דאָס זעלבע פלעג איך טון נאָך מיינעם אַ באַזוך מיט די עלטערן פון אַ פאָרשטעלונג אין „עליזעאום", אָדער אין „עלדאָראַדאָ".

מיר האָבן געננוי געקענט די לעבנס־געשיכטע פון יעדן אַקטיאָר, פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן, זייערע פאַמיליע־פאַרהעלטענישן און הינ־טערקוליסן־סודות. געוווּסט, וועלכער אַקטיאָר איז אַ „פיינער" מענטש און וועלכער אַ „הולטאַי"... וועלכער איז אַ געלערנטער און פאַר וועלכן דער סופלאָר דאַרף פאָרלייענען זיינע ראָלן, ווייל ער אַליין קאָן נישט לייענען...

מיר האָבן געוווּסט, אַז לאַנדע איז אַן „אינטעליגענטער און סטאַ־טעטשנער" מענטש און קען מער פון אַלע וואַרשעווער אַקטיאָרן צוזאַ־מענגענומען... ער האָט אַפילו געשפּילט אויף דער פּוילישער בינע, און האָט דאָרט געהייסן סטאַלסקי.

אין יאָרן אַרום, ווען איך האָב געשפּילט צוזאַמען מיט לאַנדען, האָב איך זיך פון אים דערוווּסט, אַז ער האָט דאָס טאַקע אַנטייל גענומען אין דעם פאַרס „אוי, זוכט דאָס קינד" אויף כלאָדנע, ווען מיט מיר האָט פּאַסירט די קאַטאַסטראָפע...

מיר האָבן געוווּסט, אַז דער קאָמיקער ג. איז אַמאָל געווען אַ קע־שענע־גנב און ביז היינט האָבן זיינע אַמאָליקע חברים פון דזשיקע דרך־ארץ פאַר אים און קומען אָפּט צו אים מיט אַ דין־תורה... זיין לייטישע פאַמיליע האָט געהאַט דערפון גרויס הארצווייטיק און זיינער אַ ברודער, גאָר אַ וויכטיקער מענטש, האָט אים אַ סך געלט געגעבן, ער זאָל אַרויף אויפן דרך הישר... ווען ג. האָט דאָס געלט פאַרשפּילט אין קאָרטן און נישט געהאַט וואָס צו טון, איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר. אַקטיאָרן רופן אים דעריבער ג. גנב... אין יאָרן אַרום איז דער זעלבער ג. אויף אַ מיס־טעריעזן אופן דערשטיקט געוואָרן פון אַ גאַסנפּרוי אויפן „וואָינע פּלאַץ"...

צוליב אַ צופאַל בין איך צו יענער צייט אויך געוואָרן אַן „איי־גענער מענטש” הינטער די קוליסן פון טשערנאָווס רוסישן טעאַטער אינעם „שווייצער זאַל”.

ביי מוראַוולאָוון אין שולע האָט זיך געלערנט דער יונגער טשערנאָוו, אַ זון פון דעם באַקאַנטן רוסישן טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ מיכאַיל טשער־נאָוו און פון דער דראַמאַטישער אַרטיסטין זינאַאידאַ טשערנאָווסקאַיאַ.

מיכאַאיל טשערנאָוו איז געווען דער עלטסטער ברודער פון דעם שפּעטער באַקאַנטן פילם־אַקטיאָר אָסיפּ רוניטש און פון דעם אַקטיאָר לוואָוו. זיי זענען געווען אַדעסער יידן און זייער אמתער נאָמען איז גע־ווען פּראַדקין.

מיכאַאיל טשערנאָוו איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און האָט אויף דער רוסישער פּראָווינץ געשמט אַלס בעסטער אַדמיניסטראַטאָר פון אַלע אַקטיאָרן...

אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינלעכער דיקקייט האָט ער געהאַט גרויס דערפאָלג אין קאָמישע ראָלן. בלויז זיין דערשיינען אויף דער בינע האָט אַרויסגערופן שטורמיש געלעכטער .

ער האָט נישט געקאָנט אַריינגיין אין קיין טראַמוויי און אפילו נישט אין קיין געוויינלעכער דראָזשקע. ער האָט דעריבער געהאַט צו זיין דיספּאָ־זיציע אַ ספּעציעלע אָפענע קאַרעטע, אין וועלכער ער פלעגט פּאַראַדירן איבער די וואַרשעווער גאַסן אין זיין צילינדער און שוואַרצן שלום־ראָק.

ער פלעגט זיך אָפט באַקלאָגן פאַר מיין פאָטער, אַז דער רבונו של עולם האָט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל און געמאַכט פאַר אַ קאָמיקער, הגם זיין אמתער אמפּולאַ זענען גאָר טראַגישע ראָלן...

פון צייט צו צייט פלעגט ער טון צו להכעים דעם רבונו של עולם און נאָך מער די טעאַטער־באַזוכער און זיך „אויסלעבן” אין אַן ערנסטער ראָל...

געדענק איך זיינע אַ פאָרשטעלונג פון „זשאַן וואַל זשאַן”, אַ באַאַר־בעטונג פון הוגאָס „לע מיזעראַבל”. אָט באַווייזט זיך אויף דער בינע טשערנאָוו מיט זיין גראָטעסק־אָנגעבלאָזענער פיגור, מיט אַ באָרד וואָס איז אים נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרשטעלן דעם דרייגאָרנדיקן גוי־

דער... דער עולם באַמיט זיך צו באַהערשן און זיך צו פאַרהאַלטן ערנסט, ווי עס פאָדערט די סיטואַציע...

און אָט הויבט זשאַן וואַל זשאַן אָן זיין ווידוי פאַרן אַלטיטשקן נייסטלעכן... ווען ער דערמאָנט, אַז ער קערט זיך אום פון קאַטאָרגע, ווו ער האָט זיך קנאַפע צוואַנציק יאָר אָפּגעמוטשעט ביי שווערער אַר־בעט — ברעכט אויס אין זאַל אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער, וואָס צווינגט איבערצורייסן די פאָרשטעלונג און אָראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג... טשער־נאָוו האָט זיך נאָך דער פאָרשטעלונג באַקלאָגט פאַר מיין פאָטער:

— זעט איר, ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש, זיי ווילן מיך נישט זען אין אַן ערנסטער ראָל! נאָר קאָמיקער גיב זיי! אַ ווילדער עולם ביי אייך אין וואַרשע!...

איך פלעג אָפט קומען צו די טשערנאָווס אהיים אויף סענאַטאָרסקע גאַס. דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען דאָס „פּריוואַטע" לעבן פון דעם וואַנדערנדיקן אַקטיאָרן־פאָלק, די הינטערקוליסן פון זייער לעבן.

מיט דעם האָבן זיך די רוסישע פּראָווינץ־אַקטיאָרן מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון זייערע יידישע חברים. איך האָב מיך בקרוב איבער־צייגט אין דעם, ווערנדיק אויך אַן אַריינגייער אין די שטובן פון די ראַפּעלס און די קאָמפּאַניעיעצעס. אויך אין יאָרן אַרום ביי אסתר רחל קאַמינסקי.

גרויסע דירות, קאַרג מעבלירט, צופעליק, אָן געשמאַק, — די נוי־טיקסטע זאַכן פון „באַלעבאַטישקייט".

ווי נאָר דו באַטרעטסט די שוועל פונעם פאָדערצימער, וואַרפן זיך דיר אין די אויגן: קאַסטנס, קוישן, טשעמאָדאַנען פון פאַרשידענער גרייס און פאָרעם.

מיט די דאָזיקע קאַסטנס זענען אויך באַשטעלט די ווענט פון די צימערן. די קאַסטנס זענען געדיכט באַקלעבט מיט פראַכט־צעטלען, אַד־רעסן, באַן־שטעמפּלען, נעמען פון סטאַציעס, האָטעלן... אייגנאַרטיקע עדות פון וואַנדערונגען איבער שטעט און לענדער, מיט באַנען, שיפן און אַפילו מיט פורן, וואָס רייבן אויס מיט זייערע רעדער אָוואַלע צייכנס אויף די קאַסטנס...

בלויז דאָס גיין צופוס, דאָס פיינלעכסטע בלעטל פון אַקטיאָרישע וואַנדערונגען, האָט דאָרט נישט געלאָזט קיין סמנים...

די ווענט זענען באַהאַנגען מיט בילדער, פאָרטרעטן, פון וועלכע ס'קוקן צו דיר אַראָפּ די ראַזירטע פּנימער אין „אַקטיאָרישע פּאָזעס...

איינער קוקט אויף דיר מיט אַ געקינצלטער „דראַמאַטישער מינע" און ס'ווייזט זיך דיר אויס, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך קעגן אים פאַרזינדיקט.

אַ צווייטער לאַכט צו דיר אַראָפּ מיט אַ ברייט „האַרציק" געלעכ־טער און וואַרפט דערביי אַ שעלמישן בליק ווי ביים זינגען דעם קופּלעט: „ער האָט געגעבן אַ פּינטל מיטן אויג"...

און אָט קוקט צו דיר אַראָפּ אַ מאַן מיט אַ פרוי, אַ געטריי פּאָרל, „פאַראייניקט אין אייביקער ליבע" און באַלד דערנעבן דער זעלבער מאַן מיט זיין צווייטער פרוי און די זעלבע פרוי מיט איר צווייטן באַשערטן אין חופּה־קליידער...

זילבערנע קרענץ און פאַרוויאַנעטע בוקעטן; לענטעס מיט אויפ־שריפטן, אַדרעסן און באַגריסונגען אין באַגילדעטע ראַמען, בענעפיס־מתנות מיט אויסגעקריצטע שבחים אין אַ מליצהדיקער שפּראַך...

איך האָב דאָרט דערקענט די נערוועזיטעט פאַר אַ פּרעמיערע, דאָס האַרצקלאַפּעניש און ספקות פאַר דעם פאָרשטייענדיקן עפנטלעכן עקזאַ־מען פאַרן שטרענגסטן פון אַלע ריכטערס: פאַרן עולם! איך האָב דער־קענט דעם אַבערגלויבן וואָס גייט איבער בירושה פון איין דור אַקטיאָרן צום צווייטן; די פרייד מיט אַן אַראָפּגעפאַלענער פּיעסע אָדער ראָל, ווייל ס'באַדייט דערפאָלג; די מורא פאַר אַ געלן אַפּיש, אָדער פאַר פייפן אין טעאַטער — ווייל ס'איז „אַ זיכערער דורכפאַל"... די גימטריאות, סמנים, קמיעות, שפּרוכן און אַנדערע סודות פון דער פּראָפעסיע.

אַן אייגנאַרטיקע וועלט, אַ הפקרדיקע, חיי־שעהדיקע, אַ פאַרשידנ־פאַרביקע און... פוילע.

די ערשטע לעקציעס פון דער דאָזיקער טעאַטער עדוקאַציע האָט מיר געגעבן טשערנאָווס דירה. די רוסישע אַקטיאָרן האָבן זיך מיט גאָר־נישט אונטערשיידט פון זייערע יידישע חברים. דער זעלבער שטייגער

לעבן: אויפשטיין נאָך האַלבן טאָג, פּוסט און פּאַסעווען און קאָרטנשפּיל. אַ ביכל איז געווען אַ זעלטענער גאַסט אין אַן אַקטיאָרישער היים, סיידן אַ מתנה פון אַ מחבר! מען פלעגט דאָס אָפּגעבן אין „רעקוויזיט"...

בלויז מיט זייער פּרומקייט האָבן זיך די רוסישע אַקטיאָרן אונטערשיידט פון די יידישע. זעלטן וועלכער רוסישער אַקטיאָר פלעגט באַטרעטן די בינע, נישט איבערצלמדיק זיך פריער... די גאָר פרומע פלעגן זיך דערביי דריי מאָל בוקן ביז צו דער ערד, אויפן אַלט־רוסישן שטייגער.

מיכאַאיל טשערנאָוו פלעגט עס טון מיט אַ באַזונדערער פּינקטלעכקייט, הגם ער פלעגט פאַרזיכערן דעם טאַטן, אַז ער איז נישט געשמדט.

אין יאָר 1918 האָב איך אים געטראָפן אין אָדעס. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר און מיר פאַרזיכערט, אַז ער געדענקט גוט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש טורקאָוון פון די ווילטעטיקע פאָרשטעלונגען וואָס מיין פאָטער פלעגט ביי אים איינאָרדענען אין „שווייצער טאָל".

זיין פרוי מיטן זון זענען שוין פון לאַנג געהאַט אַוועק פון אים און ער האָט געוועדט וועגן זיי מיט אַ סך ווייטיק און באַדויערן.

ער האָט אָנגעפירט מיט אַ פּאַרס־טעאַטער צוזאַמען מיטן אַרטיסט וואָראָנסקי, אַ באַקאַנטן שוואַרץ־מאַהניק און אַנטיסעמיט.

אין יאָר 1929 האָב איך טשערנאָוון געטראָפן אין בערלין. ער איז שוין געווען אַ יורד. פון צייט צו צייט פלעגט אים זיין ברודער, דער פילם־אַקטיאָר אָסיפּ רוניטש, צושאַנצן אַן עפּיזאָד אין אַ דייטשן פילם. מען האָט אים גענומען צוליב זיין קאָמישער פיגור. מיט דער צייט איז דאָס אויך דערעסן און ער איז געבליבן אַרבעטלאָז. מיט זיין צילינדער און שוואַרצן שלום־ראָק האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט געשיידט...

דערנאָך איז ער אָפּגעפאָרן קיין בעסאַראַביע, געפּרוווט אפילו צו שפּילן יידיש טעאַטער און אַ פאַרגעסענער און פאַראָרעמטער פאַרענדיקט דאָרט זיין שטורמיש לעבן.

אים האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין „באַהאַוונטקייט" אין אָרגאַניזירן און אָנפירן פאָרשטעלונגען און ס'איז ביי אַלע מיינע חברים געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט די אָנפירנדיקע פּאָזיציע וואָס איך האָב אין זיי פאַרנומען.

אין זיין בוך „מיין לעבן אין דער קונסט" זאָגט סטאַניסלאַווסקי, אַז אַ רעזשיסאָר ווערט מען געבוירן... (דאָס נעמט זיך אפנים פון „רע־זשיסאָריש בלוט"...)

אָט שפּילט זיך אַ גרופּע קינדער. אַלע אין די זעלבע יאָרן, פון דער זעלבער סביבה, מיט מער אָדער ווייניקער דער זעלבער דערציאונג.

און אָט ווערט אַ געוויס קינד פון זיך אַליין, פון קיינעם נישט גע־בעטן, דער אָנפירער פון די שפּילן. ער שטעלט אויס, קאָמאַנדעוועט, באַשטראָפט, פירט אָן מיט די שפּילן און אַלע קינדער וואַרפן זיך אים געהאָרכזאַם אונטער און פירן אויס זיינע באַפעלן.

דאָס דאָזיקע קינד ווערט גענעראַל, אַרמיי־קאָמאַנדיר, קעניג, העלד, אין דער צייט וואָס אַלע איבעריקע, אָפטמאָל גרעסערע און שטאַרקערע פון אים, שטעלן מיט זיך פאָר פשוטע זעלנער און געהאָרכזאַמע אונטער־טאַנער ...

אָט אפנים דאָס „אויסדערוויילטע" קינד פאַרמאָגט אין זיך דעם איינגעבוירענעם אויטאָריטעט, וואָס צווינגט די איבעריקע זיך אים אונ־טערצוּוואַרפן.

דעם דאָזיקן „אויטאָריטעט" האָב איך מסתמא אויך געהאַט אין זיך, ווייל נישט נאָר דער שטאַרקער און גרויסער שלמה, נאָר אפילו דער אַלווייסנדיקער דוד יאַנקאָוויאַק האָט זיך מיר אונטערגעוואָרפן... ביז, פאַרשטייט זיך, מיר האָבן זיך צוליב עפּעס אַ „פּערזענלעכער" סיבה צעקריגט און צעשלאָגן...

מיט שלמהן האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געשלאָגן. ער פלעגט זיך שעמען מיט זיין גבורה. פאַרקערט, ער פלעגט זיך שטענדיק אַריינלייגן אין שלום, מאַכן „שטאַבע" צווישן די צעקריגטע צדדים, אבי מען זאָל ווייטער שפּילן טעאַטער...

שלמה איז געווען דער טעכנישער געהילף ביי אונדזערע פאָרשטע־לונגען, אַליין פלעגט ער נישט מיטשפּילן, זיין טאַטע זאָל זיך נישט דערוויסן.

ער פלעגט צונויפרופן די יינגלעך פון הויף און זיי אָנזאָגן, ווען און ווו די פאָרשטעלונג קומט פאָר; פאַרקויפן זיי די בילעטן און האַלטן קאָנ־טראָל „ביי דער טיר"...

די קאַמערציעלע זייט פונעם טעאַטער האָט מיך פון דער פריסטער יוגנט נישט אינטערעסירט און איך פלעג מיך אין דעם פאַרלאָזן אויף אַנדערע.

דאָס פלעגט מיר טאַקע אין די שפּעטערדיקע יאָרן אָפט ברענגען זייער פיל קאָפּווייטיק און אַנטוישונגען, ווייל אַזעלכע ערלעכע שלמהס זענען ביי דער אַדמיניסטראַציע פון פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער נישט געווען בנמצא...

די קינסטלערישע זייט פון די פאָרשטעלונגען פלעגט אויספירן אונדזער „שותפות". קודם כל האָט מען באַדאַרפט צוגרייטן „רעפּערטואַר", בין איך טאַקע געווען דראַמאַטיקער, רעזשיסאָר און הויפּט־שפּילער אין איין פּערזאָן. די פּיעסעס האָבן געטראָגן קלינגנדיקע נעמען, ווי צום ביישפּיל: „ אַ ברודער קעגן אַ ברודער", „דער בלוטיקער סקאַלפּ" אד"גל.

צו די פאָרשטעלונגען פלעגן מיר אַליין אויסאַרבעטן די נויטיקע רעקוויזיטן, ווי קרוינען, שווערדן, ביקסן..

די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען געוויינלעך אין אַ שעה, ווען די עלטערן זענען נישטאָ אין דער היים, ווייל דער טאַטע פלעגט נישט פאַרליידן קיין אומאָרדענונג אין שטוב...

מיר פלעגן פאַרהענגען אַ טיר צווישן צוויי צימערן מיט אַ טישטוך, דאָס איז געווען דער פורהאַנג; פון איין זייט פלעגט געשפּילט ווערן און פון דער צווייטער פלעגט זיך געפינען דער עולם.

אַמאָל פלעגט צוליב אַ „סכסוך" צווישן מיר און יאַנאַסן די פאָרשטעלונג ווערן איבערגעריסן און, אויב שלמהן פלעגט זיך נישט איינגעבן איינצושטעלן אַ צייטווייליקן וואַפנשטילשטאַנד צווישן אונדז, פלעגט מען אויסצאָלן דעם „פּובליקום" פאַר די בילעטן און דער עולם פלעגט מיט „אורא" געשרייען פאַרלאָזן אונדזער דירה.

געוויינלעך פלעגט דער געליטענער פון אַזעלכע סכסוכים זיין שלמה, ווייל פון די איינקאַסירטע געלטער זענען דאָך געקויפט געוואָרן מאַטעריאַלן פאַר דער „אויסשטאַטונג", האָט ער געמוזט פון זיין אייגענער טאַש דערלייגן די פעלנדיקע קאָפּיקעס... ער פלעגט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַקלאָגן, נאָר, פאַרקערט, פילן זיך גליקלעך, וואָס ער קאָן זיך מיט עפּעס באַשטייערן פאַר דער „הייליקער קונסט"...

שפילן פלעגן מיר אויף רוסיש, זעלטענער אויף פויליש. פון יידיש אַלס שפּראַך האָב איך נישט געהאַלטן, הגם מיר פלעגן מיט די עלטערן רעדן יידיש. שלמה האָט דערפון געהאַט פיל עגמת נפש, — פאַר אים איז יידיש געווען די שענסטע שפּראַך אויף דער וועלט!

— „אדרבא, גיי ארויס אין גאַס, — פלעגט ער זיך היצן, — און רעד צו עמעצן אויף רוסיש אָדער אויף פויליש, וועט מען דיר דען ענט־פערן? די גאַנצע וועלט רעדט דאָך נאָר יידיש! הײַנט דאָס יידישע טע־אַטער! אַ כפרה צען טשערנאָווס מיט זיין: טשטאַ, קאַק!... הער נאָר אַ לשון!”...

איך פלעג אים אויף דעם ענטפערן מיט אַ פוילישן אָדער רוסישן אויסדרוק, צוגעבן אַן „אַ”, וואָס האָט עס געהאָלפן „פאַריידישן” און זיך גערייצט מיט אים:

— „און וואָס איז דאָס, נישט קיין צעקאַלעטשעטער רוסיש, נישט קיין צעקאַלעטשעטער פויליש?”...

שוין דעמאָלט האָט מיך געעקלט שפּראַך־באַרבאַריזם, וועלכן איך האָב מיט יאָרן שפּעטער באַמיט זיך אויסצוואָרצלען פון יידישן טע־אַטער.

שלמה איז נישט מסכים געווען מיט מיר:

— „אַלע אַנטיסעמיטן טענהן אַזוי”, — פלעגט ער מיר ענטפערן מיט פאַרדרוס...

ווען די צאָל פון אונדזערע באַזוכער האָט זיך פאַרגרעסערט, איז אויפגעשוומען די נויטווענדיקייט איבערצוגיין אין אַ גרעסערן לאָקאַל.

דוד יאַנקאָוויאַק האָט זיך אונטערגענומען צו באַקומען אַ דערלוי־בעניש פון זיין פאָטער צו געבן די פאָרשטעלונגען אינעם גרויסן זאַל פון זייער שולע.

מיר האָבן שוין געשפּילט פאַר אַ „ברייטערן” עולם און במילא גע־מוזט זיך צופּאַסן צו זיין געשמאַק... מיינע „גערעדטע” פּיעסעס האָבן אויפגעהערט צו באַפרידיקן, האָבן מיר געמוזט די פאָרשטעלונגען „אויפ־לעבן” מיט „דיווערטיסמענטן”, אַזוי ווי אין יידישן טעאַטער.

דאָס זענען געווען מיינע ערשטע „קאָנצעסיעס” פאַרן עולם...

איז אונדז טאַקע געקומען צו הילף גראַפּס עלצטער זון און יאַנקאַ־וויאַקס געהילף, דער „בעהעלפער חצקיל", ווי מיר האָבן אים גערופן. זיי פלעגן באַווייזן „מאַגישע" קונצן, פון וועלכע דער עולם האָט נאָר געלעקט די פינגער... האָט מען טאַקע פאַרלאַנגט פון אונדז וואָס מער „קונצן" און ווייניקער „קונסט".

דאָס האָט מיר שטאַרק וויי געטון און מיך אַנטמוטיקט. איך האָב אויפ־געהערט צו שרייבן „רעפּערטואַר" און די פאַרשטעלונגען זענען איבער־געריסן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר שלמהן און ער פלעגט מיר ביי יעדער געלעגנהייט דאָס פאָרוואַרפן.

זומער פלעגן מיר זיך דערפאַר אָפּנעמען דעם שאָדן אויף די דאַטשעס פון דער „ליניע".

אַלע אַזעלכע אַרויסטריטן, אָדער „קאָנצערטן" ווי מיר פלעגן זיי רופן, פלעגן געגעבן ווערן אויף ווילטעטיקע צוועקן.

מיר פלעגן אַלזאָ שטיין אויף דער וואַך פון אַלע „נייעסן" און ווי נאָר ס'פלעגט פון ערגעץ קומען אַ רוף נאָך הילף, פלעגן מיר אָרגאַני־זירן „אַ קאָנצערט" און טאַקע צוזאַמענגעמען אַ „היבשע" סומע.

איך האָב מיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן מיט אַן אויסשניט פון אַ צייטונג: דאָס איז געווען אַ קורץ נאָטיצל וועגן אַזאַ קאָנצערט וואָס האָט אַריינגעבראַכט פאַר די סאָקאָלאָווער נשרפים איבער דריי רובל...

איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געזען „געדרוקט" מיין נאָמען אין אַ צייטונג און האָב עס יעדן איינעם מיט שטאָלץ געוויזן. איך בין גע־ווען איבערצייגט, אַז די גאַנצע וועלט ווייסט שוין וועגן מיר און מיינע אויפטריטן און אַלע יינגלעך זענען מיך מקנא...

ווייס איך טאַקע נישט, פאַרוואָס אין די שפּעטערדיקע יאָרן בין איך געוואָרן אינגאַנצן גלייכגילטיק פאַר פּובליסיטי להיפּוך צו אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער לייט...

ווען איך האָב אויף אַזאַ אופן אַליין „פּאָפּולאַריזירט" דעם אָוונט פאַר די סאָקאָלאָווער, האָב איך באַקומען אַ גאַנצע רייע „איינלאַדונגען" אויפצוטרעטן אויף ווילטעטיקע צוועקן. איך האָב די איינלאַדונגען גרויסמוטיק אָנגענומען און טאַקע ווידער געפאַלן אַ קרבן פון מיין לייכט־גלויביקייט און צוטרוי צו מענטשן... ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אייני־

קע „געזעלשאַפטלעכע טוער" האָבן זיך פאַר מיינע „שווערע פאַרהאַרעווע־טע" פאַר רובל געמאַכט „פונדעס" און געלעבט אַ גוטן טאָג...

גאָר גרויס פאַרדרוס האָב איך אָבער געהאַט צוליב מיינעם אַן על־טערן חבר, וועלכער האָט כלומרשט געוואָלט אָנקומען אין דראַמאַטישע שולע און האָט נישט געהאַט די נויטיקע מיטלען דערצו.

דערהערט: דראַמאַטישע שולע, — האָב איך מיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און נשמה נישט נאָר אין צוגרייטן אַ „ווערדיקן" פּראָגראַם, נאָר אַפילו אין פאַרקויפן בילעטן אויף געהעכערטע פּרייזן...

ווי נאָר איך האָב דעם חבר איבערגעגעבן די איינקאַסירטע סומע און געווונטשן אים דערפאָלג צום אָנקומען אין דער שולע, האָט ער דאָס געלט פאַרהולעט מיט זיינע „סימפּאַטיעס" און מיר אומפאַרשעמט דער־קלערט, אַז ער האָט זיך איבערגעלייגט דעם ענין צו ווערן אַן אַקטיאָר.

מיין פאַרדרוס און אַנטוישונג אין דער „וועלט" איז דאַן געווען אומבאַשרייבלעך...

הגם דער לערער שאַפּיראָ פלעגט אונדז לערנען צו האַלטן זיך פון דערווייטנס פון די „שונאים פון פאָטערלאַנד", האָב איך מיך גראָד אויף די דאַטשע־ערטער דערנענטערט צו זיי.

ס'פלעגן קומען צו מיין קוזין שלום וויטענבערג חברים און חברטעס און זיך סודען און שושקען, האָט דאָס נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין נייגע־ריקייט.

איך פלעג זיי נאָכגיין און בייוווינען זייערע פאַרזאַמלונגען אינעם דערבייאיקן וועלדל.

איך האָב דערפילט אַן ענגע שייכות צווישן זיי און די שילער פון די עלטערע קלאַסן פון מוראַוולאָווס שולע. דער חילוק איז נאָר געווען אין דער שפּראַך: אין שולע פלעגן די זעלבע לאָזונגען אויסגעשריגן ווערן אויף רוסיש און דאָ אויף פּויליש.

דער אינהאַלט אָבער איז געווען דער זעלבער: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט! זאָל לעבן די פרייהייט!".

איך האָב מיך אַפילו באַפריינדעט מיט אַ געוויסן סטודענט פון פּאָליטעכניקום, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ סאַנאַטאָריום פאַר טובערקולאָזע. הגם איך בין געווען פיל ייִנגער פון אים, פלעגט ער פון־

דעסטוועגן גערן פֿאַרברענגען מיט מיר און דאָס האָט מיר שטאַרק אימ־פּאָנירט וואָס ער „אירצט" מיך, להיפּוך צו אַנדערע, וואָס פֿלעגן מיך פֿון דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט אָנהויבן צו דוצן...

אים איז געווען שווער צו גיין: פֿון אַ קלאַפּ מיט אַ פּריקלאַד האָט ער געהאַט וואַסער אין אַ זייט, — פֿלעגן מיר שעהענווייז אַפּליגן אינעם יונגן וועלדל, לייענען און שמועסן...

נישט אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט, האָב איך פֿאַרשטאַנען. נישט מיט אַלץ וואָס איך האָב פֿאַרשטאַנען בין איך מסכּים געווען.

בעיקר בין איך נישט מסכּים געווען מיטן טעראָר. ס'האָט זיך מיר נישט געלייגט אויפֿן שׂכל ווי אַזוי איין מענטש קאָן דערהרגענען אַ צווייטן... איז ווו איז די ליבע צו מענטשן, ווו איז רחמנות!... צו קאָן מען דען נישט דערגרייכן דאָס גוטע נישט דורכמאַכנדיק דאָס שלעכטע?...

זייער אָפֿט פֿלעגן מיינע באַטראַכטונגען אַרויסרופֿן אַ שמייכל אויף דעם סטודענטס בלאַסן פּנים און מיך פֿלעגט פֿאַרדריסן, פֿאַרוואָס ער פֿאַרשטייט מיך נישט... איך טראַכט דאָך, דאַכט זיך, אַזוי לאָגיש און רעד דאָך קלאָר און דייטלעך... אָט אַפֿנים די קראַנקהייט ווירקט אַזוי אויף אים... און איך האָב נאָך מער רחמנות באַקומען אויף אים...

דער סטודענט האָט מיר גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— „פֿון אייך וועט שוין קיין קעמפּער נישט זיין, קאָלעגע טור־קאָוו", און האָט זיך צעלאַכט.

איך האָב מיך צעוויינט און בין אַנטלאָפֿן. מער האָב איך מיך שוין פֿאַרן סטודענט נישט געוויזן.

איך פֿלעג אָבער שפּעטער נישט איינמאָל דערמאָנען זיינע ווערטער: קיין קעמפּער איז פֿון מיר טאַקע קיינמאָל נישט געוואָרן.

אָפֿטמאָל פֿלעג איך צוליב מיין נישט קעמפֿערישער נאַטור אָפּטרעטן פֿון שווער דערוואָרבענע פּאָזיציעס.

איך פֿלעג זיי דערווערבן מיט אַרבעט, אויסדויער און ערלעכער באַ־ציאונג. צוליב דעם טאַקע איז מיר געווען פֿרעמד דאָס אויסקעמפֿן זיך אַ פּאָזיציע.

ווען אַזאַ קאַמף איז געווען אומפֿאַרמיידלעך — אין אונדזער פּראָ־פֿעסיע איז דאָס געווען אַ געוועגלעכע דערשיינונג, — פֿלעג איך מיך

פשוט דערווייטערן און איבערלאָזן דאָס אָרט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן זיך עם מיט ערלעכער אַרבעט נישט געקאָנט דערווערבן.

עס האָט מיך געעקלט דאָס קעמפן פאַר אַ פּאָזיציע, דערפאָלג, פּאָ־פּולאַריטעט נישט ווייניקער ווי דאָס מאַכן זיך זעלבסטרעקלאַמע.

אָפטמאָל האָבן מיך אַזעלכע „נישט פּראַקטישע" דרכים טייער גע־קאָסט, איך האָב עס אָבער קיינמאָל נישט באַדויערט.

פאַרקערט, די „קעמפער" האָבן זיך גיך „אויסגעלאָדן" און ווען ס'איז געקומען צו „פרידלעכע" מעשים, האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער אומבאַהאָלפנקייט און איך פלעג ווערן צוריקגערופן צו מיין איבערגעריסענער אַרבעט.

אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען מיין ערשטער אַרויסטריט אויף אַן אמתער בינע אין אמתן גרים און קאָסטיום...

דער טאַטע האָט איינגעאָרדנט אַ פּורים־באַל לטובת דער געזעל־שאַפט „לינת הצדק", פון וועלכער ער איז געווען פאָרזיצער.

צו דעם צוועק האָט ער אָפּגעדונגען ביי טשערנאָוון דעם גרויסן זאַל פונעם „שווייצער טאַל" און ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ רייכער פּראָגראַם מיט „זשיווע אָבראַזן", לעבעדיקע בילדער, הייסט עס.

איין בילד האָט געגעבן אַ באַגריף וועגן דער טעטיקייט און וויכטי־קייט פון „לינת הצדק".

אָט זעען מיר אַן אָרעם שטיבל און אַ קראַנקער קאָרטשעט זיך נעבעך אין יסורים. מען קומט צו לויפן צום טאַטן, ער זיצט אינעם צי־לינדער, אין שוואַרצן שלוסראָק אין דער קאַנצעלאַריע פון „לינת הצדק", און מען דערציילט אים וועגן דעם פאַל. דער טאַטע טעלעפאָנירט תיכף נאָך אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר, וועלכן ס'האָט „געשפּילט" דער וויצע פּרעזעס, אַד־וואָקאַט שאַטנשטיין, קומט תיכף צו לויפן צום קראַנקן. ער טראָגט אויך אַ צילינדער און אַ סמאָקינג. ער באַטראַכט דעם קראַנקן און, אָ, וווּנדער! דער קראַנקער שפּרינגט אַראָפּ פון בעט אַ פולשטענדיק געזונטער...

א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן באַגלייט די דאָזיקע סצענע און דער טאַטע מיט שאַטענשטיינען נויגן זיך, ווי אמתע אַקטיאָרן, פאַרן עולם.

אין צווייטן בילד פון דעם דאָזיקן אָוונט איז טאַקע פאַרגעקומען מיין „אַרטיסטישער דעביוט".

ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ לעבעדיק בילד אונטערן נאָמען „אחש־ורוש". דערצו איז אַנגאַזשירט געוואָרן קאָמפּאַניעיעץ מיט זיין משפחה און ס'זענען געוואָרן צוגעצויגן „האַנאַראָווע" אַנטיילנעמער פון צווישן די פאַרוואַלטונגס מיטגלידער.

קאָמפּאַניעיעץ האָט טאַקע אויסגעבאָרגט זיינע „היסטאָרישע" קאָס־טיומען און האָט אַליין גרימירט די אַנטיילנעמער.

מיר האָט מען אָנגעטון אַ לאַנגן, בלאָנדן פּאַרוק און „צוגעשמירט" די באַקן אויף רויט, — איך האָב געשפּילט אַ „פּאַזש" און בין געלעגן נעבן קאָמפּאַניעיעצעס פיס. ער אַליין האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אחש־ורושן, די מאַדאַם קאָמפּאַניעיעץ — ושתי המלכה און די איבעריקע מיט־גלידער פון זיין פאַמיליע — אַנדערע העלדן פון דער מגילה.

אַ מיליטערישער אָרקעסטער האָט צוגעשפּילט אַ מאַרש און איך האָב טאַקע באַדויערט, וואָס לייבעלע טענצער איז דאָ נישטאָ מיט זיינע שטעקנס.

ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און דער עולם האָט אויפ־גענומען ראַס „לעבעדיקע בילד" מיט הוראַ־אויסגעשרייען און אָוואַ־ציעס, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס מיינט מען מיך, — איך בין דאָך אין צענטער פון דעם בילד...

אַן ענלעך געפיל האָב איך געהאַט, ווען איך האָב אין יאָרן אַרום, שוין זייענדיק אַ שילער פון אַ דראַמאַטישער שולע, צום ערשטן מאָל סטאַטיסטירט אויף דער בינע פון פּוילישן טעאַטער.

ס'איז געשפּילט געוואָרן די פּאַטריאָטישע פּיעסע „קאָרדיאַן". איך האָב „געשפּילט" אַ פּוילישן הוזאַר. אַזעלכע הוזאַרן איז דאַן געווען אויף דער בינע איבער צוויי הונדערט און איך בין געשטאַנען אין דער דריטער רייע...

מיר שטעלן זיך פיבערדיק אויס אויף די פון פאָראויס באַשטימטע ערטער און אָט גיט אונדז די דריי־בינע אַ רוק אַרויס פאַרן עולם. די

זעלבע אָוואַציעס. טרערן פון באַגייסטערונג. ביי מיר האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער זאַל קוקט אויף מיר און מיינט טאַקע מיך...

ביידע מאָל האָב איך אָבער געהאַט מיינעם אַ געטרייען פּאַרערער, וואָס האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב זייער גוט „אויסגעזען". דאָס איז געווען מיין חבר שלמה מענזשעצקי.

לאַנג איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען זיך צו חברן מיט אים. ווען שלמה האָט באַדאַרפט שטיין צום פּריזיוו, האָט מען אים צוגערעדט זיך צו מאַכן אַ פּעלער. דער פעלדשער שפּאַק, אַ ספּעציאַליסט אין די ענינים, האָט אים געגעבן אַ פּראָשיק אויף צו „הויבן די היץ" און דער גבור שלמה האָט באַקומען גאַלאָפּ שווינדזוכט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן. איך האָב אין אים אָנגעווירן אַ זייער נאָענטן מענטש און דאָס יידישע טעאַטער אפשר זיין צוקונפטיקן מעצענאַט.

דער אויפטריט אין „שווייצער טאָל" האָט מיך אַריינגעפירט אין קאמפּאַניעיעצנס הויז און במילא מיך געמאַכט פאַר אַן אייגענעם מענטש אין טעאַטער „ערמיטאַזש" אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. נישט איינמאָל פלעגט מיך קאַמפּאַניעיעץ מיטנעמען אויף אַ שפּאַציר מיט זיין בריטש־קעלע איבער די וואַרשעווער גאַסן, מיט וואָס איך האָב מיך זייער גע־גרויסט.

ווען דאָס בריטשקעלע פלעגט אַריינפאָרן אין מוראַנאָווער פּאַרק, פלעג איך שוין דאָרט פאַרבלייבן און בייוווינען אַ רעפּעטיציע, אָדער אַ נאָכמיטאָג פאָרשטעלונג.

מיינע לימודים פלעגן צוליב דעם שטאַרק ליידן און איך בין טאַקע פאַרבליבן אין דריטן קלאַס אויפן צווייטן יאָר.

איך האָב מיך פאַרענטפערט, אַז ווען נישט מאַטעמאַטיקע, וואָלט איך איבערגעגאַנגען... אין אַלץ איז שולדיק די פאַרשאָלטענע מאַטעמאַ־טיקע! ווער האָט זי אויסגעטראַכט מיט אירע ציפערן, חשבונען און קיינעם נישט נויטיקע קאָפּברעכערישע אויפגאַבעס...

⁂

זיגמונט טורקאָוו

ס'האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע קרינסקיס יידישע קאַמערץ שולע.

דער טאַטע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער ידיעה, ווייל ער וועט פאַרשפּאָרן איינצובעטן זיך ביי מוראַוולאָוון, מען זאָל מיך באַפרייען פון באַזוכן די שולע אין די שבתים.

דאָס ערשטע יאָר האָט ער עס לייכט געפּועלט ביי מוראַוולאָוון. וואָס אַמאָל איז עס אים אָבער אָנגעקומען שווערער און דאָס אַדורכלאָזן די לעקציעס האָט מיר בפירוש געשאַדט צו די פאָרשריטן.

ביי קרינסקין דאַקעגן האָט מען אָנשטאָט שבת, געלערנט זונטיק.

בין איך גלייך אָנגעקומען אין דריטן קלאַס פון קרינסקיס שולע. מיט דער צייט זענען אַלע אונדזערע קינדער געוואָרן קרינסקיס שילער.

דאָס ערשטע יאָר זענען דאָרט געווען טעטיק די ערשטע דריי קלאַסן מיט אַ צוגרייטונגס קלאַס. יעדעס יאָר איז צוגעקומען אַ העכערער קלאַס. איך האָב אַלזאָ געהערט צום ערשטן אַרויסלאָז.

קרינסקיס שולע האָט תיכף פאַרנומען אַן ערשטן אָרט אינעם שול וועזן פונעם אַמאָליקן „פּריווויסלאַנסקי קראַי".

XIII

קרינסקיס שולע

פאַראַן פּנימער וואָס בעטן זיך ממש: האָב מיך פיינט! שפּיי אין מיר! — פאַראַן, פאַרקערט, פּנימער, וואָס פונעם ערשטן אויגנבליק ווערן זיי דיר נאָענט און ליב.

פאַראַן שטימעס, וואָס אַנטפּלעקן דיר מיטן ערשטן קלאַנג דעם כאַראַקטער פון זייער באַזיצער. לויט דער שטימע קאָנסטו פעסטשטעלן א פאַרדאָרבענעם, פאַרביסענעם, אָדער דעגענערירטן כאַראַקטער.

פאַראַן ווידער שטימעס, וואָס דערוועקן אין דיר תיכּף צוטרוי צו זייער באַזיצער. פילסט אַרויס פון זיי אויפריכטיקייט, ערלעכקייט און ס'איז דיר אָנגענעם זיי צו הערן.

אויב ניעטשאַיעוו האָט געהאַט א פּנים וואָס האָט אָפּגעשטויסן און א שטימע וואָס האָט געגרילצט און אָנגעוואָרפן פחד, האָט מאַגנוס קרינ־סקי פונעם ערשטן אויגנבליק געוווּנען דיין סימפּאַטיע, צוטרוי און דרך ארץ.

א זעלטן צוציענדיק פּנים און אָנגענעמע שטימע!

פאַר אים, האָסטו געפילט, דאַרפסטו נישט האָבן קיין סודות, פאַר אים מעגסטו עפענען דיין האַרץ!

ווען זיין אימפּאָזאַנטע, מאַסיווע געשטאַלט פלעגט זיך באַווייזן אין איין קלאַס, האָסטו נישט געהאַט דעם איינדרוק, ווי דאָס געשעעט ביי פיל אַנדערע לערער, אַז עס גייט א „תליון" וואָס וויל דיך „אָראָפּשניידן", נאָר, פאַרקערט, א פריינט, וואָס נעמט א נאָענטן אַנטייל אין דיין לערנע און דערציאונג.

האָסט ליב געהאַט דעם ווייסן, קייַלעכדיקן קאָפּ מיטן גלאַנצנדיקן פליך, מיט די זילבערנע וואָנצעס, פיין געשניצטער נאָז און די קליינע,

גוטע אויגן, וואָס האָבן מיט פּאַטערלעכער ווארעמקייט געקוקט אויף דיר דורך די ברילן.

האָסט אים קיינמאָל נישט געזען זיך אויפרעגן, קיינמאָל נישט געהערט אים שרייען. ווען דו האָסט זיך פאַרזינדיקט, פלעגט ער לאַנג דיך באַטראַכטן, לאַנגזאַם גלעטן זיינע וואָנצעס און מיט שטילן פאַר־וווּרף איבערחזרן צעצויגן:

„דאַ — אַ... יאַ... יאַ...!"

דאָס האָט אַ סך שטאַרקער געווירקט ווי ניעטשאַיעווס: „מערזאַווצי, קאַטאַרזשניקי"...

קרינסקיס „דאַ — אַ — אַ" האָט ביי דיר אַרויסגערופן טרערן פון חרטה, פלעגסט אים פאַרזיכערן, אַז מער וועט זיך „דאָס" נישט איבער־חזרן און האָסט זיך באַמיט צו האַלטן וואָרט.

ווייל קרינסקי האָט אויפריכטיק געליטן צוליב דיינע פעלערן און געפרייט זיך מיט דיינע מעלות און פאַרשריטן. פאַרשאַפן קרינסקין עגמת־נפש האָסטו פּשוט קיין האַרץ נישט געהאַט, אַזוי ווי דו האָסט, להיפוך, געהאַלטן פאַר אַ מצווה צו טון אין „דער גאָל אַריין" ניעטשאַיעוון.

מיט דער זעלבער ליבע, ברייטהאַרציקייט און זאָרג פאַר זיינע שילער האָט ער אויך איינגעאָרדנט זיין שולע.

נישט בחינם איז מאַגנוס קרינסקיס האַנדלס־שולע געווען אַ שם דבר נישט נאָר אין געוועזענעם קאָנגרעס־פּוילן, — אויך אין אַנדערע טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע האָט מען די שולע געשטעלט פאַר אַ ביישפּיל פון היגיענישן, מאָדערנעם און מוטערהאַפט אָנגעפירטן לערן־אַנשטאַלט.

קודם כל האָט קרינסקי געלייגט אַכט אויף דער עסטעטיש אויסער־לעכער זייט פון דער שולע. אויב ביי מוראַוולאָוון האָט געהערשט די גראָע־קאַזאַרמע אַטמאָספערע, וועלכע האָט דיך ממש געטריבן צוריק אויף דער גאַס אַרויס, אַ היים, אין גאָרטן, האָט, דאַקעגן, קרינסקיס שולע געשמייכלט צו דיר מיט איר זוניקייט און היימלעכער געמיטלעכ־קייט. דאָס גיין אַהין איז ביי דיר געווען נישט קיין „מוז", קיין אָפּקו־מעניש, נאָר אַן אָנגענעמער צייט־פאַרטרייב, וואָס גרייט פאַר דיר אינ־טערעסאַנטע סורפּריזן און דערפאַרונגען.

קרינסקי האָט פאַרשטאַנען צו פאַרוואַנדלען דאָס לערנען אין פרייד.

ווען דער שילער־כאָר פלעגט זינגען דעם שול־הימן „אַלמאַ מאַ־טער", איז עס נישט געווען ענלעך צום מעכאַנישן אָפּזינגען פונעם „באָזשע צאַריאַ כראַני", ניין, — אין געזאַנג פונעם קרינסקי־הימן האָט זיך געהערט די אויפריכטיקע ליבע פון די קינדער צו זייער שולע און צו זייער מאַגנוס אָסיפּאָוויטש.

דער לאָקאַל פון דער שולע האָט זיך געפונען אויף די לעצטע 2 גאָרן פונעם מעכטיקן סימאָנס־פּאַסאַזש, עק דלוגע, ביעלאַנסקע און נאַלעווקעס.

גרויסע, ליכטיקע קלאַסן, ברייטע קאָרידאָרן, ריזיקע רעקרעאַציע זאַלן, רעפּרעזענטאַטיווע אויפנאַם צימערן און קאַנצעלאַריעס.

קרינסקי איז געווען דער ערשטער איינצואָרדענען ביי דער שולע פאַך־קורסן: אַ סטאָלאַר און מעכאַנישן װאַרשטאַט. דאָס האָט דערוועקט ביי געוויסע קינדער דעם פאַרלאַנג צו ווידמען זיך אַ פאַך.

מיר, קינדער, זענען דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה ווו מען פלעגט זיך באַציען מיט ביטול צו פיזישער אַרבעט און געהאַלטן מלאכה פאַר אַ באַשעפטיקונג פון צווייטער קאַטעגאָריע. אונדזערע עלטערן האָבן געוואָלט אין אונדז זען צוקונפטיקע דאָקטוירים, אינזשיניערן, אין ערגסטן פאַל, סוחרים.

קרינסקי האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין זייער מענטאַליטעט און האָט „לעגאַליזירט" אין זייער באַגריף די מעגלעכקייט פון ווידמען זיך אַ פיזישער אַרבעט.

קרינסקי האָט, להיפּוך צו מוראַוולאָוון, נישט באַטראַכט אַלע שילער אַלס גאַנצקייט, נאָר דערנענטערט זיך צו יעדן שילער באַזונדער און געזוכט צו דערקענען זייערע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און נייגונגען. מוראַוולאָוו האָט מושטרירט, „דיסציפּלינירט" זיינע שילער פאַר געטרייע און לאָיאַלע אונטערטאַנען פון צאַר. קרינסקי האָט געזוכט זיי צו דערציען אַלס נוצלעכע מענטשן און גוטע יידן.

ער איז אויך געווען אַן אַנטדעקער פון טאַלאַנטן און פלעגט זיי זאָרגפעליק קולטיווירן.

האָט טאַקע אין דער שולע געהערשט די אַטמאָספערע פון קולטור און קונסט.

די רייכע שול־ביבליאָטעק האָט, א חוץ רוסישע און פּוילישע, אויך געהאַט אַן אויסוואַל פון העברעאישע און יידישע ביכער, דאָס איז אויך געווען אין יענער צייט אַ רעוואָלוציאָנערער שריט אינעם שול־וועזן. קרינסקי האָט אַזוי אַרום לעגאַליזירט פאַר אונדז די יידישע שפּראַך. איז ער דאָך אַליין געווען אַ יידישער פאַרלעגער. א חוץ זיין פאַרלאַג „השחר", וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיינע אייגענע לערן־ביכער אין העברע־איש, האָט ער אויך אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט די „ראָמאַן צייטונג", וואָס איז אַ געוויסע צייט געווען דער זשורנאַל פאַר יידישער קולטור און קונסט. דאָרט טאַקע האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער.

קרינסקי האָט אָרגאַניזירט ביי דער שולע א מוסטערהאַפטן בלאָז־אָרקעסטער. איך האָב לכתחילה מיך אָנגעהויבן צו לערנען שפּילן אויף אַ „וואַלדהאָרן", דער פאַטער האָט עס מיר אָבער פאַרווערט, ווייל איך האָב „שוואַכע לונגען". מיר האָבן אויך געהאַט אַ גלענצנדיקן כאָר, אָנגעפירט פון מ. קיפּניסן.

קיפּניס האָט אַנטדעקט אין מיר אַ „הויכע" שטימע, אָבער קיין סאָלאָס פלעגט ער מיר קיינמאָל נישט געבן צוליב מיין „אויער", וואָס האָט מיך תמיד געמאַכט זינגען „נעבן טאָן"... דאָס זינגען אין כאָר האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן צו „רעגולירן" מיין געהער.

מיר האָבן אויך געהאַט אַן ערשטקלאַסיקן גימנאַסטיק־זאַל מיט אַ גלענצנדיקן אינסטרוקטאָר, אַ געוועזענעם טשעכישן „סאָקאָל".

דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן איז ביי מיר אויך צוגענומען געוואָרן, ווייל איך בין „סקלאָננע" (עמפּינדלעך) צו פאַרקילן זיך...

איז מיר פאַרבליבן פון די אַלע פאַרגעניגנס צו גענינן בלויז פון דער רייכער ביבליאָטעק און פון די שילער־פאָרשטעלונגען אין אָוונטן, וואָס פלעגן אָפט פאָרקומען אין אונדזער גרויסן רעקרעאַציע זאַל.

אויך איז מיר געווען דערלויבט צו צייכענען און מאָדעלירן פון פּלאַסטעלין און ליים. איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש פון קרינסקין

צו באַזוכן אַ צייכענונג־שולע, האָב מיך אפילו שוין געהאַט פאַרשריבן אין איר, אָבער קיינמאָל זי נישט באַזוכט.

קרינסקי פלעגט פון צייט צו צייט מאַכן „באַשטעלונגען" ביי מיר. אין אייניקע פון זיינע שול־ביכער זענען טאַקע געווען רעפּראָדוצירט מיינע צייכענונגען און אין נאַטורוויסנשאַפטלעכן קאַבינעט פון דער שולע האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט „אינגעווייד פון אַ מענטש", מאָדעלירט דורך מיר פון גיפּס און געפאַרבט אין נאַטירלעכע קאָלירן. פאַר די אַלע „אַרבעטן" האָב איך באַקומען פון קרינסקין געצאָלט...

ווען איך בין געווען אין די העכערע קלאַסן, פלעגט ער מיר אויך רעקאָמענדירן רעפּעטיציעס ביי שילער פון נידעריקערע קלאַסן.

קרינסקי האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ גוטן פּעדאַגאָג, מעגלעך, אַז איך בין עס אויך געווען, ס'האָט מיר אָבער געפעלט דאָס געדולד, וואָס איז נויטיק פאַר אַ לערער און די שילער האָבן געליטן געברענטע צרות צוליב מיינע „נערוון" און... האָבן טאַקע קיין פאַרשריטן נישט געמאַכט.

צו מיין שלים־מזל פלעג איך מערסטנטייל באַקומען שילער, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף ביי אַריטמעטיק, האָט זיך נישט איינמאָל געמאַכט, אַז די שילער האָבן מער געקענט פון זייער לערער... אַ פאָטער פון אַ געוויסן שילער האָט מיר דאָס גאַנץ נישט צווייידייטיק געגעבן אָנצוהערן...

אונדזער פאָטער האָט געוואָלט אויסנוצן מיינע פּעדאַגאָגישע „פעאיקייטן", האָט ער מיר געגעבן צו לערנען מיינע ברידערלעך: פריער מאַרעקן און דערנאָך יצחקן. פלעגן זיך אָפּשפּילן אַזעלכע סקאַנדאַלן צווישן דעם לערער און שילער, אַז די מאַמע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיינע יינגערע ברידער און האָט געפועלט ביים פאָטער, ער זאָל דינגען אַ פרעמדן לערער...

דאָס געבן „רעפּעטיציעס" זענען פאַר מיר די פיינלעכסטע דערפאַינערונגען פון מיין זעלבשטענדיקער „טעטיקייט" אין יענע יאָרן. פון דעמאָלט אָן פיל איך שטאַרק מיט אַלע צוגעהעריקע צו דער לערער פראָפעסיע.

אָפטמאָל וווּנדער איך מיך, ווי אַזוי האָט זיך צו מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגומען אַזוי פיל געדולד און אויסדויער ביים רע־זשיסירן, ספּעציעל די לעצטע יאָרן, מיט ליבהאָבער.

מסתמא דערפאַר, וואָס די טעאַטער־אַרבעט איז מיר ליב און איך לעב מיך אויס אין איר, דאַקעגן דאָס לערנען האָב איך נישט ליב גע־האַט און געוויסע קענגשטאַנדן, ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע — האָב איך פּשוט געהאַסט...

**
*

אין דעם גרויסן, רעפּרעזענטאַטיוון זאַל פון אונדזער שולע פלעגן אָפט פאָרקומען אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער. אויך דאָס האָט קרינסקי צום ערשטן מאָל איינגעפירט ביי זיך אין שולע און דערמיט איבערגעריסן מיט דער טראַדיציאָנעלער קאַזאַרמע אַטמאָספער, וואָס האָט ביז דאַן געהערשט אין די לערנאַנשטאַלטן.

דאָרט האָב איך דערקענט די סקולפּטורן פון גליצנשטיין און גאַ־באָוויטש, די בילדער און צייכענונגען פון טרעמבאַטש, וויינלעז און ליליען.

ביי דער אינאַאוגוראַציע פון אַן אויסשטעלונג פלעגט דער קינסט־לער אַליין אונדז געבן דערקלערונגען וועגן כאַראַקטער און פאָרעם פון זיינע שאַפונגען. מיר פלעגן באַזונדער אַרומרעדן די אויסשטעלונגען אויף די לעקציעס פון צייכענונג, — אַגב מיין באַליבסטן קענגשטאַנד — און איך פלעג רעפּראָדוצירן אַ סך פון די אויסגעשטעלטע בילדער.

אַ גרויסע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן אין וואַרשע די „בצלאל" — אויסשטעלונג, פאַר וועלכער קרינסקי האָט אָפּגעטרעטן דעם גרויסן שול־זאַל. איך האָב מיך דאַן באַקענט מיט די תימנער פיליגראַן־אויסאַרבע־טונגען פון זילבער; מיט די מיניאַטורן, געשניצטע אין האָלץ, עלפאַנטנ־ביין, געשמידט אין בראָנז; מיט די אָריגינעלע צייכענונגען פון ארץ ישראל מאָטיוון. דאָס האָט פאַר אונדז געהאַט דעם רייץ פון עקזאָטיק און חן פון ביבלישער לעגענדאַרישקייט. ס'האָט אויך געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן ווערט. ס'איז געוואַקסן אונדזער פּרעסטיזש אין די אויגן פון די רוסישע לערער, וואָס האָבן אפילו געקויפט אייניקע עקספּאָנאַטן. מיר

האָבן אַלזאָ אַן אייגענע, נאַציאָנאַלע קונסט, אַן אייגנאַרטיקן סטיל! מיר זענען נישט בלויז סוחרים און נאַלעווקע־מענטשן!

מיר האָבן שטאָלצירט מיט באָרים שאַצן און נישט איינער פון אונדז האָט געחלומט וועגן אָנקומען אין זיין „בצלאל־שולע".

***

אין דעם זעלבן גרויסן זאַל פלעגן אויך פאָרקומען אונדזערע באַגע־גענישן מיט די יידישע שרייבער, וועלכע קרינסקי פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט פאַרבעטן, כדי אונדז צו באַקענען מיט זיי.

די שרייבער פלעגן אַרויסווייזן גרויס אינטערעס פאַר אונדזער שולע, זיי פלעגן רעדן צו אונדז, פאָרלייענען פראַגמענטן פון זייערע ווערק און זיי קאָמענטירן.

דאָס קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די גרויסע פערזענלעכקייטן, מיט וועלכע די יידישע ליטעראַטור איז דאַן אַזוי רייך געווען, האָט במילא אַרויסגערופן ביי אונדז אינטערעס צו זייערע שאַפונגען.

דאָס יידישע בוך איז געוואָרן אַן ערנסטער קאָנקורענט פאַרן רוסישן אָדער פוילישן ביכל.

ווער איז דען נישט געשטאַנען אויף דער עסטראַדע פון אונדזער רעקרעאַציע־זאַל? וועמען האָבן מיר דען נישט געהערט רעדן און באַ־גייסטערן אונדז, יידישע קליינוואַרג?

מיר זענען דאָך געווען אַזוי פרעמד און ווייט פון דעם, וואָס מיר האָבן אַ דאַנק קרינסקיס **שולע אַזוי ליב באַקומען** — און וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז ווי אַ נייע און נאָענטע וועלט: יידישע קולטור!

מיר האָבן ליב באַקומען מענדעלען, ווען ער איז געשטאַנען פאַר אונדז מיט זיין פאַררִיסענעם, ווייסן קאָפּ און פאַרלייגטע הענט, אַ הויכער, אַ שטרענגער און דאָך אַזאַ גוטמוטיקער זיידע, וואָס שטראָפּט און גלעט אין דער זעלבער צייט.

מיר פלעגן מיט פרייד אַנטקעגנלויפן פּרצן, וועלכער איז ביי אונדז געווען אַן אָפטער גאַסט צו יעדער שול־שמחה. מיר האָבן געשלונגען די בליצן פון זיינע אַפּאָריזמען און געוואַרעמט זיך אין די בליצן פון זיינע אויגן. פּרצן האָבן מיר באַטראַכט נישט ווי אַ גאַסט, נאָר ווי אַן איי־

גענעם און גאָר נאָענטן מענטש, כמעט אזוי ווי קרינסקין אליין. אין א געוויסן זין האָט ער איבערגעשטיגן קרינסקין: ער האָט דאָך אזוי געקאָנט באגייסטערן און מיטרייסן מיט זיינע רייד, דאקעגן קרינסקי איז געווען א שוואכער רעדנער און מיר האָבן גערנער געהערט זיין „דאַ־אַ־אַ", ווי זיינע רעדעס...

א פיינלעכן איינדרוק האָט אויף אונדז געמאכט שלום עליכמס באזוך.

מיר האָבן מיט א ציטער אין הארצן געוואַרט אויף דעם פריילעכן, זאָרגלאָזן שרייבער, וואָס לאַכט אזוי פון אלץ און פון אַלעמען... און אָט באווייזט ער זיך א קראַנקער, מיט אַן אומעטיקן, פאַרמעט־געלן פנים, אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָרעם פון זיין פרוי... מיר האָבן רחמנות געהאַט אויף אים און זיך געפילט שולדיק, וואָס ער האָט זיך צוליב אונדז מטריח געווען...

נאָר אָט באַטרעט ער די עסטראַדע, זעצט זיך אַוועק און הויבט אָן פאָרצולייענען איינע פון זיינע קינדער מעשיות...

און פּלוצלינג באַקומט זיין פנים א געזונטע פאַרב, א שמייכל באַווייזט זיך אַרום די וואָנצעס, אַרום די אויגנגלעזער; די לאַנגע טשופּרינע צעטאַנצט זיך איבערן גרויסן שטערן און א פריילעכקייט פּילט אָן די הערצער פון קליינוואַרק...

קליינוואַרק לאַכט און שטעקט אָן מיט זיין געלעכטער שלום עליכמען גופא: ער לאַכט צוגלייך מיט אונדז! מיר פרייען זיך צוזאַמען מיט אים פון זיינע העלדן און פון די קאָמישע סיטואַציעס, אין וועלכע ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט. מיר פרייען זיך, וואָס ער לייענט אזוי דייטלעך, אזוי „אַרטיסטיש", אזוי אַנדערש פון אַנדערע שרייבער, וואָס לייענען געווענלעך לאַנגווייליק זייערע ווערק.

און דער עיקר פרייען מיר זיך מיט דער ענדערונג וואָס איז פאָר אונדזערע אויגן פאָרגעקומען אין דעם קראַנקן שלום עליכם, דאָס האָבן מיר, יונגוואַרק, הייסט עס, אזוי געווירקט אויף אים צום גוטן. מיר האָבן באַדויערט, וואָס ער קאָן דאָ נישט פאַרבלייבן מיט אונדז לענגער, אפשר וואָלט ער נעבן אונדז אינגאַנצן געזונט געוואָרן...

האָבן מיר שוין נאָכדעם אַ לאַנגע צייט נאָכגעפאָלגט זיין געזונט־צושטאַנד און, פאַרשטייט זיך, געשמאַק אָנגעהויבן צו לייענען זיינע בראַ־שירטע דערציילונגען.

עס פלעגט באַזוכן אונדזער שולע פרישמאַן, דינעזאָן, סאָקאָלאָוו, פּיכמאַן, צייטלין, ספּעקטאָר, נאָמבערג, רייזען, דער דעמאָלט נאָך יונגער שלום אַש, אַלע, אַלע — וואָס וואָלטן באַזוכט טלאָמאַצקע 13, ווען זי וואָלט שוין דאַן געווען עקזיסטירט...

אַ באַזונדערן רושם האָט אויף אונדז געמאַכט דער באַזוך פון ח. נ. ביאַליק. אמת, מיר זענען לכתחילה געוואָרן אַנטוישט פון זיין אויסער־לעכקייט. מיר האָבן זיך געריכט צו דערזען אַ דיכטער מיט אַ שעוועלורע אַלאַ פּושקין, מיט אַ פאַרחלומטן בליק, מיט אַ צאַרטן, אַסקעטישן גוף... און דאָ באַווייזט זיך אַן אויסגעפּאַשעט, פליכעוואַטע באַלעבעסל מיט אַ זאַט, קיילעכדיק פּנים, אָנגעטון בירגערלעך אָן אַ סימן פון „פּאָעטיש־קייט"...

איז דאָס דער נאָכפאָלגער פון יהודה הלוי, ווי קרינסקי פלעגט אונדז דערציילן? צי איז דאָ נישט עפּעס אַ טעות, אָדער מיסטיפיקאַציע?...

קרינסקי שטעלט אים פאָר, ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין מיט אַלע געסט... קרינסקיס רייד זענען, ווי תמיד, לאַנגווייליק. ווער ווייסט, וואָס פאַראַ נייע אַנטוישונג ס'דערוואַרט אונדז, ווען דער „חוזה", ווי קרינסקי האָט אים אָנגערופן, וועט אָנהויבן רעדן...

און אָט הויבט ביאַליק אָן צו רעדן. ס'איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב אים געהערט רעדן, אָבער איך שטעל מיר פאָר, אַז דאָס איז געווען דאָס געלונגענסטע וואָס זיין רעדנער־קונסט האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבן.

גערעדט האָט ער צו אונדז יידיש.

ער האָט גערעדט וועגן אונדז, יידישע יוגנט, וועגן די משהלעך און שלמהלעך, פון וועלכע ס'דאַרפן אויפשטיין די צוקונפטיקע משהס און שלמהס... ער האָט גערעדט וועגן די טויזנטער יונגע לעבנס, וואָס זענען אומגעקומען אין די פּאָגראָמען און די נוצן, וואָס די דאָזיקע לעבנס וואָלטן געקאָנט ברענגען דער אידעע פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. ער האָט געשטראָפט די עלטערן וואָס פאַרפרעמדן זייערע קינדער פון זיך

און טרייבן זיי אויף פרעמדע שמחות, ווו זיי זענען נישט קיין געוווינ־טשענע געסט... דאַקעגן אונדזערע מאָלצייט־טישן שטייען ליידיק און רופן צו אונדז: „כל דכפין ייתא ויכול!" מיר דאַרפן נאָר רייף מאַכן אין זיך דאָס באַוווּסטזיין, אַז מיר זענען „דיכפּין!"...

ס'איז פאַרשווּנדן דאָס באַלעבעסל אינעם טונקעלן שלום־ראָק מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ. מיר האָבן געזען פאַר זיך די געשטאַלטן פון אַ פּאָר־צערטן, אַסקעטישן נביא... די לאַנגע האָר צעוואָרפן פונעם ווינט... די טיף פאַרזעצטע אויגן שליידערן בליצן אַרום זיך...

אַזוי האָט ישעיהו געמוזט אויסזען ווען ער האָט אויסגעדונערט זיין: „שמעו שמים והאזינו ארץ!"

אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, זעט ער אויס, אַזוי האָב איך אים געהערט רעדן, דעם נביא, ווען מיין ליטווישער רבי האָט מיט מיר געלערנט אַ קאַפּיטל ישעיהו!...

מיר איז במשך פון מיין לעבן שוין אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע טריבונען, ווי מעדעם, טראָצקי, זשאַבאָטינסקי, — דעם רושם אָבער וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די דעמאָלטיקע ביאַליקס רעדע, האָב איך מער קיינמאָל נישט איבערגעלעבט.

מיר זענען דאַנקבאַר געווען אונדזערע עלטערן וואָס האָבן אונדז „אַריינגעגעבן" צו קרינסקין און מיר זענען דאַנקבאַר געווען קרינסקין, וואָס האָט אונדז באַקענט מיט אָט די גדולי הדור.

יעדער פון זיי האָט נאָך זיך עפּעס געלאָזן, פון יעדן האָבן מיר עפּעס איינגעזאַפּט אין זיך. און ס'האָט זיך דערפון אויסקריסטאַליזירט אַ נייער דור יידישע יוגנט, אַן אַנדערע פון די, וואָס האָבן געלערנט אין די רוסיש־פּוילישע שולעס. אַ יוגנט, וואָס מען קאָן באַצייכענען מיטן נאָמען: קרינסקיס שילער.

ווען איך באַגעגן מיך מיט אַן אַמאָליקן קרינסקי־חבר, הער איך אויף אַן ענלעכן אופן דערמאָנען דעם אָנדענק פון קרינסקי.

לעצטנס, זייענדיק אויפן וואַרשעווער בית עולם האָב איך נישט געקאָנט געפינען מיין פאָטערס קבר, האָב איך אים אָפּגעגעבן זיין כבוד אויפן קבר פון מיין מאַמען און פון מאַגנוס קרינסקי. זיי זענען געווען צוויי איבערגעגעבענע און נאָענטע פריינט.

XIV

לערער און פריינט

קרינסקי איז געווען אַ גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, אַ מענטש מיט פיל געשמאַק און טאַקט.

דאָס האָט זיך נאָך בולטער געוואָרפן אין די אויגן די שילער, וואָס זענען אָנגעקומען צו אים פון מוראַוולאָוון, אָדער פון די רוסישע רעגי־רונגס גימנאַזיעס.

קרינסקי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פעאיקייט צוצוקלייבן אַ פּאַסיקן לערער־פּערסאָנאַל, וואָס זאָלן זיין פאַרן שילער נישט נאָר לערער, נאָר אויך פריינט.

ער פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די גרעסטע הוצאות, מיט וועלכע דאָס איז געווען פאַרבונדן, פלעגט אַפילו אויסשרייבן ספּעציאַ־ליסטן פון אויסלאַנד און פון די ווייטסטע מקומות פון דער רוסישער אימפּעריע. דעריבער האָט די שולע, נישט געקוקט אויפן הויכן שכר למוד, קוים געדעקט די הוצאות. אָפט פלעגט מיר אויסקומען צו הערן וועגן אים, אַז עס פעלט אים די קאָמערציעלע „סמיקאַלקע״... האָט טאַקע מיט דער צייט די אַדמיניסטראַטיווע זייט פון דער שולע איבערגענומען די ענערגישע און מער פּראַקטישע פרוי קרינסקי. אויך דער פאָטער אונ־דזערער האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דער אַדמיניסטראַציע פון דער שולע און איז אַפילו אַ געוויסע צייט געווען דאָרט סעקרעטאַר. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט קרינסקיס דריי קינדער: די טאָכטער אַננאַ, אַ צאַרטע, ליכטיקע נשמה, וואָס איז געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג און די זון מיכאל און שימעון.

נאָך קרינסקיס טויט האָט זיין זון דער אינזשיניער מיכאל איבער־גענומען די אָנפירערשאַפט פון דער שולע. נאָך דער אַנטשטייאונג פון

דער פּוילישער מלוכה, מיטן איינפירן פּוילישע אונטערריכטסשפּראַך איז די שולע אַוועק אין אַנדערע ווענן און צוביסלעך זיך דערוווייטערט פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס מאַגנוס קרינסקי האָט איר צוגעגעבן.

אין די צאַרישע צייטן האָט אַ ייד געהאַט רעכט צו זיין באַלעבאָס פון אַ מיטל־שולע, האָט אָבער נישט געטאָרט זיין איר דירעקטאָר. דערצו איז נויטיק געווען אַן עכט רוסישער מענטש, בעיקר אַ פּראַוואָסלאַוונער.

האָט קרינסקי אַראָפּגעבראַכט פון פּעטערסבורג דעם „דיעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק" — ראָזשדעסטווענסקי, וועלכער איז געוואָרן דירעקטאָר און גלייכצייטיק לערער פון רוסישער און אַלגעמיינער געשיכטע.

אַ גוטמוטיקער, צאַרטער זקן מיט העל־בלויע, ערלעכע אויגן, מיט אַ מילדער, ווייכער שטימע, האָט ער גלייך געוווּנען די סימפּאַטיע פון די שילער. הגם אויף זיין שטייגער אַ שטרענגער, האָט ער אָבער זיך באַצויגן מיט איינזען צו זיינע תּלמידים. אַ פּעדאַנט און פאָרמאַליסט, האָט ער אויך פון אונדז געפאָדערט פּינקטלעכקייט, דיסציפּלין און אָרדענונג, — ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אונדז דערצו צוצוגעוווינען נישט אָנווענדנדיק קיין דראַסטישע מיטלען, ווי אין אַנדערע שולעס.

איז דאָס טאַקע ביי אונדז נישט געווען קיין צייטווייליק אַרויפגעצווונגענער רעזשים, נאָר ס'האָט זיך ביסלעכוויז פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטער נאַטור.

אויך ער האָט געהאַט אַ טבע אָפּט דורכצופלעכטן זיינע ווערטער מיט אַ „דאַ־דאַ־דאַ", ווי קרינסקי. קרינסקי פלעגט אָבער די „דאָס" צעציען, ראָזשדיעסטווענסקי דאַקעגן פלעגט זיי אַרויסזאָגן קורץ, אָפּגעהאַקט, אַזוי, אַז אויף איין „דאַ־אַ־אַ" פון קרינסקי, פלעגט אויסקומען אַ האַלב טוץ „דאָס" פון ראָזשדיעסטווענסקי...

דער דאָזיקער דועט פלעגט תּמיד ביי אונדז אַרויסרופן פיל הייטערקייט און אויף זייער חשבון פלעגט חברה קליינוואַרג שאַפן אַנעקדאָטן און קופּלעטן.

איינער פון אונדז פלעגט קאָפּירן קרינסקין, ווי ער שפּאַנט אַרום מיט לאַנגזאַמע, שווערע טריט, גלעט די וואָנצעס און צעציט זיין „דאַ־אַ־אַ", אַן אַנדערער ווידער פלעגט נאָכמאַכן ראָזשדיעסטווענסקיס קליינע און

שנעלע טריטעלעך, דאָס אויסשטרעקן פאַר זיך ביידע הענט, גלייך ער וואָלט זיך וועלן דורכשלאָגן אַ וועג, אָדער זיך באַשיצן פון עמעצנס אַ שטויס און, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ, איבערחזרן כסדר: „דאַ, דאַ, דאַ, דאַ!...

ראָזשדיעסטווענסקי איז געווען אַ גוטמוטיקער און האַרציקער זקן, זעלטן אָבער פלעגט זיך באַווייזן אַ שמייכל אויף זיין פּנים. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן צוליב אַ פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ רוסישע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע.

זיין ברודער איז געווען דער באַרימטער אַדמיראַל ראָזשדיעסטווענסקי, וואָס האָט דערפירט צו דער קאַטאַסטראָפאַלער מפּלה פונעם רוסישן פלאָט בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה.

ווען איך האָב מיך אַמאָל מיט עפּעס פאַרזינדיקט און זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין מיין שולד, האָט ער מיך געמוסרט און געוואָרנט פאַר די שלעכטע פאָלגן פון עקשנות:

— „ווען מיין ברודער וואָלט זיך נישט געווען פאַרעקשנט — האָט ער טיף אָפּגעזיפצט — וואָלט נישט געקומען צו אַזאַ גרויסן אומגליק... אָט נעמט איך אַ ביישפּיל צו וואָס עקשנות קאָן דערפירן! דאַ־דאַ־דאַ״...

ראָזשדיעסטווענסקי האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו יידישער קולטור, אייגנאַרט און מינהגים. ס׳האָט אים אויך אינטערעסירט יידיש אַלס שפּראַך און דער פּראָצעס פון פאַריידישן פאַרשידענע העברע־איזמען, — אים איז געווען באַקאַנט העברעאיש פון סעמינאַר פאַר גייסטלעכע, וועלכן ער האָט אין דער יוגנט באַזוכט.

ווען עס פלעגט אונדז באַזוכן אַ יידישער שרייבער, פלעגט ער צוזאַמען מיט קרינסקין זיצן אויף דער עסטראַדע און זיך אויפמערקזאַם צוהערן צום גאַסט.

ביאַליקס רעדע האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם און ער האָט זי אַ לאַנגע צייט קאָמענטירט. נאָכן באַזוך פון ביאַליקן און שלום עליכמען, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט זייערע ווערק און באַדויערט, פאַרוואָס ער קאָן זיי נישט לייענען אין אָריגינאַל.

ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער באַזוכער פון אונדזערע אָפיציעלע און „היימישע" אַרויסטריטן אין דער שולע.

ס'איז געווען ביי מיר דער „סעזאָן" פון „משוגענעם אין שפּיטאָל", וועלכן איך פלעג ביי יעדער געלעגנהייט „פאַרשפּילן". גענוג געווען, עמע־צער זאָל אַ זאָג טון:

— „טורקאָוו, ווייז נאַר „דעם משוגענעם אין שפּיטאָל!". — ווי איך האָב שוין געשטעלט אַ שטול אין מיטן פון דער אימפּראָוויזירטער בינע, צעוואָרפן די האָר, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר „שרעקלעכע" אויגן און מיט אַ „משוגענער" שטימע אַנטפּלעקט דער אוידיטאָריע, אַז:

— „היינט מוז איך ווערן קעניג איבער גאַנץ שפּאַניע"...

כל זמן איך האָב דעקלאַרירט די אַלע רעפאָרמען וואָס איך וויל איינפירן אויף דער זינדיקער וועלט, איז נאָך געווען צו דערליידן. — ווען איך האָב מיך אָבער דערמאָנט אין מיין „אומגליקלעכער פרוי, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן מיט די צוויי קליינע, שיינע קינדערלעך", אין זיי־ער רופן צו מיר פון די פלאַמען אַרויס: „פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, רעטע דיינע צוויי אומשולדיקע קינדער", — האָב איך גענומען מאַכן אַזעלכע געוואַלדן, געוויינט מיט אַזעלכע בלוטיקע טרערן און אַזוי זיך געוואָרפן אין פאַר־צווייפלונג, אַז דער עולם פלעגט אָפּט איבעררייסן מיין שפּיל מיט בראַ־וואָ אויסגעשרייען... ס'האָט אויך געטראָפן, אַז אַ נערוועזישע פרוי איז געפאַלן אין חלשות און איך האָב געמוזט אויף אַ ווײַלע צוריק ווערן מיושב און זי העלפן מינטערן.

דאָס אַלץ איז פאַר מיר, פאַרשטייט זיך, געווען דער בעסטער באַ־ווייז, אַז איך בין אַן אמתער אַרטיסט און פאַרליר אומזיסט צייט איבער די „נאַרישע" לערן־ביכער...

און אָט רופט מיך אַמאָל אַריין ראָזשדיעסטווענסקי צו זיך אין קאַנ־צעלאַריע און האַלט פאַר מיר אַ גאַנצע לעקציע וועגן טעאַטער...

— „דאַ, דאַ, דאַ... איך האָב געזען אייך שפּילן אַ מעשוגע־נעם, דאַ, דאַ... אָבער, גאָלובטשיק, פּראָוואָס רייסט איר זיך אַזוי דעם גאָרגל... אָט זאָגט ביי גאָגאָלן דער גאָראָדניטשי: „אמת, אַלעקסאַנדער מוקדן איז אַ גרויסער העלד, אָבער צו וואָס ברעכן בענקלעך"... וואָס מער, ברודערקע, איר וועט שרייען, אַלץ מער וועט מען זיך שרעקן פאַר אייך,

מען וועט אפילו חלשן, אָבער מען וועט אייך נישט גלויבן, מען וועט אייך נישט מיטפילן... איר קאָנט דאָך דאָס ווערטל: „יופיטער, דו בייזערסט דיך, הייסט עס, ביסט נישט גערעכט!" דאַ־דאַ־דאַ... ווילט איר מיך איבערצייגן, פאַרשרייט מיך נישט, וואַרפט אייך נישט ווי אַן עפּילעפּטיקער, גלאָצט נישט מיט די אויגן ווי אַ קלאָאון אין צירק... פון דעם ווילט זיך לאַכן, ברודערקע, דאַ־דאַ... ס'איז אַ רחמנות אויף אייך, וואָס איר שוויצט אַזוי שטאַרק און קאָנט זיך לייכט פאַרקילן. אַ שאָד, ברודערקע... און דער טאַטע וועט נאָך דאַרפן אויסגעבן איבעריק געלט אויף דאָקטוירים, דאַ־דאַ... צווייטנס, לאָזט זיי צורו, די משוגעים, זאָל זיי גאָט נעמען אין זייער שוץ, אומגליקלעכע מענטשן נעבעך, דאַ־דאַ־דאַ... איר נעמט אייך בעסער שפּילן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אייך נאָענט: פון לעבן פון די שילער, פון דער שולע, פון לעקציעס, דאַ־דאַ־דאַ... און ווייסט איר גאָר וואָס? לאָזט דערווייל איבער דאָס שפּילן פאַר אמתע אַקטיאָרן, דאַ־דאַ... דאָס איז זייער פאַך.... איר פאַרנעמט זיך בעסער מיט אייערע למודים, וועט פאַר אייך זיין געזינטער און אייערע עלטערן וועלן האָבן הנאה פון אייך און דער לערער ווילדערמאַן וועט זיך נישט דאַרפן באַקלאָגן אויף אייך... אָט זענט איר, דאַכט זיך, אַ מיושב בחורל און קאָנט נאָך אַפילו קיין עלעמענטאַרע אויפגאַבע נישט מאַכן... דאַ־דאַ־דאַ... נישט גוט, ברודערקע, דאַ־דאַ"...

לכתחילה האָט די דאָזיקע „קריטיק" געמאַכט אויף מיר אַ צעשמעטערנדיקן איינדרוק... גלייך מען וואָלט מיר אַפּערגענומען דעם באָדן פון אונטער די פיס און איך וואָלט מיך אַראָפּגעקייקלט אין אַן ענדלאָזן אָפּגרונט... איך בין אייניקע טעג אַרומגעגאַנגען אַ פאַרמרה־שחורהטער און באַשלאָסן ענדלעך איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו רעזיגנירן פון דער „פּאַרפירערישער" טעאַטער־קונסט... בכלל איז מיר מיאוס געוואָרן ס'לעבן און אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַר הבל הבלים...

האָט זיך אָבער גיך געמאַכט אַ „קאָנצערט", פון וועלכן ס'האָט זיך נישט געפּאַסט אָפּצוזאָגן, באַלד נאָכדעם אַ צווייטער און אַ דריטער...

איך האָב אַפילו געפּרוווט ווייניקער שרייען, אָבער „מבינים" האָבן מיר געזאָגט, אַז פריער איז עס געווען „שטאַרקער" און במילא בעסער... האָב איך ווידער גענומען שרייען און שפּרינגען פון דער הויט ווי אַן

„אמתער" משוגענער און ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן שיטן קאָמפּלע־מענטן און „פּאַניענקעס" האָבן מיט מער באַגייסטערונג אָנגעהויבן צו פלירטעווען מיט מיר און מיר פאַרזיכערן אַז איך בין אַן „אמתער אַר־טיסט"...

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז גערעכט זענען זיי, נישט ראָזשדיעסט־ווענסקי און ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט איך אים באַדאַרפט, אַזוי ווי ער איז זיך תמיד נוהג, ציטירן די היסטאָרישע פראַזע: „וואָקס פּאָפּולי, וואָקס דעי"...

נאָר — ער איז דאָך אַן איינגעשפּאַרטער, דער אַלטער... עקשנות איז דאָך ביי זיי אַ פאַמיליען פעלער... איז בעסער אים לאָזן צורו און ווייטער שפּילן דעם משוגענעם לויט דער אַלטער „אויפפאַסונג"...

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט „האמלעט", האָב איך מיך דערמאָנט אין ראָזשדיעסטווענסקיס לעקציע... און עד היום, ווען ס'קומט אוים צו זען די סצענע ווי האמלעט לערנט די אַקטיאָרן שפּילן טעאַטער, דערמאָן איך מיך ראָזשדיעסטווענסקיס ווערטער: „ווילט איר מיך איבערצייגן, פאַרשרייט מיך נישט, שרעקט מיך נישט"...

***

ראָזשדיעסטווענסקי האָט אויך רעקאָמענדירט אַלס לערער פון רוסיש זיינעם אַן אינטימען חבר, אויך אַ „דיעסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועט־ניק", ראָזאַנאָוו. דאָס איז געווען אַ פרייל־עבער זקן, וואָס האָט דורכגע־פלאָכטן זיינע לעקציעס מיט וויצן און אַנעקדאָטן, אָפטמאָל גאַנץ פעטע, פון וואָס מיר האָבן אָנגעקוואָלן...

אויף אַזאַ אופן האָט ער געלערנט מיט אונדז די פאַרשידנסטע כללים און אויסנאַמעס, וועלכע אַנדערע לערער פלעגן צווינגען „איינצור־זוברעווען" אויף אַ מעכאַנישן אופן.

ראָזאַנאָוו איז אויך געווען לערער אין אייניקע רעגירונגס גימנאַ־זיעס, וווּ ס'האָבן געלערנט בלויז קריסטלעכע קינדער און ער פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אונטערשטרייכן די פעאיקייט און אינטעליגענץ פון די יידישע שילער.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו לערנען ליטעראַטור־טעאָריע, האָט ער די פאַרשידענע מוסטערן פון אַלט־רוסישע און קירכלעך־סלאַווישע ליטעראַטור איינגעלערנט מיט אונדז אין פאָרם פון כאָר־געזאַנג, מיט וואָס דער טרוקענער קעגנשטאַנד איז במילא פאַר אונדז געוואָרן אינטערעסאַנט און פאַרוויילנדיק. די לעקציעס פון רוסיש זענען אַזוי אַרום געוואָרן פאַר אונדז שטאַרק צוציענדיק און זעלטן ווען איך בין געוואָרן „קראַנק" צו זיי, וואָס האָט אָפט בײַ מיר פּאַסירט בײַ אַלגעברע אָדער פיזיקע.

ווען איך האָב אָנגעשריבן אַ „היסטאָרישע טראַגעדיע" אונטערן נאָמען: „נעראָן און אַגריפּאַ", האָב איך זי געגעבן ראָזאַנאָוון צו לייענען. די דרײַ קורצע אַקטן פון דער דאָזיקער „טראַגעדיע" האָבן זיך געענדיקט מיט אַ האַלב טוץ מאָרדן און זעלבסטמאָרדן און, צום סוף, נאָך נעראָנס טראַגישן סוף, פאַרענדיקט זיך די פּיעסע מיט אַ באַמערקונג: ס'איז שטיל אַרום. נאָר אַ הונט וואָיעט"... נאָך דעם קומען פינטעלעך, וואָס פאַרענדיקן די טראַגעדיע.

צומאָרגנס ברענגט ראָזאַנאָוו צוריק דעם מאַנוסקריפּט און זאָגט צו מיר:

— „הער, ברודערקע — להיפּוך צו ראָזשדיעסטווענסקין, פלעגט ער אונדז „דוצן" — זאָל זיך דער הונט וואָיען געזונטערהייט, דערויף איז ער אַ הונט, ער זאָל וואָיען. דו אָבער הער אויף צו שרײַבן טראַגעדיעס און נעם זיך פלײַסיקער פאַרן לערנען, ווײַל אַז נישט וועט סוף יאָר בײַ דיר זײַן אַן אמתע טראַגעדיע!"...

מער האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, נישט געוויזן מײַנע „ווערק".

ווען איך האָב אין אַ צײַט אַרום אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע פּיעסע אויף יידיש, האָב איך צוזאַמען מיט יאַנאַסן זי אַוועקגעטראָגן ווײַזן מ. קיפּניסן.

די פּיעסע האָט געהייסן „וווהין?", אויך די טעמע איז שוין געווען אַ יידישע: די גרוילן פון דער אינקוויזיציע. געווען איז זי געשריבן אין מליצהדיק־פּאַטעטישן ווײַסן פערז און האָט גלאָריפיצירט די איידלקייט פון דן אברבנאַל, די אָפּפערווויליקייט פון די אומגליקלעכע אנוסים. געווען אויך אַ יידישער הויף־נאַר, וואָס האָט גערעדט אין גראַמען און געראַטעוועט אַן עדה יידן פון אַ גרויס געפאַר...

צום סוף, געפירט פון דן אברבנאל, לאָזן זיך אַלע אין וועג אַריין מיטן געזאַנג:

„גוואַדאַלקוויוויר, אָ ווי איז מיר,
מיט דיינע כוואַליעס צי זעסטו אַלעס"...

די אויסוואַנדערער פאַרהאַלטן זיך ביי אַ שייד־וועג און ווייסן נישט וווהין ווייטער צו גיין. אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט צו דן אברבנאל. ביי אַלעמען רייסט זיך אַרויס די פראַגע:

„וווהין? וווהין!?" — פוירהאַנג פאַלט און די פּיעסע ענדיקט זיך.

קיפּניס איז די פּיעסע דווקא געפעלן און ער האָט אונדז געראָטן ווייטער צו שרייבן.

איך האָב די פּיעסע איבערגעשריבן אין צענדליקער אויסגעבעסערטע „אויפלאַגעס", ביז איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און זי אָפּגעטראָגן צו אברהם יצחק קאַמינסקי. מער האָב איך זי טאַקע נישט אָנגעזען.

ווען איך האָב אין יאָרן אַרום זיך נענטער באַקענט מיט קאַמינסקין, האָט ער דעם פאַל אינגאַנצן נישט געדענקט. אויך אין זיין אַרכיוו האָב איך זי נישט געפונען. ער האָט זי געוויס געגעבן דער דינסט צו פאַר־ברענען...

***

צו אונדזערע באַליבטע לערער האָט אויך געהערט דער כאָכאָל באַכ־טיענקאָ, אַ גלענצנדיקער פּעדאַגאָג און גלייכצייטיק אַ חבר צו די שילער. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקע נשמה אין קערפּער פון אַ ריז. געלערנט האָט ער אונדז שטיפנדיק און געשטיפט מיט אונדז לערנענדיק. אַ דאַנק אים האָב איך ליב באַקומען נאַטורוויסנשאַפט און די ליבע איז ביי מיר עד היום פאַרבליבן.

אויך דעם לערער פון געאָגראַפיע סעמיאָנאָוו, וועלכער האָט באַרייזט אַלע טיילן פון דער וועלט און פון אומעטום מיטגעבראַכט פאָטאָגראַפיעס און כאַראַקטעריסטישע קענגשטאַנדן, האָבן מיר שטאַרק ליב געהאַט. זיי־נע לעקציעס פלעגט ער באַזירן אויף אייגענע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען און מיר האָבן זיי געשלונגען ווי שפּאַנענדיקע ראָמאַנען.

זיינע דערציילונגען האָבן געשטאַרקט אין מיר דעם ווילן צו רייזן און זיך באַקענען מיט דער וועלט און איך האָב מיך א געווויסע צייט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו ווערן אַ גלאָבטראָטער, אַ רייזנדער, אַן אַרכעאָלאָג, — יעדנפאַלס נישט קיין טעאַטער־טוער.

אַ באַזונדער אָרט האָט ביי אונדז פאַרנומען דער לערער פון פויליש, גורעצקי.

אין די צאַרישע צייטן האָט מען אין די רעגירונגס גימנאַזיעס אין פוילן נישט געלערנט קיין פויליש. אין די פריוואַט־שולעס איז אַפילו יאָ געווען אַ לערער פון פויליש, אָבער דער לימוד איז נישט געווען אָבלי־גאַטאָריש. ווער ס׳האָט אַלזאָ געוואָלט, האָט געהאַט אַ רעכט נישט צו באַזוכן די דאָזיקע לעקציעס. אין מוראַוולאַוום שולע האָבן די לעקציעס פון פויליש באַזוכט אויסשליסלעך יידישע שילער, הגם דער לערער מראַ־טשעק איז געווען אַ לאָ יצלח און עובר בטל.

ביי קרינסקין האָט זיך כמעט קיינער נישט אָפּגעזאָגט פון צו באַ־זוכן די לעקציעס, בפרט אַז גורעצקי איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער פּע־דאַגאָג, פיינפילנדיקער מענטש, אַ גרויסער פּאַטריאָט און דעמאָקראַט.

ער האָט געוועקט אין אונדז די ליבע צו פוילן און צו דער פוילישער ליטעראַטור... ער פלעגט מיט אונדז לערנען פּאַטריאָטישע לידער פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי, וועלכע זענען געווען שטרענג פאַרבאָטן אין צאַרישן רוסלאַנד.

ראָזשדיעסטווענסקי פלעגט אָפּט באַזוכן זיינע לעקציעס, כדי, כלו־מרשט, צו דעמאָנסטרירן זיין סימפּאַטיע צו דער פוילישער שפּראַך... אין אַזאַ פאַל פלעגט גורעצקי תיכף איבעררייסן דאָס פאַרבאָטענע און אָי־בערגיין אויף „אומשעדלעכע", לעגאַלע ליטעראַטור... ער האָט געהאַט צוטרוי צו זיינע יידישע שילער און קיינער פון אונדז האָט זיך טאַקע נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט וועגן דעם.

געווען ביי אונדז איין שילער אָבער, וואָס פלעגט פון דער פוילישער לעקציע אַרויסגיין, הגם מיר האָבן אים אַלע געמאַכט פאָרוווּרפן דער־פאַר.

מאַקס ראַדזינאָווער, אַזוי האָט געהייסן דער שילער. ער איז געווען

אַ ביאַליסטאָקער, ווו די אומגאַנגס שפּראַך איז דאָן געווען יידיש און רוסיש, האָט אים דעריבער דער פּוילישער לימוד נישט אינטערעסירט.

געדענקט זיך מיר אַ פאַל, ווען גורעצקי איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ לעקציע, איידער ראַדזינאָווער האָט באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם קלאַס. גורעצקי האָט אים אויף זיין טאַקטפולן שטייגער פאַרהאַלטן און אָנגע־הויבן אים צו מוסרן מיט טרערן אין די אויגן:

— „ווי קאָנסטו נישט וועלן לערנען קיין פּויליש! דו ביסט דאָך געבוירן אויף פּוילישער ערד. איר יידן ווערט דאָך צוזאַמען מיט אונדז, פּאָליאַקן, געטראָטן פון דעם זעלבן צארישן שטיוול! און ווי שעמסטו זיך נישט צו זיין אַן אויסנאַם פון אַלע דיינע חברים, וועלכע האָבן אַזוי ליב מיצקעוויטשן”...

ראַדזינאָווערס פּעטע באַקן זענען דאָן נאָך רויטער געוואָרן, ער האָט עפּעס געענטפערט אויף אַ צעקאַלעטשעטן פּויליש, אָבער די לעקציעס האָט ער ווייטער נישט באַזוכט...

אין יאָרן אַרום, ווען איך בין געקומען שפּילן קיין ביאַליסטאָק, איז ער שוין געווען באַלעבאָס פון אַ רעסטאָראַן און די דראָזשקאַזשעס און באַאַמטע וואָס זענען געווען זיינע שטאַם־געסט, האָבן זייער גוט זיך פאַרשטענדיקט מיט אים אויף פּויליש...

פאַרן אָנקומען אין דראַמאַטישע שולע האָט מיר גורעצקי געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו זיין פריינט סטאַשקאָווסקי, אַ באַרימטן אַקטיאָר און פּראָפעסאָר פון דער שולע. אינעם זעלבשטענדיקן פּוילן האָט גורעצקי פאַרנומען אַן אַמט אין אַ מיניסטעריום און זיך צוריקגע־צויגן פון פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. מיר פּלעגן אים תמיד דערמאָנען צום גוטן.

אויך האָבן מיר געהאַט אייניקע יידישע לערער, גלענצנדיקע פּעדאַ־גאָגן, ווי דעם אַטלעטיש געבויטן בערקאָוויטש, וועלכן קרינסקי האָט אַראָפּגעבראַכט אַזש פון קרים, דעם מאַטעמאַטיקער ווילדערמאַן, דעם פיזיקער צוזמער.

צום באַדויערן האָבן די יידן מיט אונדז געלערנט קעגנשטאַנדן וואָס זענען מיר נישט געווען צום האַרצן און דאָס פלעגט אָפט אַרויסרופן ביי אונדז בייז בלוט. איך פלעג אָבער שטאַרק דרך ארץ האָבן פאַר זיי

צוליב זייער ערודיציע און זעלטענעם פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט, ספּעציעל ביי צוזמער און ווילדערמאַן.

צוזמער האָט אַמאָל נאָך מיינעם אַ „דערפאָלגרייכן" אַרויסטריט אויף אַ שול־פאַרשטעלונג געדריקט מיר די האַנט און פאַרזיכערט, אַז פון היינט אָן קאָן איך מיר שוין דערלויבן נישט צוצוגרייטן אַ לעקציע... איך האָב אים לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן און נאָך די זעלבע וואָך נישט געוווּסט אים וואָס צו ענטפערן אויף קיין איינער פון די געשטעלטע פראַגן.

צוזמער האָט מיר מיט זיין געוועלנלעכער ערנסטקייט אַריינגעשריבן אין זשורנאַל אַ „צוויי". דאָס האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער און איך האָב אים עפנטלעך, פאַרן גאַנצן קלאַס, באַשולדיקט אין נישט האַלטן וואָרט!

— סטייטש, איר האָט דאָך מיר אַליין דערלויבט נישט צו מאַכן די לעקציעס פאַר מיין גוטן שפּילן...

ס'האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן, — איך בין געבליבן ביי דער „צוויי" און האָב מער צו אים נישט געגריסט...

ווען מיר האָבן זיך אין יאָר 1918 געטראָפן אין אָדעס, ווו ער איז געווען פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט, האָבן מיר דערמאָנט דעם דאָזיקן פאַל און האַרציק ביידע געלאַכט.

מיר האָבן זיך אויך מיט פיל סימפּאַטיע באַצויגן צו אונדזער לע־רער פון דייטש, ד"ר צמח פעלדשטיין, אגב אַ בעסערער ייד, ווי אַ „דייטש".

ער איז דערנאָך געוואָרן דירעקטאָר פון דער קאָוונער העברעאישער גימנאַזיע און בעת מיינע גאַסטשפּילן אין דער ליטווישער הויפּטשטאָט, איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד צו באַגריסן פון דער בינע מיין געוועזענעם לערער. מיר פלעגן מיט פיל סענטימענט דאַן דערמאָנען די גוטע יאָרן אין קרינסקיס שולע.

דער איידעלער צמח פעלדשטיין האָט אויף אַ ווירדיקן אופן געענ־דיקט די פאַרשפּאַרטע אינעם ווילנער געטאָ און צוזאַמען מיט זיי אומגע־קומען מיטן טויט פון קדושים.

אַ באַזונדער אָרט האָבן ביי אונדז פאַרנומען די לערער פון העב־ רעאיש. קרינסקי האָט זייער פיל אַכט געלייגט אויפן דאָזיקן קעגנשטאַנד און פלעגט אויסזוכן די בעסטע העברעאיסטן פון יענער צייט.

צום באַדויערן אָבער זענען נישט אַלע געווען גוטע פּעדאַגאָגן. פלעגט זיך שוין יאָ געפינען אַזעלכער, האָט ער אָבער געהאַט אַזאַ נעבעכ־ דיקע אויסערלעכקייט, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געפּאַסט פאַר אַ מענטש, וואָס דאַרף דערוועקן צו זיך דרך ארץ און אָנהאַלטן דיס־ ציפּלין.

קינדער זענען אין דעם פּרט אומברחמנותדיק: אַזוי ווי מען קאָן מיט אַ קלייניקייט געווינען זייער סימפּאַטיע, אַזוי קאָן מען אויך אַרויסרופן ביי זיי גרינגשעצונג, חוזק און אַפילו שנאה.

ווי איז צו דעם לערער וואָס איז נישט נושא חן ביים „קלאַס" און ווערט דער אָביעקט פון סאַבאָטאַזש און אָבסטרוקציעס. דער אָרעמער לערער מעג זיך באַצייטנס אויסגראָבן אַ קבר.

אונדז פלעגט תמיד חידושן און פאַרדריסן פאַרוואָס די „גויאישע" לערער זענען אַזעלכע גראָטעסקע פאַרשוינען אין אונדזערע העברעאיסטן אַזעלכע שלים־מזלען און פאַרזעעניש.

דאָס האָט נישט נאָר אָפּגענומען דעם חשק צו לערנען, נאָר פּשוט דעמאָראַליזירט די שילער, וואָס האָבן די לעקציעס פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּחוזקן און אָפּלאַכן פונעם אָרעמען לערער.

כמעט ביי יעדער לעקציע איז נויטיק געווען די אינטערווענץ פון קרינסקין און אָפטמאָל אויך פון דירעקטאָר ראָזשדיעסטווענסקי.

האָבן זיך דעריבער די לערער פון העברעאיש זייער אָפט געביטן ביי אונדז און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, משפּיע געווען אויף אונדזערע שוואַכע פאָרשריטן אין לימוד פון העברעאיש.

געדענק איך ווי מיר האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרט אַ נייעם לע־ רער, וועלכן קרינסקי האָט אונדז צוגעזאָגט אָראָפּצוברענגען.

דער לערער איז געווען אַ יידישער דיכטער און מיר האָבן אַפילו זיינע לידער געלערנט און געזונגען.

און אָט עפנט זיך די טיר צו דער ערשטער לעקציע פון נייעם לערער... ס'באַווייזט זיך די מאַסיווע געשטאַלט פון קרינסקי... מיר זוכן

דעם לערער און... דער גאַנצער קלאַס שיסט אויס מיט א הילכיקן געלעכטער... נעבן קרינסקין האָט זיך קוים אָנגעזען א קליין מענטשעלע, אביסל העכער פון א קאַרליק, מיט א גרויסן קאָפּ מיט בלאָנדע פּאַפּוּאַסן קודלעס, אַן איבערטריבן לאַנגע נאָז און איבערנאַטירליך גראָבע ליפּן.

שטעלט ער זיך אויף דער קאַטעדרע, זעט ער זיך נישט אַרויס, מוז ער זיך שטעלן נעבן דער קאַטעדרע...

עס הערן זיך שוין פון ערגעץ אויסרופן: „ריזשי!"... (אַזוי פלעגט מען רופן די קלאָונען אין צירק) און „טליצאַט טלי" (ווי א קינד רעדט אַרויס אויף רוסיש „דריי און דרייסיק" אין א באַקאַנטן ווולגערן אַנעקדאָט...).

אַן ענלעכן קבלת פּנים האָט אויך דער אָרעמער מענטש געהאַט אין די אַנדערע קלאַסן.

סוף כל סוף האָט מען זיך אָבער צוגעוווינט צו אים, ווייל געווען איז ער גראָד א גוטער לערער און א פיינפילנדיקער, האַרציקער מענטש.

איך האָב מיך מיט אים אַפילו באַפריינדעט און געוואָרן אַן איינגייער ביי אים אין הויז. ער האָט געהאַט א ליבע, אַנגענעמע פרוי און צוויי געראָטענע ייִנגלעך מיט בלאָנדע קעפּלעך.

איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט ייִדישע קינדערלעך באַנוצן העברעאיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן און דאָס האָט במילא אַרויסגערופן ביי מיר נאָך מער דרך ארץ צו זייער פאָטער.

די פרוי פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר מיר, פאַרוואָס די שילער פאַרשאַפן איר מאַן אַזוי פיל האַרצווייטיק... איך האָב איר נישט געקאָנט זאָגן, אַז די סיבה דערפון איז זיין אויסערלעכקייט און זי אַליין האָט עס נישט פאַרשטאַנען... זי האָט נאָר געזען זיינע גייסטיקע מעלות...

ער האָט פאַר מיר געלייענט פראַגמענטן פון זיין איבערזעצונג פון גאָלדפאַדענס „שולמית" און באַקלאָגט זיך אויפן עם הארצות אינעם ייִדישן טעאַטער, וואָס פילט נישט די שיינקייט פון גאָלדפאַדענען און ווולגאַריזירט זיינע פּיעסעס. ער האָט זיך געוווּנטשן צו דערלעבן זען זיין איבערזעצטע „שולמית" אין ארץ־ישראל...

לײדער זענען זיינע ווונטשן נישט מקוים געוואָרן. ער איז געשטאָרבן

פאַר דער צייט, אַ יונגער מענטש... אפשר האָט אין דעם אַ חלק געהאַט זיין פּראָפּעסיע פון אַ לערער...

מיר האָבן אמאָל געשפּילט לאָנגפעלאָס „יהודה המכבי" אין זיין איבערדיכטונג. דעם דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג האָבן מיר ביידע געטיילט: ער — אַלס דיכטער, איך — אַלס „אַקטיאָר".

דער דאָזיקער אָוונט איז טאַקע געווען דעצידירנדיק אין מיין לעבן.

קרינסקי האָט דאַן געזאָגט צו מיין פאָטער, אַז איך דאַרף מיך אויס־בילדן פאַרן טעאַטער און דער טאַטע האָט אים געענטפערט:

— נישט ביי מיין לעבן!".

דאָס האָט געקלונגען אַ סך קאַטעגאָרישער ווי אמאָל: „ביים דיר אָפּ די צונג", צום פעטער סראָכאַיעם...

XV

שול־חברים

איבער דער ווייסל גליטשט זיך אַ שיף, פול מיט קינדער, אויפן דעק שפּילט אַ שול־אָרקעסטער. אַרום דעם אָרקעסטער שטייט אַ גרופּע שילער און קוקט אויף די שפּילער מיט דרך ארץ און באַוווּנדערונג. די מעטאַלענע בלאָז־אינסטרומענטן שפּיגלען אָפּ די זון־שטראַלן און צעוואַרפן זיי איבער די קינדערשע קעפּלעך. זיי זשמורען די אויגן און פאַרשטעלן זיי מיט די הענט.

איבער די קעפּ אַ העלער, לויטערער הימל, אָן אַ פּגימהלע פון אַ וואָלקן. פון ביידע זייטן לאָנקעס און פעלדער. פילפאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ פון די פּויערטעס און דער ריטמישער גלאַנץ פון די קאָסעס רייצן און רופן צו זיך די קינדער פון דער גרויסער שטאָט. מען שרייט צו זיי אַראָפּ, מען פאָכעט מיט די היטלען... עפּעס ענטפערן זיי דאָרט אויף די לאָנקעס, — דער ווינט צעטראָגט דעם ענטפער אויף אַלע פיר זייטן פון דער רחבותדיקער ווייטקייט...

די שיף איז פול מיט קינדישן געלעכטער, פרייד און זאָרגלאָזיקייט.

דאָס מאַכן די שילער פון קרינסקיס שולע אַן אויספלוג קיין מלאָ־טשין.

אַ חוץ קרינסקין און ראָזשדיעסטווענסקין, פאָרט אויך מיט דער גאַנצער לערער־פּערסאָנאַל מיט זייערע פאַמיליעס און אויך אייניקע פריינט פון דער שולע. אונדזער פאָטער לאָזט קיינמאָל נישט דורך אַזאַ געלעגנהייט, ער באַגלייט תמיד אַלע אונדזערע אויספלוגן.

אָפּטמאָל פאָרט מיט אַ שרייבער, אַ וואַרשעווער, אָדער אַ גאַסט, וואָס געפינט זיך צו דער געגעבענער צייט אין וואַרשע. קיין מלאָטשין

איז מיט אונדז מיטגעפאָרן דער יונגער שלום אַש, וועלכער האָט שוין דאַן דערגרייכט גרויס פּאָפּולערקייט מיט זיין „שטעטל".

קומענדיק אויפן אָרט, צעלויפט זיך קליינוואַרג ווי די ווילדע ציגן איבער דער גרינער פּאַלאַנע. מען צעעפנט די פּעקלעך, וואָס די צאַרטע הענט פון אונדזערע מאַמעס האָבן אַזוי זאָרגפעליק פאַר אונדז פאַרפּאַקט.

פון די דערבייאיקע דערפער קומען אָן פּויערשע ייִנגלעך און מיידלעך מיט פרישע מילך, יאַגעדעס און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס ווערן כהרף־עין צעכאַפּט. די רייזע איבער דער ווייסל, די לופט פון די לאָנקעס און וועלדער רייצן דעם אַפּעטיט — עסט זיך דרייפאַך, פירפאַך מער, ווי אין דער היים!

דאָרט דאַרף אונדז די מאַמע צווינגען צו עסן, אָפּטמאָל איז נויטיק דערצו אַ מער ענערגישע אינטערווענץ פונעם טאַטן... און דאָ, אויף דער פרישער לופט! — אַ שאָד, וואָס די מאַמע איז דאָ נישטאָ, זי וואָלט אָנגעקוואָלן פון אונדזער אַפּעטיט!...

און אָט — אָנגעזעטיקט זיך, צעטיילט זיך יונגוואַרג אין פאַר־שידענע גרופּעס: איינע לאָזט זיך אין וואַלד אַריין, כדי אַהיימצוברענגען פאַר דער מאַמען אַ היטל פרישע שוואָמען, אָדער יאַגעדעס. אַנדערע גרופּירן זיך אַרום לערער פון גימנאַסטיק, וועלכער דעמאָנסטרירט זיי קאָמפּליצירטע ספּאָרט־שפּילן וואָס גייען נישט אַריין אין פּראָגראַם פון זיינע למודים.

אייניקע פון די דערוואַקסענע שילער טיילן זיך פּאָרזיכטיק אָפּ פון די איבעריקע און גייען נאָך די פּויערישע מיידלעך אויף צו כאַפּן אַ פלירט. די ייִנגערע קוקן זיי נאָך מיט קנאה און פּאַרדרוס...

— ס'טייטש, דאָ אויך? נישט גענוג וואָס אין וואַרשע האָבן זיי מאָנאָפּאָליזירט אַלע מיידלעך! קעגנאיבער סימאָנס פּאַסאַזש, אויף נאַ־לעווקעס 2a, געפינען זיך ביוראָען און קאַנצעלאַריעס, ווו עס זענען אָנ־געשטעלט יונגע און שיינע מיידלעך, גייט אַן אומאויפהערלעכער פלירט דורך אַ פענצטער... און נישט נאָר דורך די פענצטער, מען וואַרט זיך טאַקע אָפּ אויף דער גאַס, מען טרעפט זיך אפילו אין זאַקסישן גאָרטן!

און אַלץ די דערוואַקסענע ייִנגלעך, סאַראַ מזל זיי האָבן! אויף די קלענערע ווילן גאָר די מיידלעך קיין בליק נישט וואַרפן, גלייך די קלע־

נערע וואָלטן נישט געהאַט קיין רעכט צו פלירטעווען... רופט עס טאַקע ארויס פאַרדרוס און בייז בלוט. און דאָ, אין מלאָטשין, אויך דאָס זעלבע! אפילו פּראָסטע פּויערים־מיידלעך מאַכן אויך אַן אונטערשיד צווישן גרויסע און קליינע ייִנגלעך!

באַלד אָבער ווערט זיי גרינגער אויפן האַרצן: פון דער גרופּע לערער טיילט זיך אָפּ אַ קלאַסן־אויפזעער און גייט נאָך די דערוואַקסענע שי־לער, אכטונג צו געבן אויף זייער אויפפירונג...

אַ הילכיק געלעכטער און הורא געשרייען באַגלייטן דעם לערער...

איך הויב געוועגלעך אָן מיין אויספלוג־פּראָגראַם מיט אַ „פּראָנ־צוויזישן קאַמף". וואָס ווערט אָבער גיך איבערגעריסן דורך מיין פּאָטער...

הויבן מיר אָן צו שפּילן אין „יאָגעלעך", רופט מיך דער טאַטע, ווישט מיר דעם שווייס פון פּנים און לאָזט מיך מער נישט לויפן:

— „קאָנסט דיך פאַרקילן, זע, ווי פאַרשוויצט דו ביסט"...

— „אָבער אַנדערע זענען דאָך אויך פאַרשוויצט. פאַרוואָס מעגן זיי יאָ לויפן?!"

מיינע פּראָטעסטן און אפילו די טרערן העלפן נישט: אַנדערע מעגן, איך נישט.

און דער טאַטע הייסט מיר זיך נעמען אַ ביישפּיל פון קליינעם שלמהלע, וועלכער זיצט אונטער אַ בוים און לייענט אַ בוך.

איך גיי צו צו שלמהלען און לאָז אויס דעם גאַנצן כעס צו אים:

— „ווייניק אַ גאַנץ יאָר דאָס לייענען אין שטאָט! וואַרף אַוועק דאָס ביכל! קום, לאָמיר זיך אין עפּעס שפּילן!

שלמהלע קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט מיט זיינע שוואַרצע, קלוגע אויגן, פאַרוואַרפט די געדיכטע טשופּרינע אויף צוריק און פרעגט מיך אויף זיין ביאַליסטאָקער יידיש:

— „וואָס זענען מיר קינדער, מיר זאָלן זיך שפּילן?"

אָנשטאָט אַן ענטפער כאַפּ איך אים אָן פאַרן האַנט און הויב אים מיט כוח אויף פון דער ערד. איך וויל אים אַרויסרייסן דאָס ביכל, ער באַמיט זיך עס צו פאַרשטעקן אין טאַש, איך ראַנגל זיך אַ ווײַלע און סוף כל סוף איז דאָס ביכל ביי מיר אין האַנט.

— „טורקאָוו, — זאָגט ער צו מיר מיט אַן ערנסטן פּנים, — גיב צוריק דאָס ביכל. ראָזשדריעסטווענסקי זאָל עס דערזען, באַקום איך אַ „וואָלטשי־בילעט"...

עמעצער דערנענטערט זיך צו אונדז. איך גיב אים אָפּ אין איילע־ניש דאָס ביכל. ער באַהאַלט עס אין טאַש און מיר לאָזן זיך גיין אין אַ פאַרקערטע ריכטונג.

הגם שלמהלע, אָדער ווי ער איז פאַרשריבן אין קלאַסן־זשורנאַל: סאַלאָמאָן קאַגאַן־ראַפּאָפּאָרט, איז אין מיין עלטער און מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון מיר, באַקום איך צו אים דרך ארץ אין אַביסל מורא.

ער לייענט אַזעלכע ביכער, פאַר וועלכע מען קאָן באַקומען אַ „וואָלטשי בילעט"... דאָס איז דאָך אַ דרייסטקייט, וועלכע איך האָב גאָרנישט אין זיך...

ער האָט מיר אַמאָל געגעבן צו לייענען אַן אומלעגאַלע בראָשור, אין וועלכער ס'האָט זיך גערעדט קעגן גאָט. בין איך די נאַכט נישט געשלאָפן... כ'האָב מיך קוים געקאָנט דערוואַרטן די שעה פון גיין אין שולע, כדי פּטור צו ווערן פון דער אפּיקורסישער ליטעראַטור...

אמת, איך בין שוין דאַן אַליין געווען אַ גאַנצער אפּיקורס, אָבער איך בין עס געוואָרן „פון זיך אַליין" און אויף אַ גאַנץ אומשולדיקן אופן... און אפשר האָט אַ גרויסן חלק דערין געהאַט טאַקע אונדזער פאָטער, וועל־כער האָט אונדז געוואָלט מיט כוח אָנוואַרפן זיין פרומקייט...

קינדער האָבן פיינט אַ יעדן אַרויפגעצוווּנגענעם ווילן און זענען זיך נוקם דורכן טון אויף להכעיס. אַ גרויסן חלק האָט אויך דערין גע־האַט די קינדערישע נייגעריקייט: צו איז עס טאַקע אמת וואָס דער טאַ־טע, דער רבי זאָגט? אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן אַז ס'איז אמת, וועל איך טאַקע זיין פרום...

האָט זיך אָבער תמיד אַרויסגעוויזן דער היפך... ווען די כהנים האָבן געדוכנט ימים נוראים און איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף זיי פון אונ־טערן טאַטנס טלית, — בין איך נישט בלינד געוואָרן!

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך אַריינגעכאַפּט יום־כיפור צום „גרעק" און מיט הארצקלאַפּעניש אַראָפּגעשלונגען אַ ראָזעווע ברויטל

מיט ראָזשינקעס, האָט עס מיר נישט פאַרשאַדט און איך בין נישט געשטאָרבן...

אַ צווייטן יום־כיפור האָב איך שוין ביי אַ חבר געגעסן שינקע און ס'האָט מיר גראָד שטאַרק געשמעקט... און דאָ האָב איך דאָך שוין געטון צוויי גרויסע עבירות מיט אַמאָל: נישט געפאַסט יום־כיפור און געגעסן חזיר...

און פאַרוואָס זאָל גאָט אַזעלכע גוטע זאַכן פאַרווערן יידן און גוים נישט? זענען זיי נישט די זעלבע מענטשן, וועלכע גאָט האָט באַשאַפן אין זיין געשטאַלט? און פאַרוואָס האָט ער באַדאַרפט בכלל באַשאַפן אַ „מען טאָר נישט!" און „מען מעג"...

האָט ער דאָך געקאָנט לכתחילה באַשאַפן בלויז דעם „מען מעג"...

און ווען ביים קוזין לייביש טורקאָוו האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן דאָס פינפטע קינד פון טובערקולאָז און די פאַמיליע האָט אַ גאַנצע נאַכט געזאָגט תהילים, ווייל אַזוי וועט אים גאָט זיכער העלפן, — האָט גאָט ווידער נישט געהאָלפן און ס'קינד איז געשטאָרבן ווי די פיר פאַר אים...

איז דאָך עפּעס אין דעם גאַנצן ענין פאַראַן אַ מיספאַרשטייעניש...

און ווען איך האָב אַמאָל געוואַגט דאָס צו פרעגן ביים טאַטן, פלעג איך באַקומען אַ קורצן ענטפער:

— ביסט נאָך צו יונג דאָס צו פאַרשטיין!

און שלמהלע קאַהאַן איז דאָך אויך אַזוי יונג ווי איך און פונדעסט־וועגן פאַרשטייט ער... אָט לייענט ער אַזעלכע ביכלעך, וואָס טענהן, אַז רעליגיע איז סם פאַרן פאָלק... אַז דאָס האָט אויסגעטראַכט דער הערשנ־דיקער קלאַס כדי צו פאַרבלענדן די אויגן ביים אונטערדריקטן... און ער האָט גאָרנישט קיין מורא צו האַלטן אַזעלכע ביכלעך ביי זיך... נאָך דערצו אַזוי נאָענט פון „לייב גוואַרדי וואָלינסקי פאָלק"... אַזוי נאָענט פונעם „פּאַוויאַק", — ער וווינט אפילו אויף דער פּאַוויע... דאָס איז געווים דערפאַר וואָס ער איז אַ יתום, האָט נישט קיין טאַטן און ביי דער מאַמען קאָן ער אַלץ פועלן... אַ „פרייער פויגל"...

ווען קיינער האָט נישט געהערט, פלעג איך כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן „פאַרבאָטענע" ענינים...

שלמהלע קאָן אַזוי שיין רעדן... גלייך ווי ער וואָלט פון אַ בוך געלייענט אויפן קול... אויך אין קלאַס איז ער פון די בעסטע שילער און אַז מען דאַרף „אַריינזאָגן” אַ לערער, געפינט ער שוין אין זיך די דרייסט־קייט און די פּאַסיקע אויסדרוקן.

איך דאַקעגן בין אַ שוואַכער „רעדנער”. נאָר דאָס וואָס איך האָב אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק — גייט ביי מיר ווי „וואַסער”... ווי די צוויי בר־מצווה דרשות, למשל...

איך קאָן טאַקע אָפּטון שפּיצלעך אין קלאַס, אָבער ווען ס'קומט אויס זיך צו פאַרענטפערן פאַר אַ לערער, הויב איך אָן צו שטאַמלען מיט דער צונג און ס'פאַרפעלן מיר די פּאַסיקע אויסדרוקן...

האָב איך טאַקע באַוווּנדערט שלמהלעס כוח־הדיבור און נישט גע־קאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי עס „שיט זיך פון אים” די רייד... —

שלמהלע איז, להיפּוך צו מיר, געווען דרייסט און אַפילו אָרגאַני־זירט אַמאָל אַ שטרייק צווישן די שילער... ווען ראָזשדיעסטווענסקי האָט אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם, האָט זיך שלמהלע אַליין מודה געווען און די גאַנצע שולד גענומען אויף זיך...

די יאָרן פון דער שול־באַנק האָבן אונדז דערנענטערט און באַ־פריינדעט. נאָכן פאַרענדיקן די שולע זענען זיך אונדזערע וועגן צעגאַנ־גען. איך בין אַוועק צום טעאַטער און שלמהלע איז פאַרשוווּנדן פון וואַרשע.

אין יאָר 1920 — ווען איך האָב מיך מיט אסתר רחל טרופּע אומ־געקערט פון רוסלאַנד, האָב איך אים געטראָפן אין ווילנע. מיר האָבן זיך אָבער לאַנג נישט געפרייט מיט אַנאַנדער, ער איז אויך פון דאָרט פּלוצלינג פאַרשוווּנדן און מער נישט געלאָזט הערן פון זיך.

אין יאָר 1936, בעת מיין טורנע איבער די לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט.

די באַן וואָס פירט פון וועראַ־קרוזער האַפן שטעלט זיך אָפּ אין מעקסיקאַ־סיטי און צווישן עולם, וואָס וואַרט מיך אָפּ, דערקען איך מיין שול־חבר, שלמהלע קאַגאַן.

פון זיין שוואַרצער טשופּרינע איז טאַקע קיין שפּור נישט פאַרבליבן... אויך זענען פאַרשוואונדן די אַמאָליקע רויטע בעקלעך: דאָס פּנים מענע־ריש, דער בליק ענערגיש, אָבער דער זעלבער דער האַרציקער שלמהלע!

ער פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין יידישן און אויך מעקסיקאַנער קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן; ער איז איינער פון די חשובסטע מוזיק־קריטיקער, גיט אַרויס ביכער, דרוקט זיך אין דער אָרטיקער און אַמעריקאַ־נער פּרעסע. ניין, שלמהלע האָט נישט פאַרשעמט אונדזער שול־באַנק.

און מיר האָבן טאַקע אַ סך שעהען פון אונדזערע באַגעגענישן פאַר־ברענגט אין דערמאָנען אונדזער אַלמאַ־מאַטער, קרינסקין און די חברים.

אויך איצט שרייבן מיר זיך פון צייט צו צייט איבער. ערשט נישט לאַנג צוריק האָבן מיר אין אונדזער בריוו־אויסטויש באַוויינט אַ דריטן חבר אונדזערן, אויך אַ שלמה, שלמה מענדעלסאָן, וועלכער איז אין בלי־ענדיקן עלטער געשטאָרבן אין לאָס אַנזשעלאָס.

מיר שפּאַנען ווייטער איבער דער מלאַטשינער פּאָלאַנע... עס גייט אונדז אַנטקעגן אַ גרופּע עלטערע: קרינסקי, דער נייער לערער פון העברעאיש, מילייקאָווסקי און שלום אַש. נעבן זיי אונדזער שול־חבר שלמה מענדעלסאָן. ער זעט פונוויטנס אויך אויס ווי אַ דערוואַקסענער. גייט ער דאָך אפילו נישט אָנגעטון ווי אַ שילער, נאָר ווי אַ דערוואַק־סענער. ס׳זעט זיך שוין ביי אים אפילו אַ בלאָנד פוכל אַרום די באַקן... ווי מיר זענען אים דאָס מקנא צוליב דעם! ווען ער זאָל זיך ראַזירן, וואָלט ער שוין זיכער געהאַט אַ באָרד. אַזוי ווי האַנדעלסמאַן, אַזוי ווי שאַץ, ווי וואַלד, אַלע חברים פון אונדזער קלאַס... ער טאָר זיך אָבער נישט ראַזירן צוליב דער פאַמיליע. ער שטאַמט פון אַ חסידישער היים, פון איבערטריבן פרומע עלטערן, וועלכע ווייסן גאָר נישט, אַז ער באַ־זוכט אַ שולע...

ער גייט אפילו לאַנג געקליידט, נאָר אין שולע טראָגט ער אַ קורץ רעקל אונטערן לאַנגן מאַנטל. אויף דער גאַס זעט דער מאַנטל אויס ווי אַ קאַפּאָטע, בפרט אַז ער טראָגט אַ יידיש היטל. אויף די טרעפּ צו דער שולע באַהאַלט ער אין איילעניש דאָס היטל אין טאַש...

אייניקע פון אונדז חוזקן אָפּ פון אים צוליב זיין הולך. ער מאַכט זיך אָבער נישט דערפון. ער איז תמיד אַזאַ ערנסטער. אים אינטערעסירט נאָר דאָס לערנען, מער גאָרנישט. איז ער טאַקע דער בעסטער שילער אין קלאַס. אין איין קעגנשטאַנד איז ער אָבער שוואַך: אין צייכענען. אַדאַנק דעם האָט זיך טאַקע פאַרבונדן די פריינטשאַפט צווישן אונדז. איך פלעג אים מאַכן צייכענונגען, ער מיר — מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס. ער איז אַ זעלטענער מאַטעמאַטיקער.

מיט אַנדערע ייִנגלעך חברט ער זיך ווייניק. איבעריקנס, אַנדערע מיידן אים אויס, מען האָט פיינט ערנסטקייט. בעסער אַ פּלירט, בעסער אַ שטיפ. ס'איז גראָד דאַן אויפגעקומען דער פוטבאָל־ספּאָרט אין פּוילן, האָט עס פאַרכאַפּט דאָס יונגוואַרג. אמת, לכתחילה איז עס געווען אַן אויסשליסלעך פּוילישער ספּאָרט, צוביסלעך אָבער האָט עס אַריינגעצויגן אויך די יידישע יוגנט. פלעגט מען טאַקע אַהיימקומען מיט צעקלאַפּטע קניען, אינטערהאַקטע זייטן... נישט מיך, נישט מענדעלסאָנען האָט דער דאָזיקער ספּאָרט אינטערעסירט. מענדעלסאָנען זעט מען תמיד מיט בי־כער אונטערן אָרעם, בעיקר יידישע ביכער. רופט אים טאַקע חברה קליינוואַרג: דער „צלאָפּ"... אים גייט אָבער נישט אָן וואָס מען רעדט וועגן אים, ס'גייט אים בכלל ווייניק וואָס אָן, אַ חוץ זיינע ביכער און די לימודים.

אויך איצט, אין מלאָטשין, גייט ער מיט די דערוואַקסענע און רעדט מיט זיי ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, הגם ער איז אין די זעלבע יאָרן וואָס מיר...

איך האָב נאָך דאַן קיין איין זאַך נישט געלייענט פון אַשן, האָב נאָר געהערט אָפּט רעדן וועגן עפּעס אַ „שטעטל" און ער, מענדעלסאָן, רעדט מיט אַשן וועגן זיינע ווערק און וועגן פּרצן און וועגן מענדעלען...

מיר זענען צוריקגעפאָרן פון מלאָטשין פאַרמאַטערטע און פאַר־שטויבטע און מענדעלסאָן איז אַלץ געזעסן אָן אַ זייט מיט די דערוואַק־סענע, אַ ציכטיקער, אַ ריינער, און איז גאָר נישט מיד געוואָרן צו רעדן וועגן שרייבער, ווערק און וועגן דער יידישער שפּראַך.

דער באַגריף „יידישע שפּראַך" איז נאָך דאַן געווען אין די וויקע־לעך. אפילו אונדזערע גרויסע שרייבער האָבן עס נאָך באַצייכנט אַלס

„זשאַרגאָן". און דאַ קומט אונדזערס אַ חבר און טרעט שאַרף אַרויס קעגן „זשאַרגאָן" און פּאַרטיידיקט „יידיש"!

ער האָט זיך צוביסלעך געשאַפן אָנהענגער, חסידים צווישן די חברים, וועלכע האָבן זיך אַדאַנק אים פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער שפּראַך.

אים האָב איך טאַקע צו פאַרדאַנקען מיין „באַקערן זיך" צו יידיש און שפּעטער די באַזוכן אין „הזמיר", ווו ער פלעגט נישט אַדורכלאָזן קיין איינעם פון די דעמאָלטיקע „קעסטל־אָוונטן".

אונדזער שולע האָט אַמאָל געמאַכט אַן עקסקורסיע קיין לאָדזש, צו באַקענען זיך מיט די ווידזעווער, זגערזשער און פּאַביאַניצער מאַנופאַקטור פאַבריקן.

די עקסקורסיע האָט געדויערט איינציקע טעג און ס'איז געווען פאַר אַ סך פון אונדז די ערשטע נסיעה אין אַ צווייטע שטאָט. איז זי טאַקע געווען פול מיט סורפּריזן און איינדרוקן וואָס האָבן זיך אויפן גאַנצן לעבן איינגעקריצט אין זכרון.

איינגעשטאַנען זענען מיר אין אַ יידישער גימנאַזיע, וואָס האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע אירע זאַלן. געשלאָפן זענען מיר אויף די פּאָדלאָגעס, אויסגעלייגט מיט שטרוי און באַדעקט מיט ליילעכער, וואָס יעדער פון אונדז האָט זיך מיטגעפירט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער איז מיטגעפאָרן מיט אונדז און צוגלייך מיט אַלע שילער באַזוכט די פאַבריקן, וואָס האָבן אונדז איבערראַשט מיט זייער פאַרנעם און אָרגאַניזאַציע. די ווידזעווער מאַנופאַקטור מיט אירע טויזנטער אַרבעטער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע שטאָט און שלמהלע קאָהאַן האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דאָס אַלץ געהערט צו איין מענטש — אשר קאָן!

— איז עס אַ יושר, אַז טויזנטער זאָלן אַרבעטן אויף איינעם און זיין אָפּהענגיק פון זיין גוטן ווילן?

מענדעלסאָן דאַקעגן האָט אַלץ באַטראַכט מיט אַ שמייכל און וואָס מער שלמהלע האָט זיך געקאָכט, אַלץ מער פלעגט זיך מענדעלסאָן וויצלען:

— טאַקע אַן עוולה, ער וואָלט דיך באַדאַרפט נעמען פאַר אַ שותף...

— פּריטשאָם יאַ טוט? (ווי קום איך דערצו?) זאָל ער די אַלע אַרבעטער נעמען פאַר שותפים! ער גיט געלט, זיי שוויים. — מיט וואָס איז געלט בילעכער פון שווייס?...

די אָוונטן האָבן מיר געקאָנט אויסנוצן ווי איינער האָט געוואָלט. איך בין מיטן פּאָטער אַוועק אין יידישן טעאַטער.

צום ערשטן מאָל האָב איך געזען אַ יידיש טעאַטער אין אַזאַ שיינעם בנין! זאַנדבערגס „גרויסער טעאַטער" אין לאָדזש האָט טאַקע געשמט פאַרן שענסטן יידישן טעאַטער־בנין אין פּוילן. נאָך דער מוראַנאָווער הילצערנער בודע און דעם „עליזעאום"־קעלער אין וואַרשע איז עס פּשוט פאַר מיר געווען אַן איבעראַשונג. כמעט ווי די וואַרשעווער אָפּערע!

לאָדזש מוז געוויס האָבן אַ בעסערן עולם ווי וואַרשע, האָב איך געטראַכט, אַז נישט וואָלט ער נישט געהאַט אַזאַ שיינעם טעאַטער.

האָט טאַקע דער לאָדזשער עולם געהאַט אַ שם אין דער אַקטיאָרן־וועלט אַלס „טעאַטער עולם". נאָכן אָפּשפּילן אַ סעזאָן ביי זאַנדבערגן אין לאָדזש האָט אַ יונגער אַקטיאָר באַקומען סמיכה און געהאַט אַ זיכערן קאָנטראַקט אין די בעסטע טעאַטערס פון לאַנד.

זאַנדבערג האָט געשמט מיט זיינע גוטע אַנסאַמבלען און מיט דער דיסציפּלין, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אין זיין טעאַטער.

געשפּילט געוואָרן איז דאַן „די נשמה פון מיין פאָלק", וואָס מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו זען ערגעץ אַנדערש אונטערן נאָמען „די נשמה פון ישראל". די זעלבע זאַך איז געשפּילט געוואָרן פון פאַרשידענע טעאַטערס און יעדעס האָט צוגעטשעפּעט די אָרעמע „נשמה" צו אַן אַנדער באַלעבאָס... דער אינהאַלט איז אָבער פאַרבליבן דער זעלבער: דער זעלבער גראַף, דער זעלבער איידעלער ייד און שלעכטער אַנטיסעמיט; דאָס זעלבע אומשולדיקע מיידל און וועלט באַרימטער קינסטלער. דער קינסטלער כאַפּט זיך תמיד, אַז ער איז אַ ייד און דאָס מיידל זיין באַשערטע, מיט איין וואָרט, דער זעלבער ספּור המעשה. נאָר אַנדערש געשלייערט.

אויף מיר האָט סיי די פּיעסע, סיי דאָס שפּילן געמאַכט דאַן דעם שטאַרקסטן איינדרוק, בפרט, אַז ס'האָבן אין איר אָנטייל גענומען אַזעל־

בע גלענצנדיקע אַקטיאָרן, ווי: זאַסלאַווסקי, מייערסאָן, שפּירא, לעבע־דעוו, זילבערבערג, גורעוויטש...

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָב איך קאָפּירט זאַסלאַווסקין אין דער דאָזיקער ראָל און באַמיט זיך אים נאָכצוזינגען דעם הויפּט־„שלאַגער" פון דער „נשמה":

„מיר דאַרפן קיין קאַנאָנען, קיין געווער!
מיר דאַרפן קיין מיליאָנען מיליטער!
איך גיב אַ ווינק צום בוראניו,
ער שיקט אַראָפּ זיין תורהניו! —

און דאַן פלעג איך אַ פּאָר פראַזעס אימפּראָוויזירן און פאַרענדיקט:

„אַלעס, פאַר דער נשמה פון מיין פאָלק!"

ווען איך האָב מיך נאָך דעם געטראָפן מיט מענדעלסאָנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אויך געווען אין טעאַטער. ווי אַנטוישט בין איך אָבער געוואָרן, ווען ער האָט מיר אויף מיין פראַגע: ווי ס'געפעלט אים די פּיעסע, קורץ געענטפערט:

— „אַ שמאַטע!".

איך בין געבליבן פאַרשעמט, נישט געוווסט וואָס וויי‌טער צו זאָגן, האָב איך מיך געלאָזט אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד און אַריינגעשריען אים אין פּנים אַריין מיין פּראָטעסט:

— „ביסט אַליין אַ שמאַטע!".

געטראַכט האָב איך מיר, נישט בחינם רופן אים די שילער „צלאָפּ"! ווי קומט ער צו פאַרשטיין וואָס טעאַטער איז!

ס'האָט מיר דאַן נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז ס'וועט מיט דער צייט פון אים אויסוואַקסן איינער פון אונדזערע בעסטע טעאַטער־קענער. אַ סובּטעלער, גייסטרייכער ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיקער, מיט וועמענס מיינונג איך האָב מיך יאָרן לאַנג גערעכנט.

שלמה מענדעלסאָן איז אין יענע יאָרן געווען אַן אָפטער איינגייער אין אונדזער דזשיקע 44. דאָרט האָט זיך אין פּראָנט געפונען אַ קליין געשעפט, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ שילד אין רוסיש: „זייגער־מאַכער שטערן".

אַהין האָב איך אים אַמאָל אַריינגעפירט צו פאַרריכטן אַ זייגערל, האָט ער דערזען דאָרט אַן אייל־פּאָרטרעט פון אַן עלטערן ייד מיט אַ ברייטער באָרד און פּיאות און אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. דער פּאָטרעט וואָלט אים זיכער נישט פאַראינטערעסירט, ווען נישט דער אויסגעמאָלע־נער אויפשריפט אין פּויליש: „אברהם יעקב שטערן, מיטגליד פון גע־זעלשאַפט פון פריינט פון וויסנשאַפט אין וואַרשע, מאַטעמאַטיקער און דערפינדער פון שרייב־מאַשין, געבוירן אין יאָר 1762, געשטאָרבן אין 1842".

די זייגערמאַכעריי האָט טאַקע געהערט צו די אייניקלעך פון דעם באַרימטן אברהם יעקב שטערן, וואָס האָבן אָפּגעהיט זיין פּאָרטרעט און פיל מאַנוסקריפּטן און דערפינדונגען זיינע.

מאַכנדיק די דאָזיקע אַנטדעקונג, איז שוין מענדעלסאָן געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי די שטערנס און נישט איינמאָל פלעגט מען אים דאָרט זען מאַכן נאָטיצן און קאָפּיעס פון פאַרגעלטע, האַלב צעפאַלענע מאַנו־סקריפּטן, וואָס דער יידישער געלערנטער האָט נאָך זיך געלאָזן.

מיך האָט מיט מענדעלסאָנען געבונדן אַ שטאַרקע, אינטימע פריינט־שאַפט און צוליב דעם טאַקע איז מיר אויסגעקומען אייניקע מאָל צו האָבן צוליב אים גרוים עגמת נפש.

מיין בר־מצווה איז, אַ חוץ אין דער שול „מוריה", דעם זעלבן אָוונט געפייערט געוואָרן אויף דזשיקע 44. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די וועלטלעכע פייערונג.

צו דעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיך אַ צייט פריער געגרייט מיין מאַמע און אייניקע מומעס. איך — מיט אַ רוסישער רעדע און מיינע שול־חברים. אומגעריכט פאַר מיר האָט זיך געשאַפן אַ מערהייט, וועלכע איז געקומען צו מיר מיט פאָדערונגען, וואָס האָבן זיך אפילו פאַרענדיקט מיט אַן אולטי־מאַטום: אָדער מיר, אָדער זיי... דער „מיר" איז באַשטאַנען פון די דער־וואַקסענע יינגלעך פון אונדזער קלאַס, אָדער, בעסער געזאָגט, פון די הויך־געוואַקסענע, ווייל אַלע זענען געווען כמעט אין איין עלטער, אַ חוץ מיר, — איך בין געווען דער יינגסטער.

דער „זיי" ווידער איז באַשטאַנען פון די קליין־געוואַקסענע, נישט רעפּרעזענטאַטיווע, אַזוי צו זאָגן...

האָבן טאַקע די „גרויסע" מיר געשטעלט אַן אולטימאַטום: איך זאָל נישט פאַרבעטן, ווי איך האָב לכתחילה געהאַט בדעה, דעם גאַנצן קלאַס, נאָר יעדן באַזונדער. די „קליינע" זאָל איך נישט פאַרבעטן... צווישן אַנדערע האָבן זיי אויך געפּסלט מענדעלסאָנען. ס'האָבן נישט געהאָלפן מיינע בקשות, טרערן, איך האָב זיי געמוזט צוזאָגן צו פאַרבעטן נאָר די, וואָס זיי האָבן מיר דערלויבט...

האָב איך אים דערפאַר פאַרבעטן אויף אינדערפרי אין שול אַריין און פון דאָרט צו אונדז אויף מיטאָג. מענדעלסאָן האָט מיר אַהיימגייענדיק געזאָגט, אַז ער איז צופרידן, וואָס ער האָט זיך נישט צונויפגעטראָפן מיט די „פּוסטע קעפּ".

אַזוי האָט זיך, צום גליק, דער אינצידענט אויסגעלאָזט צום גוטן. בלויז שלמה מענדזעזשעצקי האָט מיר געמאַכט אַ שטרענגן פאָרוווּרף, אַז איך האָב נישט געהאַנדלט ווי עס פּאַסט פאַר אַ 13 יעריקן בחור!

— מען דאַרף האָבן אַביסל „האָנער" אויך...

איך האָב אָבער דעם זעלבן אָוונט רעהאַביליטירט מיין „האָנער" ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

צווישן דעם גרויסן עולם געסט האָט זיך אויך געפונען איינער פון די שותפים צו דזשיקע 44, דער רייכער בריליאַנטן סוחר הענריק יוווילער. ער האָט געוווינט אויף „נייע וועלט", נישט גערעדט קיין יידיש און געהאַט אַ ביז גאָר אימפּאָזאַנטן אויסזען, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען דרך ארץ.

נאָך מיין דרשה אין רוסיש, פירט מיך דער טאַטע צו צו יוווילערן; ער נעמט אַרויס פייערלעך אַ זילבערנעם זייגער און גיט אים מיר אַלס בר מצווה־מתנה.

ס'האָט מיך טאַקע שטאַרק דערפרייט, ס'איז געווען מיין ערשטער זייגער. און איך האָב אים מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנט. דערהער איך נאָענט ביים אויער דעם טאַטנס קול:

— „גיב אַ קוש אין האַנט"...

איך האָב דערפילט, ווי ס'פּנים ווערט מיר פאַרפלאַמט... איך האָב אויף גיך אַרויסגעכאַפּט מיין האַנט פון זיינער און האָב מיך נאָך גיכער אויסגעמישט צווישן די יינגלעך.

ווען דער טאַטע האָט מיך דערנאָך געפרעגט, פאַרוואָס כ'האָב אים נישט געוואָלט אַ קוש טון אין האַנט, האָב איך אים געענטפערט:

— „איך קוש נישט קיין הענט ביי פּרעמדע"...

איך האָב מיר גענומען די דרייסטקייט אַזוי צו ענטפערן דעם טאַטן, ווייל סוף כל סוף בין איך שוין נאָך בר מצווה און... „אַ מענטש דאַרף האָבן אַביסל „האָנער"...

דער דאַזיקער טאָג האָט אויך געהאַט פאַר מיר אַ באַדייטונג מיט דעם, וואָס פון דאַן אָן האָב איך אָנגעהויבן צו „קאָלעקציאָנירן" ביכער.

דער טאַטע האָט מיר געשאָנקען אַ שיינעם ביכער־שאַנק; פאַרן געלט וואָס איך האָב באַקומען פון אַ צווייטן יוווילער פון אַנטווערפּן, האָב איך מיר געקויפט טשעכאָווס אַלע ווערק; פון די חברים האָב איך באַקומען בראָקהויז און עפראָנס פּראַכט־אויסגאַבע פון פּושקינען און לערמאָנטאָוון. דערצו זענען צוגעקומען די רייכע ביילאַגעס צו די זשור־נאַלן „ניוואַ", „אָגאָניאָק" און „וואָקרוג סוויעטאַ", וואָס איך האָב אַבאָ־נירט פון פּעטערבורג. מיט דער צייט האָב איך די דאַזיקע זשורנאַלן פאַרביטן אויף „ראַמפאַ אי זשיזן" און „טעאַטער אי איסקוסטוואָ". דאָס אַלץ האָט שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַדייטנדיקן צושטייער פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן די צירונג פון מיין היים. בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע איז זי פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט מיין גאַנצן ארכיוו.

פון מענדעלסאָנען האָב איך צו דער בר־מצווה באַקומען אַ יידיש ביכל, וואָס איז אַ חוץ דעם תנ"כל געווען דאַן מיין איינציק בוך אין יידיש. שפּעטער זענען אויך צוגעקומען מענדעלעס ווערק, אָבער אויף מענדעלען בין איך געווען „בייז" צוליבן טאַטן. איך האָב בכלל נישט געקאָנט פאַרליידן קיין עוולות און דער טאַטע בשותפות מיט קרינסקין זענען געוואָרן דורך אים באַעוולט...

געשען איז עס אַזוי, בעת מענדעלע איז געקומען קיין פּוילן, האָט קרינסקי פאַרשטאַנען, אַז איצט איז דער פּאַסיקער מאָמענט אויף אַרויס־צוגעבן אַלע מענדעלעס ווערק. היות ווי קרינסקי אַליין האָט קיין פריי געלט נישט געהאַט, האָט ער פאָרגעלייגט דעם טאַטן אָפּצוקויפן ביי מענ־

דעלען די רעכט בשותפות, ד״ה דער טאַטע זאָל אויסלייגן די נויטיקע סומע.

גערעדט און געטון. באַלד די זעלבע וואָך זענען די ניי געבאַקענע שותפים אָפּגעפאָרן צו מענדעלען הינטער ווילנע, ווו ער האָט דאַן פאַרבראַכט דעם זומער אויף דאַטשע.

צוריקגעקומען זענען זיי קיין וואַרשע צופרידענע מיט די אויסשליסלעכע רעכט, וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט ביי מענדעלען אַרויסצוגעבן זיינע ווערק. אמת, קיין געשריבענעם קאָנטראַקט האָבן זיי נישט געהאַט, ווייל מענדעלע האָט נישט געוואָלט איבעררייסן זיין אָפּרו און אַריינפאָרן אין שטאָט צו אַ נאָטאַר. ער האָט זיי אָבער געגעבן „די האַנט תקיעת־כף״ און גענומען ביים טאַטן אַ גרויסע סומע (דוכט זיך דריי טויזנט רובל) האַנט געלט.

ווי דערשטוינט זענען אָבער די שותפים געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך אין אייניקע טעג אַרום דערוווסט, אַז אַ „קאָנקורענט״ האָט ביי זיי אויסגעכאַפּט „ס׳געשעפט״, פאַרלייגנדיק מענדעלען אַ גרעסערע סומע...

ס׳האָבן זיך טאַקע באַלד באַוויזן מעלדונגען פון דעם קאָנקורענץ־פאַרלאַג און אויף אַלע טענות און פּראָטעסטן האָט מענדעלע געענטפערט, אַז ער האָט מיטן קרינסקי־פאַרלאַג גאָרנישט אונטערגעשריבן... אַי, די „האַנט תקיעת־כף״, — וועלן זיי אויף להבא נישט מאַכן מיט אים קיין געשעפטן... ס׳האָט אויך גענומען אַ שטיק צייט, ביז דעם טאַטן איז געלונגען אַרויסצובאַקומען צוריק דאָס האַנט געלט...

וואָס עס האָט אָבער דעם טאַטן אַמשטאַרקסטן פאַרדראָסן, איז געווען די אומגאַסטפריינטלעכע באַציאונג צו זיי מצד דער „באָבען״:

— מיר זענען דאָרט אָפּגעווען אַ גאַנצן טאָג אין אַ מוראַדיקער היץ און מען האָט אונדז אפילו מיט קיין גלעזל טיי נישט מכבד געווען!...

דער דאָזיקער פאַל האָט אַלזאָ גורם געווען מיין „מאָראַלישן״ באָיקאָט פון מענדעלעס ווערק.

מענדעלסאָן האָט מיך אויך אַריינגעפירט אין „הזמיר״ אויף לעשנאָ 40 און באַקענט מיך מיטן רעזשיסאָר פונעם דראַמקרייז, מאַרק מילנער.

דער רעזשיסאָר איז אַמאָל געווען אויף אונדזערס אַ רעפּעטיציע פון אַ שול־פאָרשטעלונג, האָט ער מיך שטאַרק געלויבט פאַר מענדעל־סאָנען.

מענדעלסאָן האָט מיר אין זיין קעגנוואַרט געזאָגט:

— גלויב אים נישט, טורקאָוו, ער איז אַ קנאַפּער מבין... מילנער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ וויץ און גוטמוטיק זיך צעלאַכט, קלאַפּנדיק מענדעלסאָנען אין פּלייצע.

אין יאָרן אַרום האָב איך מיך איבערצייגט, אַז מענדעלסאָן האָט דאַן נישט געמאַכט קיין וויץ...

מענדעלסאָן האָט מיך מיטגענומען אויף איינעם פון די קעסטל־אָוונטן, וואָס פּרץ האָט איינגעאָרדנט אין „הזמיר". דאָס זענען געווען דיסקוסיע־אָוונטן, וואָס האָבן צוגעצויגן תמיד אַ זייער גרויסן עולם, ספּעציעל יונגוואַרג אין לאַנגע קאַפּעטלעך. אָפּטמאָל פלעגט די לעשנאָ שוואַרץ זיין פון מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַרויפּקריגן צום לאָקאַל פון „הזמיר". ווער ס'האָט געוואָלט שטעלן עפּעס אַ פראַגע, האָט זי אויפגעשריבן און אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסטל. — פון דעם נעמט זיך טאַקע דער נאָמען: „קעסטל־אָוונטן". פּרץ פלעגט זיי לייענען און אימפּראָוויזירן זיינע בליץ־אַרטיקע און גייסטרייכע ענטפערס, וואָס פלעגן אַרויסרופן שטורמען פון אַפּלאָדיסמענטן.

אָפּטמאָל פלעגט ער דעם ענטפער אויף אַן אינטערעסאַנטע פראַגע אַנטוויקלען אין אַ גאַנצן רעפעראַט, וואָס פלעגט זיך פאַרציען ביז אין דער שפּעטער נאַכט. די איבעריקע פראַגן פלעגט ער שוין לאָזן אויף איבעראַכטאָג. ווען מען וואָלט דאַן סטענאָגראַפירט די דאָזיקע אימ־פּראָוויזאַציעס, וואָלט די פּרץ־ירושה געווען באַרייכערט מיט אומשאַצ־באַרע אוצרות!

די „קעסטל־אָוונטן" זענען געווען אַ שם דבר אין וואַרשע און זיי פלעגן אפילו צוציען באַזוכער פון פּראָווינץ, וואָס האָבן זיך געוואָלט דערוואַרעמען אין דער פּרץ אַטמאָספערע.

ווען איך האָב נאָך פּרצעס טויט געגרינדעט בשותפות מיט ניצבערגן דאָס „אַרטיסטישע ווינקעלע" אינעם נייעם לאָקאַל פון „הזמיר" אויף נאַלעווקעס 2a איז אויך דאָרט מענדעלסאָן געווען דער הויפּט מחותן.

צוזאַמען מיט נאָמבערגן, י. י. זינגערן און אַלטער קאַציזנע האָט ער געבילדעט דעם גייסטיקן פּאַטראָנאַט פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע.

אין דער זעלבער צייט האָט ער „קאָרעגירט" מיינע איבערזעצונגען פון „טערעזאַ ראַקען", „אוריאל אַקאָסטאַ" און „מאַקבעט". פון דע־מאָלט אָן האָב איך שוין אָנגעהויבן צו איבערזעצן און שרייבן אייגענע אַקטערס „זעלבשטענדיק", דאָס הייסט, מיט אַ מעגלעכער שפּראַך צו לייענען און צום שפּילן. די איבערזעצונגען, וואָס מיר פלעגן באַקומען, זענען געמאַכט געוואָרן אין אַ האַמעטנער שפּראַך, וועלכע ס'איז אָפּט־מאָל געווען אוממעגלעך אַרויסצורעדן אויף דער בינע. איך האָב מיר שוין דאַן געשטעלט פאַר אַ ציל צו מאַכן די שפּראַך פליסיק און וואויל־קלינגעוודיק און, דער עיקר, באַפרייען זי פון דייטשמערישקייטן. נישט איינמאָל פלעגט מיר אַזאַ אויסבעסערונג פון אַ פרעמדער איבערזעצונג געבן מער אַרבעט און אָנשטרענגונג, ווי דאָס איבערזעצן אַ פּיעסע פון אָריגינאַל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעג איך האָבן אַזעלכע פאַלן מיט איבערזעצונגען פון באַקאַנטע שרייבער, ווי למשל, מיט ז. סעגאַלאָוויטשעס איבערזעצונג פון „רעוויזאָר" און האַלקינס „קעניג ליר".

אַזאַ צוגאַנג צו דער ריינקייט פון שפּראַך און דעם פאַרלאַנג זי צו קולטיווירן, האָב איך אויך צו פאַרדאַנקען מיין חבר מענדעלסאָן.

אומקערנדיק זיך פון רוסלאַנד, האָב איך מענדעלסאָנען געטראָפן אַלס אַקטיוון טוער פון דער „פאָלקספּאַרטיי", וואָס איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער אין פּוילן. אירע לידערס זענען געווען נח פּרילוצקי, נאָמבערג, ש. י. סטופּניצקי, לעאָ פינקלשטיין און לאַזאַר קאַהאַן. פּרילוצקי האָט דאַן דורכגעמאַכט דעם בלי־פּעריאָד פון זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט און איז ממש פאַרגעטערט געוואָרן פון די מאַסן.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווערט מענדעלסאָן אַן אַקטיווער טוער אין דער בונדישער באַוועגונג און ווערט גיך באַליבט ביי די מאַסן אַלס טעמפּעראַמענטפולער טריבון און אומדערמידלעכער שול־טוער.

אונטער דער השגחה פון אַזאַ אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט ווי ביינוש מיכאַלעוויטש וואַקסט אויך מענדעלסאָן אַלס זשורנאַליסט און שענקט אויך, ווי זיין רבי, פיל אויפמערקזאַמקייט דעם יידישן טעאַטער.

מענדעלסאָן האָט ליב די מאַסן, זייערע ראַנגלעניש און קאַמפן; ער האָט ליב דאָס יידישע קינד און ווערט איינער פון די טיכטיקסטע טוער אין דער „מעדעם סאַנאַטאָריע”. ער האָט מיך טאַקע געפירט צום ערשטן מאָל אַהין און מיך פאַרגעשטעלט ווי דעם „מישקאַ ציגאַניאָק” פון די „7 געהאָנגענע”, וועלכע די קינדער האָבן קורץ פאַר דעם געהאַט געזען.

די קינדער האָט דאָס שטאַרק דערפרייט און זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי ווייזן ווי אַזוי איך מאַך די „חזירישע מאָרדע”...

אַזוי האָבן מיר דעמאָלט נאָכגעשריגן די קינדער אין די וואַרשעווער גאַסן, ווען זיי פלעגן מיך דערקענען.

איך האָב נישט נאָר „געמאַכט” די געבעטענע פראַזע, נאָר אָפּגע־שפילט פאַר זיי אַ גאַנצן מאָנאָלאָג פון דער דאָזיקער ראָלע, פון וואָס די קינדער האָבן ביז גאָר אָנגעקוואָלן...

מענדעלסאָן האָט, אַהיימפאָרנדיק, מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף אָפּט מאַכן אַזעלכע באַגעגענישן פון אַרטיסטן מיט קינדער.

מיר דאַרפן זיך צוגרייטן אַ נייעם קאַדר טעאַטער־גייער, אַזוי ווי פּרץ האָט אַמאָל געגרייט זיך זיינע לייענער. דערמיט שיסט מען צוויי האָזן מיט אַמאָל: מען פאַרגרעסערט די צאָל באַזוכער פון בעסערן טע־אַטער און מען רייסט זיי אַוועק פונעם שונד.

האָט טאַקע מענדעלסאָן אָנגעפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן שונד און קעגן אַלע אומגעזונטע דערשיינונגען אין אונדזער קולטור. דאָס האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו אונדזער טעאַטער, — זענען מיר דאָך אויך געווען אַריינגעטון אין דעם זעלבן קאַמף.

איך פלעג מיך אָפּט באַראַטן מיט אים וועגן רעפּערטואַר. ס'איז געווען אַ מאַנגל אין אָריגינעלע פּיעסן. אונדזערע שרייבערס האָבן נישט געשאַפן פאַרן טעאַטער, ווייל אַלע זענען געווען אינוואַדירט פון די „רומענישע חתונות” און „לאָוועקע מאָלאָדצעס”. ס'האָט אַלזאָ אָפּגענומען דעם חשק צו שרייבן.

די געציילטע פּיעסן ווידער וואָס זענען יאָ געווען אָנגעשריבן, זענען געווען ווייניק סצעניש און זענען געבליבן אין בוך־פאָרם, אָדער אין שופלאָד פון מחבר.

במילא האָט זיך געשאַפן אַ געוויסער אַנטאַגאַניזם צווישן שרייבער און אַקטיאָר... דער שרייבער האָט באַשולדיקט דעם אַקטיאָר אין איגנאָ־ראַנץ, ווייל ער קאָן נישט אָפּשאַצן זיין פּיעסע, דער אַקטיאָר ווידער האָט געקוקט אויפן שרייבער ווי אויף אַ תלין, וואָס וויל אים קוילן מיטן אַרויפצווינגען אַ „זיכערן דרוכפאַל".

ביידע צדדים זענען געווען גערעכט, געליטן האָט אָבער דערביי ס'טעאַטער, מען קאָן דאָך נישט האַלטן זיך אויסשליסלעך אויף איבער־זעצונגען.

אַט קומט צו מיר אין אַ געוויסן טאָג מענדעלסאָן אַ צעשטראַלטער:

— „זיגמונט, כ'האָב פאַר דיר אַן אוצר! קענסט עטינגערס „סער־קעלע"?

איך ענטפער אים, אַז די פּיעסע איז מיר אומבאַקאַנט.

— „גיי צו נח פּרילוצקין, ער האָט עטינגערס אַ מאַנוסקריפּט, לייען אים איבער.

אַזוי אַרום זענען מיר, אַדאַנק מענדעלסאָנען, געקומען צו דער „סערקעלע" אויפפירונג אין „צענטראַל"־טעאַטער, וועלכע איז פון דער קריטיק באַצייכנט געוואָרן אַלס עפּאָכנמאַכנדיקע אין יידישן טעאַטער.

מענדעלסאָן איז געוואָרן אַ בן בית אין „צענטראַל" און דאָ טאַקע הייבט זיך אָן דאָס צווייטע גרויסע עגמת נפש וואָס איך האָב צוליב אים געהאַט.

פאַר מיר איז עס געווען נישט מער ווי עגמת־נפש, פאַר אים אָבער אַ טיפע טראַגעדיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין קורצן לעבן.

XVI

מיין ערשטער צענזאָר

אין די „טאַבעלנע" טעג פלעגן די בעסערע שילער פון די רעגי־רונגס־שולעס באַקומען פרייען אַריינגאַנג אין דער וואַרשעווער אָפּערע. ס'פלעגן דאַן געגעבן ווערן ספּעציעלע באַלעט־פאָרשטעלונגען פאַר הויכע מיליטערלייט, באַאַמטע און אויסגעצייכנטע שילער.

זייענדיק ביי מוראַוולאָוון, האָב איך אויך אַמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַזאַ פאָרשטעלונג. דאָס איז געווען טאַקע מיין ערשטער באַזוך אין דער וואַרשעווער אָפּערע. די גאַלאַ־אוניפאָרמס מיט די פינקלדיקע קנעפּ, די הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן באַהאַנגען מיט מעדאַלן און בריליאַנטן, דער ריזיקער בנין, וואָס האָט זיך געטונקען אין אַ ים פון ליכט, האָבן מיך געשראָקן מיט זייער אָנגעבלאָזענער פייערלעכקייט. איך האָב מיך געפילט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה און זיך געהיט צו מאַכן אַן איבעריקע באַוועגונג. די צייט ביזן אָנהויב פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך פאַר מיר געצויגן ווי אַן אייביקייט. איך האָב געוואָרט מיט אומגעדולד און הארצקלאַפּעניש אויף די סודותדיקע פראַכטן וואָס זענען פאַרבאָרגן הינטערן פוירהאַנג און וועלן זיך באַלד פאַר מיר אַנטפּלעקן.

דאָס איז געווען מיין ערשטער לאַמפּן־פיבער, אַן אָנהויב פון אַ לאַנגיעריקער פיבערן און ציטערן פאַר עפנטלעכע אַרויסטריטן. עד היום פיל איך דאָס ביי מיין יעדער פּרעמיערע, אָדער דעביוט אין אַ נייער שטאָט. איך פיל זי אויך ביי פרעמדע פאָרשטעלונגען, ווען איך דערוואַרט צו זען אַ גרויסן אַקטיאָר, אָדער אינטערעסאַנטע טעאַטער־פאָרשטעלונג.

און אָט הויבן די מוזיקער אָן צו סטראָיען זייערע אינסטרומענטן.

אויך די דאָזיקע סימפּאָניע פון דיסאָנאַנסן האָט פאַר מיר עד היום אַ באַזונדערן רייץ. ס'איז אַן אָנזאָג פון אַ פּאַרמעסט, פון נישט אויסגע־לאָדענע קינסטלערישע פּאָטענצן, וואָס וואַרטן אויף זייער תיקון; פון פאַרבאָרגענע מיסטעריעס וואָס ווילן זיך באַלד אַנטפּלעקן און דיך אַ הויב טון אויף זייערע פליגלען און אַוועקטראָגן ווייט, ווייט פון דער גראָער ווירקלעכקייט.

דאָס סטראָיען די אינסטרומענטן דערמאָנט מיך געוויינלעך אָן דער אומרואיקייט וואָס הערשט אין דער זעלבער צייט פון יענער זייט פאָרהאַנג, הינטער די קוליסן, אין די גאַרדעראָבן... אויך דאָרט ווערן „גע־סטראָיעט" די שטימבענדער, די נערוון, די געמיטער... אויך דאָרט קלאַפּן די הערצער אויך אַזוי פאַרשידנאַרטיק ווי די טענער פון די געסטראָיעטע אינסטרומענטן אין אָרקעסטער. אַ נעילה־שטימונג, ווי פאַרן יום הדין. די אַקטיאָרן זענען אומרואיק, אַנדערע היסטעריש, קאָנען זיך קיין אָרט נישט געפינען, ס'טרייבט זיי פון איין אָרט צום צווייטן. יעדע קליינ־קייט צינדט זיי אָן, מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי, ווי פאַר געפערלעכן אויפרייס שטאָף... נאָר אָט קומט דער אויפטריט, זיי דערפילן די ליכט פון דער ראַמפּע: ס'פאַרשווינדט דאַן דער אַקטיאָרישער „איך" און ס'דערשיינט דער צווייטער „איך", דער „איך" פון דעם אינטערפּרעטירטן פּערסאָנאַזש, וועלכער איז אָפטמאָל אין אַזאַ מערקווערדיקער סתירה צו דעם אָריגינעלן „איך"!

אַנדערע אַקטיאָרן ווידער פאַרשפּאַרן זיך אין אַ ווינקל פון דער בינע, קיינער זעט זיי נישט, קיינער הערט זיי נישט, די הענט קאַלט, די ליפּן טרוקן... קאָנען מיט קיינעם נישט רעדן, פאַרטראָגן נישט קיינעמס אָנוועזנהייט. זיי וואָלטן איצט ליבער אַנטלאָפן ערגעץ פון אָט דעם הינ־טער קוליסן הו־הא, אַבי זיין אַליין, אַליין! נאָר אָט — דער אויפטריט, די ליכט פון דער ראַמפּע און מיט אַ נישט געצוימטער קראַפט בליצט אויף דער צווייטער „איך" און טראָגט זיי אַוועק מיט אַ סטיכישן אימ־פּעט איבער די וועגן פון זיין סצענישן לעבן.

דאָס איז די מיסטעריע פון באַהעפטן זיך מיט דער קאָמפּליצירטסטער און קורצדויערנדיקסטער פון אַלע קונסטן, די פריידפולסטע און אומ־דאַנקבאַרסטע — אַקטיאָרישע קונסט!

די איינציקע קונסט וואָס דערמעגלעכט בייצווווינען איר שאַפונגס־פּראָצעס, צו פילן דעם הייליקן ציטער פון בראשית: פונעם ויהי אור ביזן גסיסה צאַפּל.

די איינציקע קונסט, וואָס קומט אויף צוזאַמען מיט איר עולם און פאַרשווינדט אויך צוזאַמען מיט אים, נישט באַטרעטנדיק די שוועלן פון אייביקייט, ווי אַנדערע קונסטן.

דעריבער איז דער ציטער אַזוי פיבערדיק, די מורא פאַרן דורכפאַל אַזוי טיף־טראַגיש, דער קאַמף פאַר אַנערקענונג אַזוי ריקזיכטלאָז, דער דורשט נאָך אַפּלאָדיסמענטן קיינמאָל נישט געשטילט.

ס׳איז די חיי־שעהדיקייט פון אַ פאַרמשפּטן צום אונטערגאַנג.

האָט מיך אַמאָל אסתר רחל קאַמינסקאַ, בעת אונדזער דעביוט אין מאָסקווע, אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעלייגט צו איר האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט ווי הונדערטער מאַטאָרן און געזאָגט:

— ווייסן זיי דאָרט, די קריטיקער אין זאַל, וואָס ס׳קומט פאָר אין אונדזערע הערצער? זיי זענען די ריכטער און מיר די געמשפּטע. ביי נאָרמאַלע געריכטן זענען אָבער פאַראַן אַפּעלאַציעס, קאַסאַציעס און מען קאָן זיך נאָך ריינוואַשן. דאָ אָבער איז אַ פּאָלעוואָי (פעלד) געריכט. אָדער טויט, אָדער ברויט...

פיל איך טאַקע תמיד דעם דאָזיקן ציטער ביי פּרעמדע פּרעמיערעס און אויך דאָן, אין באַלעט, האָב איך צום ערשטן מאָל אונטערבאַוווסט־זיניק דערפילט אים אין זיך.

נישט קלענער פון מיין געשפּאַנטער דערוואַרטונג איז דאָן געווען מיין אַנטוישונג. דער באַלעט האָט מיך געלאָזן קאַלט. שוין באַלד נאָכן ערשטן אַקט איז מיר געוואָרן לאַנגווייליק. איך האָב מיך אָבער געשעמט דאָס אויסצוזאָגן, מען זאָל מיך נישט האַלטן פאַר אַ פּראָסטאַן.

איך האָב פאַרגליכן דעם איינדרוק וואָס ס׳פלעגן אויף מיר מאַכן צו יענער צייט די גאַסטראָלן פון די ברידער אַדעלהיים אין טשערנאָווס רוסישן טעאַטער און דער באַלעט איז געבליבן ווייט, ווייט הינטער־שטעליק.

אין דער זעלבער צייט האָבן אייניקע פון די „גרעסערע" חברים מיי־נע, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון די אַדעלהיימס, ממש געלעקט די

פינגער פון באַלעט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ געוויסע סאַטיספאַקציע... הייסט עס, איך בין נישט קיין פּראָפאַן, ווייל אויב ס'געפעלט זיי, איז אַ סימן אַז ס'איז נישטאָ וואָס ס'זאָל געפעלן...

ערשט אין יאָרן אַרום האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה דערפון. די אַדעלהיימס האָבן געשפּילט שעקספּירן, שילערן, גוטשקאָוון, — געעפנט פאַרן צושויער די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה און אַרומ־געפירט אים איבער אַלע אירע לאַבירינטן. דאָס מענטשלעכע, ערדישע איז אונדז נאָענט, געפינט עס דעריבער דעם געהעריקן אָפּקלאַנג אַפילו אין אַ קינדערשער נשמה.

נישט בחינם האָט שעקספּיר אַזוי געווירקט אויף זיינע פּרימיטיווע, נישט ראַפינירטע פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן דערפילט אין זיינע פּיעסעס אַ קרובישע אומרואיקייט, אַן אָנדייט אויף אייגענע דאגות, פאַרלאַנגען, ראַנגלענישן און קאַמפן. אַזוי איז אויך מיט אַלע אומשטערבלעכע קונסט־ווערק, וואָס שעפּן זייער יניקה פון פאָלק און זענען לכתחילה באַשטימט פאַר אים.

דער באַלעט, וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו זען, איז אַן איבער־בלייב פון דעם מין פאַרבייגייענדיקער קונסט, וואָס איז געווען באַשטימט און צוגעגנגלעך פאַר יחידים. ער איז געשאַפן געוואָרן פאַר די קעניג־לעכע און פירשטלעכע הויפן און געטראָגן אַן אויסשליסלעך עסטעטיש־אַמוזירנדיקן כאַראַקטער.

דאָס ריין עסטעטישע איז אויבערפלעכלעך, צוגעפּאַסט פאַר אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, ספּעציעלע געלעגנהייטן און באַגרענעצטע צאָל „פיינשמע־קער". דעריבער גייט זי נישט אַריין אין דער אייביקייט, דעריבער פאַר־שווינדט איר ווירקונגס־קראַפט צוזאַמען מיט איר צייט.

עס האָט אַלזאָ געפעלט אין דעם באַלעט דאָס „דאַאיקע", דאָס ער־דישע, וואָס זאָל מיך פאַרכאַפּן, מיטרייסן, אָנצינדן. האָט עס פּשוט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביים עמפּינדלעכן בחורל, האָט עס אים גע־לאָזן קאַלט, איז במילא די אַנטוישונג געווען אַזוי שטאַרק.

פון דעמאָלט אָן האָב איך יאָרנלאַנג אויסגעמיטן באַלעט; ס'האָט מיך נישט אינטערעסירט, ווי ס'אינטערעסירן מיך נישט מאַסקן־בעלער און ענלעכע פאַרווייַלונגען.

ערשט די גאַסטשפּילן פון יאַפּאַנישן טעאַטער אין פּוילן און באַלד נאָך אים פון באַלעט יאָס, האָבן מיר געעפנט די אויגן און מיך געצוווּנ־גען צו ענדערן מיין מיינונג וועגן דער דראַזיקער קונסט. ס'האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די אומענדלעכע אויסדרוקס־מיטלען און טיפע פּאָעזיע, וואָס ס'אַנטהאַלט אין זיך די מענטשלעכע באַוועגונג. דער קערפּער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ לאַלקעוואַטער מאַנעקין, וואָס ברענגט אַרויס אויף אַ מעכאַנישן אופן „בילדערישע" פּאָזעס, נייערט אַ לעבעדיקער אויס־טייטשער פון אַלע קאָנפליקטן וואָס קומען פאָר אין אים און אַרום אים. די קאָנפליקטן זענען מיינע, דיינע, אונדזערע אַלעמענס, — דערפאַר זענען זיי אונדז נאָענט. דערפאַר האָט אויך די קונסט, וואָס האָט זיי אויף אַזאַ עקספּרעסיוו אופן אַרויסגעבראַכט, אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף אונדז.

אין דעם ליגט אויך די סיבה פונעם גרויסן דערפאָלג וואָס דאָס מאַריאָנעטן־טעאַטער האָט ביי די פאָלקס־מאַסן פון אַלע פעלקער פונעם פּריסטן מיטלאַלטער ביז היינט צו טאָג.

די אַדעלהיימס האָבן מיך פאַרכאַפּט. מיר האָבן אפילו באַשלאָסן מיט יאָנאַסן אין דער צוקונפט אויפצוטרעטן אַלס „ברודער טורקאָוו", לויטן מוסטער פון די אַדעלהיימס. איבעריקנס, מיר זענען דאָך נאָך פאַר זייער אָנקומען קיין ווארשע געווען געבונדן מיט אַ שותפות־אָפּמאַך...

מיר האָט בעיקר אימפּאָנירט ראַפאַאיל, דער טראַגיקער. דער צווייטער, ראָבערט, איז געווען אַ העלדן־אַקטיאָר: געשפּילט אַלע פּאָזיטיווע, העראָאישע געשטאַלטן מיט שיינער אויסערלעכקייט, מיט טריקאָ אויף די פיין געטאָקטע פיס, מיט אַ האַלב־אַנטבלויזטער ברוסט, — מיט איין וואָרט, אַן אָפּגאָט פון גימנאַזיסטקעס און עקזאַלטירטע אַלטע מוידן.

מיין ליבלינג איז אָבער געווען ראַפאַאיל. אים פלעגט טאַקע אויס־קומען צו שפּילן אָפטמאָל נעגאַטיווע כאַראַקטערס, אינטריגאַנטן, פאַרע־טער אָדער סתם אומגליקלעכע מענטשן, האָט ער דערפאַר געהאַט אומ־באַגרענעצטע מעגלעכקייטן זיך צו בייטן פון איין פאַרשטעלונג צו דער צווייטער, להיפוך צו ראָבערטן, וועלכער איז תמיד געווען דער זעלבער העלד, נאָר אַנדערש אָנגעטון.

מיך האָט שוין פון דער פריסטער יוגנט אָנגעהויבן צו אינטערע־סירן דאָס פאַרבאָרגענע אינעם מענטשן, דאָס, וואָס ס'מאַכט אים אַנדערש פון אַנדערע, דאָס כאַראַקטעריסטישע און נישט דאָס אויסערלעכע. נישט די שיינקייט פון פנים און קערפּער, נאָר די שיינקייט פון דער נשמה; נישט אויסערלעכע פאַרקריפּלונג פון אַ געוויסן פּערסאָנאַזש, נאָר די פאַר־קריפּלונג פון זיין כאַראַקטער; נישט די פיזיק, נאָר די פּסיכיק. איז טאַקע מיין באַליבטע ערשטע ראָל געווען דער „משוגענער אין שפּיטאָל" און אַלס מוסטער האָט מיר טאַקע געדינט די לעצטע סצענע פון פראַנץ מאָר, געשפּילט פון ראַפאַאיל אַדעלהיים.

אויך אין די ערשטע יאָרן פון מיין פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָרישער טעטיקייט האָב איך גערנער געשפּילט פּאַטאָלאָגישע און קרענקלעכע גע־שטאַלטן. דאָס באַווייזן זיך אין „מיין פּנים", אָדער דאָס מאַכן פון זיך אַ „שיינעם" האָט מיר קיינמאָל נישט אימפּאָנירט.

האָט טאַקע אברהם יצחק קאַמינסקי געהאַט צו מיר אַ טענה, ווען אָנשטאָט צו שפּילן די טיטל־ראָלע פון „יענקל דער שמיד", האָב איך גאָר געהאַט חשק צו שפּילן אַן עפּיזאָדן־ראָל פון אַ זלידנע יידל, וואָס ליגט ביים ווייב אונטערן פּאַנטאָפל.

— ווער דאַרף שפּילן יעקלען — האָט ער זיך אויפגערעגט — איך, אַן אַלטער ייד, צו איר, אַ יונגערמאַן מיט אַ יונג פּנים?!...

דעריבער בין איך פון מיינע ערשטע טריט ביים טעאַטער גע־שטעמפּלט געוואָרן אַלס כאַראַקטער אַקטיאָר, אַלס אַזעלכער, איבעריקנס, האָב איך אויך געענדיקט די דראַמאַטישע שולע.

אמת, אונטער דער השפּעה פון ראַפאַאיל אַדעלהיים האָב איך מיר געוווּנטשן אין דער צוקונפט צו ווערן אַ טראַגיקער און שפּילן פראַנץ־מאָאָר, שיילאָק, קעניג ליר... איך האָב מיך אָבער, צום גליק, באַצייטנס אַרומגעזען, אַז נישט מיינע שטים־מיטלען, נישט מיין אויסערלעכקייט פּאַסן זיך פאַרן דאָזיקן זשאַנר און מיין „פּעריאָד" פון טראַגישע ראָלן האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער שול־באַנק.

ביי מוראַוולאָוון פלעגן קיינמאָל נישט איינגעאָרדנט ווערן שילער־פאָרשטעלונגען, — דאָס וואָלט געווען אַ נישט דערלאָזבאַרע פאַרלעצונג

פון דער מאָנאָטאָנער קאַזאַרמע אַטמאָספער. ביי קרינסקין, דאַקעגן, האָבן די שילער־קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען געהערט צו אונדזערע גרעסטע פאַרגעניגנס. צוליב זיי האָב איך איבערגעריסן מיט די „פּריוואַטע" פאַר־שטעלונגען אויף דזשיקע 44. ס'איז אויך פון מיר אַראָפּ אַ שטאַרקער עול: ביים היימישן טעאַטער האָב איך געמוזט זיין אַלץ, אָנהויבנדיק פון מחבר, רעזשיסאָר, אַקטיאָר און ענדיקנדיק מיט בילעטן־פאַרקויפער. ביי קרינסקין דאַקעגן בין איך געווען אויסשליסלעך „אַקטיאָר" און דאָס האָט מיר געגעבן מער מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן צו מיין ראָל.

די ערשטע ראָל, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו רעפּעטירן, איז גע־ווען איינער פון די צוויי העלדן אין גאָגאָלס דערציילונג: „די מחלוקה צווישן איוואַן איוואַנאָוויטש און איוואַן ניקיפיראָוויטש".

דוואָרעצקי, אַ לערער פון די נידעריקערע קלאַסן האָט אויסגעטיילט אַ פראַגמענט פון דער דאָזיקער דערציילונג און זי באַאַרבעט אין פאָרם פון אַ דיאַלאָג, וועלכן איך האָב מיט אַ חבר גאַנץ לעבעדיק רעפּעטירט.

די רעפּעטיציעס פלעגן צוציען אַ סך לערער און חברים, וועלכע האָבן זיך ממש געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אַלע האָבן פאָראויסגעזאָגט דער דאָזיקער סצענע אַ גרויסן דערפאָלג. ס'וואָלט זיכער אַזוי געווען, ווען נישט אונדזער לערער פון רוסיש, ראַזאַנאָוו.

נישט ווילנדיק האָט ער אָפּגעשפּילט די ראָל פון אַ צענזאָר און איך האָב מיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אויף דער אומברחמנותדיקער שווערד פון דאָזיקן באַאַמטן.

ס'זענען צו ראַזאַנאָוון דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דער פרייליכקייט, וואָס ס'רופט אַרויס אונדזער שפּילן פון גאָגאָלס טיפּן, איז ער געקומען ביי־וווינען אַ רעפּעטיציע. ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן, ווען זיין פריילעך פּנים איז במשך פון דער רעפּעטיציע געוואָרן אַלץ ערנסטער און וואָס מער אַנדערע האָבן געלאַכט, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן.

ביים אַרויסגיין האָט ער דערקלערט אונדזער רעזשיסאָר, דעם לע־רער דוואָרעצקי, אַז מיר דאַרפן די זאַך נישט שפּילן. ס'האָבן נישט גע־האָלפן קיין שום בקשות און אינטערווענצן מצד קרינסקין און אַנדערע לערער, — ראַזאַנאָוו און נאָך אים ראָזשדיעסטווענסקי האָבן דאָס קאַ־טעגאָריש פאַרווערט.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער קלאַפּ, ווייל איך האָב מיך צוליב דער דאָזיקער ראָל אָפּגעזאָגט פון אַן אַנדערער, וועלכע איז דווקא יאָ געשפּילט געוואָרן אויפן נאָענטסטן אָוונט.

ווי קרינסקי האָט דערציילט דעם טאַטן, האָט ראַזאַנאָוו נישט גע־קאָנט ביי זיך פּועלן, אַז יידישע יינגלעך זאָלן פאַר אַ יידישן עולם אָפּ־חוזקן פון רוסישע „פּאָמיעשטשיקעס"... (גוטבאַזיצער).

מיט ראַזאַנאָוון האָט זיך אַלזאָ אָנגעהויבן אַ סדרה „צענזור", וואָס באַגלייט צענדליקער יאָרן מיין וועג אינעם יידישן טעאַטער איבער פאַר־שידנסטע לענדער און קאָנטינענטן.

XVII

דער ריז און דער קאַרליק

קענען מיין ווילן האָט מיך טעאַטער אַלץ מער פאַרכאַפּט, גורם געווען האָט עס קודם כל אונדזער פאָטער, אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער. הגם ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זיינס אַ קינד זאָל ווערן אַ „שלעפּער און פוסט און פּאַסטניק", האָט ער אונדז פונדעסטוועגן בּיסלעכווייז אָנגעשטעקט מיט דעם טעאַטער־„סם".

צוליב די אָפטע ווילטעטיקע פאָרשטעלונגען, וואָס דער פאָטער פלעגט אָפּקויפן אינעם יידישן טעאַטער, בין איך געוואָרן אַן אייגענער מענטש נישט נאָר אין טעאַטער, נאָר אויך אין די הינטערקוליסן און אין די וווינונגען פון אייניקע אַקטיאָרן.

איך פלעג אויך אָפט באַזוכן פאָרשטעלונגען אין פּוילישן דראַמאַטישן טעאַטער „ראָזמאַאיטאָשטשי", אָבער זיי האָבן זיך אין מיינע דעמאָלטיקע באַגריפן נישט געקאָנט פאַרגלייכן צו די פאַרביקע יידישע פאָרשטעלונגען.

אין „ראָזמאַאיטאָשטשי" איז אַ דראַמע געווען ערנסט, באַלערנדיק, כמעט אַזוי ווי די לעקציעס אין שולע. דאַקעגן אין יידישן טעאַטער האָט מען געגעבן פון כל המינים: אַביסל ערנסטעס, אַביסל פריילעכס, אַביסל געוויין, אַביסל געזאַנג, אַ קופּלעט און אַ טענצל, און אויב דאָס איז ווייניק, איז נאָך דער פאָרשטעלונג צוגעקומען אַ „דיווערטיסמענט". היינט די וויצן וואָס די אַקטיאָרן פלעגן אימפּראָוויזירן אויף דער בינע... ס'איז כדאי געווען צו באַזוכן די זעלבע פּיעסע אייניקע מאָל, ווייל יעדעס מאָל האָט מען געהערט אַנדערע וויצן און געזען נייע קאָמישע סצענעס.

דאַקעגן אין „ראַזמאַאיטאַשטשי" פלעגן די אַקטיאָרן נישט צוגעבן פון זיך קיין איינציק וואָרט, קיין איינציקע באַוועגונג אפילו... איז עס טאַקע געווען ווייניקער אינטערעסאַנט.

ערשט, קומענדיק אין דריטן־פערטן קלאַס, האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן קריטישער אויפן טעאַטער, זיך צו אָריענטירן אין זיין באַשטי־מונג און צילן, צו אונטערשיידן צווישן געשמאַק און געשמאַקלאָזיקייט, קונסט און פראָפאַנאַציע און איך האָב דערזען דעם אומענדלעכן תהום צווישן יידישן און פוילישן טעאַטער.

דער חילוק איז געווען אַ דערשיטערנדיקער: איך האָב דערזען אַ ריז און אַ קאַרליק!

דאָס יידישע טעאַטער איז געווען אַ קאַרליק אויף ראַכיטישע פיס־לעך מיט אַ גרויסן וואַסער־קאָפּ, וואָס איז אין זיין טעמפּקייט נישט פעאיק צו טראַכטן און פאַרשרייט זיך אַליין מיט אַ הילכיקן, וווּלגאַרן גאַסן־געשריי.

איך האָב פאַרשטאַנען די נעגאַטיווע און שעדלעכע ווירקונג פונעם יידישן טעאַטער אויף די מאַסן, הגם איך האָב מיר אויך אָפּגעגעבן חשבון וועגן זיינע פּאָזיטיווע זייטן. האָט דאָך דאָס יידישע טעאַטער געמוזט אריינברענגען הייטערקייט אין די פינצטערע היימען און אַ חיי־שעה אין דער נישט זיכערער ,תמיד באַדראָאַטער עקזיסטענץ פון די מאַסן. די דאָזיקע עובדה האָט דאָך דאָס יידישע טעאַטער באַקומען בירושה פון גאָלדפאַדענען. ס'איז אָבער אויף קיין טריט ווייטער נישט געגאַנגען פון אים. פאַרקערט, ס'איז געגאַנגען אויף צוריק. ביי גאָלדפאַדענען איז געווען ציל־באַוווסטקייט, אידעאַליזם, פּיאָנערישער ענטוזיאַזם, — דאָ אָבער האָט עס זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ביליק קרעמל.

ס'איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס דאָזיקע טעאַטער טויג נישט. בכלל איז דער אָנגענומענער טיפּ טעאַטער נישט צוגעפּאַסט פאַר אונדז, יידן. מיר נויטיקן זיך אין אַן אַנדערן, אייגנאַרטיקן טעאַטער, להיפוך צו די פון אַנדערע פעלקער. איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס אַנדערש ווי ביי זיי, דאַרף עס אַלזאָ אויף אַן ענלעכן, אַנדערשדיקן אופן אָפּגעשפּילט ווערן אין זיין טעאַטער.

ווי אַזוי אַלזאָ דאַרף עס זיין? אויף דער דאָזיקער פראַגע האָב איך עטלעכע צוואַנציק יאָר נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער. עטלעכע צוואַנציק יאָר בין איך געשטאַנען ביים עקספּערימענט־וואַרשטאַט און געזוכט אויסצוגעפינען אַן אייגנאַרטיקע און גלייכצייטיק מאָדערנע אויס־דרוקספאָרעם פאַרן יידישן טעאַטער.

ערשט קורץ פאַרן צווייטן מלחמה אויסברוך בין איך אַרויף אויף אַ וועג, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַרן ריכטיקן.

דעם וועג האָט מיר אָנגעוויזן אברהם גאָלדפאַדען.

אין דער צייט אָבער פון מיינע שול־יאָרן האָב איך אין גאָלדפאַדענען געזען נאָר דאָס נעגאַטיווע פון די שמענדריקס און קונילעמלס, וואָס איז נאָך מער אונטערגעשטראָכן און וואולגאַריזירט געוואָרן פון די אויספירער. די שיינקייט פון די „שולמית"עס, „בר כוכבא"ס און „עקידת יצחק"ס איז אַזוי פאַרפּאַגירט געוואָרן פון עם־האַרצישע „רעזשיסאָרן", אַז ס'איז פון זיי קיין זכר נישט פאַרבליבן.

ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס יידישע טעאַטער נויטיקט זיך אין אַ נייעם מענטשן מיט אַ גרויסער דאָזע אידעאַליזם און געשמאַק. דאָס ערשטע און, בעיקר, דאָס צווייטע האָט דאַן געפעלט אינעם יידישן טעאַטער, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אויסשליסלעך אַ קרעמל אויף „צו מאַכן געלט".

דער „ערמיטאַזש" האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער טראַ־דיציאָנעל אַקטיאָרישער פאַמיליע קאָמפּאַניעיעץ, וואָס איז געקומען צום טעאַטער דורך „אַן אינערלעכן דראַנג". קאָמפּאַניעיעץ האָט, ווי אַ גרוי־סער טייל פון די דעמאָלטיקע יידישע אַקטיאָרן, גענומען ערנסט זיין אַקטיאָרן־פאַך און געוואָלט געבן „משהן" פונעם „בעסטן", — האָט אָבער זיין „בעסטעם" נישט געקאָנט באַפרידיקן דעם צושויער מיט אַ בעסערן געשמאַק.

איז טאַקע פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן אַ פּרצן, אַ פרישמאַנען, אַ מוקדוני פון איין זייט און דעם יידישן טעאַטער פון דער צווייטער זייט.

די יידישע אַקטיאָרן זענען נעבעך געווען גאָט די נשמה שולדיק, האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מען וויל פון זיי... זיי האָבן נישט

געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס וואָס זיי טוען טויג נישט, — זיי האָבן עס דאָך געטון אויף אַן ערלעכן אופן און מיט די בעסטע כוונות... זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זייער אינטעלעקטועלער ניוואָ איז אויף אַ מהלך רב נידעריקער פונעם ניוואָ פון דורכשניטלעכן טעאַטער־באַזוכער. זיי האָבן געזען אין די „שלעכטע קריטיקן" בייזוויליקייט מצד די שרייבער, דאָס נישט פאַרגינען זיי דאָס שטיקל ברויט"...

דאָס צווייטע טעאַטער ווידער, דאָס „עליזעאום", האָט אַרענדירט אַ „געבילדעטער" דירעקטאָר, אַן „אוטשאָני יעוורעי", ווי אַקטיאָרן האָבן אים גערופן, אַ געוויסער עפּעלבערג. ער איז געווען אַ באַלעבאָס פון אַ דרוקעריי און האָט טאַקע פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם טיפּישן „באָס", וואָס טוט אַ טובה זיינע אָנגעשטעלטע מיט דעם, וואָס ער „גיט זיי ברויט" און לאָזט זיי לעבן. ער האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אַקטיאָרן, וואָס האָבן ביי אים „געדינט", באַקומען „זשאַלאָוואַניע" (געהאַלט) צו דער צייט און באַדאַרפט קומען פּינקטלעך צו די רעפּעטיציעס און פאָרשטעלונגען. מער האָט אים נישט אינטערעסירט. ס'טעאַטער איז פאַר אים געווען אַ רענטאַבל קרעמל, וואָס האָט אָפּטמאָל אפילו געדעקט די דעפיציטן פון דער דרוקעריי, — האָט ער זיך געקלאַמערט אָן אים מיט ביידע הענט און געזען אַרויסצובאַקומען דערפון דעם מאַקסימום רווח. ער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער און ריקזיכטלאָזער עקספּלאָאַטאַטאָר פון זיינע אַקטיאָרן און איינער פון די געפערלעכסטע שעדיקער פונעם יידישן טעאַטער.

אויב ביי די אַקטיאָרן — דירעקטאָרן, ווי קאַמינסקי, ראַפּעל, קאָמפּאַניעיעץ איז נאָך געווען אַ געוויסע דאָזע אידעאַליזם, די אַזוי גערופענע „ליבע צו דער הייליקער קונסט", איז עפּעלבערג געווען אויסגעטון פון אַ וועלכן ס'איז סענטימענט אָדער באַציאונג. טרוקן, ניכטער און סוחריש־פּראַקטיש מיט אָריענטאַציע אויפן „געשמאַק" פון זיין עולם, האָט אים וואַרשע געהאַט צו פאַרדאַנקען לאַנגע יאָרן פון „פּינטעלע ייד", „יידיש האַרץ" און „באָרג מיר דיין ווייב".

כדי נאָכמער אויסצונוצן אַלע מעגלעכע הכנסות ביים טעאַטער, איז ער געפאַלן אויפן געדאַנק אַליין צו שרייבן פּיעסעס. צו וואָס צאָלן טאַנטיעמע פרעמדע מחברים, אַז ער אַליין איז אַ „גראַמאַטנער" און בעל־

תורה. האָט אים דאָס יידישע טעאַטער געהאָט צו פאַרדאַנקען אייניקע געשמאַקלאָזע היסטאָרישע אָפּערעטעס מיט „דוד אין דער וויסטע" בראש.

זיינע הויפּט בעלי־יועצים זענען געווען די אייגנטימער פון בופעט און פון דער „וויעשאַלקע", וואָס איז אין די פּוילישע צייטן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „שאַטניע" (גאַרדעראָב, ווו דער עולם לייגט אָפּ זיינע אויבערשטע מלבושים).

די דאָזיקע צוויי פּרנסה־קוואַלן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע, אָפּטמאָל דעצידירנדיקע, ראָלע אינעם בודזשעט פון טעאַטער.

פאַרן אָנהויב פון סעזאָן פלעגן די אַרענדאַרס פון בופעט און „שאַטניע" איינצאָלן דעם טעאַטער־דירעקטאָר אַ היבשע סומע געלט אלס אוואַנס אויפן דירה געלט. זיי פלעגן דערביי אַרויסרוקן געוויסע פאָדערונגען פון „קינסטלערישן" כאַראַקטער, ד"ה וואָס פאַרא פּיעסעס ס'דאַרפן געשפּילט ווערן און וועלכע גאַסטראָלאָרן ס'דאַרפן אַראָפּגעבראַכט ווערן.

די דאָזיקע פאַרשוינען פלעגן אָפּטמאָל דעצידירן אינעם צוזאַמענשטעל פון אַנסאַמבל און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ערשטע אָרט האָבן פאַרנומען די „ליבלינגע פון פּובליקום", וועלכע וויסן ווי צו קיצלען דעם עולם.

פאַר אַן אָנהויב פון סעזאָן פלעגן אַקטיאָרן זוכן פּראָטעקציע ביי די באַלעבאַטים פון בופעט און „שאַטניע", כדי זיי זאָלן זאָגן פאַר זיי אַ גוט וואָרט ביים דירעקטאָר. אַ באַקאַנטער „שאַטניאַזש". אַן אייגנטימער פון אַ סאָדעוואַסער קרעמל, האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיין בן יחיד, וואָס „האָט נישט געוואָלט ווערן קיין לייט", האָט ער אים געמאַכט פאַר אַן אַקטיאָר, ד"ה פּשוט געמאַכט דערפון אָפּהענגיק דאָס איבערנעמען די „שאַטניע".

אין די טעאַטער־אַנאָנסן פון יענער צייט האָט איר קוים געקאָנט איבערלייענען דעם נאָמען פון דער פּיעסע, דאַקעגן איז מיט ריזיקע אותיות געווען געמאָלדן: „אַכטונג! אין בופעט הייסע פיש מיט קליסקעלעך", אָדער אַז דעם בופעט האָט איבערגענומען „דער באַליבטער רעסטאָראַן אייגנטימער איזאַק גערטנער, וואָס איז באַקאַנט מיט זיינע געשמאַקע מאכלים"... דאַקעגן פלעגט דער נאָמען פון מחבר קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכט ווערן. איבעריקנס, ווער האָט זיי געוווסט, די מחברים!

די פּיעסע פלעגט דאָך איבערגעשריבן ווערן בשתיקה פון אַ סופלאָר, וועל־כער האָט זי פאַרקויפט פאַר גראָשנס אַ „סטאַר", יענער ווידער האָט זי אויף זיין שטייגער „אויסגעבעסערט" און אַ צווייטער סופלאָר האָט זי ווייטער פאַרקויפט, ביז זי איז נאָך פיל גלגולים און „אויסבעסערונגען" געקומען קיין וואַרשע.

אָבער די פּיעסע איז דאָך נישט געווען דער עיקר, — דער עיקר זענען געווען די לידלעך, וואָס יעדער אַקטיאָר האָט זיך געקאָנט אַריינ־שטעלן אין „זיין" סצענע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי ס'האָט זיך יאָ גע־פּאַסט צום אינהאַלט, צו נישט.

דער בופעט און „שאַטניע" זענען געווען די פּלאָג פון יידישן טע־אַטער ביזן חורבן פּוילן. נישט איינמאָל פלעגן פאָרקומען פאַרמעלע שלאַכטן ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער־זאַל, אויב אַ חוצפּהניק פון עולם האָט געוואָלט „דורכשמוגלען" אַ הוט און אים נישט אָפּגעבן אין „שאַטניע". אַזעלכע סקאַנדאַלן פלעגן זיך ענדיקן מיט פּאָליציייִשע אינ־טערווענץ און, פאַרשטייט זיך, אַז דער שולדיקער איז תמיד געווען דער גאַסט, ווייל דער פּאָליציאַנט איז געווען אָפּגעקויפט פונעם „שאַט־ניאַזש".

אינעם „וויקט"־סעזאָן פון 1926 האָט דער „שאַטניאַזש" געהאַט אַ גרויסע טענה צום באַלעבאָס הלמאי ער האָט אונדז פאַרדונגען ס'טע־אַטער:

— „וואָס דאַרף יאָך „וועלף"־שמעלף! יאָך האָב געגעבן געלט ס'זאָל זיין פריילעך אין טעאַטער, דער עולם זאָל זיך באַוויזן"... (אַמור־זירן).

און דאָך האָט פון דעם שמוץ פון די „פּינטעלעך" און „הערצער" אַרויסגעגלאַנצט אַ גאַנצע רייע פּרעכטיקע אַקטיאָרישע טאַלאַנטן.

עפּעלבערג, וועלכער איז אַליין נישט געווען קיין אַקטיאָר, האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון גוטע אַקטיאָרן אין אַ טרופּע. געדענק איך אינעם „פּינטעלע ייד" אַזעלכע טאַלאַנטן, ווי מייערסאָן, לאַנדע. בראַאון, אַדאָלף בערמאַן, פישילעוויטש, פּעני וואַדי עפּשטיין און אַנ־דערע, מיט וועלכע ס'וואָלט זיך נישט פאַרשעמט יעדעס גוטע אייראָפּע־אישע טעאַטער.

לאַזאַר מייערסאָן, אַ געניטער טעכניקער מיט אַ סך טעמפּעראַמענט, האָט מיטגעבראַכט פון דער רוסישער בינע דיסציפּלין, באַציאונג און רע־זשי־אָריענטאַציע.

געוויינלעך פלעגט די רעזשי אינעם יידישן טעאַטער פירן דער די־רעקטאָר, דער גאַסטראָלאָר, אָדער — זי פלעגט זיך פשוט אַליין פירן... ס'האָט זיך געהאַנדלט בלויז אין דעם, ווו דער אָדער יענער אַקטיאָר דאַרף שטיין, אַריינגיין און אַרויסגיין. צי דער טיש דאַרף שטיין רעכטס און די קאַנאַפּע לינקס, אָדער פאַרקערט.

ווען ס'איז געווען אַ גאַסטראָלאָר אויף דער בינע, איז געווען אַ פאַר־שטענדלעכע זאַך, אַז ער דאַרף שטיין פון פאָרנט, ביים סאַמע סופלאָר קאַסטן און די איבעריקע אַקטיאָרן — ווו זיי ווילן, אַבי הינטערן גאַסט־ראָלאָר, און זיך וואָס ווייניקער וואַרפן אין די אויגן...

די אַקטיאָרישע עטיק האָט נישט דערלויבט, מען זאָל אַ חבר מאַכן אויף עפּעס אויפמערקזאַם, אָדער פאַרריכטן אַ פאַלש אַרויסגערעדט וואָרט, אָדער אינטאָנאַציע. דאָס פלעגט אָנגענומען ווערן ווי אַ באַליידיקונג און פלעגט זיך אָפט ענדיקן מיט סקאַנדאַלן.

מיר איז אַמאָל אויסגעקומען בייצווווינען אַ רעפּעטיציע ביי אַבעל־מאַנען אין האָטעל־צימער. ס'האָט זיך געגרייט רעפּערטואַר פאַר אַ טורנע. אַבעלמאַן האָט רעזשיסירט. אין אַ געווויסן מאָמענט הייסט ער זיין פרוי פעני איבערגיין פון איין אָרט צום צווייטן. פעני, פאַר וועלכער אַבעלמאַן איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אין דער וועלט, איז שטיין גע־בליבן אַ בלאַסע, אַ ווײַלע באַטראַכט איר בעני מיט שטוינונג און דער־נאָך אים געזאָגט מיט פאָרוואורף:

בעני, איך בין שוין 18 יאָר ביים טעאַטער...

מייערסאָן האָט זיך געקאָנט דערלויבן אַריינצוברענגען אַ נייעם טאָן אין די פּיעסן, וועלכע ער האָט רעזשיסירט. אַקטיאָרן האָבן פאַר אים דרך ארץ געהאַט צוליב זיין שפּילן אויף דער רוסישער בינע. ער האָט זיך באַמיט צו צוימען די ווילדע טעמפּעראַמענטן פון זיינע מיטשפּילער. האָט ער דאָך אַליין, שפּילנדיק „לייזער קאָוואַל", גערעדט מענטשלעך, נישט געוואַלדעוועט, נישט געבראָכן טיש און שטולן, ווי מען איז דאָס געווינט געווען אין אַזעלכע ראָלן פון „פּראָסטאַקעס" צו טון. די מיט־

שפּילער האָבן זיך נישט ווילנדיק צוגעפּאַסט צו אים. ער האָט אויך אָנגעוויזן יעדן אַ באַשטימטן אָרט אויף דער בינע און דאָס איז געווען אַן אמתער רעוואָלוציאָנערער שריט אינעם כאַאָס און אַנאַרכיע וואָס האָט ביז אים געהערשט בעת אַ פאָרשטעלונג.

ער האָט געשטעלט אַ באַדינג דעם דירעקטאָר, ער זאָל צו יעדער פּיעסע לאָזן מאָלן נייע דעקאָראַציעס, דעם דירעקטאָר איז עס אגב נישט שווער אָנגעקומען, ווייל אַ „פּינטעלע ייד", למשל, איז אין „עליזעאום" אָפּגעגאַנגען אייניקע סעזאָנען.

ביז דאַן איז געווען אַ „רייכער" זאָל, אַן „אָרעמע" שטוב, אַ „פרייע געגנד" און אַ „קאָלאָנאַדן זאָל, אָדער „קאָלאָניאַלער" זאָל, ווי אַקטיאָרן האָבן עס גערופן. ביי די פיר דעקאָראַציעס פלעגן יאָרן לאַנג געשפּילט ווערן דראַמען, אָפּערעטעס, היסטאָרישע און „לעבנס" פּיעסעס.

דער זעלבער כאַאָס האָט אויך געהערשט ביים אויסוואַל פון „היסטאָרישע" קליידער. געווען צוויי טיפּן קאָסטיומען: היסטאָרישע און שפּאַנישע. אין די ערשטע האָט מען אָנגעטון אַלע היסטאָרישע פּערסאָנאַזשן, אומאָפּהענגיק דערפון צו זענען זיי געווען יידן, גריכן אָדער רוימער. יידן פלעגט מען נאָר דערקענען לויט זייערע לאַנגע בערד.

פאַר אַלע איבעריקע עפּאָכעס האָבן געדינט די „שפּאַנישע" קאָסטיומען.

איך געדענק אַ פאַל ביי אַן עקזאַמען אין אַרטיסטן־פאַראיין. מיר האָבן עקזאַמינירט אַ פּראָווינציעלן אַקטיאָר, וועלכער האָט געוואָלט ווערן אַ מיטגליד אין פאַראיין. עמעצער האָט אים געשטעלט אַ פראַגע אין וואָס פאַרא קאָסטיומען מען דאַרף שפּילן „אוריאל אַ קאָסטאַ".

דער ענטפער איז געווען:

— ס'ווענדט זיך, ווער עס גיט די קאָסטיומען, — גיט זיי די מומע רבקה, זענען זיי שפּאַנישע, גיט זיי פיינשטיין, זענען זיי היסטאָרישע...

מייערסאָן איז אַלזאָ געווען די ערשטע שוואַלב אַריינצוברענגען אינעם יידישן טעאַטער־וועזן אַביסל געשמאַק, באַציאונג און דיסציפּלין און אפילו די „פּינטעלעך" און „הערצער" האָבן ווייניקער שאַקירט נאָך זיין רייניקונג.

ער איז אָנגעהויבן גלייך מיט דער ערשטער צו שפּילן אויף דער יידישער בינע די ראָלן פון „מאיר שאַלאַנט" און שלום עליכמס „צוזייט און צושפּרייט" און „יעקל טשאַפּטשאָוויטש" אין אַשנס „גאָט פון נקמה" און, ווי אין אַלע איבעריקע זיינע ראָלן, האָט ער געשאַפן רעאַלע געשטאַלטן פון מענטשן מיט פלייש און בלוט.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים פאַרכאַפּט אין רוסלאַנד, וווּ ער האָט ביזן סוף פון זיין לעבן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין יידישן טעאַטער.

ס׳געדענקט זיך אויך אַ מערקווירדיקער קאָמישער טאַלאַנט, וואָס האָט במשך פון אַ קורצער צייט זיך דערוואָרבן גרויס פּאָפּולערקייט אין וואַרשע. זיין נאָמען איז געווען יצחק פּישילעוויטש.

ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, אויסגעזען האָט ער אָבער פיל עלטער צוליב די טיפע קנייטשן אויף זיין שמאָל אויסגעדאַרט פּנים. גרויסע, שוואַרצע, אומרואיקע אויגן, וועלכע ער האָט געהאַט אַ טבע צו זשמורען, האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. זיין „פאָנפען אונטער דער נאָז", ווי אַקטיאָרן האָבן עס גערופן, איז נישט געווען קיין אַקטיאָרישער טרוק, נאָר דער נאַטירלעכער טעמבער פון זיין שטימע, וואָס האָט געהאַט אַ שלל פון גאַמען און ניואַנסן, וועלכע ער פלעגט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן מאָדולירן.

ער האָט פאַרשטאַנען די קונסט צו צוימען זיין שטאַרקן טעמפּעראַמענט און פלעגט זיך אָפט באַנוצן מיט דיסקרעטע, האַלבע טענער, וואָס האָבן אים אַזוי אַנדערש געמאַכט פון די אַנדערע קאָמיקער פון יענער צייט. זיין אומגעהויערע אינטואיציע האָט אים געמאַכט זוכן דאָס טראַגישע אין דער קאָמישער סיטואַציע און דעריבער איז זיין קאָמיזם נישט געווען קלאָאוניש פלאַך, נאָר טיף מענטשלעך. זיין אַקטיאָרישע פּאַליטרע איז געווען רייך מיט אַ שלל פון פאַרבן, מיט וועלכע ער האָט אויפן זעלבן גלענצנדיקן אופן געמאָלן קאָמישע און דראַמאַטישע געשטאַלטן. האָט ער היינט געשפּילט „שמואל שמש" אינעם „פּינטעלע ייד" ווי אַ ראַסיקער קאָמעדיאַנטן־פּאַיאַץ, האָט ער צומאָרגנס זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיף־איבערלעבנדיקן און סובטעל־ליידנדיקן „לייזער בדחן" פון „גאָט, מענטש און טייוול". וואָס פאַרטרינקט, פילאָזאָפירנדיק, זיין ווייטיק אי־

נעם ביטערן טראָפּן. ביי די גאַסטראָלן פון סעם שילינג האָב איך אין דער זעלבער פּיעסע געזען פישילעוויטשן שפּילן „אוריאל מזיק". ס'איז פּשוט שווער געווען צו גלויבן, אז דער נעכטיקער פּאַיאַץ זאָל באַזיצן אַזוי פיל אינערלעכע דיסציפּלין און טאַקט, אַזוי פיל געפיל פאַר מאָס און אויסגעהאַלטנקייט. ווי ער האָט דאָס אַרויסגעוויזן אין דער דאָזיקער האַלב־רעאַלער, האַלב־סימבאָלישער געשטאַלט.

ווען פישילעוויטש וואָלט געפונען אַ פּאַסיקן באָדן אויף צו אַנט־וויקלען זיין אינטערעסאַנטן, פּילזייטיקן טאַלאַנט, וואָלט ער זיכער גע־וואָרן אַ טעאַטער־קאָריפיי אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, ווי עס וואָלט עס געוואָרן אַ שילינג, אַ יונה רייזמאַן, אַ לודוויק זאַץ.

אונדזער יידיש טעאַטער איז געווען רייך אין טאַלאַנטן, אָבער אָרעם אין באַדינגונגען זיי צו קולטיווירן. ווער ס'איז אַלזאָ נישט אוועק באַ־ צייטנס צו אַ פרעמדער בינע איז געפאַלן אַ קרבן אויפן מזבח פונעם הפקרות און עם־הארצות, וואָס האָט באַהערשט דאָס יידישע טעאַטער.

אין אָנהויב צוואַנציקער יאָרן איז פישילעוויטש אוועק קיין אַמע־ ריקע און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די „דינסט" אין „פינטעלע ייד", געשפּילט פון פעני וואַדי עפּשטיין.

באַוויזן האָט זי זיך אין וואַרשע אין דער „ווילדער פּרינצעסין", נאָרדינס אַ געשמאַקלאָזע באַאַרבעטונג פון „מעדעא". איר עלעגאַנטע געשטאַלט, אויסדרוקספולע אויגן, אייַדל פנים, אָנגענעמער טעמבער פון דער שטימע און גלענצנדיקע דיקציע זענען געווען אַן אַנזאָג פון אַ „נייער" אַקטריסע אין יידישן טעאַטער.

דער אינטערעס צו איר האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט צוליב די לעגענדעס, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום איר פּערזאָן. פרוי פון אַן אינ־ דישן פּרינץ, האַרעם, עקזאָטיק, דאַמע פון אינטערנאַציאָנאַלע סאַלאָנען און — יידיש טעאַטער.

אויך איר האַלטן זיך מחוץ דער בינע האָט אימפּאָנירט און אינ־ טריגירט, — אַזוי אַנדערש ווי די ביז איצט באַקאַנטע אַקטריסעס מיטן כסדרדיקן קינדלען, מיטן אַרומגיין איבער די מערק און קלייטלעך און זיין פּאַניע־בראַט מיט די קרעמערקעס.

פעני וואַדי עפּשטיין האָט פאַרשטאַנען צו האַלטן זיך אויף אַ גע־וויסער דיסטאַנץ פון די טעאַטער קוליסן און קיביצאַרניעס און דאָס האָט נאָכמער געהויבן איר פּרעסטיזש.

— מען זעט באַלד, אַז זי איז אַ פּרינצעסין — האָט מיר געזאָגט וועגן איר מיין חבר מענדזשעצקי: — נישט בחינם שפּילט זי אַזוי גוט „די ווילדע פּרינצעסין", זי קען זי פון דער היים...

זי האָט אויך געוואונען די סימפּאַטיע פון אונדזערע שרייבער, וועלכע האָבן צוליב איר געשלאָסן ציימווייליקן וואָפנשטילשטאַנד מיטן יידישן טעאַטער. געדענקט זיך מיר אַן ענטוזיאַסטישער אַרטיקל וועגן איר פון דוד פרישמאַן, וואָס איז געווען איינער פון די פאַרביסנסטע באַקעמפער פון דער יידישער בינע.

אויך זי וואָלט, אָן ספק, געקאָנט זיין אַן ערשטע קראַפט ביי לייטן. דאָס יידישע טעאַטער האָט אָבער פאַרמאָגט די פעאיקייט איינצוברעכן די גרעסטע טאַלאַנטן, אַזוי איז עס אויך געשען מיט פעני וואַדי־עפּשטיין. גאָר אומגעריכט קומט זי אָן אין אַנסאַמבל, דאָס הייסט, זי ווערט אַ „מעדכען פיר אַלעס" אין טעאַטער און פאַלט ביז אַ נאַרישע דריטראַנגיקע ראָלע אין „פּינטעלע ייד".

אין טעאַטער איז זיך זייער שווער צו דערשלאָגן צו אַן אָנגעזעענער פּאָזיציע, אָבער גאָר גרינג איז זי צו פאַרלירן. ווי איז דעם, וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו דערהאַלטן. אָט הפנים פעני וואַדי עפּשטיין האָט עס נישט געוווסט. איז דעריבער אַזוי בליץ־שנעל געווען איר ירידה.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר שלמה מענדזשעצקי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז פעני וואַדי עפּשטיין איז געשטאָרבן.

די „יידישע פּרינצעסין" האָט געהאַט אַ ביז גאָר באַשיידענע לוויה, ווייט פון אַ פּרינציפּישער... אַ פּאָר צענדליק אַקטיאָרישע צילינדערס, איי־ניקע שרייבער און אַ פּאָר צענדליק טעאַטער־חסידים.

ס'איז געווען אַ בולטע דעמאָנסטראַציע פון אונדזער קולטורעלן דלות.

**
*

אינעם גאָלדפאַדען און גאַרדין־פּעריאָד האָט דאָס יידישע טעאַטער געהאַט שטענדיקע אַנסאַמבלען און במשך פון צייט האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע האַרמאָניע צווישן די שפּילער, וואָס איז באַקאַנט אַלס קאָלעקטיווער צוזאַמענשפּיל, אַנסאַמבל־שפּיל.

די דאָזיקע האַרמאָניע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן איינהייטלעכער אויסטייטשונג פונעם דראַמאַטישן ווערק, אין אַ געמיינזאַמען טאָן און קאָנסעקווענטע און לאָגישע באַציאונג צווישן די סצעניש פּערסאָנאַזשן, קאָן, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער בינע נאָר נאָך אַ געהעריקער, גרינטלעכער צוגרייטונג און — נאָך בעסער — נאָך אַ לענגערן צונויפלעבן זיך פון די אַקטיאָרן אויף דער בינע.

אין דעם דערמאָנטן פּעריאָד זענען טאַקע אַזעלכע אַנסאַמבלען נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג. אַלס ביישפּיל קאָן דינען די דראַמאַטישע טרופּע מיט אסתר רחל קאַמינסקי בראָש, וועלכע האָט באַקומען די גרעסטע אָנערקענונג מצד דער רוסישער קריטיק, ווען זי האָט גאַסטראָלירט אין פּעטערבורג גלייכצייטיק מיטן מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער.

אמת, די אַנסאַמבלען זענען אויסגעוואַקסן אויף אַ מחבר: צוערשט אויף גאָלדפאַדענען, שפּעטער אויף גאָרדינען.

אַזוי האָט זיך אויך אויף הירשביינען געהאַלטן אַ געוויסע צייט זיין איינגענער אַנסאַמבל.

ווען אָבער דער שונד האָט באַהערשט דאָס יידישע טעאַטער און דער בעסערער מחבר האָט זיך פון אים דערווייטערט, איז דאָס טעאַטער אַריבער אויפן אַזוי גערופענעם סטאַר־סיסטעם.

דאָס דאָזיקע אומגליק איז געקומען צו אונדז פון אַמעריקע און די „סוחרים", וואָס האָבן געהאַנדלט מיט יידיש טעאַטער, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם ווי אין אַן אבן טוב.

וועגן דער שעדלעכקייט פונעם סטאַר־סיסטעם, וואָס האָט דערפירט צו דער ירידה פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וועט נאָך אויסקומען צו רעדן באַריכות.

אינעם פּעריאָד פון פאַר דער ערשטער מלחמה האָט עס איינגעפירט אין וואַרשע עפּעלבערג. דאָס איז אָבער געווען אַ שטעקן מיט צוויי עקן.

איז געווען אַ גאַסטראָלאָר, האָט עס געצויגן עולם, איז אַזעלכער נישט געווען, האָט דער עולם נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צום טעאַטער. ס'טעאַטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין סענסאַציע און סענסאַציע פאַרלירט איר צוציאונגס־קראַפט, ווען זי ווערט אַ כסדרדיקע דערשיינונג. אויף אַזאַ אופן איז דאָס טעאַטער באַרויבט געוואָרן פון זיין יום־טובדיקייט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנדיקן אונטערהאַלטונגס־פּלאַץ.

פון דער גרויסער צאָל „געסט", וואָס עפּעלבערג האָט אַראָפּגעבראַכט, האָבן זיך צוויי איינגעקריצט אין מיין זכרון: מאָריס מאָשקאָוויטש און סעם שילינג.

פון די אַלע רעקלאַמירטע „קעניגן" און „פּרינצן" פון טעאַטער האָט מאָשקאָוויטש באמת געקאָנט אימפּאָנירן מיט זיין געצוימטער האַל־טונג, דורכגעטראַכטער אינטערפּרעטאַציע און נישט דורכשניטלעכע אוי־סערלעכע און אינערלעכע מעגלעכקייטן. עס האָט אַ ווייע געטון פון אים מיט קולטור, מיט אייראָפּעאישן טעאַטער, מיט דעם וואָס מיר זענען געווינט געווען צו זען אין פּוילישן טעאַטער.

עס האָט אימפּאָנירט און געפרייט צו זען אויף דער יידישער בינע אַן אַקטיאָר מיט אַזאַ קינסטלערישן באַגאַזש, וואָס ווייסט אים אויסצו־נוצן אויף אַזאַ פיינעם, געשמאַקפולן אופן.

הגם דער רעפּערטואַר זיינער, אחוץ סטרינדבערגס „פאָטער", איז געווען דער זעלבער פונעם ביז איצטיקן יידישן טעאַטער — האָט ער פונדעסטוועגן באַוויזן דעם געקינצלטן, לאַקריצדיק־סענטימענטאַלן „דוד משהלעס" פון „יידישן קעניג ליר" אַרויסצוברענגען אויף אַ מענטשלעכן אופן, אַזוי, אַז דאָס מעלאָדראַמאַטישע פון דער ראָלע איז כמעט ווי פאַר־שווונדן.

דאָס איז דער כוח פון אַ גרויסער אַקטיאָרישער פּערזענלעכקייט: אויסצוטייטשן, דערגענצן אָדער פאַררעכטן דעם מחבר. מאָשקאָוויטש האָט טאַקע פאַרריכט גאָרדינען, ווייל דער קינסטלער אין אים האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן אַנטי־קינסטלערישן. האָט ער עס באַהערשט און פאַרשטויסן.

אפשר דערפאַר האָט מאָשקאָוויטש נישט „געצויגן" קיין עולם צו

יענער צייט, — עפּעלבערג האָט אים שוין באַוויזן צו פאַרסמען מיט זיינע „פינטעלעך".

אין שייכות מיט מאַשקאָוויטשעס גאַסטראָלן געדענקט זיך מיר א פאַל, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון און איך האָב לאַנגע יאָרן געטראָגן צוליב אים א בייז האַרץ אויף מאַשקאָוויטשן.

ס'איז געווען א פאַרקויפטע פאַרשטעלונג. וואָס מיין פאָטער האָט איינגעאָרדנט אויף א געזעלשאַפטלעכן צוועק. דער פאָטער איז געקומען א סך פריער, איבערצונעמען די קאַסע און איך בין דערווייל אריין זען וואָס עס טוט זיך הינטער די קוליסן. האָבן דאָך די הינטער קוליסן פון תמיד אָן געהאַט פאַר מיר א באַזונדערן רייץ און צוציאונגס־כוח. ס'איז נאָך קיינער אין טעאַטער נישט געווען, די ליכט האַלב־טונקל, א פייער־לעכע שטילקייט אַרום. און אָט זע איך דורך אַן אָפענער טיר פון א גאַרדעראָב זיצן מאַשקאָוויטשן פאַר זיין גרימיר־שפּיגל. ער איז געווען פאַרטראַכט, אומבאַוועגלעך. דער בליק געווענדט ערגעץ אין אַן אומבאַ־שטימטער ווייטקייט. ס'האָט אַזוי געדויערט לאַנגע מינוטן און איך בין געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט ערפורכט, נישט וועלנדיק אים איבערשלאָגן די געדאַנקען. פּלוצלינג, גלייך ער וואָלט דערפילט מיין בליק, דרייט ער אוים צו מיר דעם קאָפּ, קוקט מיך אָן בייז און רופט זיך אָן צו מיר מיט א שטרענגער שטימע:

— וואָס טוסטו דאָ, קליינער? אוועק פון דאַנען!

איך בין נישט טויט נישט לעבעדיק אַנטלאָפן פון דער בינע און א לאַנגע צייט נישט געקאָנט זיך באַרואיקן פאַר פאַרדרוס און ווייטיק: פאַרוואָס איז מיך געקומען אַזוי צו באַליידיקן? פאַרוואָס האָט ער צע־שטערט מיין אילוזיע און אַרויסגעוויזן אַזאַ ענלעכקייט צו דעם בייזן, שטרענגען עפּעלבערגן?!

איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אַן אמתער אַרטיסט דאַרף זיין אַנדערש, ווי די מענטשן פון א גאַנץ יאָר... קינדער זענען זייער עמ־פינדלעך אויף דער באַציאונג צו זיי מצד די קינסטלער וואָס זיי פאַרערן, דאַרפן דאָס די קינסטלער גוט פאַרגעדענקען, — ס'איז דאָך זייער צו־קונפטיקער עולם!

דער צווייטער, וואָס איז אונדז פאַרבליבן אין זכרון, איז געווען דער לעמבערגער קאָמיקער סעם שילינג.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר געזען אַן אַקטיאָר מיט אַזאַ „נישט אַקטיאָרישן" אויסזען. אים איז געווען פרעמד דאָס אַפעקטירטע, קינסט־לעך אָנגעבלאָזענע, הויכשטאַפּלעריש־אויפפאַלנדיקע, וואָס איז אַזוי כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אַקטיאָרן־גאַסטראָליאָרן.

ער איז גיך געוואָרן באַקאַנט אין די קרייזן פון די טעאַטער־פריינט אַלס „באַלעבאַטישער מענטש" און די באַצייכענונג איז, דאַכט זיך, געווען די פּאַסיקע פאַר אים. סאָליד און באַשיידן, געמיטלעך און פאָלקסטימלעך־יידיש איז ער געווען אין לעבן און אויף דער בינע.

דאָס פּנים אויסדרוקלאָז, אָן ספּעציעלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, די אויגן וואַסערדיק, אָן אַ וועלכן ס'איז סימן פון „אינערלעכן ברען", די שטימע טרוקן, נישט בויגזאַם, הייזעריקלעך, — האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאָלקס־לערער אָדער קאַנצעלאַריע־באַאַמטן, וואָס איז געוווינט דאָס גאַנצע לעבן מעכאַניש אויסצופירן איינע און די זעלבע אַרבעט. אַזוי איז אויך געווען זיין דערשיינען אויף דער בינע, אָן די אָנגענומענע אויסערלעכע עפעקטן: ער פלעגט אַריינקומען ווי „נישט אים מיינט מען", אויף נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן, — און צוביס־לעך זענט איר, נישט אָפּגעבנדיק זיך אין דעם קיין חשבון, געוואָרן פאַראינטערעסירט מיט אים, צוגעצויגן און צום סוף אינגאַנצן פאַר־כאַפּט. איר האָט באַקומען צוטרוי צו אים. ער האָט זיך דעם צוטרוי דער־וואָרבן מיט דעם אמת וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים. איר האָט אים געגלויבט, ער האָט אייך געצוווּנגען צו גלויבן אין דעם וואָס ער טוט, אין דעם וואָס ער רעדט, ווייל ער אַליין האָט אויך געגלויבט אין דעם.

אין דעם טאַקע ליגט דער סוד פון אונדזער קאָמפּליצירטער אַקטיאָ־רישער קונסט: כדי צו מאַכן גלויבן אין דעם „פאַרגעשטעלטן" אמת — מוז מען אַליין אין אים גלויבן.

שילינג איז געווען דער ערשטער אונדז צו ווייזן אַ הויכן קלאַס פון רעאַליסטישער אַקטיאָרישער שפּיל. ער האָט עס געטון מיט אַ ספּעצ־יפישן חן און מיט די באַשיידנסטע מיטלען. זיין גרויסע קונסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מיטלען האָבן זיך לגמרי נישט געפילט. ער

האָט אויך פאַרמאָגט אַ געשמאַקן פאָלקסטימלעכן לעמבערגער יידיש, וועלכן מיר האָבן דעמאָלט צום ערשטן מאָל געהערט. ער איז אונדז גע־ווען אַ סך נענטער ווי די געקינצלטע, האַלב דייטשמערישע שפּראַך פון די אַמעריקאַנער גאַסטראָלאָרן מיטן פרעמדן פאַר אונדזער אויער: „טה", הארטן „ל" אר"גל.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער האָט זיך מיט אים באַפריינדעט און מיר פלעגן אָפט פאַרברענגען צוזאַמען. אַ מאָל נאָך דער פאָרשטעלונג פון „גאָט, מענטש און טייוול" האָט דער פאָטער פאַרבעטן די „עליזעאום" טרופּע אין „באַר אַנגעלסקי" אויף רימאַרסקע און מען האָט ווי געוועגלעך אין אַזאַ פאַל אָנגעהויבן צו רעדן וועגן טעאַטער און אַקטיאָרן.

דער טאַטע האָט דערציילט וועגן מיינע און יאָנאַסנס ליבע צום טעאַטער, וועגן אונדזערע „דערפאָלגן" און שילינג האָט אונדז אויסגע־פרעגט, וואָס פאַרא ראָלן מיר וואָלטן וועלן שפּילן און ס'איז גלייך אויפן אָרט באַשטימט געוואָרן אונדזער „אַמפּלואַ".

יאָנאַס פלעגט דאַן שפּילן אויף אונדזערע פאָרשטעלונגען שלום עליכמס „עצה" — וועט ער זיין אַ קאָמיקער, איך, דאַקעגן, פּרעטענדיר צו שפּילן דעם „מזיק", — וועל איך זיין אַ „דראַמאַטורג".

שוין פאַרן צעגיין זיך האָט שילינג געווונטשן דעם פאָטער, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך נעמען „פאַר אַ בעסער פאַך"...

מיין פאָטער האָט טריאומפירט:

— נו, איר זעט, מיינע רייד!?...

איך בין געווען אויפגעבראַכט אויף שילינגן פאַר דער דאָזיקער באַ־לעבאַטישער שטעלונג צום טעאַטער.

ווען איך האָב שילינגן געטראָפן אין 1924 יאָר אין לעמבערג, האָב איך מיך דערמאָנט אָן זיינע דעמאָלטיקע ווערטער. שילינג אַליין איז געווען אַ לעבעדיקע באַשטעטיקונג פון דעם.

XVIII

דער יידישער אַקטיאָר

דאָס גאַנצע לעבן פונעם יידישן אַקטיאָר איז איין לאַנגע קייט פון קרבנות אויפן מזבח פון יידישן טעאַטער.

אָפּזאָגנדיק זיך אָפטמאָל פון אַ באַקוועמער לעבן, בעסערע און זיכערע פּרנסות, האָט זיך דער יידישער אַקטיאָר פרייוויליק פאַרמשפּט צום „פאַרשאָלטענעם שטיקל ברויט", וואָס דאָס יידישע טעאַטער איז פאַר אים געווען.

ווי געטאָגט נישט געגעסן, נישט געבעכטיקט, נישט דערעסן, אין כסדרדיקער אומזיכערקייט מיטן מאָרגן, ביי אוממענטשלעכע היגיענישע באַדינגונגען, אָפט אַן אויסגעלאַכטער און פאַראַכטער, וויסנדיק פון פאָראויס וואָס פאַרא „דאַנק" ער וועט באַקומען פון זיין עולם, האָט דער יידישער אַקטיאָר פאַרעקשנט געשלעפּט דעם שווערן וואָגן פון יידישן טעאַטער.

אין יעדן לאַנד, שטאָט און שטעטל האָט ער צוגלייך מיט די „באַוועגלעכע אייגנטומס" זיינע וואָס ער פלעגט פאַרזעצן בכדי צו באַצאָלן פאַרן האָטעל, אָנבייסן, אויך פאַרזייט זיינע שווערע טראָפּנס שוייס, ברעקלעך פון זיין האַרץ, פאַרבאָרגענע טרערן און פאַרשטיקטע זיפצן, — זיינע יונגע, בעסטע, בליענדיקסטע יאָרן.

וויפל מאָל עפּעס אַ „העכערע קראַפט" פלעגט אָפּזאָגן ס'לעבן דעם יידישן טעאַטער, פלעגט דער אַקטיאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג, נישט דעזערטירן, נישט פאַרראַטן זיין באַשערטע — דאָס יידישע טעאַטער, — נאָר פלעגט איבערוואַרטן די גזירות, ברעכנדיק זיך די ציינער מיט רוסישער, דייטשער, פּוילישער „פּראָזע" און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט ווידער נעמען אויף זיך מיט פרייד די ראָלע פון דער קלאַטשע פון דער יידישער קולטור, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איר טעאַטער. דאָס

איז געווען די לופט, אַן וועלכער זיינע לונגען האָבן נישט געקאָנט אָטע־מען; דאָס איז געווען דער „מאַגנעס", וועלכן האָט מאָך דערמאָנט, וואָס האָט אים געצויגן און אָנגעפילט מיט פרייד זיין נעבעכדיק לעבן.

כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט בייצוווינען צוזאַמענפאָרן פון יידישע און פוילישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן קאָנצענטרירט די גרעסטע טייל פונעם יידישן און פוילישן אַקטיאָרנשאַפט.

ס'האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די קליינע צאָל „באַזילבער־טע" קעפּ ביי יידן אין פאַרגלייך צו זייערע פוילישע חברים... דער יידי־שער אַקטיאָר האָט זעלטן דערלעבט אַ טיפע עלטער. ביי 50 יאָר איז ער שוין געווען „אַ צעבראָכענער שאַרבן", מאָראַליש און פיזיש, אָדער, ווי אַקטיאָרן רופן דאָס: „עובר בטל".

דער אַקטיאָר איז ביי אונדז געווען העכסטנס טאָלערירט, ס'רוב אָבער „אַן אָנשיקעניש, אַ פאַרשלעפּטע קרענק", אָדער אַ פּושע עוכר ישראל", וועלכן מען האָט נישט געטאָרט „אויף אַ יידישער שוועל אַרויפ־לאָזן". ס'איז אפילו געווען באַרעכטיקט אָנצווייזן אויף אים דער פּאָליציי, אַלס אַן אומגעוואונטשענעם עלעמענט. וואָס חוזקט אָפּ פון רעליגיע און מאָראַל.

ס'דערמאָנט זיך אַ פאַל ביים יובילעי פון גרויסן פוילישן קינסטלער ווינצענטי ראַפּאַצקי. ער איז אַלט געוואָרן 75 יאָר און ס'איז גלייכצייטיק געפייערט געוואָרן זיין 65 יעריקע בינע־טעטיקייט, ווייל אַלס קינד פון אַ טראַדיציאָנעלער אַקטיאָרן משפחה, האָט ער שוין ביי 10 יאָר באַ־טרעטן די בינע־ברעטער.

ס'טעאַטער איז געווען איבערפולט מיט אַ יום־טובדיק געשטימטן עולם. געווען דער מלוכה־פּרעזידענט, דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס. די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון וואַרשע האָט אים צוגעטראָגן אַ גרויסע געלט־מתנה; די מלוכה האָט אים געשאָנקען אַ פּאַלוואַרק הינטער וואַרשע. אין אַ געוויסער סצענע דאַרף דער בעל־יובל, לויטן גאַנג פון דער פּיעסע, זיך אָנגיסן משקה פון אַ פלאַש. די פלאַש און דאָס גלאָז האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען אין זיינע ציטערנדיקע הענט. און אָט איז דער גאַנצער עולם מיטן פּרעזידענט בראש אויפגעשטאַנען פון די ערטער און אָפּגעגעבן כבוד זיינע ציטערנדיקע הענט, זיין עלטער...

אין דעם זעלבן וואַרשע האָב איך בייגעוווינט דעם 30 יאָריקן יובל פון אסתר רחל קאַמינסקי, דער „יידישער דוזע", „קאַמיסאַזשעווסקאַ", דער „מאַמען פון יידישן טעאַטער" און ווי נאָך מען פלעגט זי באַטיטלען. דאָס קאַמינסקי־טעאַטער, וואָס זי האָט פאַר אירע שווער פאַרהאָרוועטע געלטער אויסגעבויט פאַרן יידישן עולם, איז געווען האַלב ליידיק... דער אָוונט האָט געבראַכט דעפיציט. איר 35 יאָריקן יובל האָט זי שוין נישט דערלעבט. געשטאָרבן איז זי ביי 56 יאָר...

שווער איז אַלזאָ געווען דער גורל פון יידישן אַקטיאָר. שילינג האָט עס געוווּסט און ווי פּאַראויסגעזען דעם פינאַל פון זיין „שפּיל". ביי עטלעכע פופציק יאָר איז ער שוין געווען „אָפּגעשפּילט", — דער דירעקטאָר פון לעמבערגער טעאַטער האָט אים שוין נישט געוואָלט „האַלטן", ווייל דער עולם וויל שוין עפּעס נייעס... האָבן די אַלטע מער נישט וואָס צו טון... איז ער טאַקע געשטאָרבן פּלוצלינג, זיצנדיק אויף זיין באַליבטן אָרט אין „סיטי"־קאַפע.

אַ קרבן פון קאַרליק, וואָס האָט פאַרשלונגען דעם ריז.

נישט בחינם האָט אַלזאָ שילינג געוואָרנט מיין פאָטער אָפּצוהיטן זיינע קינדער פאַרן דאַזיקן „פאַך".

די קינדער זענען אָבער געווען עקשנים און אין טעאַטער האָבן זיי נישט געזען קיין פאַך.

וואָס מער איך פלעג פאַרגלייכן דעם יידישן קאַרליק מיטן פוילישן ריז איז מיר דער קאַרליק נענטער געוואָרן און איך האָב אים לסוף ליב באַקומען.

איך האָב מיר אָפּגעגעבן חשבון וועגן דער געפאַר, וואָס עס שטעקט דאָרט פאַר אַ יונגן מענטש, אָבער געפאַר האָט אַ טבע צו לאָקן...

דאָס גיין איבער אַ וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד איז גוט פאַר אָן אָפּגעלעבטן מענטש, יוגנט, דאקעגן, אימפּאָנירט שטערונג, געפאַר, פאַרמעסט. האָב איך באַשלאָסן צו גיין איבער דעם וועג. אָבער קומען אין יידישן טעאַטער דאַרף איך מיט אַ געוויסער צוגרייטונג, מיט אַ באַגאַזש פון וויסן און טעאַטער־קולטור, אין וועלכן דאָס יידישע טעאַטער נויטיקט זיך.

בלויז טאַלאַנט, אויב איך האָב אים אפילו, איז וויניק. אינעם יידישן טעאַטער איז פאַראַן גענוג טאַלאַנטן. וואָס עס פעלט — איז קולטור, פאַכמענייש דערצויגענע אַרטיסטן. כדי צו דערציען אַן עולם, דאַרף מען קודם כל אַליין זיין דערצויגן. דעריבער מוז איך ענדיקן אַ דראַמאַטישע שולע. אַלס געשולטער אַרטיסט וועט מיר זיין גרינגער צו סאַנירן די פאַרהעלטענישן אינעם יידישן טעאַטער. די אַקטיאָרן אַליין וועלן זיך באַציען מיט דרך ארץ צו אַ געשולטן אַקטיאָר.

האָב איך באַשלאָסן אָנצוקומען אין אַ דראַמאַטישע שולע. אָבער כדי אָנצוקומען אַהין דאַרף מען באַזיצן לכל הפחות מיטל־שולע־בילדונג. דאָס איז מיר געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. ווען איך וואָלט דאַן געהאַט מיין איצטיקן שכל, וואָלט איך וואָס מער יאָרן געווידמעט דעם לערנען. נישט איינמאָל באַדויער איך, פאַרוואָס איך האָב נישט שטודירט שפּראַכן און מוזיק. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען צו לייענען שעקספּירן און מאָליערן אין אָריגינאַל.

ס'איז אַלזאָ קיין אויסוועג נישט געווען: מען מוז אַריבער כאָטש אין זיבעטן קלאַס, ווייל כדי אָנצוגעבן אַ בקשה אין דער דראַמאַטישער שולע, דאַרף מען ביילייגן אַן אַטעסטאַט פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע. מיט שווערער מי בין איך אַלזאָ אַריבער אין זיבעטן קלאַס.

גלייכצייטיק האָב איך מיך גענומען „גרייטן" פאַר מיינע צוקונפטי־קע „רעפּערטואַרעס" אין יידישן טעאַטער. פון פאַרשידענע ענציקלאָפּעדיעס, קולטור־געשיכטעס און מוזיי־קאַטאַלאָגן האָב איך קאָפּירט קאָסטיומען, פּאַנצערס, קאַסקעס, געווער פאַר גריכן, רוימער, יידן און אַנדערע היס־טאָרישע פעלקער.

אַ באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע און האָלענדישע טראַכטן, מעבל, אַרכיטעקטור־סטילן און אָרנאַמענטיק.

קאָפּירט רעפּראָדוקציעס פון די מייסטערס פון מיטלאַלטער און רענעסאַנס און דאָס באַשטימט אַלס דעקאָראַציע־פּראָיעקטן פאַר „אוריאל אקאסטא", „ד"ר אלמאסאדא", „בר־כוכבא און שולמית".

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו איבערזעצן „מאַקבעט", האָב איך גלייכצייטיק „צוגעגרייט" פּראָיעקטן פאַר דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און רעקוויזיטן פאַר דער צוקונפטיקער אויפפירונג. אַלס מוסטערן האָבן מיר

גערינט די אויפנאמעס פון דער מאָסקווער אויפפירונג אין „מאַלי־טעאַטער", וואָס זענען געווען רעפּראָדוצירט אינעם טעאַטער זשורנאַל „ראמפּא אי זשיזן". איך האָב פאַרשטאַנען אויף וואָס פאַרא אָפּאָזיציע איך וועל אָנטרעפן מצד דער „מומע רבקה" און פיינשטיין — די אַלטע צושטעלער פון פאַרעלטערטן טעאַטער־רעקוויזיט — אָבער יעדע רעפאָרם קומט אָן שווער...

איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז אַ לייטיש טעאַטער דאַרף זיך געפינען אין אַ לייטישן בנין, נישט אין אַן „עליזעאום"־קעלער, אָדער „ערמיטאַזש"־שטאַל. אַקטיאָרן דאַרפן האָבן מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען און נישט שטיקן זיך אין די פייכטע גאַרדעראָבעס און הינער שטייגן. דאָס טעאַטער דאַרף קודם כל זאָרגן פאַר זיינע שעפער, די אַקטיאָרן, נישט פאַר דער „שאַטניע" און בופעט.

האָב איך אפילו צוגעגרייט... אַ פּלאַן פון אַ טעאַטער מיט אַ צייכענונג פון פראָנטאָן און אַלגעמיינעם אויסזען... מיט איין וואָרט — אַלץ איז פאַרטיק, — איך דאַרף נאָר אָנקומען אין דער דראַמאַטישע שולע...

צו יענער צייט האָבן מיר פאַרלאָזט דזשיקע 44 און איבערגעצויגן זיך אין דער שכנותדיקער „קופּיעצקע" גאַס.

אויף דזשיקע 44 איז אונדזער משפחה פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ צווילינג, אונדזערע יינגסטע שוועסטער רחלע און שרהלע.

די מאַמע האָט זיי געבוירן אין שווערע ווייען פאַר אַ שווערן לעבנסוועג, וואָס האָט זיי געפירט קיין טרעבלינקע.

XIX

אַ שריט צו טעאַטער באַנייאונג

דער וועג וואָס דער נאָכגאָלדפאַדענישער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פיל מיט זיגזאַגן, כאַאָטישקייט און צופאַלן.

עס האָט אים געפעלט אַ רוקנביין, צילבאַוווּסטקייט און סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. דער יידישער אַקטיאָר, וועלכער האָט אין אַלגעמיין נישט ליב געהאַט צו פיל צו טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך, האָט זיך געלאָזט אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. ס'איז באַקאַנט דעם אַקטיאָרס אַרגומענט: „מיר גיבן דעם עולם, וואָס ער וויל". דער אַרגומענט איז נישט אינגאַנצן ריכטיק.

אמת, ביי דער כסדרדיקער אומזיכערקייט מיטן מאָרגן וואָלט געווען אַן אומזין זיך אָפּצוזאָגן פון אַ „פּינטעלע ייד", וואָס פלעגט געשפּילט ווערן הונדערטער מאָל און געבן „ברויט מיט פּוטער" און זיך אָפּגעבן צו „ליטעראַרישע" פּיעסעס, וואָס האָבן קיין פּרנסה נישט געגעבן. נישט בחינם האָבן די אַקטיאָרן אַ נאָמען געגעבן אַ שוואַכער איינאַמע: „ליטעראַרישער סבאָר", — ס'איז געווען אַ רמז אויף די שוואַכע „סבאָרן" וואָס אַ בעסערע פּיעסע פלעגט געבן.

און דאָך פלעגט אָפט דער יידישער אַקטיאָר פון פאָראויס זיך פאַרמשפּטן אויף „ליטעראַרישע סבאָרן" אַבי צו שפּילן „ראַיעל טעאַטער". (דעם אויסדרוק האָב איך, אגב, געהערט אויף אַן אַקטיאָרן צוזאַמענפאָר פון אַרטיסט לייבל ווינער).

בעת מעשה האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעגעבן זיך קיין חשבון פון דער גרויסער באַדייטונג פון אַזעלכע אויפפירונגען, ווי מירבאָס „זשאַן און מאַדלענא", טשיריקאָווס „יידן" און פּינסקים „אייזיק

שעפּטל". איך בין אָבער געווען אַן עדות פון דעם אומגעהויערן אָפּקלאַנג וואָס די דאָזיקע פּיעסעס, ספּעציעל „זשאַן און מאַדלענאַ" האָבן גע־פונען ביים עולם. די צייט איז געווען אַן אַנגעגליטע, די בלוטיק פאַר־שטיקטע רעוואָלוציע האָט נאָך געדריקט די געמיטער. דעם עולם איז נויטיק געווען אַ מאָראַלישע פאַרגינטיקונג, אַן אָנדייט, אַז דער קאַמף איז נישט קיין ענדגילטיק פאַרשפּילטער, אַ רוף צום אויסדויער און גלויבן אין דער צוקונפט. אָט דאָס אַלץ האָט ער ביי די געגעבענע באַ־דינגונגען געקאָנט געפינען אין טעאַטער.

דאָס טעאַטער האָט עס דערפילט און אין ריכטיקן מאָמענט אונ־טערגענומען דעם רוף פון דער צייט. דאָס טעאַטער האָט אַלזאָ דער־פילט אַ וויכטיקע סאָציאַלע מיסיע. די צייט האָט געלייגט אַ בריק צווישן אַקטיאָר און די מאַסן. די בריק איז געווען די צייט־פּיעסע.

דער עולם האָט אויפגעכאַפּט יעדע פראַזע, יעדעס וואָרט אין וועלכן ער האָט געזען אַ רמז אויף זיין צייטווייליקן פאַרשפּילטן קאַמף און אַ דערמוטיקונג פאַר ווייטערדיקע מעשים.

הגם די אויספירער פון „זשאַן און מאַדלענאַ" האָבן געשפּילט זייערע ראָלן אַפעקטירט און פּאַטעטיש; נישט גערעדט, נאָר דעקלאַ־מירט; נישט באַוועגט זיך, נאָר געשוועבט — האָט אָבער די קראַפט פונעם לעבעדיקן וואָרט איבערגעוווּגן די אַלע חסרונות און דער עולם האָט מיט ענטוזיאַזם און דאַנקבאַרקייט אויפגענומען די פּיעסע. דער זעלבער עולם, וואָס פלעגט ביים „פּינטעלע ייד" זיך קאַטשען פאַר געלעכטער, זיך פילן „ווי ביי זיך אין דער היים" האָט ווי געביטן זיין פּרצוף. ער האָט זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און דרך ארץ צוגעהערט צום קאַמף וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, ווייל ער האָט דערפילט אין אים זיין קאַמף, זיינע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, וועלכע מען קאָן נישט פאַרשרייען מיט „אוי, ס'איז מיר גוט, ס'איז מיר ווייל, ס'איז אַ מחיה צו זיין אַ ייד", מיט וועלכן „ס'פּינטעלע ייד" האָט אים געוואָלט פאַרשרייען.

„זשאַן און מאַדלענאַ" איז געוואָרן אַזאַ „קאַסע־פּיעסע", אַז ראַפּעל פלעגט זי אָפט שטעלן צו זיינע ערן־אָוונטן.

נאָך אַ גרעסערע איבערקערעניש האָט געמאַכט אסתר רחל קאַמינס־קי, וועלכע האָט נאָך 15 יאָר אַרומבלאָנדזשען און אַרומזוכן איר תיקון, ענדלעך עס געפונען אין גאָרדינס רעפּערטואַר: די פּאָלקסטימלעכע „כאַשיע די יתומה" אָדער „אסתרקע" אין דער „שחיטה" זענען געווען נענטער אונדזערע מאַסן ווי די פראַנצויזישע „זשאַן און מאַדלענאַ". אַ חוץ דעם האָט אסתר רחל קאַמינסקי אַריינגעהויכט אין זיי איר גרויסע נשמה. געקינצלטע סיטואַציעס פאַרמענטשלעכט, די מליצה־שפּראַך באַהנט מיט איר אייגנאַרטיקער פּשטות. דאָס אַלץ האָט די גאָרדין־העלדינס נאָך נענ־טער געמאַכט. דער פּאָלקסמענטש האָט דערזען אין כאַשיען — זיין שוועסטער, אין בצלאל ראַפּאַפּאָרטן — זיין באַלעבאָס: דאָס יידישע טעאַטער איז אַלזאָ אַרויף אויף די רעלסן פון זיין באַשטימונג, ס'איז געוואָרן דער אויסדרוק פון זיין צייט; דער פריינט, דער ראָטגעבער און וועגווייזער פון די מאַסן.

וועגן דער ראָל פון גאָרדינען און דער אינטערפּרעטאַציע פון אסתר רחל קאַמינסקי וועט נאָך אויסקומען צו רעדן אויספירלעכער. איך וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז עס איז טעותדיק די מיינונג, אַז דער יידישער אַקטיאָר איז תמיד געשטאַנען אין אַ זייט פונעם רעאַלן לעבן און אַז דער יידישער עולם האָט נאָר פאַרלאַנגט די „פינטעלעך".

דער יידישער אַקטיאָר האָט באַקומען בירושה פון גאָלדפאַדען די מי־סיע אונטערצוטראָגן די פאַרחושכטע מאַסן די „ראָזשינקעס און מאַנדלען", אָדער וועקן צום קאַמף מיט די ווערטער: „כל זמן די האַנט איז דאָ — לאָמיר זי אויפהויבן"! דער פּרימיטיווער יידישער אַקטיאָר האָט געטריי אָפּגעהיטן די ירושה, ביז עס האָט זי איבערגענומען זיין נאָכפאָלגער, דער מאָדערנער יידישער אַקטיאָר, וועלכער איז געקומען צום טעאַטער צילבאַ־וווסטזיניק און מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות.

דעם נאָכגאָלדפאַדענישן אַקטיאָר איז נישט תמיד באַקומען דאָס „ברויט מיט פּוטער" פון די „פּינטעלעך" און „הערצער"; נישט תמיד האָט זיך געוואָלט „קייען קלאָטשעס", האָט ער געזוכט וועגן צום „ראַיעלן" טעאַטער וואָס וועט אים מאַכן „מיט לייטן גלייך".

עס האָט אים טאַקע געפעלט קריטעריום און עלעמענטאַרע צוגריי־טונג, איז ער אָבער דערפאַר געווען באַשאָנקען מיט אינטואיציע און

אָריענטאַציע־פּעאיקייט, וואָס פעלנט אים אָפט פירן צו געוואַגטע פּרוּוון און פּאָזיטיווע דערגרייכונגען.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1912 יאָר, האָט אויפגעשטער־רעמט ווארשע לעהארס אָפּערעטע „עוואַ", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין דעם פוילישן אָפּערעטן־טעאַטער „נאָוואָשטשי". דאָס דאָזיקע אָפּע־רעטן־טעאַטער האָט דאַן געהאַט אַ שם אַלס צווייטע אין דער וועלט — נאָך דער ווינער. די פוילישע אָפּערעטן אַקטיאָרן: קאַוועצקאַ, מעסאַל, רעדאַ, מאַראָזאָוויטש, טראַפּשאָ, — זענען געווען וועלט באַרימט, נישט ווייניקער פון די ווינער: מאַרישקאַ, יעריצאַ און טאַוטענהיים.

און אָט פאַרמעסטן זיך די יידישע אַקטיאָרן פון „עליזעאום"־טע־אַטער מיטן דאָזיקן ריז און צו אַלעמענס פרייד און באַוווּנדערונג גייען זיי זיגרייך אַרויס פון דאָזיקן נישט גלייכן פאַרמעסט.

די הויפּט ראָל פונעם פאַבריק־מיידל „עוואַ" האָט אין אונדזער נעראָסלאָווסקאַ געפונען נאָך אַ פּאַסיקערע פאַרקערפּערין ווי אין פוילישן טעאַטער. זי איז געווען צאַרטער, פּשוטער און טיפער פון דער מאַסיווער פוילישער פּרימאַדאָנע מעסאַל. דער ליריזם פון איר שטימע, דער איינ־געבוירענער חן און לייכטקייט פון באַוועגונג האָבן זיך אויף אַן אידעאַלן אופן געפּאַסט פאַר דער העלדין פון לעהארס אָפּערעטע. נעראָסלאָווסקאַ איז נישט געווען קיין פּנים חדשות אין ווארשע. מיר האָבן זי געדענקט פון סעם אַדלערס גאַסטשפּילן אין די פאַרשידענע היסטאָרישע אָפּערע־טעס, פון „שולמית" ביז בנימין אין „יוסף אין עגיפּטן", ווי אויך אין „סאַלאָן פּרימאַדאָנעס" פון די כלערליי „יידישע נשמות" און „געבראָ־כענע הערצער". מיר פלעגן באַוווּנדערן איר געשולטע שטימע און טעאַטער־קולטור, וועלכע זי האָט מיטגעבראַכט פון דער רוסישער און איטאַליעני־שער אָפּערע. נישט בחינם האָט זי אין יענער צייט געשמט אַלס בעסטע יידישע פּרימאַדאָנע.

דאָס מאָל אָבער האָט זי פאַר אונדזערע אויגן אויסגעהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט אַ וועלט־באַרימטער פּרימאַדאָנע און איז אַרויס פון אים זיגרייך, איז טאַקע דער פּרעסטיזש אירער נאָך מער געוואַקסן און מיר האָבן זיך מיט שטאָלץ געפילט מיט „לייטן גלייך".

אמת, אויך אַלץ אַרום איר האָט בייגעטראָגן צום דערפאָלג פון דער יידישער „עוואַ״. דער דאָן יונגער אַפּערן־זינגער יעקב קעלטער, וואָס האָט דאָן דעביוטירט אין יידישן טעאַטער, האָט אַריינגעבראַכט פרישקייט און אַ נייעם טאָן אינעם ביז איצטיקן שאַבלאָנעם אופן פון שפּילן „ליב־האַבער״. פאַרשווונדן די פּאַטעטישקייט פון וואָרט און באַוועגונג, דער אָנשטעל פון „אינטעליגענטע״ האַלטונג און „איינגעבוירענע״ עלעגאַנץ, וואָס פלעגט נאָך בולטער אונטערשטרייכן דאָס פּרימיטיוו־וווּלגערע פון די אָנשטעלמאַכער. יעקב קעלטער איז געווען אַ גליקלעך געווינס פאַרן יידישן טעאַטער און האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין אים. אַליין פון אַן אַסימילירטער וואַרשעווער משפחה, האָט ער זיך פאַראינ־טערעסירט מיטן יידישן טעאַטער און אים ליב באַקומען. אויך מיר האָבן ליב באַקומען קעלטערן, דערפילנדיק אין אים אַ גוטן חבר, ווען מען ס׳זענען נאָענט אונדזערע אינטערעסן און ראַנגלענישן, — איז ער טאַקע, מיט יאָרן שפּעטער, שוין אינעם זעלבשטענדיקן פוילן איינציקע מאָל געוויילט געוואָרן אַלעס פאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין, וועלכן ער האָט אויך מיטגעהאָלפן צו גרינדן.

אַ חוץ די צוויי הויפּט־העלדן האָט מען צום ערשטן מאָל געזען אַן אַנסאַמבל־שפּיל אין אַן אָפּערעטע. ביז דאָן איז מען געוווינט געווען צו זען אויפן ערשטן פּלאַן די פּרימאַדאָנע, דעם ליבהאַבער און, בעיקר, דעם קאָמיקער. איז דאָך נאָר געגאַנגען אינעם „דערפירן״ צום לידל, אָדער קופּלעט. דער טעקסט איז דאָך קיינעם נישט אָנגעגאַנגען און מערסטנ־טייל איז אַזעלכעס נישט געווען בנמצא. מען האָט געריערט וואָס מען האָט דערהערט פון סופלער און האָט מען נישט דערהערט, האָט מען גערעדט „אייגנס״. דער טעקסט איז דאָך אייגנטלעך געווען דער זעלבער אין די אַלע „הערצער״, „נשמות״ און „באַרג מיר דיין ווייב״. ס׳האָבן זיך נאָר געביטן די נעמען. האָט מען אין דער פאַבריקער פּיעסע געהייסן „סעדי״, האָט מען אין דער איצטיקער געהייסן „קעדי״. נישט איינמאָל פלעגט פּאַסירן אַז דער אַקטיאָר פלעגט קומען אין טעאַטער, נישט וויסנדיק וואָס פאַראַ פּיעסע מען שפּילט און ווען נישט דאָס גרימירן זיך צו דער ראָל, וואָלט עס אים אויך ווייטער נישט אינטערע־סירט...

אין „עוואַ" האָט זיך געפּילט צוגרייטונג, אַרבעט, און, דער עיקר, דרך ארץ פאַרן טעקסט. ס'איז טאַקע געווען אַ נייעס אין אַן אַפּערעטע אַ סאָציאַלער אינהאַלט: קאָנפליקט צווישן אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער. אַ טעמע ניי און דרייסט אפילו פאַר דער פּוילישער אָפּערעטע. דעם יידישן אַקטיאָר איז תמיד געווען צום האַרצן די דאָזיקע טעמע. בפרט, אַז זי איז צוגעטראָגן געוואָרן אין אַ פּרעכטיקער איבערזעצונג, ממש אין אַן איבערדיכטונג פון ביאַליסטאָקער שריפטשטעלער פּסח קאַפּלאַן.

דער יידישער אַקטיאָר האָט דאָס דערפילט און מיט פּיעטעט זיך באַצויגן צום נייעם לשון וואָס ער דאַרף אַראָפּריידן פון דער בינע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר זיינע געשוווירענע „אָטסעביאַטינעס", אָדער „אַרבל־פּראַזע" (אימפּראָוויזאַציעס, אָדער וואָס ס'קומט אויף דער צונג...) ווען אַדאָלף בערמאַן האָט, שפּילנדיק אַן אָרע־מען אַרבעטער, הוהס פאָטער, פּראָטעסטירט קעגן סאָציאַלער אומגערעכ־טיקייט, האָט דאָס טעאַטער געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן ווי אין די אַמאָליקע „זשאַן און מאַדלענאַ"־צייטן. אַ באַוויז, אַז אָפּערעטע איז נישט באַשאַפן אויסשליסלעך פאַר פּאַיאַצטווע. מען קאָן אויך פאַרוויילן אויף אַ באַלערנדיקן אופן.

הערמאַן בערמאַן, אַדאָלפס ברודער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ קאָ־מיקער פון אייראָפּעאישן פאַרנעם. ס'איז קלאָר געוואָרן אַז כדי אַרויס־צורופן געלעכטער איז גאָרנישט נויטיק צו פּאַיאַצעווען און זיך שטעלן אויפן קאָפּ. פאַרקערט וואָס רואיקער און פּשוטער דער וויץ ווערט אַרויסגעזאָגט, אַלץ שטאַרקער ווירקט ער. אונדזערע קאָמיקער זענען גע־ווינט געווען דעם וויץ אַרויסצושרייען, מאַכן דערביי אומעסטעטישע העוויות און באַוועגונגען, פלעגן זיי פאַרשרייען זיך און דעם עולם און אַרויסרופן דערמיט בייגעשמאַק.

אין דער „עוואַ"־אויפפירונג איז דערפון קיין שפּור נישט פאַרבליבן. ס'האָט אויך אַנטייל גענומען מישאַ אַפּעלבוים אַ יונגער אַקטיאָר מיט פּרעכטיקע אויסערלעכע מיטלען און וווּנדערבאַרער באַס־שטימע. ס'האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן די יונגע סוברעטין לוסטיק און דער אינטע־ליגענטער לאַזאַר פריד.

שמואל לאנדוי האָט אויף זיך גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו רעזשיסירן די פּיעסע און אים איז געווען אין אַ גרויסער מאָס צו פאַר־דאַנקען איר גרויסער דערפאָלג. די דעקאָראַציעס — באַשיידן אָבער גע־שמאַקפול. דאָס מעבל צוגעפּאַסט צו די דעקאָראַציעס — אויך אַ נייעס אין דעמאָלטדיקן יידישן טעאַטער.

אַ גלענצנדיקער כאָר און גוטער אָרקעסטער אונטער דער ליטונג פון פּרץ סאַנדלער, אַ מוזיקער מיט קולטור און געשמאַק.

דער זעלבער אַנסאַמבל האָט דערנאָך אויפגעפירט מיט נישט קיין קלענערן דערפאָלג „שושנה די צנועה".

אמת, וואָרשע האָט שוין געהאַט באַוווּנדערט קלאַראַ יאַנג, וועלכע האָט אימפּאָנירט מיט איר עלעגאַנץ, יוגנטלעכן רייץ און ברויזנדיקן טעמ־פּעראַמענט. האָט זי אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך דעם אַמעריקאַנער סטאַ־ריזם, וואָס צווינגט אַלע מיטשפּילער זיך צו שטעלן אין שאָטן. דעריבער איז דער קאָנטראַסט צווישן איר און אונדזערע עמך־אַקטיאָרן געווען נאָך בולטער און במילא זייי דיסקרעדירט. אַזאַ טבע האָבן שוין די גאַס־טראָלן: פאַרטונקלען אַלץ אַרום זיך, כדי זייער „שטערן" זאָל העלער לייכטן. ווען טעאַטער אַלס קאָלעקטיווע שפּיל קאָן שוין דעריבער קיין רייד נישט זיין. דעסטאָ גרעסער איז געווען דער פאַרדינסט פון דער וואַרשעווער „עוואַ"־אויפפירונג. ס'איז געווען אַן אַרויספאָדערונג צו די אַלערליי „שטערנס" און שונד מאַכערייקעס. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ טויט־קלאַפּ.

ס'איז געווען אַ וויכטיקער שריט צו טעאַטער־באַנייאונג. דער פונ־דאַמענט פאַר אַ לייטישן טעאַטער איז געלייגט געוואָרן. געלייגט האָבן אים די אַקטיאָרן אַליין. איצט דאַרף מען שטעלן די ווענט. דאָ נויטיקן זיך שוין די אַקטיאָרן אין ברייטערע הילף. פון אַזאַ הילף איז אָפּהענגיק דאָס נאָרמאַליזירן די פאַרהעלטענישן אין יידישן טעאַטער.

איך האָב נאָך אויף דער שול־באַנק זיך אָפּגעגעבן חשבון פון דער סיבה פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע אינעם יידישן טעאַטער. איך פלעג מיר נעמען אַלס מוסטער דאָס פּוילישע טעאַטער, ווו אין יעדן טעאַטער, אין יעדער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט גאונים פון דער טעאַטער־קונסט.

וואַרשע האָט געהאַט פיר פּוילישע טעאַטערס:

די אָפּערע, דאָס אָפּערעטן־טעאַטער: „נאָוואָשטשי", די דראַמע: „ראָז־מאַאיטאָשטשי" אין דעם זומער טעאַטער אין זאַקסישן גאָרטן, וואָס האָט געשפּילט אויסשליסלעך פאַרסן.

דאָס „ראָזמאַאיטאָשטשי" איז נאָכן רוסישן און דייטשן פאַרעכנט געוואָרן פאַרן בעסטן דראַמאַטישן טעאַטער אין דער וועלט. ס'איז באמת זעלטן געווען צו טרעפן אַזוי פיל אַקטיאָרישע טאַלאַנטן, צווישן זיי אייניקע גאונים, צוזאַמענגענומען אין איין טרופּע. ס'איז געווען די גאָלדענע עפּאָכע פון פּוילישן טעאַטער, ווו ס'האָבן געקעניגט אַזעלכע מייסטער ווי באָ־לעסלאַוו לעשטשינסקי, ווינצענטי ראַפּאַצקי, מיעטשיסלאַוו פרענקעל און דער גרויסער קאַזשימיעזש קאַמינסקי.

סיי דער רעפּערטואַר, סיי די אויפפירונג האָט אַנטשפּראָכן דעם הויכן ניוואָ פון דער איינציקער, אָפיציעל־אָנערקענטער, רעפּרעזענטאַטיווער פּוי־לישער קולטור אינסטיטוציע. אַלע פּוילישע טעאַטערס אין וואַרשע זענען געווען פאַרמלוכהשט און האָבן זיך טאַקע גערופן „אימפּעראַטאָרישע מלוכה־שע טעאַטערס".

און אָט האָט די סטאַטיסטיק באַוויזן, אַז די דראַמע ברענגט דעפיציט און דער דאָזיקער דעפיציט ווערט געדעקט פון דער הכנסה פון דער אָפּע־רעטע און פאַרס.

ס'איז געווען קלאָר, אַז אַן ערנסט טעאַטער קאָן נישט זיין קיין פּריוואַט געשעפט, וואָס ווערט לכתחילה געבויט אויף צו האָבן רווחים און טוט דעריבער אַלץ מעגלעכס די רווחים אַרויסצובאַקומען. דאַרט, ווו ס'נעמט נישט איבער די אַפּיטרופּסות איבערן טעאַטער די מלוכה אָדער די שטאָט־פאַרוואַלטונג, דאַרף עס טון די געזעלשאַפט. ס'דאַרף זיך אַליין גרינדן אַ געזעלשאַפט ביי יידן, וואָס זאָל איבערנעמען די אַפּיטרופּסות איבער זייער רעפּרעזענטאַנץ טעאַטער.

נאָך אַלס תלמידים ביי קרינסקין פלעגן מיר זייער אָפט רעדן מיט שלמה מענדעלסאָנען וועגן דעם. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז פּרץ אַליין איז אויך מיט דער זעלבער מיינונג.

אין יענער צייט איז טאַקע פּרץ אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכ־קייט מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער. מ'האָט אָנגע־

הויבן צו שרייבן אין דער פרעסע וועגן דעם. ס׳האָט זיך דערמיט פאַר־אינטערעסירט א. ווייטער, ש. אנ־סקי, ד״ר מוקדוני א״א. מ׳האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אקציעס, זאַמלונגען, אַרטיקלען און רעפעראַטן האָבן אויפגעקלערט די וויכטיקייט דערפון פאַר די ברייטע מאַסן, וועלכע האָבן זיך, ווי ס׳האָט געשיינט, גאָר ווארעם אָפּגערופן אויף דער אקציע. גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן נייע מענטשן, יונגע כוחות, וואָס דאַרפן צוקומען צום טעאַטער. ס׳האָבן זיך אָפּגערופן אייניקע, וואָס האָבן שוין געענדיקט אַ דראַמאַטישע שולע. פּרץ האָט אַ סך האָפענונגען געלייגט אויף אַ געוויסער איזראַעלס, די פרוי פון קינסטלער קראַטקאַ און אויף מאַרק שווײדן.

הגם די איזראַעלס איז ביים טעאַטער נישט פאַרבליבן, איז זי געוואָרן פּאָפּולער אדאַנק די פּאָרטרעטן און בילדער וואָס דער טויב־שטומער קינסטלער מינקאָווסקי האָט פון איר געמאָלן.

אויב זי האָט אויף דער בינע אויך אַזוי געשווינגן ווי אויף די בילדער, האָט איר שווייגן באַדאַרפט מער ווירקן ווי דאָס רעדן פון אַ סך אַקטריסעס. ס׳איז, דאַכט זיך, די אידעאַלסטע געשטאַלט פאַר פּרצעס פרויען. נישט בחינם האָט ער אַזוי געהאַלטן פון איר.

אין „הזמיר״ האָבן זיך אָנגעהויבן למודים פון דיקציע און דעקלאַ־מאַציע. אַ טיכטיקן אַנטייל האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט גענומען, אַ חוץ פּרצן, ד״ר מוקדוני און פּרץ הירשביין, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ווארשע נאָכן דורכגעפאַלענעם פּרווו צו גרינדן אַ קינסטלעריש טעאַטער.

ס׳האָט זיך באַוויזן דוד הערמאַן, וועלכן דאָס מאָדערנע יידישע טע־אַטער האָט אין דער צוקונפט געהאַט זייער פיל צו פאַרדאַנקען.

איך האָב געהאַלטן, אַז מיין אָנקומען אין דער דראַמאַטישער שולע דאַרף נישט ווערן לענגער אָפּגעלייגט און מען דאַרף נעמען גרייטן דעם באָדן דערצו. די איינציקע שטערונג צו פאַרווירקלעכן מיין פאַרלאַנג איז געווען מיין פאָטער.

זיין קעגנערשאַפט איז מיר געווען גוט באַקאַנט און איך האָב פאַר־אויסגעפילט אַ שווערן קאַמף. איך בין אָבער אויף אַלץ גרייט געווען. דאָס איז, דאַכט זיך, געווען דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך בין אַזוי קאָמפּראָמיסלאָז און עקשנותדיק באַשטאַנען אויף מיינעם אַ באַשלוס.

XX

די לעצטע שול־פאָרשטעלונג

די ערשטע אינפאָרמאַציעס וועגן דער דראַמאַטישער שולע האָט מיר געגעבן מאַריע טרעפּלער־בראַנסקי. ס'האָבן דאַן עקזיסטירט אין וואַרשע דריי אַזעלכע שולעס. די אַזוי גערופענע „אַפּליקאַציע־שולע" ביי די מלוכהשע טעאַטערן, די שולע ביי דער מוזיק־געזעלשאַפט פון דער „פיל־האַרמאָניע" און אַ פּריוואַט־שולע פון דער געוועזענער זינגערין הריניע־וויעצקאַ.

טרעפּלער אַליין האָט געלערנט אין דער „פילהאַרמאָניע"־שולע, מיך האָט אָבער געצויגן די „אַפּליקאַציע". די דאָרטיקע שילער האָבן געמוזט אויך אָנטייל נעמען אין די מאַסן־סצענעס פון שטאָטישן טעאַטער „ראָז־מאַאיטאָשטשי" און מיך האָט טאַקע אַמשטאַרקסטן אינטערעסירט פּראַק־טישע אַרבעט ביי דער זייט פון מייסטער אונטער אַן אַנטשפּרעכנדיקער לייטונג. אַ חוץ דעם דאַרף מען אין דער אַפּליקאַציע נישט צאָלן קיין שכר־לימוד, דאַקעגן די צוויי אַנדערע שולעס זענען געווען געצאָלטע. ווען דער פאָטער וועט אַפילו דערלויבן אַנצוקומען אַהין, וועט ער קיין געלט אויף דעם יעדנפאַלס נישט געבן. ס'איז געווען נאָך צייט אָנצוגעבן אַ בקשה אין דער „אַפּליקאַציע־שולע", האָב איך זיך נאָך אַלץ אָפּגעהאַלטן צו רעדן ענדגילטיק מיטן פאָטער. אַזוי האָט מיר אויך די מאַמע געראַטן: בעסער צווואַרטן ביז ס'עקשנות וועט אַריבער...

איך האָב מיך דערווייל גענומען פיבערדיק גרייטן צום עקזאַמען.

איך האָב מיך אָנגעהויבן איינאיבן אין דעקלאַמאַציעס, ווייל דאָס איז געווען נויטיק צום עקזאַמין.

אינעם הויז פון פעטער בייניש וויטנבערג פלעגט זיך אָפט צונויפ־קומען יוגנט און דעקלאַמירן די פּוילישע קלאַסיקער און מאָדערנע פּאָ־

עטן. דער עלטסטער זון, מארקוס, פלעגט אליין שרייבן לידער און מען האָט אפילו גערעדט וועגן אים, אז ער וואקסט „א צווייטער מיצקעוויטש". דער יינגערער, שלום, פלעגט נאָך מארקוסעס טויט כסדר דעקלאמירן זיינע לידער און ווען שלום איז געשטאָרבן, האָט עס געטון דער דריטער, שמעון, און די דריי טעכטער, פעלע, אנדזשע און עווטשע.

עווטשע האָט אויך געשריבן לידער, וועלכע פלעגן מיט דער צייט פארעפנטלעכט ווערן אין די באדייטנדיקסטע פוילישע צייטונגען און זשור־נאלן. די קוזינעס זענען געווען אין אונדזערע יאָרן, פלעגן מיר טאקע אָפט, איך און יאַנאס, פארברענגען צוזאמען און זיך פארמעסטן אין דעקלאמירן.

דעקלאמאציע איז בכלל דאן געווען א מאָדע־זאַך, און דעריבער פלעגן זיך פיל יונגעלייט פארשרייבן אין די דראמאטישע שולעס ספעציעל אויף צו לערנען דעקלאמאציע. מען פלעגט דאן אָפט טרעפן יונגעלייט מיט לאנגע האָר ברייטע הוטן, פארחלומטע אויגן, גייענדיק איבער די גאסן און דעקלאמירן אויפן קול. פארבייגייער פלעגן זיך וויצלען, אז ווו א משוגענער איז עס א שילער פון דראמאטישער שולע... איך האָב זיי אָבער שטארק מקנא געווען וואָס זיי זענען שוין אין דער דראמאטישער שולע...

פונדעסטוועגן האָב איך נישט פארנאכלעסיקט מיין יידישע „אר־בעט". געגרייט רעפערטואר פאַרן קינפטיקן יידישן טעאטער... דער רע־פערטואַר האָט, ווי מיר האָבן דאן געגלויבט, געמוזט זיין אַן איבערגע־זעצטער, ווייל אונדזער מאָדערן טעאטער דארף דאָך זיין אייראָפעאיש און דערצו זענען אים נויטיק אייראָפעאישע פיעסען...

אפילו אסתר רחל קאמינסקי האָט איבערגעריסן מיט איר טראדי־ציאָנעלן גאָרדין און זיך גענומען פאר איבסען, זודערמאן און דומא.

איך האָב גענומען דראמאטיזירן עליזא אָזשעשקאָס „מאיר עזאָפאָ־וויטש" און אפילו שוין פארטיק געמאכט א גאנצן אַקט. ווייטער איז מיר אָבער נישט געלונגען זיך אַן עצה צו געבן מיטן מאטעריאל און איך האָב מיט א שווער הארץ זיך אָפגעזאָגט פון דראמאטיזירן בעלעטריסטישע ווערק. דאקעגן איז מיר אָנגעקומען גרינגער דאָס איבערזעצן פיעסן פון רוסיש און פויליש. ס'איז מיר גראָד געקומען אונטער דער האנט א פויר־

לישע איבערזעצונג פון זאָלאַס „טערעזא ראקען”. די פּיעסע איז, לויט מיין מיינונג, געווען אן אוצר פאר אסתר רחלען און איך האָב זיך גענומען זי איבערזעצן. שלמה מענדעלסאָן האָט די איבערזעצונג אויסגעבעסערט און איך האָב געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט זי ארויסצוברענגען פאר דער ראמפּע. די געלעגנהייט איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען, ווייל אסתר רחל האָט אין איינציקע יאָר ארום אויפגעפירט די פּיעסע פון אן אנדער איבערזעצונג...

אלס שטארקער אָנהענגער פון צירק, איז מיר געפעלן אלעקסאנדער קופּרינס איינאַקטער „דער קלאָון”, וואָס שילדערט אן עפּיזאָד פונעם לעבן פון צירק־ארטיסטן. שוין דעמאָלט האָב איך פארשטאנען די וויכטיקייט פון אָפּהיטן די מחברים־רעכט, האָב איך באשלאָסן זיך צו ווענדן צו קופּרינען נאָך א דערלויבעניש איבערצוזעצן זיין אקטער.

ביז דאן פלעגט מיר כמעט נישט אויסקומען צו שרייבן קיין בריוו: אמאָל אַ גרוס צום טאטן אין אן אויסלענדישן קוראָרט, אמאָל צו יאָנאסן, ווען ער האָט געלערנט אין אויסלאנד, אָדער א ליבעס־בריוועלע צו א „סימפּאטיע”... און דאָ פּלוצים — אַ געשעפטס־בריוו! און צו וועמען? צו קופּרינען אליין, וואָס האָט דאן אויפגעשטורעמט רוסלאַנד מיט זיין „יאַמאַ” און אנדערע, דרייסטע פאר יענער צייט, דערציילונגען. אזאַ בריוו דארף דאָך געשריבן ווערן „פּאכמעניש” און דער עיקר מאכן דעם איינדרוק, אז זיין מחבר איז... אַ דערוואַקסענער! מען דארף זיך אלזאָ ווענדן צו אַ געניטן מענטש, ער זאָל מיר אָנשרייבן דעם בריוו. ווער קאָן דען זיין פּאסיקער ווי מיין שול־חבר נאַאום פּרילוצקי? זיין פאָטער, צבי פּרילוצקי, איז דאָך דער רעדאקטאָר פון „מאָמענט”, דער ברודער נח — אן אַדוואָקאַט און שרייבער און ער אליין, נאַאום הייסט עס, האלט דאָך רוסיש פאר זיין מוטער־שפּראַך...

איז טאַקע אוועק צו קופּרינען אַ זאַכלעכער בריוו, אין וועלכן ער ווערט געבעטן מיר צו דערלויבן איבערצוזעצן זיין איינאקטער „דער קלאָון”. איך האָב אפילו געצווייפלט צי קופּרין וועט מיר בכלל ענטפערן אויף דער דאָזיקער ווענדונג: זיינע ווערק ווערן איבערזעצט אין צענדליקער שפּראַכן, ער האָט דאַן געהערט צו די פּאָפּולערסטע שרייבער אין איי־ראָפּע, וועט אים מער נישט ליגן אין זינען ווי אַן איבערזעצונג פון זיינס

אַן איינאַקטער אויף אַ שפּראַך פון אַ גרינגגעשעצטער מינדערהייט, וואָס איז מער באַקאַנט אַלס „זשאַרגאָן".

ווי גרויס אָבער איז געווען מיין פרייד, ווען איך האָב אין אַ קורצער צייט אַרום באַקומען פון קופּרינען אַ העפלעכן בריוו מיט אַ דערלויבעניש איבערצוזעצן נישט בלויז זיין איינאַקטער, נאָר בכלל אַלע זיינע ווערק און דווקא אויף יידיש! (נאַ יעוורעיסקי יאַזיק!).

אָט הפנים ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש און פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן איבערזעצער, ווייל ער האָט פאַרענדיקט זיין בריוו מיט דער בקשה אים איבערצושיקן די געדרוקטע איבערזעצונגען... וועגן מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט ער קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

איך האָב זיך מיט דעם בריוו אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אוצר. ביי יעדער געלעגנהייט פלעג איך מיט שטאָלץ געבן צו לייענען דעם „היסטאָרישן דאָקומענט" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „זייער געערטער הער ס. טורקאָוו". (איך האָב מיך דאַן גערופן סאָלאָמאָן און אפילו זיך אָפט באַנוצט מיטן פסיידאָנים „סאָלאָמאָ").

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט קופּרין אַלס העברערער אָפיציר פון „רויטן קרייץ" באַזוכט וואַרשע. און אָט זאָגט מיר אַמאָל די מאַמע, אַז אַ פּולקאָווניק מיטן נאָמען קופּרין האָט מיך געזוכט און געלאָזן זיין אַדרעס, איך זאָל אים באַזוכן, ווייל ער פאָרט צומאָרגנס אָפּ. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך אים באַזוכן... ווי אַזוי וועט ער אויפנעמען זיין איבערזעצער, וואָס איך נאָך אַ יינגל און האָט נישט אפילו קיין סימן פון וואָנצעס... וואָס פאַראַ תירוץ וועל איך אים געבן, פאַרוואָס די איבערזעצונגען פון „אַלע" זיינע ווערק זענען נאָך נישט אָפּגעדרוקט... גיי, דערצייל אים, אַז איך האָב אָפּגעשלאָגן די שוועל ביי יוסף העפּטמאַן, ער זאָל אָפּדרוקן דעם איינאַקטער אין זיין זשורנאַל און העפּטמאַן האָט מיר סוף כל סוף געגעבן אָנצוהערן, אַז די איבערזעצונג איז שוואַך... בין איך דעריבער נישט געגאַנגען אים באַזוכן... ווען איך האָב מיך דערוווּסט פון דער פרעסע, אַז קופּרין האָט פאַרלאָזן וואַרשע האָב איך לייכטער אָפּגעעטעמט...

***

עס האָט זיך דערנענטערט דער יערלעכער שול־אַקט פאַר די זומער וואַקאַציעס. מיר האָבן געגרייט אַ באַנייאונג פון לאָנגפעלאָס „יהודה המכבי", דאָס מאָל שוין נישט אין שול־זאַל, נאָר אין אַ גרויסן קאָנצערט־זאַל פאַרן „אייזערנעם טויער".

דער לערער, וואָס האָט רעזשיסירט מיט אונדז די פאָרשטעלונג, האָט מיך גענומען אין טעאַטער „עליזעאום" אויסצוקלייבן די נויטיקע דעקאָראַציעס. לייזער ראַפּעל, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון „עליזעאום", האָט אונדז געוויזן זיין „היסטאָריש" צימער, אין וועלכן אונדזערע ביבלישע אבות האָבן זיך נישט ערגער געפילט פונעם רוימישן צעזאַר, אָדער פונעם קעניג פון פּרס ומדי. דער לערער קוקט מיך אָן מיט פאַרצווייפלונג: וואָס טוט מען? ווי קאָן אַ שולע דערלאָזן אַזאַ געשמאַקלאָזיקייט? אַ פּויליש טעאַטער ווידער וועט נישט אויסבאָרגן זיינע דיקאָראַציעס פאַר אַ יידישער אונטערנעמונג און אָפּזאָגן זיך איינגאַנצן פון דעקאָראַציעס איז געווען אוממעגלעך.

מיינער אָן איינפאַל האָט געלייזט די סיטואַציע: אויסבאָרגן אַ צימער מיט גלאַטע ווענט, אָן פּרעטענזיעס אויף אַ וועלכן ס'איז סטיל. זיי וועלן אַלזאָ דינען אַלס נייטראַלער פאָן פאַר די פּערסאָנאַזשן וואָס וועלן זיין געהעריק קאָסטיומירט און במילא וועט זיך שאַפן די פּאַסיקע אַטמאָספערע פון דער געגעבענער עפּאָכע.

אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד זענען שוין פאָרגעקומען עקספּערימענטן פון באַנוצן קאָטאַרן אין טעאַטער און מיר איז דאָס געווען באַוווּסט פון די טעאַטער־זשורנאַלן.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן די דערפינדערישקייט פון צוקונפטיקן רעזשיסאָר, וואָס האָט לאַנגע יאָרן פון זיין טעטיקייט געמוזט זוכן מיטלען אויף צו פאַראיינפאַכן, עקאָנאָמיזירן און זיך צוצופּאַסן צו די אָרעמע אַרבעטס־באַדינגונגען ביים יידישן טעאַטער: פאַרבייטן שרייענדיקע געשמאַקלאָזיקייט אויף צוּועקמעסיקע באַשיידנקייט.

מיין לעצטע שול־פאָרשטעלונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט. אָט פאַרענדיקן מיר זעקס קלאַסן; מיר באַקומען רייפקייטס־אַטעסטאַטן, מיר ווערן, הייסט עס, דערוואַקסענע מענטשן!

מיטן זיבעטן קלאַס דאַרפן מיר שוין טראַכטן וועגן אַ ספּעציאַליטעט פאַר העכערער בילדונג. „דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, אינזשיניער" — איז די הויפּט־טעמע פון אַלע געשפּרעכן. דער עיקר — דאָקטאָר! צו דער פּראָפעסיע גרייט זיך די גרעסטע טייל פון מיינע שול־חברים.

איך בין פון די געציילטע, וואָס טראַכטן נישט פון קיין הויכשול. מיין אויסגעחלומטער אוניווערסיטעט איז די דראַמאַטישע שולע. דאָס האָט מיר געשאַפן אַ פּריווילעגירטע לאַגע צווישן מיינע חברים און אפילו אַרויסגערופן אַ געוויסן דרך ארץ צו מיר.

בין איך שוין טאַקע געקומען צו דער לעצטער פאָרשטעלונג מעשה אַקטיאָר. אַליין זיך אָנגעטון דעם קאָסטיום פונעם „פּאַררעטער יאַזאָן" און אפילו אַליין זיך גרימירט אויך. פעטער „סראָכאַיעם" איז געשטאַנען הינטער מיר און אַריינגעקוקט אין שפּיגל און ביי מיין יעדן ריר מיט די פינגער מיך געמוטיקט און געלויבט:

— אָט אַזוי, דער שטריך איז גוט! אָט, אָט! און איצט מאַך אַ קנייטש צווישן די ברעמען! אָט דאָס איז עס!...

דער אַקטיאָר שעיהלע ראָטשיין, וועלכער האָט מיך צום ערשטן מאָל גרימירט פאַר דער דאַזיקער ראָלע, האָט באַטראַכט מיין גרים און מיר אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— כ'האָב דען נישט געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַן אַקטיאָר?...

— סטייטש איר האָט געזאָגט? — האָט זיך פעטער „סראָכאַיעם" דערפילט געטראָפן — ווען ער איז נאָך אַלט געווען פינף יאָר, האָב איך עס שוין געזאָגט...

און אָט קומט אַריין שלמה מענדעלסאָן מיט דער בשורה, אַז פּרץ מיט דינעזאָנען זענען געקומען צו דער שול־פאָרשטעלונג. ס'ווערט עפּעס קאַלעמוטנע אויף דער נשמה ווי פאַר אַ שווערן עקזאַמען. איך האָב אין הארצן פאַראיבל אויף מענדעלסאָנען, פאַרוואָס ער האָט עס מיר אָנגעזאָגט! ווען איך וואָלט עס נישט געוווּסט, וואָלט איך היינט זיכער בעסער געשפּילט... ס'איז אַ חילוק, ווען מען האָט פאַר זיך עולם און ווען מען האָט פאַר זיך אַ יחיד. פאַר אַ יחיד איז תמיד שווערער צו שפּילן. דאָס האָב איך שוין דאַן, ביי מיין שילער אַרויסטריט געפילט. אין משך פון מיין פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט האָב איך מיך נישט איינ־

מאָל איבערצייגט אין דעם. ווען מען פלעגט מיר קומען אָנזאָגן, אַז אין טעאַטער געפינט זיך די אָדער יענע פּערזענלעכקייט, איז מיין שפּילן אַרויס בלאַסער ווי געוועגלעך.

די סיבה דערפון איז מיר עד היום שווער פעסטצושטעלן. צו נעמט זיך עס פונעם פאַרלאַנג צו „מאַכן דאָס בעסער" ווי תמיד, צו פאַר־קערט, פון וועלן אַרויסווייזן גלייכגילטיקייט פאַרן פּריווילעגירטן גאַסט. א פאַקט איז אָבער, אַז מיין שפּילן ליידט עד היום צוליב דעם.

ווייס איך טאַקע נישט, צו מיין שפּילן יענעם אָוונט איז געווען בלאַסער ווי „תמיד". איך געדענק נאָר ווי פּרץ האָט מיר נאָך דער פאָרשטעלונג געדריקט די האַנט און געראָטן מיין פאָטער מיך אויסצו־בילדן פאַר אַן אַקטיאָר...

דער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון טאַטנס פּנים, דאַקעגן אונדזער שול־דירעקטאָר מאַגנוס קרינסקי האָט געשיינט פאַר פרייד:

— יאַ־יאַ... הער טורקאָוו, זעען זי, הער פּרץ איזט אַוך מיט דער זעלבער מיינונג!...

נאָך דער פאָרשטעלונג איז געווען צוגעגרייט א פאַרוויילונג מיט טענץ, לעבעדיקע פּאָסט און פאַרשידענע סורפּריזן. צווישן דער גרויסער צאָל יוגנט האָבן זיך געפונען אייניקע מיינע „סימפּאַטיעס", מיט וועל־כע איך פלעג ביי אַזעלכע געלעגנהייטן כאַפּן א פלירט און „געווונען די הערצער".

און אָט האָט זיך צו מיין גרויסער איבערראַשונג אַרויסגעוויזן, אַז י. ל. פּרץ האָט געהאַט פאַר מיינע סימפּאַטיעס מער „צוציאונגס קראַפט" פון מיר און אַלע האָבן זיי געקלעבט אַרום אים ווי בינען אַרום בינשטאָק...

— ס'טייטש — האָב איך מיר געטראַכט, ווו איז יושר, ווו איז לאָגיק! איך בין א בחור אין זייערע יאָרן, ער, דאַקעגן, פּאַסט זיך צו זיין זייער זיידע, לאָזן זיי מיך לויפן און חנדלען זיך גאָר צו אים...

איך בין אָבער נישט געווען דער איינציקער באַוווּלטער יענעם אָוונט. ס'איז געווען נאָך א מענטש וואָס האָט זיך געפילט געקרענקט און האָט דאָס נישט צווייַדייטיק אַרויסגעוויזן, — דאָס איז געווען די פרוי פּרץ.

זי האָט אים איינִיקע מאָל דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אהיים, זי האָט אפילו גאָר נישט דיסקרעט אַ זאָג געטון, אַז מאָרגן וועט ער זיך פילן שלעכט און ס'האַרץ וועט אים ווײ טון... דינעזאָן האָט איר שטילערהייט צוגעהאָלפן, צושאָקלענדיק מיטן ווייסן קאָפּ; ט'הייסט, ער איז מסכים מיט דער פרוי פּרץ, אַז ס'איז שוין צייט אהיים צוגיין:

„אָן עברה צו פּטרן ס'געזונט"...

פּרץ אָבער פלעגט זיך ביי יעדער באַמערקונג נאָך ברייטער צעשמייכלען און זיינע אויגן פלעגן זיך נאָך פייערדיקער צעפינקלען. אַרומגערינגלט פון אַ בוקעט יונגע, צעפלאַמטע מיידלעך, האָט פּרץ ווי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם באַגאַזש פון יאָרן, געשאָטן מיט קאָמפּלימענטן, געשטיפט און געוויצלט זיך ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. מיר די יונגע זענען געבליבן אין הינטערגרונט...

אזוי האָט זיך געענדיקט מיין לעצטע שול־פאַרשטעלונג.

XXI

יאָנאַס מײַן מעצענאַט

ליִיענענדיק צום ערשטן מאָל סטאַניסלאַווסקיס „מײַן לעבן און דער קונסט", האָב איך געטראַכט, ווי גליקלעך זײַ זענען, די אַרטיסטן בײַ די אומות העולם! אַלע טירן שטייען פאַר זיי אָפן, פון אַלע זײַטן קומט מען זיי צו הילף; די מלוכה, די מאַראָזאָווס, די מאַמאָנטאָווס, אפילו דער קלער. זיי האָבן אַלץ, וואָס בײַ אונדז, יידן, איז נישט בנמצא. קיין מעצענאַטן האָבן מיר נישט, די געזעלשאַפט באַציט זיך מיט גלײַכגילט, אָפט מאָל מיט ביטול צום יידישן טעאַטער. דאַקעגן די כלי קודש ווײַזן אַרויס אַ פאַרביטערטן אַנטאַגאָניזם און אפילו שנאה. דאָס שפּיגלט זיך אויך במילא אָפּ אויף דער באַציאונג פון די עלטערן צו די אַספּיראַציעס פון זייערע קינדער.

האָבן דאָך סטאַניסלאַווסקיס עלטערן זאָרגפעליק קולטיווירט זייערע קינדערס פעאיקייטן, פּשוט דערצויגן זיי פאַר צוקונפטיקע אַרטיסטן, ווי מען פלעגט פאַרצײַטנס דערציִען קינדער פאַר צוקונפטיקע פּריסטער. איז דען אַ וווּנדער וואָס אויף די פּרעמדשפּראַכיקע בינעס איז דער קולטור־ניוואָ פונעם דורכשניטלעכן אַקטיאָר פיל העכער פונעם דורכשניטלעכן טעאַטער באַזוכער?

בײַ אונדז, דאַקעגן, איז נאָך עד היום אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט גאָר נישט קיין זעלטענע דערשײַנונג.

וואָס עס דאַרף בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען זײַן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, איז בײַ אונדז אַ צופעליקייט, אַן אויסטערלישע דערשײַנונג.

ווו זאָלן מיר זוכן די שולד פון דעם דאָזיקן פאַרזעעניש? פאַראַן אַ לאַנגע קייט פון סיבות, איינע איז גורם די צווייטע, אַ צווייטע —

די דריטע און דער מקור פון זיי אַלע געפינט זיך געוויס אין די אומנאָר־מאַלע לעבנס־באַדינגונגען פון אונדזער פאָלק. עס פעלט אונדז די איינ־געפונדעוועטקייט אין אייגענעם נאַציאָנאַלן באָדן, וואָס שאַפט במילא נאָרמאַלע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פאַר אַ פאָלקס־קולטור און די געזונטע באַציאונג צו איר.

די מורא פאַר „זיי״, פאַרן באַאיינפלוסט ווערן פון „זיי״, פאַרן נאָכגיין און אויסגעמישט ווערן מיט „זיי״ האָט געשאַפן ביי אונדז פאָר־אורטיילן, כלומרשטע שוץ־מיטלען, וואָס זענען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעצן, אין אַן אייגנאַרטיקן טאַבו, — אַ פעסטונג פון צו־ריקגעשטאַנענקייט.

מיין פאָטער, למשל, האָט אַליין זייער ליב געהאַט דאָס טעאַטער און אונטערבאַוווסטזיניק איינגעפלאַנצט אויך אין אונדז די ליבע צו אים, אָבער מיר, זיינע קינדער, זאָלן זיך ווידמען דעם טעאַטער — וועגן דעם האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן:

— מיין קינד זאָל אַריין צו די הפקר לייט און שלעפּערס, — נישט ביי מיין לעבן!...

דעריבער טאַקע חזרט זיך אַזוי אָפט איבער אין די ביאָגראַפיעס פון יידישע אַקטיאָרן, ווי אַ שאַבלאָנער לייט־מאָטיוו: „דער טאַטע האָט נישט געלאָזט, אַנטלאָפן פון דער היים״...

אויך מיין וועג צום טעאַטער הויבט זיך אָן פונעם דאָזיקן מאָטיוו... דער חילוק אָבער צווישן מיינע פאָרגייער, די אַקטיאָרן פון דעם גאָלד־פאַדן און גאָרדין־פּעריאָד, און מיר איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער.

דערמאָנט אייך אין די „בלאָנדזשנדע שטערן״ פון שלום עליכם. — דאָס קליינע שטעטל. — די סטאַדאָלע, ווו ס'ווערט געשפּילט טעאַטער. — דער „הייליקער דראַנג״ פון גבירס זינדל און חזנס טעכטערל. — די שטשופּאַקס און מוראַווטשיקס און זייער געיעג נאָך „פּרימאַדאָנעלעך״ און „טראַגיקערס״. — דאָס צורעדן צו פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע. — דאָס אַרויסגנבענען פון דער היים אין אַ פינצטערער נאַכט. — די געדעקטע בוידן וואָס לאָזן זיך אין דער וויטער וועלט, מיטפירנדיק מיט זיך די צוקונפטיקע „שטערן״.

וויפֿל נאַאיווע און האַרציקע ראָמאַנטישקייט! אַזוי נאַאיוו ווי יענע יידישע פֿאָלקס־קאָמעדיאַנטן, וואָס גלויבן, אַז „קעניגע" און פּרינצן דאַרפֿן רעדן דייטש... אַזוי נאַאיוו ווי דער עמך־עולם, וואָס גלויבט, אַז די פֿאַרפּוצטע הונגעריקע געשטאַלטן זענען טאַקע פּרינצן און קעניגע... אַז די צעריסענע, פֿון רעגן פֿאַרפֿלעקטע קאָלדרעס און טישטוכער זענען גאָבעלינען אויף די ווענט פֿון פּאַלאַצן... מיין אַנטלויפֿן איז געווען ווייניקער נאַאיוו, אָבער נישט ווייניקער ראָמאַנטיש.

אַנשטאָט צו אַנטלויפֿן אין מיטן דער נאַכט אין אַן אומבאַקאַנטע ריכטונג, בין איך אין אַ געוויסן טאָג צופֿוס אַריבערגעגאַנגען אויף גזשי־באָווסקע 1, וווּ ס'האָט זיך אויפֿן לעצטן שטאָק געפֿונען דער אַטעליע פֿון דעם מאָלער יוסף זיידנבייטל און פֿונעם סקולפּטאָר אברהם אָסטזשעגאַ.

אונדזערע יידישע באָהעמ־לייט האָבן מיך אויפֿגענומען מיט אָפֿענע אָרעמס און ס'איז נאָך אינעם זעלבן טאָג געוואָרן אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד דאָס אָרט פֿון מיין באָהעלטעניש.

הגם איך האָב דאָרט פֿאַרבראַכט נישט מער ווי אַ קורצע צייט האָט זיך אָבער די דאָזיקע צייט איינגעקריצט אין מיין זכרון. עס האָט דאָך אַרויסגערופֿן אַ ווייטע אַסאָציאַציע מיט יענע זאָרגלאָזע טעג אויף דער זומער־וווינונג אין „מאַלי־שווידרעק", ווען איך בין געווען אַן איינגייער אינעם ציגיינער־טאַבאָר און ליב באַקומען דאָס דאָזיקע פֿאָלק אָן „אַ היים און אָן אַ לאַנד". דאָ ערשט איז מיר קלאָר געוואָרן דער באַגריף: ציגיי־נער לעבן. נישט אין דער אויסערלעכער פֿאָרעם, נישט אינעם שטייגער דאַרף מען זוכן דאָס ציגיינערישע. אויך נישט אין דער „צעבראָשטשעט־קייט" און הפֿקרדיקער זאָרגלאָזיקייט, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַ־צייכענען מיטן רוסישן „נאַפּלעוואַט". פֿאַרקערט, אָפֿטמאָל איז דער באַ־העמיער אויסערלעך באַלעבאַטיש און קליינבירגערלעך און אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פֿון פּשוטע שטערבלעכע.

מען דאַרף זיך ערשט באַקענען מיט זייער באַציאונג צו זייער אַר־בעט און צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו איר. דאַן ערשט ווערט קלאָר זייער מענטאַליטעט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זייער „אַנ־דערשקייט".

די אַרבעט שטעלט פאַר מיט זיך דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פון זייער לעבן און צו איר דווקא באַציען זיך אונדזערע באַהעם־לייט מיט דער גרעסטער פּעדאַנטישקייט און אחריות. אַלץ איבעריקס איז צופעליק, צווייטראַנגיק און בכלל נישט וויכטיק.

איז פאַראַן צו עסן — עסט מען, איז נישט פאַראַן ווו צו שלאָפן, קאָנען טרעפן אויך דינען פאַר א געלעגער. אבי ס'איז פאַראַן די לייוונט און דער פּענדזל מיט פאַרבן.

די אַרבעט איז די חיי־שעה, צוליב איר איז כדאי צו לעבן. אַלס אזעלכע האָב איך דערקענט מיינע גאַסטגעבער פאַר דער קורצער צייט פון מיין פאַרברענגען מיט זיי.

דער אַטעליע איז באַשטאַנען פון איין גרויסן זאַל, ווו ס'האָבן געאַרבעט אַסטזשעגאַ און וויינטרויב און א קלענער צימער — פון מיין חבר זיידנבייטל. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון א טאַפּטשאַן, אַן איינגעפאַלן בעטל, אייניקע בענקלעך און א הינקענדיק טישל. דאָס אַלץ האָט זיך אָבער נישט אַרויסגעזען פון צווישן די צענדליקער סטאַלוגעס און שטענדערס פאַר די בילדער און סקולפּטורן. דאָס אויג פון באַזוכער פלעגט ווערן פאַרכאַפּט פון דער אייגנאַרטיקער מאָזאַאיק פון פאַרבן, ליניעס און פאָרמען, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון די ווענט.

דער קאָנטראַסט איז נעווען נאָך שטאַרקער צוליב דעם, וואָס גזשיבאָווסקע 1 האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די רווישיקסטע אַרטעריעס פון יידישן האַנדל. די געגנט גופא איז געווען באַקאַנט מיט איר אייזן־מסחר און במילא מיט אירע פורמאַנעס, בעלי עגלות און טרעגער. איז דאָך אַנטקעגנאיבער געווען אייגעפונדעוועט די לאַנגיעריקע טראַדיציאָנעלע אייזן־פירמע פון דער פּאָפּולערער משפחה פריוועס.

דער טראָטואַר פאַר גזשיבאָווסקע 1 איז געווען אַרומגעשטעלט מיט סטראַגאַנעס און קוישלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם טויער און אינעם לאַנגן הויף פון דאָזיקן הויז זיך פאַרוואַנדלט אין א באַזאַר פון כל טוב: אָנהויבנדיק פון פלייש און פיש און ענדיקנדיק מיט טאַנדייט מלבושים און געניצטע שיך.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט די לופט פאַרהילכט ווערן פון א קרייען פון הענער, אויסרופן פון די פאַרקויפערינס, גערדינגערייי

פון באַלעבאַסטעס, זידלעריי פון בעלי עגלות און געקוויטשעריי פון קינ־דער. דאָס אַלץ פלעגט געווענלעך באַגלייט ווערן פון אַ גרילצן פון קאַ־טאַרינקעס, וואָס האָבן זיך ווי באַמיט אַריבערצושרייען דעם דאָזיקן גע־פילדער און פלעגן סוף כל סוף אַנטשוויגן ווערן הייזעריקע און פאַר־שעמטע: ס'איז נישט געווען פאַר זייערע כוחות...

ווען מען פלעגט אַלזאָ אַדורכשטופּן זיך דורך דעם דאָזיקן גיהנום און אַרויפלויפן אויפן לעצטן שטאָק צום אַטעליע, האָט זיך שוין דער טומל געהערט ווי אַ ווייטער עכאָ. מיטן אַריבערטרעטן די שוועל פלעגט מען אינגאַנצן אין אים פאַרגעסן, אַזוי ווי מען פלעגט פאַרגעסן, אַז ס'איז בכלל פאַראַן אַ גזשיבאָווסקע, מסחר, דאגות פרנסה און די אַלע שווע־ריקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. צוליבן דאָזיקן קאָנטראַסט איז טאַקע די איבעראַשונג פונעם נייעם באַזוכער געווען נאָך שטאַרקער און די באַוווּנדערונג פאַר די קינסטלער נאָך גרעסער.

איך פלעג דאָרט נאָך פון פריער זיין אַן אָפטער אייגייער, ספּעציעל ביי יוסף זיידנבייטל, מיט וועלכן ס'האָט מיך געבונדן אַ טיפע פריינט־שאַפט. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיין סכסוך מיטן טאַטן און וועגן מיין באַשלוס צו אַנטלויפן פון דער היים, האָט ער מיר מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל פאַרגעלייגט:

— וואָס דאַרפסטו לויפן, קום צוגיין צו אונדז און זיי מיט אונדז...

איך האָב מיך וועגן דעם בעראַטן מיט יאַנאַסן, ער האָט מסכים געווען מיטן דאָזיקן פּלאַן. אפילו מיין מאַמען האָב איך אַנטפּלעקט מיין „סוד", האָב אַ קוש געטון אירע פאַרוויינטע אויגן און בין אין באַגלייטונג פון יאַנאַסן „אַנטלאָפן" אויף גזשיבאָווסקע 1.

דער טאָג פלעגט דאָרט פאַרטיילט ווערן אין דרייען: פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט, אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך געווען ליכטיק, האָט מען גע־אַרבעט. פאַרנאַכט פלעגט מען פאַרברענגען אויסערן אַטעליע און ביינאַכט, ווען דער באַזאַר איז איינגעשלאָפן און ס'טויער איז געוואָרן פאַרשלאָסן, האָט מען זיך געלאָזט „זוכן" פּראָדוקטן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

די דאָזיקע עכט ציגיינערישע עקספּעדיציעס האָבן געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערן רייץ.

שטעלט איך פאָר אַ בילד: שפּעט ביינאַכט. פינצטער אויף די טרעפּ.

און אט עפנט זיך שטיל די טיר פון אטעליע און א צוויי, דריי יידישע „ציגיינער" לאזן זיך פארזיכטיק אראפ צום קעלער. מען טאפט אין דער פינצטער, — אנצינדן א שוועבעלע טאר מען נישט, ווייל דער נאכטווערכטער קאן עס באמערקן, — און מען זוכט א נישט פארשלאסענעם שפייכלער, אן אפענעם פאס... און אט הערט זיך עמעצנס פארשטיקטע שטימע: „קארטאפל"! — באלד א צווייטע: „קרויט"! א דריטע: „הערינג"... און אין א פאר מינוט ארום קערט זיך די עקספעדיציע אום מיט א רייכן פאנג, וואס זאגט צו אויף מארגן א געשמאקן אנבייסן, א נאכטעסן און, דער עיקר, א קארטאפלאנקע פארן קליינעם יינגעלע מיט די גרויסע, טונקעלע אויגן, וואס פאזירט זיידנבייטלען צום שפעטער באריםט־געווארענעם פארטרעט. אונדזערע קינסטלער האבן נישט געהאט קיין געלט צו צאלן זייערע מאדעלן, האבן זיי זיך אויסגעזוכט אזעלכע, וואס פלעגן גערן פאזירן פאר א געשמאק ביסל עסן, אדער אוים ליבע צו דער קונסט.

צווישן די לעצטע זענען געווען אייניקע יונגע שרייבער, זשורנאליסטן, א האלב־פאראליזירטער פוילישער צייטונגס־פארקויפער מיט א גרויסער בלום אין לאץ, — א פאפולערע געשטאלט אין די ווארשעווער גאסן און אייניקע עקזאלטירטע מיידלעך, וואס האבן געהאט א שוואכקייט צו קינסטלער. ווען איך האב מיך באזעצט אויף גזשיבאווסקע 1 האב איך דעם זעלבן טאג גענומען פאזירן זיידענבייטלען צו א בילד אונטערן נאמען „מעפיסטא". איך האב דערצו מיך גרימירט אלס „אוריאל מזיק" און א האלב נאקעטער זיך אוועקגעשטעלט אין א „טייוולאנישע פאזע", קוקנדיק אראפ מיט טיפער פאראכטונג אויפן נארישן אוניווערס. פון צייט צו צייט פלעג איך אפרייסן מיין בליק פונעם „אוניווערס" און זיך צוקוקן צו זיידנבייטלען.

ער פלעגט בעתן מאלן צוברומען א חסידישן ניגון און אים פארשידנארטיק און זייער מוזיקאליש וואריאירן. זיין לאנגער קאפ איז געווען פארטונקען אין געדיכטן רויך פון פאפיראסן, וועלכע ער פלעגט כסדר רויכערן. אפט פלעגט דאס געזאנג איבערגעריסן ווערן פון א שטארקן הוסט, אן אנזאג פונעם טובערקולאז, וואס האט אין אייניקע יאר ארום פארשניטן זיין יונג לעבן. נאכן אפהוסטן פלעגט ער ארומווישן דעם שווייס פונעם

בלאַסן פּנים, פאַרגראָבן אַ האַנט אין די געדיכטע קרויזן און מיט פאַר־זשמורעטע אויגן באַטראַכטן דאָס בילד. אַ ווײַלע שטיל און פּלוצלינג רופט ער זיך אָן מיט אַ גמרא ניגון: — „דאַרף מען, הייסט עס, דאַרף מען, הייסט עס"... און ווידער טוען אַ בליץ די פײַערלעך אי"ן זײַנע אויגן און ווידער הילט אַרום אַ געדיכטער ניקאָטין־וואָלקן זײַן קאָפּ און דער פּענדזל הייבט אָן צו שפּרינגען פון פּאַליטרע צום לייוונט, פון לייוונט צו פּאַליטרע. ביז אַ צווייטן הוסט, ביז אַ צווייטער אָטעם־פּויזע.

ווען דאָס בילד איז געוואָרן פאַרענדיקט, האָבן מיר עס געהעריק „באַגאָסן" און ער האָט עס מיר אָוועקגעשאָנקען צום אָנדענק פון אונ־דזער געמיינזאַמען גזשיבאָווסקע.

אין יאָרן שפּעטער פלעג איך אויסבאָרגן דאָס בילד פאַר ייִדנבייטלס אויסשטעלונגען און עס געהאַלטן בײַ מיר ווי אַ הייליקן אָנדענק נאָך אַ האַרציקן חבר און גרויסן קינסטלער.

די צייטן האָבן עס חרוב געמאַכט צוזאַמען מיט גזשיבאָווסקע 1, צוזאַמען מיטן שטיין אויף זײַן קבר, איינע פון די געציילטע פאַרניכטעטע מצבות אויפן גענשער בית־עולם.

אַ חוץ די „ערן־מאָדעלן" פלעגן אויך, ווי געזאָגט, באַזוכן דעם אַטעליע פּראָפעסיאָנעלע און האַלב פּראָפעסיאָנעלע מאָדעלן. צו די לעצטע האָט געהערט דאָס קליינע ייִנגעלע מיט די גרויסע אויגן, וואָס איז געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג. דאָס דאָזיקע ייִנגעלע האָט געהאַט אַ שוואַכ־קייט צו „קאַרטאָפלאַנקעס", וועלכע ייִדנבייטל פלעגט קאָכן מיט אַ באַזונדער מייסטערשאַפט.

נאָך מײַן באַזעצן זיך אין אַטעליע זענען די „קאַרטאָפלאַנקעס" גע־וואָרן ביז גאָר געשמאַק, ווײַל די מאַמע פלעגט מיטשיקן מיט יאַנאַסן זאַלץ פּעפּער און, דער עיקר, ברויט, אויף וועלכן מיר אַלע זענען געווען גרויסע בעלנים.

אַ חוץ דעם פלעגט יאַנאַס בײַ יעדן באַזוך אונדז איבערלאָזן אַביסל קליינגעלט. און אַזוי־אַרום האָט מײַן אַנטלויפן פון דער היים אַריינגע־בראַכט די „זיבן גוטע יאָר" אין אַטעליע.

יאַנאַס איז דורכדעם געוואָרן מײַן מעצענאַט און אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז ער ביז איצט געווען מײַן איינציקער מעצענאַט...

זיגמונט (לינקס) און יאָנאַס (רעכטס) טורקאָוו
אין יאָר 1913

XXII

איינפלוסן פון מייסטער

מיט דער מאַמען און מיט די ברידער און שוועסטערלעך פלעג איך מיך טרעפן ביים פעטער גוטמאַן. איך האָב אַפילו געקאָנט אַהיימקומען ווען דער פאָטער איז געווען אין גאַס, האָט ער זיך אָבער געקאָנט דערפון דערוויסן און דאָס גאַנצע „אַנטלויפן״ וואָלט פאַרלוירן דעם עפעקט. ווען אָבער אונדזערע שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו אינטערעסירן און צוצושטיין צום פאָטער, פאַרוואָס מען זעט נישט זיין עלטסטן זון, פלעגט עס האָבן די געהעריקע ווירקונג. יאָנאַס פלעגט מיר יעדן טאָג ברענגען באַריכטן פון „פראָנט״, ווי מיר האָבן גערופן די היים און לויט זיין מיינונג, וועט דער טאַטע נישט אָנגיין לאַנג מיט זיין עקשנות.

אונדזער אָרעמע מאַמע איז געווען די אַממייסטן געליטענע פון דער גאַנצער אַוואַנטורע. דער טאַטע פלעגט צו איר אויסלאָזן דעם כעס: דאָס האָט זי אונדז קאַליע געמאַכט מיטן נאָכגעבן מיינע אַקטיאָרישע אַמ־ביציעס... אויך דער פעטער סראָכאַיעם האָט באַקומען דאָס זייניקע — איז ער דאָך געווען דער ערשטער צו אַנטדעקן אין מיר דעם „טאַלאַנט״...

צום סוף האָט דער פעטער ישראל־חיים אַ געוויסע צייט אויפגעהערט צו באַזוכן אונדזער היים. דאָס האָט נאָך מער עגמת נפש פאַרשאַפט דער מאַמען, וועלכע האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ווי פאַרלאָזן און הילפ־לאָז. איך פלעג זי ביי אונדזערע באַגעגענישן פרווון צו דערמוטיקן, דאָס זעלבע פעטער גוטמאַן און די איבעריקע קרובים, ביי וועלכע די מאַמע איז געווען שטאַרק באַליבט. דאָס איז אָבער געווען פאַר איר בלויז אַ דערוויילִיקע דערלייכטערונג, אַ היים פלעגט זי גיין מיט אַ געבראָכן געמיט.

די סימפּאַטיע וואָס די קרובים פלעגן אַרויסווייזן דער מאַמען האָט

נאָך מער אויפגערעגט דעם טאַטן און ער האָט זיך כמעט איזאָלירט פון דער גאַנצער משפּחה. אויך זיין נאָענטן פריינט מאַגנוס קרינסקין האָט ער אָנגעהויבן אויסצומיידן, — ווען נישט די טעאַטער־פּאַרשטעלונגען אין זיין שולע, וואָלט דאָך נישט געקומען צו די צרות. הלוואי וואָלט ער מיך בעסער געלאָזט ביי מוראַוולאָוון! אמת, דאָרט האָט מען געמוזט לערנען אום שבת, איז מען דאָך אָבער דערפאַר פון דאָרט אַרויס אַ לייט...

קרינסקי האָט געזוכט אַ באַגעגעניש מיטן טאַטן, גלויבנדיק צו ווירקן אויף אים מיט זיין אויטאָריטעט. אין דער זעלבער צייט האָט ער מיר רעקאָמענדירט גוט באַצאָלטע לעקציעס, וואָס זענען מיר גאָר שטאַרק צונויץ געקומען אויף צו באַזוכן טעאַטערס...

צו יענער צייט איז גראָד געווען אַ שפּע פון רוסישע גאַסט־שפּילן. אויך אונדזער וואַרשעווער „ראָזמאַאיטאָשטשי" האָט דורכגעמאַכט זיין אינטערעסאַנטן בעל־פּעריאָד. ס'איז אַראָפּגעקומען פון פּעטערסבורג דאָס באַרימטע אַלעקסאַנדער טעאַטער מיט אַזעלכע קינסטלער ווי: וויעדרינסקאַיאַ, טימע, אַפּאָלאָנסקי, יאַקאָוולעוו, יוריעוו און גריגאָרי גע. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער זעלבער גריגאָרי גע גאַסטראָלירט ביי אונדז מיט זיינס אַן איינענער טרופּע פון דריטראַנגיקע אַקטיאָרן. דער דאָזיקער גע איז נישט נאָר געווען אַן אינטערעסאַנטער אַקטיאָר, נאָר אויך אַ פּאַרפאַסער פון אַ גאַנצער רייע אָריגינעלע פּיעסן, וועלכע ער האָט ביים דאָזיקן באַזוך געשפּילט. פון דער גרויסער צאָל פּיעסן פון סענסאַציאָנעלן, מעלאָדראַמאַטישן כאַראַקטער האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט: „טריליבי", „די קיך פון דער מכשפה" און „עקזעקוציע" (קאַזן) וואָס זענען צו יענער צייט געשפּילט געוואָרן פון אַלע גרעסערע און קלענערע גאַסטראָליאָרן. איך האָב געזען אין די זעלבע פּיעסן די אַדעלהיימס, יוליוס אַדלער, לעאָניד סאָקאָלאָוו און דעריבער איז געווען גרויס מיין אינטערעס צו זען אין זיי דעם מחבר אַליין.

זיין „סווענגאַלי" האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן רושם, הגם איך האָב געהאַלטן, אַז די אויסערלעכע מיטלען מיט וועלכע ער באַנוצט זיך זענען ביליק, אויסגערעכנט צו געפעלן דער גאַלעריע. אַן אַקטיאָר מיט אַזאַ טעאַטער־קולטור, מיט אַזעלכע נישט דורכשניטלעכע אויסדרוקס־מעג־

לעבקייטן, וואָלט זיכער געקאָנט מער ווירקן און איבערצייגן אָן דעם גלאָצן מיט די אויגן, אָן די טראַדיציאָנעלע איבערגענג פון פּיאַניסימאָ ביז די העכסטע פאַלצעטן, גלייך ווי ער וואָלט דעמאָנסטרירט די שטאַרק־קייט פון זיין אָטעם, דעם דיאַפּאַזאָן און עלאַסטישקייט פון זיין שטימע. איך האָב מיר געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס דער זעלבער אַקטיאָר, שפּי־לנדיק אינעם אַנסאַמבל פון אַלעקסאַנדרינער טעאַטער, רעדט אַזוי פּשוט, נישט אַפעקטירט, גלייך ווי ער וואָלט פאַר זיך נישט געהאַט קיין טעאַ־טער־זאַל מיט אַן עולם, וועלכן מען דאַרף געפעלן? פאַרוואָס באַמיט ער זיך נישט דאָרט אויסצוטיילן פון די איבעריקע מיטשפּילער מיט מיזאַנ־סצענעס וואָס רוקן אים בכיוון אַרויס צום פאָרנט פון דער בינע און די איבעריקע אַקטיאָרן ווערן געהאַלטן אויפן צווייטן, אָדער דריטן פּלאַן? און ענדלעך, פאַרוואָס צייכענען זיך אין אַלעקסאַנדרינער טעאַטער אויס אַלע אַקטיאָרן אָן אויסנאַם, אַפילו די וואָס שפּילן די קלענסטע ראָלן אין עפּיזאָדן, דאַקעגן אין זיין טרופּע צייכנט זיך אויס נאָר ער אַליין און די איבעריקע ווערן כמעט נישט באַמערקט?

מיר האָבן פיל דיסקוטירט מיט חברים וועגן דעם און ס'האָט דאַן פאַר אונדז אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן דער אונטערשיד פון אַן אַנסאַמבל־טעאַטער און אַ גאַסטראָלאָרן טרופּע.

אינעם ערשטן שטייען אַלע — פונעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן אין דינסט ביים טעאַטער. דאַרף דאָך טעאַטער מיט זיך פאָרשטעלן אַ קאָלעק־טיוון צוזאַמענשפּיל!

דאַקעגן ביי אַ גאַסטראָלן־סיסטעם שטייט אַלץ אין דינסט ביי איין פּערזאָן, דעם גאַסטראָלאָר! ער דאַרף דאָס מיט זיין ליכט פאַרטונקלען אַלץ אַרום און וואָס טונקעלער ס'איז אַלץ אַרום, אַלץ העלער לייכט זיין שטערן. ס'איז אַלזאָ אַ שפּיל פון אַ סאָליסט־ווירטואָז, נישט פון קיין קאָלעקטיוו. ס'איז טעאַטער געבויט אויף אַ ראָלע, נישט אויף קיין פּיעסע.

אין יענער צייט האָבן מיר אויך באַוווּנדערט איינעם פון די גרעסטע בינע־ווירטואָזן, דעם רוסישן טראַגיקער מאַמאָנט דאַלסקי. זיין „פאָטער" פון סטרינדבערגן איז געווען אַ שעדעוור פון אַקטיאָרישער קונסט. להיפוך צו גריגאָרי גע, האָט ער אימפּאָנירט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פּשטות. ער האָט אויף זיין אַקטיאָרישער פּאַליטרע געהאַט אומאויסשעפּלעכע

אוצרות פון טענער און גאַמען, וועלכע ער פלעגט אַנטפּלעקן מיט די באַ־שיידנסטע, כ׳וואָלט זאָגן, אַנטיטעאַטראַלישע מיטלען. דער צושויער האָט באַקומען צוטרוי צו אים, ער איז אים געוואָרן נאָענט, אַ פריינט, וואָס נעמט דעם טיפסטן אָנטייל אין זיין גורל. אַזוי ווי מען פירט אַ קליין קינד פאַרן האַנט און מען ווייזט אים פאַרשידענע וועגן און סטעזשקעלעך פון אַ געדיכטן פּאַרק, אַזוי האָט דאַלסקי אַריינגעפירט דעם צושויער אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דעם ריטמייסטערס נשמה.

מיט אייזערנער לאָגיק און מאַטעמאַטישער קאָנסעקווענץ אַנטפּלעקט ער פאַר אים זיינע ספיקות און ראַנגלענישן און דערפירט ביז דער אויס־זיכטלאָזער רעזיגנאַציע און אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך. דער איינדרוק פון זיין אומקום איז טאַקע געווען נאָך טיפער צוליב זיין זעלטענער אויסערלעכקייט: אַ באַגייסטערטע, אויסדרוקספול פּנים וואָס גיט איבער, ווי אַ פּרעציזער סייסמאָגראַף, אַלע ענדערונגען אין זיין געמיט, שטי־מונגען און וואַקלענישן. אַ פיגור פון אַ ריז, וואָס קאָן, דאַכט זיך, פון קיין שום אויסערלעכן כוח נישט איינגעבראָכן ווערן, וואָס קאָן בייקומען די שווערסטע קלעפּ פונעם גורל, — און דעריבער איז טאַקע טיפער אונדזער מיטגעפיל און וויי‌טיק, ווען דער דאָזיקער טיטאַן פאַלט אונטער די קלעפּ פון דער אויסערלעך שוואַכער פרוי.

מיר איז אין אַ צייט אַרום אויסגעקומען צו זען אין דער זעלבער פּיעסע דעם גלענצנדיקן פּוילישן אַקטיאָר אַדוועטנטאָוויטש. די ראָלע פון זיין פרוי לאַורא האָט געשפּילט נאַטאַליאַ שעניצקאַ. שעניצקאַ איז אָבער געווען אַ גרעסערע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייט פון אַדוועטנטאָוויטשן און — נישט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער געשטאַלט וואָס זי האָט פאַרקערפּערט — האָט זי באַוויזן אָפּצוציען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. דער ריטמייסטער (דער „פאָטער״) איז אַלזאָ געוואָרן אַ צווייט־ראַנגיקע געשטאַלט און די פרוי — די צענטראַלע פיגור. איך האָב דע־מאָלט געטראַכט: ווי וואָלט געווען ווען דאַלסקי שפּילט די פּיעסע מיט אַזאַ אַקטריסע ווי שעניצקאַ און אַלע איבעריקע זענען אויך אַקטיאָרן פון דער זעלבער מדרגה?

אַזאַ טעאַטער איז געוואָרן מיין אידעאַל. אונדזער גרופּע יונגוואַרג האָט געחלומט אין דער צוקונפט אים צו שאַפן. ערשט ווען איך האָב מיך

פראָפעסיאָנאַליזירט און נענטער דערקענט דעם אַקטיאָר און זיין אומ־באַגרענעצטן אינדיווידואַליזם. האָב איך פאַרשטאַנען ווי שווער ס'איז דעם דאָזיקן אידעאַל צו פאַרווירקלעכן.

די גאַסטשפּילן פון די גרויסע אַקטיאָרן־ווירטואָזן האָבן אויך געהאַט אַ געוויסע נעגאַטיווע ווירקונג אויף מיין אַנטוויקלונג.

איך האָב געזוכט איבערצונעמען ביי די דאָזיקע מייסטער די אויסער־לעכע זייט פון זייער שאַפן, די מיטלען, די טעכניק, וואָס קומט ערשט מיט דער צייט, מיט יאָרן אָנגעשטרענגטער און סיסטעמאַטישער אַר־בעט; דאַקעגן די נשמה פון געגעבענעם פּערסאָנאַזש, זיין אינערלעכע קאָמפּאָזיציע און אַנטוויקלונג האָב איך פאַרזען.

איך האָב פון אויסערלעכע איינצלהייטן געוואָלט ארויסבאַקומען כאַ־ראַקטער און נישט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע אויסערלעכע זייט דאַרף זיין אַ פועל־יוצא פון זיין אינערלעכער סטרוקטור.

אויך שפּעטער, אין דער דראַמאַטישער שולע, האָבן מיך די פּראָ־פעסאָרן נישט געלערנט צו זוכן און צו אַנטפּלעקן די נשמה פון פּער־סאָנאַזש. צום גליק איז מיר געווען באַשערט אין מיין פריסטער בינע־יוגנט זיך צונויפצוטרעפן מיט אסתר רחל קאַמינסקי און זי האָט מיר אונטערבאַוווסטזיניק געוויזן דעם וועג צום מ ע נ ט ש ן, צום א מ ת אויף דער בינע.

דאָס פּוילישע טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" איז געווען אונדזער ערשטע גרויסע שולע פון דראַמאַטישער קונסט. ביז היינט צו טאָג — זעענדיק גרויסע וועלט־טעאַטערס ביי פאַרשידענע פעלקער — קומט מיר תמיד אויפן געדאַנק דער וואונדערבאַרער אַנסאַמבל פון דעם אַמאָליקן וואַרשעווער טעאַטער. אין רעטראָספּעקטיוו פון אַזוי פיל יאָרן איז נאָך דער איינדרוק אַזוי פריש און שטאַרק, גלייך ווי איך וואָלט אים ערשט נעכטן איבערגעלעבט. אַזאַ אַנסאַמבל קאָן בלי ספק געשאַפן ווערן איינ־מאָל אין אַ יובל. ס'איז טאַקע געווען אַ גערעטעניש אויף גרויסע אַקטיאָ־רישע פּערזענלעכקייטן אין איראָפּע און טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" האָט פאַרנומען דאָרט אַן ערשטן אָרט.

פון דער פּלעיאַדע גרויסע מייסטערס וועט מיר קיינמאָל נישט פאַרווישט ווערן פון זכרון דער געניאַלער קאַזשימיעזש קאַמינסקי. דער

דאָזיקער אַקטיאָר איז געווען אַ רעטעניש. אויב מען קאָן באַנוצן דעם אויסדרוק: פֿאַרקערפּערן זיך אין אַ ראָל, איז ער געווען דער מייסטער פֿון דער דאָזיקער קונסט. דער מענטש פֿלעגט זיך לחלוטין אויסטאָן פֿון זיין הויט, פֿון זיין „איך" און זיך פֿאַרוואַנדלען סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך אין אַ גאַנץ אַנדערע געשטאַלט. זיין פֿאַרוואַנדלונגס־קראַפֿט איז דערביי געווען אומבאַגרענעצט. נישט געווען דער אַזוי גערופֿענער אַמפּלוא, אָדער זשאַנר. היינט אַ דאָן־זשואַן פֿון אַ לייכטן פֿאַרס, מאָרגן — דער פּראָקוראָר האַלער, וואָס פֿירט אַ טאָפּלט־לעבן: פֿון אַ באַשיידענעם באַאַמטן און אַן אונטערוועלט מענטש.

דאָ זעען מיר אים אינעם כינעזישן דעספּאָט „מאַנדאַרין ווו" און דאָ ווידער אין דעם לייכטזיניקן הויכשטאַפּלער כלעסטאַקאָוו. פֿון קאָמישן אַלטן „רייכן פּעטער" ביזן סאַרקאַסטישן פֿילאָזאָפֿירנדיקן מעפֿיסטאָ. פֿון יונגן האַמלעט ביזן אַלטן שיילאָק.

און אין יעדער ראָלע זעט איר אַ גאַנץ אַנדערן מענטש. לויט זיין מענטאַליטעט, לויט זיין טעמפּעראַמענט, שטימע, פֿיגור, באַוועגונג. קאַמינסקי האָט אויף אַ געניאַלן אופֿן גרימירט נישט נאָר זיין פּנים, נאָר אויך זיין נשמה און זיין גוף.

יעדע געשטאַלט זיינע פֿלעגט איבעראַשן מיט איר אייגנאַרטיקער ריטמישקייט און פּלאַסטיק. ער איז נישט געווען קיין אַקטיאָר פֿון סטיכישן טעמפּעראַמענט. זיין אינערלעכע אויסדרוקס־קראַפֿט האָט אָבער מער געווירקט פֿון אַלע סטיכישע אויפֿברויזן. ער האָט געווירקט קודם כל מיט דער לאָגישער אַנטוויקלונג פֿון זיין ראָל, מיט דער רואיקייט פֿון איר אינטערפּרעטאַציע און מיט דער אמתדיקייט פֿון זיינע אַרגומענטן. ער האָט אייך איבערצייגט, ווייל ער האָט אייך לכתחילה געמאַכט גלויבן אין זיין אמת. דער עיקר — ער האָט אַליין געגלויבט אין אים;

עס פֿלעגן אַרומגיין לעגענדעס וועגן אופֿן פֿון צוגרייטן און שטודירן זיינע ראָלן. ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ סך גוזמאות אין די אַלע קלאַנגען, אָבער ביי אַ לעגענדע קען דאָך אַנדערש נישט זיין. אַ פֿאַקט איז, אַז קאַזשימיעזש קאַמינסקי איז שוין ביים לעבן געוואָרן לעגענדע.

אַמטיפֿסטן האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון זיין „שיילאָק".

אַמ גייט זיך איבערן ריאַלטאָ אַ הויכער, מאָגערער ייד אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטעקן. טיפע קנייטשן אויפן הויכן שטערן און בלאַסן פּנים. די גרינע אויגן האַלב פאַרזשמורעט, פאַרטיפט אין מחשבות. עס גייט אים גאָרנישט אָן ארום — ער קוקט נישט אויף די פאַרבייגייער, ער הערט זיך נישט צו צו די פריילעכע קולות פון דער גאַס.

צי טראַכט ער איצט וועגן אַ תכלית פאַר זיין הייס־געליבטער בת־יחידה? צי איז ער באַאומרואיקט וואָס זיין טאָכטער חברט זיך מיט די זעלבע לייט וואָס אונטערדריקן זיין פאָלק און לאַכן אָפּ פון זיין אמונה? צי טראַכט ער גאָר ווי אַזוי צו באַוואָרענען זיין האָב און גוטס, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף הפקר און יעדער איינער קאָן אים באַרויבן אומ־באַשטראָפט? אָדער אפשר מחט ער זיך איבער אַ שווערע פּלוגתא פון דער גמרא, וועגן וועלכער ס׳איז היינט אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח אין בית־המדרש? — קיינער קען נישט ארויסלייענען וואָס עס קומט איצט פאַר אינעם מוח פון דעם פאַרטראַכטן ייד מיט די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און פאַרביסענע ליפּן. איינס איז קלאָר: ער איז אַזוי אַנדערש פון דער ארומיקער עולם־הזהדיקייט און צעלאָזנקייט, — נישט נאָר מיט זיין לאַנגן פּערסישן כאַלאַט, מיטן קליינעם מיצל איבער די געדיכטע פּיאות, נאָר אויך מיט זיין גאַנצן וועזן, מיט זיין וועלט־באַנעם און לעבנס־חכמה. אויף אים קאָנט איר זיך פאַרלאָזן. צו אים קאָנט איר האָבן צוטרוי. נישט נאָר אָפּגעקומענע לעב־יונגען קומען צו אים נאָך אַ הלוואה, נאָר אויך אָנגעזעענע פּריצים נאָך אַן עצה אין וויכטיקע פאַ־מיליע־ אָדער מלוכה־ענינים. ער שטעקט דאָן אריין צוויי פינגער פון זיין אויסגעצערטער האַנט אין ברייטן גאַרטל פון זיין כאַלאַט, קוקט ווייט פאַר זיך מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן, וועגט איבער אין דער שטיל די געדאַנקען איידער ער זאָגט זיי ארויס און נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת דערהערן זיך שטילע, געציילטע ווערטער, — יעדעס וואָרט אויפן וואָג פון גאָלד. די דאָזיקע ווערטער מעגט איר גלויבן.

אזא איינדרוק מאַכט אויף אייך קאַמינסקי־שיילאָק ביי זיין ערשטן באַווייזן זיך אויף דער ריאַלטאָ. איר באַקומט תיכף דרך־ארץ פאַר אים: דער מענטש טראָגט אויף זיך אַ שווערן חותם פון ליידן, לעבנס־דערפאַ־רונג און אויסדויער. אמת, ס׳איז שווער זיך צו דערנענטערן צו אים, ער

איז פאַרמאַכט אין זיך אויף זיבן שלעסער, אָבער איר נעמט דאָס אים נישט פאַר אומגוט, פאַרקערט, איר באַקומט צו אים אַ טיפן מיטגעפיל. געווינט נאָר זיין צוטרוי, און איר וועט האָבן אין אים אַ קלוגן פריינט און ראַטגעבער.

און אָט באַווייזן זיך פונדערווייטנס אייניקע יונגע אַדלליִט. ער קען זיי — ער איז שוין נישט איינמאָל געווען דער אָביעקט פון זייער אָפּחוזקן. נישט איינמאָל האָבן זיי אים די באָרד געריסן בלומרשט אין שפּאַס, אָבער דער שפּאַס איז געווען אומגעהויער ווייטיקדיק. זייער חוצפּה האָט נאָך מער ווי געטון פון די פּיזישע יסורים. אפשר ווילן זיי אויך דאָס מאָל מאַכן מיט אים אַ שפּאַס — ס׳איז דאָך קאַרנאַוואַל־צייט — ווען ס׳איז אַ מצווה צו שפּאַסן...

שײַלאָק פאַרשנעלערט די טריט, כדי צוצוקומען צום בריקל. זיי פאַרלויפן אים דעם וועג. ער בלײַבט שטיין אין דערוואַרטונג, אויפמערקזאַם און ווירדיק.

אָבער בחינם זיין אומרואיקייט: זיי דאַרפן גאָר זיין טובה, זיי דאַרפן אַ הלוואה... דערפאַר, הייסט עס, רייסן זיי אים נישט פאַר דער באָרד; דערפאַר, הייסט עס, שפּייען זיי אים נישט אין פּנים און רייצן נישט אָן אויף אים די הינט...

און דעם תּמיד ערנסטן שײַלאָק פאַרגלוסט זיך פּלוצלינג אויך צו מאַכן אַ שפּאַס... ס׳איז דאָך זייער טבע זיך לוסטיק צו מאַכן איבערן שוואַכערן... די ראָלן בייטן זיך. איצט איז ער דער שטאַרקערער און זיי די שוואַכע. זאָלן זיי פּילן דעם טעם פון דעם אָפּגעלאַכטן. ער שטעלט זיי אַ בלוטיקן באַדינג. פאַר אים איז עס נישט מער ווי אַ שפּאַס. אים איז דאָך דערווידער דער אָנבליק פון בלוט, ס׳איז קעגן זיין מאָראַל, קעגן יידישער עטיק. זיי אָבער נעמען דעם שפּאַס פאַר ערנסט. ביי זיי איז אַזאַ האַנדלונג אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַזוי ווי ס׳זענען זעלבסט־פאַרשטענדלעך די טאָרטורן און פּייניקונגען אין נאָמען פון גאָט, ווי ס׳איז פאַרשטענדלעך צו לייזן דעם קלענסטן חלוקי־דעות מיטן שווערד אין האַנט. און דער פּוילישער קינסטלער קאַמינסקי אַנטוויקלט די דאָזיקע ליניע מיט אַן אייזערנער קאָנסעקווענץ. אויפן זעלבן אופן חוזקט ער אָפּ

פון געריכט, אויפן זעלבן אופן איז ביי אים נישט מער ווי אַ קאָמעדיע די סצענע מיטן מעסער.

ער גייט אָפּ פון געריכט נישט קיין פאַרשפּילטער נאָר פאַרקערט, אַ טריאומפירנדיקער איבער דער פאַרקויפטער יוסטיץ און צעווילדעוועטע זיטן פון זיינע פאַרפאָלגער. מיר זענען צופרידן מיט דעם שפּאַס, וואָס ער האָט זיך געמאַכט איבער די קליינקעפּלדיקע ווענעציאַנער אַריסטאָ־קראַטן. ער האָט מיט זיי אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע פון אַנטפּלעקן זייער פּוסטקייט, נאַרישע גאווה און געפאַלענער מאָראַל. נישט בחינם האָט שעקספּיר באַצייכנט דאָס שטיק אַלס קאָמעדיע. אפשר האָט אויך שעקס־פּיר זיך אַזוי פאָרגעשטעלט די דאָזיקע פּאַסירונג, להיפּוך צו דער פיינט־לעכער איינשטעלונג פון זיינע מיטצייטלער צו יידן. קאַזשימיעזש קאַמינסקי האָט יעדנפאַלס רעהאַביליטירט שיילאָקן און אנשטאט אים פאָרצושטעלן אַן אויסגעלאַכטן און פאַרשפּילטן, האָט ער אים דערהויבן צו אַן אָפּלאַכער פון זיין קאָרומפּירטער און געפאַלענער סביבה.

איך שטעל זיך אָפּ אַזוי פיל אויף דער פאַרקערפּערונג פון שיילאָקן דורך דעם גרויסן פּוילישן אַקטיאָר קאַמינסקי, ווייל ער האָט געדינט אַלס שולע פאַר אַ גאַנצער פּלעיאַדע עלטערע און יינגערע אַקטיאָרן מיט מיר בתוכם. צו שאַפן אַ ראָלע „אַ לאַ קאַמינסקי" איז געווען די אַמביציע פון יעדן כאַראַקטער־אַקטיאָר. אויך איך האָב געשאַפן אַ רייע ראָלן, האַבנדיק שטענדיק פאַר זיך אַלס מוסטער קאַזשימיעזש קאַמינסקין. צו די דאָזיקע ראָלן געהערן: גריוועס אין „טערעזאַ ראַקען", פּראָקאָפּ אין „דאָרפס־יונג", דער אַלטער אינעם „טייוול לאַכט", אברוש אין דער „נבלה", דער פּריץ אין „מאָטקע גנב" און כלעסטאַקאָוו אין „רעוויזאָר".

אַ חוץ דעם איז כדאי צו דערמאַנען צום גוטן אַ פּוילישן אַקטיאָר, וועלכער האָט געוואַגט אין אַ צאַרישן מלוכהשן טעאַטער צו געבן אַזאַ מענטשלעכע אינטערפּרעטאַציע פון „שיילאָק".

האָט דאָך אינעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן דער גרויסער אַקטיאָר סטעפאַן יאַראַטש, אַ באַקאַנטער און אויפריכטיקער דעמאָקראַט, גע־שפּילט שיילאָקן לויטן געשמאַק פון דער פּוילישער רעאַקציע און אַנטי־סעמיטיזם.

דער זעלבער יאַראַטש, וואָס האָט געקאָנט אויף אַזאַ דערשיטערנ־דיקן אופן שילדערן אַ טיף־מענטשלעכן יהודה איש קריות, און וואָס האָט אין די געטאָ־יאָרן אַזוי ווירדיק מאַניפעסטירט זיינע סימפּאַטיעס צו יידן, האָט זיך נישט געקאָנט דערהויבן צו דער זעלבער מדרגה אין „שיילאָק", אַפילו אויסערלעך האָט ער אים באַשאָנקען מיט אַן איבערטריבן געהויקערטער נאָז און מיט דעם גוט באַקאַנטן „יידישן" אַקצענט, מיט וועלכן פּוילישע אַנטיסעמיטן פלעגן אונדז נאָכקרימען.

זעענדיק די צוויי מייסטער אין דער זעלבער ראָלע, איז נאָך בולטער געוואָרן די וויכטיקייט פון געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג פון קינסט־לער און איר השפּעה אויף אַקטיאָרישער אינטערפּרעטאַציע.

צו יענער צייט האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען דורכן עקראַן צוויי גרויסע יידישע אַקטיאָרן: רודאָלף שילדקרויט און יעקב אַדלער.

דער אינהאַלט פון ביידע פילמען איז געווען כמעט דער זעלבער: די ליבע פון אַ יידיש מיידל מיט אַ קריסטלעכן בחור, די טראַגעדיע פון די עלטערן, פּאַראורטיילן, ראַסן־קאָנפליקטן, חרם אד"גל.

שילדקרויט שפּילט אַ חסידישן טאַטן פון קראָקע, יעקב אַדלער — אַ מאָדערנערן ייד ערגעץ פון רוסלאַנד. פון שילדקרויטס שפּילן האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ משל פון דער גמרא, וועלכן ער האָט דערציילט מיט דער הילף פון אַן אויסערגעוויינלעך עקספּרעסיוון פּנים־שפּיל און פינגער־באַוועגונגען. ס'איז געווען אַ מייסטער־ווערק פון מי־מישער קונסט, וואָס האָט בולטער גערעדט פון ווערטער און קלאַנגען.

יעקב אַדלערס שפּילן האָט נישט געמאַכט אויף מיר קיין גינסטיקן איינדרוק. ער האָט, ווייזט אויס, נישט פאַרטראָגן די ליכט פון רעפלעק־טאָרן, ווייל ער האָט אַן אויפהער געפינטלט מיט די אויגן. דערצו — אַן אומנאַטירלעך געקלעבטע באָרד ווי ביים „יידישן קעניג ליר", און שטייפע, טעאַטראַלישע באַוועגונגען.

וואָס עס האָט מיך אָבער שטאַרק פאַרדראָסן — איז דאָס הכנעה־דיקע נויגן זיך ביז דער ערד פאַרן פריץ, דעם קריסטלעכן טאַטן. אויב דאָס איז אומפאַרמיידלעך ביים שילדערן די מה־יפית־יידעלעך ביי די

מיטלאַלטערלעכע פּריצים, איז עס אָבער געווען איבעריק ביים געגעבענעם פאַל און בפרט אין פילם.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט ווי ס׳וואָלט די דאַזיקע ראָלע געשפּילט דער פּוילישער אַקטיאָר קאַמינסקי און מיט וואָס פאַרא ווירדע ער וואָלט זיך געשטעלט אויסטענהן מיטן פּריץ...

דאָס האָט מיר אַן איבעריק מאָל קלאָר געמאַכט, אַז אַ קינסטלער אָן געזעלשאַפטלעכן חוש און אחריות שטייט נישט אויף דער הויך פון זיין באַשטימונג.

XXIII

קיין נסים געשעען נישט

די ברייטע יידישע מאסן פלעגן זעלטן באזוכן די פרעמד־שפראכיקע טעאטערס. דאקעגן פלעגט תמיד א גרויסער עולם קומען אויף די פאר־שטעלונגען פון „מאלארוסישן" טעאטער, וועלכער איז געווען א גאנץ אפטער גאסט אין ווארשע.

דאס דערקלערט זיך קודם כל מיט דער שטארקער ענלעכקייט פון דעם דאזיקן טעאטער צום יידישן. סיי די טעמאטיק, סיי די פארם, סיי דאס שפילן פון די אקטיארן האבן געמאכט דעם איינדרוק גלייך אונדזער גוט־באקאנטער יידישער טעאטער וואלט בלויז געביטן די שפראך, דאקעגן אלץ איבעריקס איז פארבליבן ווי געווען.

די זעלבע פערסאנאזשן: די ליידנדיקע עלטערן, די פארפירטע טאכ־טער, דער איידעלער געליבטער; די אומפארמיידלעכע קאמיקער — איי־נער א שיכור, דער צווייטער א „שמענדריק"; די זעלבע כארן, „געזאנגע און טענצע" די זעלבע קאנפליקטן צווישן יידישע און קריסטלעכע על־טערן צוליב זייער געשמדטער טאכטער; דער צער פון דער מאמען, די קללה פונעם טאטן. די זעלבע קופלעטן, דועטן און „אנסאמבלען", דאס זעלבע פארבייטן טראגישע סצענעס אויף קאמישע און פארקערט, מיט אייןווארט: אלץ ווי אין יידישן טעאטער.

נישט בחינם זענען די „נאטאלקא פאלטאווקאס" און „זשידיווקא וויכרעסטקא" אזוי נאענט געווען דעם יידישן פאלקס־מענטש. אפטמאל פלעגן טאקע יידישע אקטיארן אנטיילנעמען אין פארשטעלונגען פונעם אוקראאינישן טעאטער און אייניקע פון זיי האבן דארט אנגעהויבן זייער קאריערע. אזוי למשל זענען די בארימטע יידישע פרימאדאנעס גאלדשטיין און גורעוויטש־גורענקא געקומען פון אוקראאינישן טעאטער.

אויך די אוקראַינער האָבן, ווי מיר, געהאַט זייערע „מאַלאָראַ־סישע דוזעס" און „סאַראַ בערנאַרדס"...

דאָס יידישע און אוקראַינישע טעאַטער האָבן אויך געהאַט אויסצו־שטיין די זעלבע פאַרפאָלגונגען און באַגרענעצונגען מצד דער צאַרישער רעגירונג.

אַזוי ווי אונדזער טעאַטער האָט זיך יאָרן־לאַנג נישט געטאָרט אָנרופן יידיש טעאַטער, נאָר דייטש, אָדער אין בעסטן פאַל, יידיש־דייטש, האָט זיך אויך דאָס אוקראַינישע טעאַטער געמוזט רופן „מאַלאָרוסיש", אַזוי ווי דאָס גאַנצע פאָלק: „מאַלאָרוסן". אינעם קייזערלעך־קעניגלעכן עסט־רייך־אונגאַרן ווידער האָט מען זיי גערופן: רוטענער...

די צענזור האָט זיך צו די אוקראַינישע טעאַטערס באַצויגן נאָך מיט מער ריקזיכטלאָזיקייט ווי צום יידישן און געשטאַנען אויף דער וואַך ס'זאָל חלילה זיך נישט אַריינגנבענען אַ וועלכע ס'איז נאַציאָנאַלע טענ־דענץ אָדער פרייהייטס געדאַנק.

מעגלעך, אַז אויך די דאָזיקע בשותפותדיקע פאַרפאָלגונגען האָבן גורם געווען צו דער סימפּאַטיע וואָס דער יידישער עולם האָט אַרויסגעוויזן דעם דאָזיקן טעאַטער. ווי עס זאָל נישט זיין האָבן זיך די „מאַלאָרוסן" שטאַרק גערעכנט מיט זייער יידישן עולם און אַ גרויסע צאָל פּיעסעס פון יידישן רעפּערטואַר מיט גאָלדפאַדען און גאָרדין בראש זענען איבערזעצט און געשפּילט געוואָרן אין אוקראַיניש.

אינעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן, ווו די אוקראַינער האָבן זיך שוין גערופן „רושינער", האָבן זיך זייער זעלטן זייערע טרופּעס געוויזן אין אונדזערע מקומות. דאַקעגן אין מזרח־גאַליציע האָבן זיי געהאַט אייניקע וואַנדערנדיקע טעאַטערס, וועלכע דער יידישער עולם האָט נישט באַזוכט.

מיר האָבן אַלזאָ געהאַט פאַר זיך פון איין זייט דאָס פּוילישע און רוסישע טעאַטערס, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט העכסט־באַלערנדי־קע מוסטערן פון טעאַטער־קונסט און פון דער צווייטער זייט די נאַאיוו־פּרימיטיווע פאָלקסטימלעכע טעאַטערס פון יידן און אוקראַינער. אויב די ערשטע האָבן אונדז געלערנט ווי אַזוי צו שפּילן, האָבן די צווייטע גע־דינט אַלס ביישפּיל ווי אַזוי נישט צו שפּילן.

***

אין אַ געוויסן טאָג שיקט מיך קרינסקי רופן צו זיך. צו מיין איבער־ראַשונג האָב איך דאָרט געטראָפן דעם פאָטער. מיר האָבן זיך אָן וווערטער צעקושט און קרינסקי האָט אונדז מיט טרערן אין די אויגן אַרויסבאַגלייט פון שולע.

איך האָב מיך געפילט ווי אַ „זיגער". איך בין געווען שטאָלץ מיט מיין שטאַרקן כאַראַקטער און אויסדויער, וואָס האָט דערפירט צו אַ בכבודיקן שלום... אין שטוב איז געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג און ביז שפּעט אין אָוונט האָבן אונדז באַזוכט קרובים און פריינט, גלייך איך וואָלט מיך אומגעקערט פון אַ ווייטער נסיעה. די מאַמע האָט געשיינט פאַר נחת און אַרויסגעוויזן מער אויפמערקזאַמקייט דעם טאַטן, ווי מיר. פאַר דעם דאָזיקן טאָג האָט זי אים מוחל געווען זיין עקשנות און שטרענג־קייט פון אַלע יאָרן.

צומאָרגנס בין איך געווען אויף גזשיבאָווסקי 1, ווו מען האָט שטאַרק באַדויערט מיין איבערבעטן זיך מיטן טאַטן. איך האָב אָבער אויף להבא נישט אויפגעהערט צו באַזוכן די ציגיינער־נעסט, וואָס האָט מיך אַזוי גאַסטפריינטלעך צוגעטוליעט.

אומגעריכט פאַר מיר דערציילט מיר דער טאַטע, אַז ער איז גע־ווען אין אַפּליקאַציע־שולע און אַריינגעטראָגן מיינע פּאַפּירן צו די פאַר־שטייענדיקע עקזאַמענס.

דער סעקרעטאַר פון דער שולע, דער אַקטיאָר הענריק קאָוואַלסקי, האָט אַפילו געראַטן נאָך צוצוואַרטן אַ יאָר, ווייל יונגעלייט אין מיין עלטער ווערן נישט צוגעלאָזט צום עקזאַמען. האָט אים דער פאָטער „אַריינגערוקט" אַ פינף־און־צוואַנציקער און ער איז מסכים געווען אָנ־צונעמען מיינע פּאַפּירן.

די דאָזיקע ידיעה האָט מיך ממש איבערראַשט. איך האָב נישט גע־קאָנט פאַרשטיין די ענדערונג וואָס איז פּלוצלינג פאָרגעקומען מיטן פאָ־טער. פון אַן אויסגעשפּראָכענעם קעגנער, זיין זון זאָל ווערן אַ „שלעפּער", איז ער מיטאַמאָל געוואָרן זיין איבערגעגעבנסטער פּראָטעקטאָר און מיט דער צייט איינער פון זיינע שטאַרקסטע פאַרערער. ער איז עס פאַרבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

נישט געווען קיין פֿאָרשטעלונג מיט מײַן באַטייליקונג, דער פֿאָטער זאָל זיך נישט געפֿינען אין צושויער־זאַל און דווקא פֿאַר אַ געקויפֿטן בילעט אין די ערשטע רייען. צו מײַן 15־יאָריקן יובל אין וואַרשע האָב איך קוים געפּועלט בײַ אים, ער זאָל אָננעמען אַן ערן־אײַנלאַדונג. נישט איינמאָל פֿלעגט ער מיר מאַכן סורפּריזן און צופֿאָרן אין אַ פּראָווינץ־שטאָט בײַצוּווינען מײַנס אַ פֿאָרשטעלונג און איך פֿלעג פֿון דער בינע אומגעריכט דערהערן זײַן כאַראַקטעריסטישן הוסט... אַזאַ אָוונט פֿלעגט מיר פֿאַרשאַפֿן גרויס פֿרייד און אָנפֿילן מיך מיט דאַנקבאַרקייט און ליבע צו אים.

***

די נאַכט ערב מײַן עקזאַמען אין אַפּליקאַציע־שולע בין איך כמעט נישט געשלאָפֿן. אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי און מיט האַרץ־קלאַפּעניש באַנייט מײַן ערשטן „ציווילן" אַנצוג, אַ שוואַרצן סמאָקינגאַרטיקן קאָסטיום. יאַנאַס האָט מיך באַטראַכט ווי אַ ספּעץ, איז ער דאָך אַ סך פֿריער פֿון מיר אַרײַן אין אַ „דערוואַקסענעם" אַנצוג, ווײַל אין אונגאַריש־בראָד, ווו ער האָט געלערנט, האָבן די שילער נישט געטראָגן קיין ספּעציעלע מונדירן ווי בײַ אונדז. צום ערשטן מאָל האָב איך אויך באַנײַט אַ ברייטן, ברוינעם הוט, אַ שוואַרצן קראַוואַט, זיך צעקושט מיט יעדן באַזונדער און אָנגעלאָדן מיט ברכות און עצות געלאָזט זיך גיין צום טעאַטער־פּלאַץ.

די שולע האָט זיך געפֿונען אויף טרעמבאַצקע גאַס, איינע פֿון די פֿיר גאַסן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם ריזיקן בנין אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען די אָפּערע (דאָס גרויסע טעאַטער), „ראָזמאַאיטאָשטשי" און דאָס שפּעטערדיקע רעדוטאַ־טעאַטער. די טרעמבאַצקע גאַס פֿלעגט פֿירן צו די הינטער־קוליסן פֿון די דאָזיקע טעאַטערן, צו די דעקאָראַציע־שפּײַכלערס, עלעקטרישע סטאַציע, קאָסטיום־וואַרשטאַטן, אַרכיוון, באַלעט־ און רעפּעטיציע־זאַלן, קאַנצעלאַריעס, מיט איין וואָרט: צום גרויסן קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה גערופֿן מלוכהשע אימפּעראַטאָרישע טעאַטערן.

אין טויער אויפֿן דריטן שטאָק, בשכינות מיט דער באַלעט־ און פֿעכט־שולע, האָט זיך געפֿונען די „אַפּליקאַציע"־שולע. איך בין געקו־

מען דער ערשטער און ס׳האָט געדויערט אַ היבשע צייט ביז ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די איבעריקע קאַנדידאַטן אויף צוקונפטיקע אַקטיאָרן. ווען איך האָב דערזען די דאָזיקע קאַנדידאַטן איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. איך בין לגבי זיי געווען אַ צוציק, סיי לויט די יאָרן, סיי לויטן אויסזען, זיי אַלע — הויכע, ברייטפּלייציקע, מיט גלאַט ראַזירטע באַקן, מיט רייפע, מענערישע שטימעס און איך — אַ דאַרער, מיט אַ קליין פּנימל, וואָס האָט נאָך נישט קיין סימן פון וואָנסעס, מיט אַ דין שטימעלע וואָס גייט איצט דורך מוטאַציע... פאַרשטייט זיך, האָב איך געטראַכט, אַז זיי זענען מער ראוי אָנצוקומען אין דער שולע ווי איך... ווען איך אַליין וואָלט געהאַט צו ווילן צווישן מיר און זיי וואָלט איך ליבערשט זיי אָנגענומען. בפרט אַז די צאָל קאַנדידאַטן איז פיל גרעסער פון דער צאָל ערטער אין שולע, סיידן נאָר אַ נס קאָן מיר דאָ העלפן. האָב איך מיך טאַקע פאַרלאָזט אויף אַ נס...

איך האָב געזוכט אַ יידיש פּנים צווישן די אַלע קאַנדידאַטן. ס׳האָט מיר געפעלט אין דער מינוט אָן אייגענער מענטש פאַר וועמען זיך אָראָפּצורעדן פון האַרץ, פון וועמען צו הערן אַ דערמוטיקונגס־וואָרט. אָט האָב איך דערזען איינעם מיט אַ יידישן אויסזען. איך גיי צו צו אים און שטעל זיך פאָר. ער רופט מיר אָן נישט גערן זיין נאָמען: יאַנוש כּרעבזשיצקי. ער איז, ווייזט אויס, נישט געווען געשטימט צו רעדן און מיר געענטפערט מיט האַלבע ווערטער. ווען איך האָב אים געפרעגט צי ער איז אַ ייד, האָט ער מיר געענטפערט: „נאָך דאָס פעלט מיר!" און זיך אָפּגערוקט פון מיר... אין אייניקע יאָר אַרום איז אונדז אויסגעקומען זיך צונויפצוטרעפן מיט אים אין „אַרטיסטישן טעאַטער", ווו איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט אַלס פּוילישער אַקטיאָר. אויך דאָ פלעגט ער מיך אויסמיידן, גלייך ער וואָלט מיך נישט באַמערקט. פון אַ צווייטן חבר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ משומד און זיין אמתער נאָמען איז זילבערמאַן. צום לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אין וואַרשע שוין בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע מיטן מגן־דוד אויפן אָרעם... דאָס מאָל האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר מיר...

אין עקזאַמינירזאַל זענען כסדר אריין קאַנדידאַטן מיט בלאַסע פּנימער און אַרויס פון דאָרטן מיט צעפלאַמטע. פון יעדנס פּנים האָט

מען לייכט געקענט לייענען דעם רעזולטאַט פון זיין עקזאַמען, הגם אַפי־ציעל וועט מען זיך דערוויסן וועגן דעם ערשט מאָרגן.

א מאָרגע זאך, האָב איך מיר געטראַכט: גייט אריין א בחור אויף א 5—10 מינוט און די דאָזיקע געציילטע מינוטן דארפן דעצידירן וועגן זיין צוקונפט. קאָנען טאַקע די פּראָפעסאָרן אין אַזאַ קורצע צייט ארויס־טראָגן א באַשטימטע מיינונג וועגן טאַלאַנט פון א שילער? מען קאָן זיך דאָך פאַרלירן אין דער דאָזיקער קורצער צייט און נישט באַוויייזן זיך צו באַהערשן... מען קאָן דאָך באַקומען קאָפּ־ווייטיק, פאַרלירן פאַר אויפ־רעגונג ס׳לשון... און אפילו ווען ס׳זאָל נישט געווען געשען קיין מכשול ביים עקזאַמען, קאָן מען דען פון איין ליד, ווי גוט עס זאָל נישט דעקלאַמירט ווערן, ארויסטראָגן אַן ענדגילטיקן אורטייל? איך האָב מיר בשעת מעשה נישט געקענט ענטפערן אויף אַט די אַלע פראַגן, וועלכע זענען מיר דאַן געקומען אין קאָפּ, די צייט אָבער האָט מיר גענוי אויף זיי געענטפערט. נישט איין שילער, וואָס איז גלענצנד אדורך ביים עקזאַמען, האָט זיך אין גאַנג פון דער צייט ארויסגעוויזן פאַר לחלוטין אומפעאיק צו דער בינע. ער פלעגט פאַרלירן צוויי, אָפּטמאָל דריי פון זיינע בעסטע יאָרן און דערנאָך זיך ארומזען, אַז די שולע האָט אים געהאַלטן צוליבן שכר־לימוד, אָדער צוליב זיין גוטע פיגור צום סטאַטיסטירן... אַזאַ נישט ער־לעבטע האַנדלונג מצד די אָנפירער פון די טעאַטער־שולעס פלעגט ברענגען א סך קרבנות און טיילמאָל אפילו דערפירן צו פערזענלעכע טראַגעדיעס.

געדענקט זיך מיר מיינע א יידישע חברטע פון הרינעוועצקאַס שולע. א טאָכטער פון חסידישע עלטערן, האָט זי בשתיקה באַזוכט די שולע. אויף יעדן קורס פאַרבליבן צו צוויי יאָר און צום סוף פאַרענדיקט אין משוגעים־הויז.

און אָט איז מיין רייע אריינצוגיין אין עקזאַמינירזאַל. צו דער טיר בין איך נאָך צוגעגאַנגען מיט קוראַזש, נאָר אַזוי ווי איך בין אריבער די שוועל און דערזען די עקזאַמיניר־קאָמיסיע לענג־אויס דעם גרינעם טיש, האָב איך דערפילט ווי איך פאַרליר די פיס אונטער זיך... פאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען, די פּאָדלאָגע האָט גענומען זיך פּאַלעווען אונטער מיר און די צונג איז צוגעוואַקסן צום גומען ווי א טרוקן שטיקל לעדער.

און אַט דערהערט זיך דעם סעקרעטאַר קאָוואַלסקיס שטימע: — פּאַן טורקאָוו!... און באַלד נאָכדעם אַ צווייטע, אַ זיסלעך פּאַטעטישע שטימע, וואָס איז מיר גוט געווען באַקאַנט פון טעאַטער. דאָס איז, אַגב, געווען די איינציקע שטימע וועלכע איך האָב נישט פאַרטראָגן אין „ראָזמאַאי־טאָשטשי״ און געהערט האָט זי צום רעזשיסאָר און לירישן אַקטיאָר יוזעף שליוויצקי. ער איז עס געווען דער אָנפירער פון דער עקזאַמינירן־קאָמיסיע און ווען קאָוואַלסקי האָט אָנגערופן מיין רוסיש־קלינגענדיקן פאַמיליען־נאָמען, האָט ער געפונען פאַר נויטיק אַרויסצופירן די איבעריקע עקזאַ־מינאַטאָרן פון אַ טעות און צוגעגעבן מיט אַ זיס שמייכעלע: „סאַלאָמאָן״.

דאָס האָט מיך ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, איך בין תיכּף געקומען צו זיך און פאַרשטאַנען, אַז מיין גורל איז געשטעמפּלט... פון די עקזאַמינאַטאָרן האָב איך גאָרנישט צו דערוואַרטן. דער איינציקער וואָס האָט געקוקט אויף מיר מיט מיטגעפיל איז געווען דער דירעקטאָר פון די מלוכהשע טעאַטערס, דער רום מאַלישעוו. אויך דער אַקטיאָר סטאַשקאָווסקי האָט מיך באַטראַכט מיט אינטערעס. האָב איך דאָך צו אים געהאַט אַן עמפּפעלונגס־בריוו פון מיין לערער גורעצקי, זיינס אַ נאָענטן פריינט. די איבעריקע דאָקעגן, צווישן זיי דער רעזשיסאָר שליוויצקי און דער באַקאַנטער שרייבער, דער משומד קאַזשימיעזש זאַלעווסקי, האָבן געקוקט אויף מיר מיט נישט מאַסקירטן חוזק.

נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אייניקע שורות פון אַ ביכל, האָט מיר שליוויצקי געהייסן עפּעס דעקלאַמירן. איך האָב געהאַט צוגע־גרייט סלאָוואַצקיס ליד: „ס׳איז מיר אומעטיק, גאָט!״... איך האָב דאָס ליד פאַר די לעצטע חדשים נישט אויפגעהערט צו דעקלאַמירן; איך האָב עס אפילו מיט אייניקע טעג פאַרן עקזאַמען דעקלאַמירט פאַרן סעקרעטאַר קאָוואַלסקי, ווייל דער טאַטע האָט געוואָלט הערן זיין מיינונג. ער האָט מיר געגעבן זיין הסכמה, — מעג איך, הייסט עס, זיין רואיק.

און אַט הויב איך אָן צו דעקלאַמירן און דאָס מאָל דווקא מיט מער ברען און באַגייסטערונג ווי תמיד. ווען איך ווענד מיך צום הימל, הויב איך אויף מיינע הענט צו זייערע אומענדלעכקייטן; ווען איך רעד וועגן דעם זון־פאַרגאַנג לאָז איך אַראָפּ די הענט צום האָריזאָנט און ווען איך

רעד וועגן מיין בענקשאַפט, דריק איךביידע הענט צו צום האַרץ, אַז ס'איז טאַקע איין גאַנץ רחמנות אויף מיר...

און דאָ באַמערק איך פּלוצלינג, אַז אַלע ביים טיש לאַכן און שלי־וויצקי פאַרשטעלט זיך ס'פּנים מיט אַ ציימונג... אין דער זעלבער רגע פאַלט מיר איין, צי זאָל איך נישט איבעררייסן דאָס דעקלאַמירן און זאָגן שליוויצקין, אַז ווען איך הער אים דעקלאַמירן אויף דער בינע ווילט זיך מיר אויך לאַכן און פונדעסטוועגן לאַך איך נישט... איז אָבער מיין בליק געפאַלן אויף מאַלישעוון: זיין פּנים מיט דעם שיינעם שוואַרצן בערדל איז געווען ערנסט, פול מיט מיטגעפיל. הייסט עס, ס'איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. איך באַשליס נישט איבעררייסן, נאָר ווייטער דעקלאַמירן. און אויף צו להכעיס שליוויצקין, מיט נאָך מער טעמפּעראַמענט. האָט זיך אָבער אויף צו להכעיס מיר מיין שטימעלע פאַר עמאָציע גענומען רייסן און ס'האָט זיך דערהערט איין האָן נאָכן אַנדערן, ביז שליוויצקיס זיסער קול האָט אָפּגעשטעלט דאָס קרייען: „אַ דאַנק אייך, איר זענט פריי".

איך האָב לייכטער אָפּגעעטעמט און אין איין אָטעם אַראָפּגעשפּרונ־גען פון די טרעפּ. דער רעזולטאַט פון דעם אומגליקלעכן עקזאַמען איז מיר געווען קלאָר:

קיין נסים געשען נישט!...

XXIV

דאָס יאָר 1914

קאָוואַלסקי האָט געראָטן דעם טאַטן צו לאָזן מיינע פּאַפּירן אין דער „אַפּליקאַציע״־שולע און צום נייעם שול־יאָר זאָל איך מיך ווידער שטעלן צום עקזאַמען. איך וועל פאַר דער צייט אונטערוואַקסן און במילא האָבן מער שאַנסן אָנגענומען צו ווערן.

פאַרלירן הייסט עס אַ גאַנץ יאָר? וואָס־זשע וועל איך פאַר דער צייט טון? און די חרפּה פאַר דער וועלט... ניין, איז מיר שוין ליבער די פילהאַרמאָניע־שולע! אמת, פון דאָרט וועל איך נישט האָבן די גע־לעגנהייט צו סטאַטיסטירן אין „ראָזמאַאיטאָשטשי״, וועל איך מיר דער־פאַר זוכן ערגעץ אַנדערש פּראַקטישע אַרבעט.

אָט האָב איך מיך דערוווסט, אַז אויפן אָרט פון מיין געוועזענער מוראַוולאַוו־שולע, אויף רימאַרסקע 12, געפינט זיך אַ געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר״ און ביי דער דאָזיקער געזעלשאַפט דאַרף זיך גרינדן די „הבימה העברית״. זוכט מען אַרום צווישן דער יוגנט פעאיקע כוחות פאַר דער דאָזיקער העברעאישער אַמאַטאָרן גרופּע. פאַרוואָס טאַקע נישט גיין אַהין אויף פּראַקטישער אַרבעט? אָבער קודם כל מוז איך ווערן אַ שילער פון דער דראַמאַטישער שולע. דאָס וועט מיר אפילו פאַר אַמאַ־טאָרן־גרופּעס צונוץ קומען.

דער פאָטער האָט אָפּגענומען מיינע פּאַפּירן צוזאַמען מיטן פינף־און־צוואַנציקער און איך בין אַוועק צו דער „פילהאַרמאָניע״.

דער סעקרעטאַר פון דער שולע, אַ געוויסער פּאָמיאַן, אַ קליין פּיפּיק מענטשעלע מיט שפּיציקע אייגעלעך האָט מיך אויפגענומען זייער העפ־לעך און מיר אויפן אָרט אַוועקגעלייגט אַ לעקציע וועגן דער וויכטיקייט פון דער דראַמאַטישער קונסט און וועגן דער גרויסער צאָל אָנגעזעענע

אַקטיאָרן וואָס די שולע האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט, דרך אגב, דערמאָנט, אַז אויך אייניקע „זשידקעס" האָבן פאַרענדיקט די שולע און זענען דווקא געווען גוטע שילער, ווי צום ביישפּיל: מאַרק שווייד, פייערטאַג, (דער שפּעטער באַקאַנטער פּוילישער אַקטיאָר מיכאל זניטש).

— ווייל, זאָגט ער, ביי אונדז איז נישט קיין חילוק צי פּאָלאַק, צי ייד, — אַבי ער צאָלט פּינקטלעך זיין שכר לימוד און טוט זיך זיין אַרבעט אָן טומל...

דאָס שול־יאָר האָט זיך אין דער דראַמאַטישער שולע אָנגעהויבן פריער ווי אין דער „אַפּליקאַציע", איז שוין די עקזאַמינער־קאָמיסיע נישט געווען טעטיק. פּאַמיאַן אַליין האָט מיך אַלזאָ עקזאַמינירט און נאָך אין דער זעלבער וואָך האָב איך שוין באַזוכט די לעקציעס.

אויב די „אַפּליקאַציע", אַלס רעגירונגס־אַנשטאַלט, האָט זיך נישט געיאָגט סתם נאָך שילער און אויסגעקליבן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן זיך קודם כל געפּאַסט מיט זייער אויסערלעכקייט פאַר סטאַטיסטן, האָבן די פּריוואַט־שולעס דאַקעגן געזוכט וואָס מער הכנסה פונעם שכר־לימוד, מען פלעגט אָווועקקוקן פון פעאיקייט, אויסערלעכקייט און אינטעליגענץ פון שילער, אַבי ס'פּאַלט אַריין מער געלט אין דער קאַסע. דער שכר־לימוד איז געווען אַ ביז גאָר הויכער און ס'האָבן זיך אויף אים געקאָנט דער־לויבן נאָר קינדער פון גבירישע עלטערן, וואָס האָבן דאָס געטון מער אויס סנאָביזם און צייטפאַרטרייב ווי אויס ליבע צום טעאַטער. פלעגט דעריבער נאָכן פאַרענדיקן דעם צוויי־יאָריקן קורס קוים אַ צענט חלק פון די שילער זיך ווידמען דער בינע און באַקומען אַרבעט ביים טעאַטער. דאָס הייפעלע טאַלענטירטע יונגעלייט איז אַלזאָ געווען געצוווּנגען אין משך פון צוויי יאָר אומזיסט צו פאַרלירן צייט ביי די לעקציעס פון זייערע טאַלענטלאָזע חברים, אָנטייל צו נעמען מיט זיי אין פאַרשידענע דיאַ־לאָגן און סצענעס, וועלכע האָבן בלויז געשטערט זייער אַנטוויקלונגס פּראָצעס.

די פּראָפעסאָרן ווידער האָבן זיך וויייניק געמאַטערט פון זייערע תלמי־דים, געגומען זיי אַלע אָן־גראָ, נישט באַמיענדיק זיך צו באַקענען יעדן שילערס אינדיווידועלע פעאיקייטן און זיי געהעריק קולטיווירן.

ס׳איז צוגעטיילט געוואָרן אַ דיאַלאָג, אָדער אַ סצענע, וועלכע ס׳האָבן באַדאַרפט צוגרייטן אַלע שילער, איינגעטיילט אין גרופּעס. די שילער האָבן זיך באמת בלינד צו קאָפּירן זייערע פּראָפעסאָרן, סיי מיטן אופן פון רעדן, סיי מיט די באַוועגונגען. געווען אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן באַוויזן נאָכצומאַכן דעם פּראָפעסאָרס שטימע און אָפּטמאָל פלעגט מען האָבן דעם איינדרוק, אַז מען הערט איינע און די זעלבע שטימע גלייכצייטיק פון אייניקע גראַמאָפאָנען...

עס פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז צוויי פּראָפעסאָרן פלעגן געבן די שילער די זעלבע סצענע און די דאָזיקע פּראָפעסאָרן זענען געווען אַקטיאָרן פון צוויי קעגנגעזעצטע טעאַטער־ריכטונגען: איינער אַן אויסגעשפּראָכענער רע־אַליסט, דער צווייטער — אַ דעקלאַמאַטאָרישער קאָטורן־אַקטיאָר... די אָרעמע שילער פלעגן זיך באַמיען פאַרן ערשטן פּראָפעסאָר אָפּצושפּילן די סצענע פּשוט, מענטשלעך און פאַרן צווייטן — אויסזינגען זי מיט אַ זיסלעך טרעמאָלירטן פּאַטאָס. דער שילער פלעגט זיך אַמאָל פאַרגעסן און איבערדרייען די יוצרות: אויף דער לעקציע פון איין פּראָפעסאָר קאָפּירן דעם צווייטן... פלעגט אים דער פּראָפעסאָר אָפּשטעלן און מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע זיך ווענדן צו אים:

— ווייזט אונדז נישט ווי אַזוי מען דאַרף די ראָלע נישט שפּילן, נאָר, פאַרקערט, ווי אַזוי זי דאַרף געשפּילט ווערן... און באמת אייך וואָס ווייניקער צו קאָפּירן מאַניערירטע אַקטיאָרן...

אָנשטאָט אַלזאָ צו לערנען די שילער ווי אַזוי צו שטודירן אַ ראָל, האָט אים דער פּראָפעסאָר געלערנט די נעגאַטיווע זייטן פון דער פּראָפּע־סיע, דעם הינטערקוליסן־קאָבאָטיניזם. די שולע האָט זיך אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט אין אַן אָרט פון פּלירט און רכילות, ווו ס׳וועדט זיך גע־גריבלט אין די קריטיקע וועש פון פאַרשידענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

די לערער פון דער דראַמאַטישער שולע זענען טאַקע געווען גלענצנ־דיקע אַקטיאָרן מיט צוציענדיקע נעמען, אָבער קיין פּעדאַגאָג איז קיינער פון זיי נישט געווען און האָט זיך אויך נישט באמת צו זיין. דער שילער האָט נישט באַדאַרפט פאַרשטיין און דערפילן זיין ראָלע, נאָר מ א כ ן ז י לויט אַ פאַרטיקן רעצעפּט פונעם לערער. מיר האָבן זיך אַלזאָ אויס־געלערנט קאָפּירן, איינער בעסער, איינער ערגער, אָבער נישט שאַפן.

דאָס קאָפּירן ברענגט טיילמאָל פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, ווייל ביים קאָפּירן אַ גוטן מוסטער לערנט מען זיך במילא. דאָס מוז אָבער ווי געהעריק אויפגענומען ווערן פון שילער, דורכגעטראַכט און דורכגעפילט ווערן פון אים. עס מוז צוגעפּאַסט ווערן צו זיין מענטאַליטעט און טעמפּעראַמענט און, קאָנטראָלירט דורך זיין אינטעליגענץ, דאַרף עס ווערן ארויסגעבראַכט אויף אַן אייגנאַרטיקן, אינדיווידועלן אופן.

דאָס קאָפּירן קאָן אויך גלייכצייטיק דינען ווי אַ וועג־ווייזער פאַרן נישט דערפאַרענעם אַקטיאָר, אים ארויסהעלפן טעכניש, כל־זמן ער באַזיצט נאָך נישט די רייפקייט פאַר זעלבשטענדיקער שאַפונג. ער דאַרף עס אָבער באַטראַכטן ווי אַ מוסטער, נישט ווי אַ צוועק.

ווען דער שילער מאַכט אַלזאָ אַזאַ געברויך פונעם קאָפּירן, איז עס דורכאויס באַלערנענדיק און במילא פּאָזיטיוו. אין פאַרקערטן פאַל איז עס נישט מער ווי אַ מעכאַנישע פונקציע וואָס הרגעט אָוועק די שעפערישע פּאָטענץ פונעם צוקונפטיקן אַקטיאָר, — במילא ווערט עס אַ נעגאַטיווע דערשיינונג.

געווען אייניקע שילער ביי אונדז, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אויפן וועג פון בלינדן קאָפּירן, נאָר באַמיט זיך צו געבן אַן אייגענע אויסטייטשונג זייער ראָלע. די פּראָפעסאָרן האָבן די דאָזיקע שילער באַטראַכט פאַר נישט פעאיק און זיי פשוט איגנאָרירט אָדער שיקאַנירט. איינער פון אונדזערע לערער, אַ באַקאַנטער „אַנטדעקער פון טאַלענטן", האָט אַמאָל געמאַכט אַ סקאַנדאַל אַ שילער, הלמאי ער פאַרלירט צייט און פאַרטאַכלעוועט זיין טאַטנס געלט מיטן באַזוכן די שולע. — נעמט אייך באַצייטנס, — האָט ער צו אים געשריגן — פאַר אַן אַנדער אַרבעט, ווייל איר וועט קיינמאָל קיין אַקטיאָר נישט זיין!

דער דאָזיקער שילער איז אין יאָרן אַרום געוואָרן איינער פון די גרעסטע פּוילישע אַקטיאָרן... אין ביאָגראַפיעס פון גרויסע אַקטיאָרן געפינען זיך אַ סך ענלעכע פאַלן.

***

איך האָב מיך גיך אַרומגעזען, אַז אויך פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער שולע וועל איך קיין נחת נישט האָבן, אָבער קיין צוריקוועג האָט נישט עקזיסטירט פאַר מיר. איך מוז דערציען ביזן סוף. ס'איז מיר

טאַקע שווער אָנגעקומען צו פאַרדינען פון מיינע לעקציעס אויף צו דעקן דעם הויכן שכר למוד, איך האָב אָבער נישט געפילט קיין מידקייט און וואָלט אויף זיך גענומען נאָך אַ שווערערן עול, אַבי זיך שוין צו זען אויף די ברעטער פון אמתדיקן טעאַטער.

כל זמן אָבער דאָס אמתדיקע איז נאָך נישטאָ, דאַרף מען דערווייל טון וואָס עס לאָזט זיך. דעריבער האָב איך מיך געווענדט צו דער „הבימה העברית״.

קעגנאיבער אונדזער וווינונג אויף קופּיעצקע־גאַס 7 האָט געוווינט דער באַקאַנטער העברעאישער לערער ש. ל. גאָרדאָן. די פאַמיליע גאָרדאָן האָט געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע אין אונדזער געגנט. אַריבערטרעטנ־דיק די שוועל פון זייער הויז האָסטו תיכף פאַרגעסן, אַז דו געפינסט זיך אין אַ געסל צווישן נאַלעווקעס און דזשיקע. ביסט געוואָרן אויסגעטון פון דעם הו־האַ און פּרנסה־געיעג וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע געגנט און האָסט דערפילט אַרום זיך אַן אַטמאָספער פון גייסטיקייט. אפילו די אומגאַנגס־שפּראַך ביי דער פאַמיליע גאָרדאָן איז געווען אַן אַנ־דערע ווי ביי אונדז אַלע. אַלע האָבן זיי גערעדט צווישן זיך העברעאיש. דאָס איז מיר אויסגעקומען שטאַרק אויסטערליש. איך בין געווען געוווינט צו הערן אין יידישע הייזער פּויליש, רוסיש, אָבער העברעאיש אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָב איך געהערט צום ערשטן מאָל ביי די גאָרדאָנס. מילא, די קינדער האָב איך נאָך פאַרשטאַנען, האָבן דאָך דעם לערער לערנערס קינדער אויך גערעדט העברעאיש, אָבער די מאַמע זאָל רעדן אַ פּליסיקן עברית — דאָס איז פאַר מיר דאַן געווען אַ וווּנדער.

די פאַמיליע גאָרדאָן, בפרט זייער עלטסטער זון משה, דאַן אַ סטוּ־דענט, זענען געווען אַקטיווע טוער אינעם „חובבי שפת עבר״ און ביי זיי טאַקע האָב איך מיך באַקענט מיט אַ לערער פון ביאַליסטאָק, נחום צמח. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ שילער פון אַ דראַמאַטישער שולע און אַז איך האָב געלערנט אין שולע העברעאיש, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר:

— אַזעלכע ווי איר דאַרפן מיר דאָך טאַקע! — האָט ער גערעדט צו מיר מיט באַגייסטערונג — פאַרוואָס גיין צו פרעמדע, אַז דאָס אייגנס

ווארט אויף אונדז! גייט נישט אהין פון וואנען מען טרייבט אייך, קומט בעסער ווו איר זענט א גלייכער צווישן גלייכע!...

צמח האט אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק מיט זיין סוגעסטיוון כוח און מיט זיין אומבאגרענעצטער ליבע צום טעאטער. אין מיין ליבע צום טעאטער האב איך זיך גלייך דערפילט ווי זיינס גלייכן.

ער האט מיר דערציילט וועגן די פרוון, וואס ער האט שוין געמאכט אין ביאליסטאק און די גוטע רעזולטאטן וואס זיי האבן געגעבן. ער האט מיר דערציילט וועגן זיין נסיעה וואס ער האט געמאכט איבער דער רוסישער פראווינץ, זוכנדיק צווישן די פארשידענע אקטיארן א פאסיקן רעזשיסאר פארן העברעאישן טעאטער. אט שטויסט ער זיך אן אויף א גאסטראלארן־טרופע און דערזעט צווישן די אקטיארן איינעם וואס האט אים צוגעשמידט צו זיך.

— „ווען ער זאל זיין א ייד — טראכט ער זיך — וואלט עס געווען דער פאסיקער רעזשיסאר פאר אונדז"... און ער גייט אריין הינטער די קוליסן און באקענט זיך מיט דעם דאזיקן אקטיאר און ווי גרויס איז זיין פרייד, ווען ער ווייזט טאקע אויס צו זיין א ייד און טאקע א ביז־גאר יידישער ייד, הגם זיין נאמען בערטאנאוו איז אן עכט רוסישער... בערטאנאוו האט שוין אויפגעפירט מיט זיין גרופע דימאווס „אייביקער וואנדערער" און האט אויך אנטיילגענומען אין אים אלס אקטיאר...

איצט, ווען די גרופע ביי „חובבי שפת עבר" וועט זיך ארגאניזירן, וועט ער ווידער אויפזוכן בערטאנאוון און מיר וועלן האבן ביי וועמען זיך צו לערנען... מיר דארפן להיפוך צו די ביז איצטיקע יידישע אקטיארן זיין געשולטע אקטיארן, — דאס איז דער ערשטער באדינג אויף צו רעפארמירן אונדזער טעאטער"... איך האב געשטוינט, ווי עס פאלן זיך צונויף אונדזערע געדאנקען און דערפילט אין צמחן א נאענטע נשמה.

מיט איין זאך אבער בין איך נישט מסכים געווען מיט אים. פארוואס העברעאיש און נישט יידיש? פון די מיליאנען יידן אינעם גרויסן רוסלאנד פארשטייען דאך העברעאיש נאר יחידים. א טעאטער פאר זיי וועט טראגן א סנאבישן כאראקטער. פארוואס טאקע נישט גרינדן א גוטן טעאטער פאר די דאזיקע מיליאנען? העברעאיש טעאטער דארף

זיך איצט שאַפן אַן עולם, דאַרפֿן פֿאַר יידיש טעאַטער איז ער גרייט און וואַרט אויף אונדז?!

צמח פּלעגט אויסמיידן וועגן דעם צו דיסקוטירן און זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אַ לאַקאָנישן ענטפער:

— מיך אינטערעסירט דאָס נישט. מיר דאַרפֿן אַ העברעאיש טעאַטער...

איך האָב מיך באַקענט מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, די איציקע הבימה־אַרטיסטן: חנה ראָווינאַ, מנחם גנעסין און נאָמע ניצבערג, מיט וועלכן איך האָב שפּעטער געגרינדעט „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע". אַ חוץ זיי האָבן צו דער גרופּע געהערט די טאַלענטירטע סטודענטן אברהם לעווינזאָן, קלאַצקין און אייניקע וואָס האָבן שוין געהאַט געוויסע דערפאַרונג אין יידישן טעאַטער, ווי — באַשיניו, פֿון פּרץ הירשביינס טרופּע, נח מישקאָווסקי און חיים מאַסלאַנסקי.

די דאָזיקע גרופּע ענטוזיאַסטן האָט זיך מיט ברען געשטעלט רעפּעטירן אייניקע איינאַקטערס, וועלכע זענען געוואָרן אויסגעקליבן צופעליק, אָן אַ וועלכן ס'איז באַשטימטן פּלאַן. רעזשיסירט האָבן ניצבערג און צמח, וועלכע האָבן אויך גלייכצייטיק מיטגעשפּילט. פֿון די געשפּילטע איינאַקטערס געדענקט זיך מיר: „אברהמל דער שוסטער", „דער פידלמייסטער פֿון קרעמאָנאַ" און טשעכאָווס „שידוכים". שוין דאַן האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די יונגע חנה ראָווינאַ, וועלכע האָט זיך גלייכצייטיק אויסגעצייכנט אַלס סאָליסטן אינעם שניאור־כאָר.

צמח דאַרפֿן איז געווען אַלס אַקטיאָר דער שוואַכסטער פֿון אונדז אַלע. זעענדיק אָבער זיין איבערגעבנקייט צו דער זאַך און זיין אַרבעטזאַמקייט, האָט מען אים אַלץ מוחל געווען. מיר האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז סוף כל סוף וועט ער זיך אַליין אָפּזאָגן פֿון שפּילן און זיך פֿאַרנעמען אויסשליסלעך מיט דער אָנפירונג פֿון טעאַטער.

ווען איך האָב אים אין יאָרן אַרום געזען שפּילן זיינע ראָלן אין דער „הבימה", איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסער סורפּריז דער גוואַלדיקער פֿאָרשריט, וואָס ער האָט געמאַכט. דאָס האָט מיר געדינט ווי נאָך אַ באַווייז, אַז מיט ליבע און ענטוזיאַזם צום טעאַטער ווי אויך דורך סיסטעמאַטישער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פֿון געניטע פּעדאַגאָגן קאָן מען

מער אויפטון ווי מיט גרויסן טאַלענט אָן אַרבעט און אָן אידעאַליזם.

פוילקייט, די טראַדיציאָנעלע אייגנשאַפט פון אונדזערע אַקטיאָרן, איז דער מלאך המות פון טאַלאַנט. איין פערטל טאַלאַנט און דריי פערטל אַרבעט קאָן דערפירן צו מייסטערשאַפט.

צמח האָט וואָס שנעלער געוואָלט אַריבערגיין פון איינאַקטערס אויף גאַנצע פּיעסן. ער האָט אויך געפּלאַנט אַ טורנע איבערן לאַנד און אויס־לאַנד. איך האָב מיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, כדי ווייטער אָנצוגיין מיט מיין לערע אין דער דראַמאַטישער שולע. מעגלעך, אַז ווען מיר וואָלטן זיך דאַן נישט געווען צעשיידט, וואָלט איך פאַרבליבן אַ העברעאישער אַקטיאָר. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אָבער פאַרטראָגן צמחן קיין רוס־לאַנד און איך בין פאַרבליבן אין וואַרשע.

אין יאָר 1919 האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, דאָס מאָל אין מאָסקווע. איך בין געקומען מיט אסתר רחל קאַמינסקאַס טרופּע שוין אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, וואָס איז געוווינט איבער נאַכט צו „מאַכן" אַ ראָלע און „באַקן פּיעסעס", ווי מען רופט דאָס אין טעאַטער לשון.

צמח דאַקעגן איז געווען אָנפירער פון דער דאַן יונגער „הבימה", וואָס האָט זיך שוין באַוויזן קונה שם צו זיין מיט איר „היהודי הנצחי" און האָט געהאַט אַלס לערער אַזעלכע מייסטער ווי סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו.

איך פלעג באַזוכן זייערע לעקציעס און רעפּעטיציעס און דאַן ערשט האָב איך פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען אַ דראַמאַטישע שולע. איך האָב מיך געשעמט פאַר צמחן מיט מיין שולע און מיט מיין טעאַטער...

— „בלייבט מיט אונדז — האָט מיר צמח פאָרגעלייגט: ס'וועט אייך ביי אונדז גאָרנישט פעלן און איר וועט ביי אונדז קאָנען וואַקסן. אין יידישן טעאַטער וועט איר פאַרלוירן גיין"...

הגם איך האָב געגלויבט אין דער צוקונפט פון יידישן טעאַטער, האָט מיך פונדעסטוועגן שטאַרק געצויגן די אַרבעט אין „הבימה". פאַרבלייבן אָבער אין מאָסקווע האָב איך דאַן נישט געקאָנט צוליב פאַמיליען־אַנגע־לעגנהייטן. צמח האָט אויך פאַרלאַנגט פון מיר אַ וואָרט, אַז איך וועל

מיך נישט אומקערן צום יידישן טעאַטער, ווי ס'האָט פּאַסירט מיט אַ צווייטן הבימה־אַקטיאָר. אַזאַ וואָרט האָב איך אים נישט געקאָנט געבן.

אַזוי זענען זיך אונדזערע וועגן צעגאַנגען. פאַר די דרייסיק יאָר וועלכע טיילן מיך אָפּ פון יענער צייט, האָב איך באַוויזן, אַ חוץ אין יידיש און העברעאיש, אויך צו שפּילן אין פּויליש, רוסיש, פּאָרטוגעזיש און צום סוף לערן איך אויפסניי העברעאיש...

***

די לעצטע צוויי זומערס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר פאַרבראַכט אין אונדזער אייגענער דאַטשע אויף דער אָטוואָצקער ליניע. דער פאָטער האָט אריינגעלייגט אין דעם פּלאַץ זיין אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט און כסדר עס פאַרגרעסערט און געפּוצט. מיר פלעגן דאָרט גערן פאַרברענגען די פרייע צייט און העלפן דעם גערטנער קולטיווירן די קלאָמבן און פאַרפלאַנצן פּרוכט־ביימער. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם טאָג, ווען די דאָזיקע ביימער וועלן רייף ווערן און מיר וועלן אומגעשטערט רייסן פון זיי די פּרוכטן. ביז איצט פלעגן מיר מאַכן „אַנפאַלן" אויף פרעמדע גערטנער און דאָס אָפּטרייסלען די פּרוכטן פון די ביימער איז געווען אָפט פאַרבונדן מיט סכנות מצד די וועכטער און זייערע הינט. אָבער אין אייגענעם גאָרטן וועלן מיר זיין די באַלעבאַטים.

ליידער האָט דער מלחמה אויסברוך צוגענומען ביי אונדז דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן. ווען מיר זענען אין אַ צייט אַרום אַרויסגעפאָרן באַזוכן אונדזער דאַטשע האָבן מיר קוים דערקענט דאָס אָרט ווו זי האָט זיך געפונען. די אַרומיקע פּויערים האָבן צענומען דאָס הויז ביזן פונדאַמענט, צוזאַמען מיטן פּלויט, מיט דער שיינער אַלטאַנע, אין וועלכער איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו פאַרברענגען. פון אונדזערע פּרוכטן־ביימער איז נישט פאַרבליבן קיין שפּור, אויך נישט פון די סאָסנעס, וואָס פלעגן פאַרשמעקן די לופט. די פּויערים האָבן באַנוצט דאָס געהילץ אויף צו הייצן זייערע כאַטעס און דעם טאַטנס שווער פאַרהאָרעוועט געלט איז אַוועק מיטן רויך.

***

דער צאַרישער טראָן האָט דערפילט די ערשטע דייטשע קלעפּ און געענטפערט מיט קלעפּ קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. יידיש, אַלס ענלעכע שפּראַך צו דייטש איז באַטראַכט געוואָרן פאַר פיינטלעך און ס'איז פאַרווערט געוואָרן די יידישע פּרעסע און ס'טעאַטער. נישט לאַנג נאָך איז דייטש געווען אַ סגולה אויף צו שפּילן יידיש טעאַטער, איצט איז עס געוואָרן זיין קברן. דאָס ביסל יידישע אַקטיאָרן האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען אין פאַרשידענע „סאַלעס" מיט קאָנצערטן און כלומרשט טעאַטער אויף פּויליש... אַ טייל ווידער האָט זיך גענומען צו זייערע אַמאָליקע פאַכן. אין קאַמינסקים טעאַטער פלעגן אַראָפּקומען פאַרשידענע רוסישע טרופּעס, — מערסטנטייל אָפּערעטעס און רעוויעס, — מיט פּאַטריאָטישע מאַכערייקעס. אויך דאָס „ראָזמאַאיטאָשטשי" איז געווען גע־צווונגען צו שפּילן פּיעסן מיט מלחמה־טעמאַטיק. זיי זענען אָבער געשטאַ־נען אַן ערך העכער פון די רוסישע הורא־פּאַטריאָטישע שמאַטעס.

דאָס „זומער טעאַטער" אין זאַקסישן גאָרטן האָט אויפגעפירט אַן אַנטי־דייטשן פאַרס א"נ „קאָמענדאַנט טורם".

עס האַנדלט זיך וועגן אַ רוסישער שטאָט, וואָס ווערט פאַרנומען דורך די דייטשן בראש פונעם אכזריותדיקן קאָמענדאַנט טורם. די ציוויליע באַפעלקערונג שטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד די אינוואַזאָרן און סוף כל סוף באַווייזן זיך די רוסן, וועלכע ווערן אויפגענומען ווי רעטער און באַפרייער. צווישן די אַנטיילנעמער געפינט זיך, פאַרשטייט זיך, אַ יידישער טיפּ, געשפּילט דורכן גרויסן קאָמיקער אַנטאָני פּערטנער. דאָס יידל מאַכט פאַרשידענע געשעפטן און פאַרדעכטיקע מאַכינאַציעס מיט די דייטשן, אויסרעדנדיק וואָס אין דער קאָרט אויף די רוסן, ווען ס'דער־הערט זיך צום סוף פון דער פּיעסע אַ שיסעריי צווישן די אָפּטרעטנדיקע דייטשן און אַריינמאַרשירנדיקע רוסן, באַהאַלט זיך דאָס יידל אונטערן טיש. ווען ס'באַווייזן זיך אויף דער בינע די רוסן, קריכט ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און באַגעגנט זיי מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי: „דאָס זענען אונדזערע! אונדזערע!"

אין איין יאָר שפּעטער, באַלד נאָכן פאַרנעמען וואַרשע דורך די דייטשן, האָט די זעלבע טרופּע אויפגעפירט די אייגענע פּיעסע אונטערן נאָמען „קאָמענדאַנט איוואַנאָוו".

די זעלבע האנדלונג האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַרקערטערהייט, ד״ה די פאַרפאָלגער זענען געווען די רוסן און די באַפרייער די דייטשן... אין דער פינאַל סצענע פון דער פּיעסע, ווען אויף דער בינע באַווייזן זיך די דייטשע זיגער, גייט דער אַקטיאָר פּערטנער ווידער אַפּער פון אונטערן טיש און שרייט אויס מיטן זעלבן יידישן אַקצענט ווי אין דער ערשטער ווערסיע: „דאָס זענען אונזערע! אונדזערע!״...

אזוי פלעגן פאַבריצירט ווערן די פּאַטריאָטישע מאַכאַרייקעס און אזוי פלעגן געוויסע אַקטיאָרן האַנדלען מיט זייער געוויסן...

וואַרשע איז געווען פול מיט פּליטים פון די פאַרנומענע געביטן און פון די „גרענעץ פּאַסן״, וועלכע דער גרויספירשט ניקאָליי ניקאָלייעוויטש האָט געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן יידן־ריין. זייער פיל ווידער פון די איינגעזעסענע וואַרשעווער תושבים האָבן זיך עוואַקואירט קיין רוסלאַנד. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ אומרואיקער און אומזיכערער.

די טענדענציעזע פּראָפּאַגאַנדע פון פּרעסע־שטאַב איז נישט געווען בכוח צו פאַרשרייען די אמתע לאַגע: דעם גיכן אַוואַנס פון ווילהעלמס חיילות און די גוואַלדיקע קלעפּ וואָס זיי האָבן דערלאַנגט די רוסן. מען האָט זיך געשושקעט וועגן די וווּנדער וואָס די „גראָבע בערטאַ״ האָט באַוויזן אין בעלגיע.

מיר זענען צום ערשטן מאָל געווען עדות פון אַ לופט־שלאַכט וואָס איז פאָרגעקומען איבער וואַרשע.

אָט, דאַכט זיך, נאָר וואָס האָבן מיר באַגלייט צו זיין אייביקער רו דעם לעצטן וואַרשעווער טראַמוויי געשפּאַנט אין פערד, און שוין זענען מיר עדות פון אַ שלאַכט פון שטאָלענע פלי־מאַשינען.

וואַרשע ווערט פול מיט פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. ס׳פאַרפעלן שפּי־טעלער, קאָנפיסקירט מען שולעס, טעאַטערס, עפנטלעכע געביידעס. די געוועזענע פּוילישע באַנק אויף באַנק־פּלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל. נאָכן דערשטיקן דעם לעצטן פּוילישן אויפשטאַנד האָבן די רוסן אַראָפּגענומען דעם פּוילישן אָדלער פון איבערן אריינגאַנג און אים איינגעמויערט פאַר זיין שוועל. יעדער פּאָלאַק וואָס פלעגט פאַרבייגיין דעם אריינגאַנג האָט מיט אַ ווייטיק אין האַרץ געזען די רוסישע שטיוול טרעטן אויף זיין אָדלער. איצט ווערט דאָס אָרט באַנעצט מיטן בלוט

פון די רוסישע פאַרווונדעטע וואָס ווערן דאָ אין די טויזנטער אריין און אַרויסגעטראָגן...

אין די גאַסן באַווייזן זיך ווידער די קאָזאַקעלעך אויף די פערדלעך. זיי זענען באַשטימט „אויפצוהאַלטן די מאָראַל" ביי דער באַפעלקערונג... זיי טוען דאָס אויפן זעלבן שטייגער ווי אין פערטן און פינפטן יאָר...

אין אַ געוויסן טאָג פאַרשפּרייט זיך בליץ שנעל אַ ידיעה, אַז מען האָט געבראַכט קיין וואַרשע דייטשע געפאַנגענע. מיר לויפן זיי אָנקוקן ווי אַ בייז ווונדער...

דריי צענדליק געפאַנגענע, מערסטנס עסטרייכער, זענען אַרומגעפירט געוואָרן אַהין און צוריק איבער די וואַרשעווער גאַסן ווי אַ בייז ווונדער. פאַראויס זענען געגאַנגען 2 פּרייסישע אָפיצירן און אַ מיליטערישער דאָק־טער. די אָפיצירן מיט מאָנאָקלען אין די אויגן און פאַריסענע קעפּ האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון זיגער, נישט פון געפאַנגענע...

דאָס זענען געווען די ערשטע דייטשן וואָס איך האָב געזען. וואַרשע האָט אויסגעקוקט זייער אָנקומען.

די פּאָליאַקן האָבן געהאָפט דורך זיי צוריקצוגעווינען זייער זעלבּ־שטענדיקייט און יידן — אַ מענטשלעכע באַציאונג.

האָבן מיר דאָך דאַן באַטראַכט די דייטשן ווי קולטור־טרעגער...

ס'איז געווען סך הכל אין 1914 יאָר...

XXV

און וואָס ווייטער

איין יאָר דראַמאַטישע שולע האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז איך פאַרליר אומזיסט צייט. נישט ווייניקער ווי איך האָב לכתחילה געוואָלט אָנקומען אין איר, האָב איך איצט געוואָלט פון איר פטור ווערן. פון אַזאַ שולע וועל איך דעם יידישן טעאַטער גאָרנישט קאָנען געבן. איך מוז אַ געוויסע צייט שפילן אין פוילישן טעאַטער און מיטברענגען פון דאָרט דערפאַרונג. דער ערשטער באַדינג אָבער אָנצוקומען אין אַ פוילישן טעאַטער, אפילו אויף דער פּראָווינץ, איז אַן אַטעסטאַט פון אַ דראַמאַטישער שולע. צוליב דעם אַליין, צוליבן פּאַפּירל מוז איך זי ענדיקן. אַרויסוואַרפן, הייסט עס, אַן איבעריק יאָר. האָב איך מיך געטרייסט, אַז ווען איך וואָלט געווען מיט איינים יאָר עלטער, וואָלט איך איצט זיכער געווען אין מיליטער און איינגעשטעלט מיין לעבן פאַרן „צאַר־באַטיושקאַ”...

מיין ערשטער רעזשיסער אין די קרינסקי־פאָרשטעלונגען, דער לערער דוואָרעצקי, איז שוין געפאַלן אויפן גאַליציאַנער פראָנט... דער חבר נח מישקאָווסקי — אַריין אין געפאַנגענשאַפט מיט סאַמסאָנאָווס אַרמיי... איז מיר שוין ליבער צו פאַרלירן אַ יאָר אין דראַמאַטישער שולע.

פּאָמיאַן האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיין... פּינקטלעכן צאָלן דעם שכר־לימוד און באַשלאָסן מיך צו לאָזן אַן איבעריק יאָר אויפן ערשטן קורס... געהייסן האָט עס, אַז איך בין צו יונג פאַרן צווייטן: וועל איך נישט פאַרבלייבן איצט אויף אַן איבעריק יאָר, וועל איך פאַרבלייבן ביים פאַרענדיקן די שולע. די ברירה איז ביי מיר...

דאַרף מען פּרוּוון מזל אין דער דריטער שולע וואָס האָט עקזיסטירט אין וואַרשע: אין דער פּריוואַט־שולע פון הרינעוועצקאַ.

ווער ווייסט אָבער ווי זי וועט זיך באַציען צו מיין עלטער...

איך פלעג יעדע פּאָר טעג באַזוכן דעם פריזירער און האָבן צו אים טענות, הלמאי מען זעט אפילו נישט קיין פּוכל ביי מיר אויף די באַקן... דער אָרעמער פריזירער פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז ער „קראַצט און קראַצט און ס׳קומט גאָרנישט אַרויס... ס׳מוז נאָך, אפנים, דויערן אַ שטיקל צייט"...

איך פלעג אָפּט אַריינקוקן אין שפּיגל און „שטודירן" מיין פּנים...

— ווען דאָ אונטער די אויגן וואָלט געווען אַביסל איינגעפאַלן און פוןביידע זייטן נאָז ביז די ווינקלען פון מויל — אַ פּאָר טיפע קנייטשן; און די פעך־שוואַרצע שעוועלורע וואָלט פון די זייטן געווען באַזילבערט, ווי איך פלעג עס מאַכן מיט אַביסל פּשוטן מעל, — וואָס וואָלט מיר דאַן געפעלט!...

ווען איך זעץ מיך איצט אַמאָל גרימירן און זוך מיטלען ווי צו „פאַרעטושירן" אַן איבעריקן קנייטש און ווי צו „פאַרטונקלען" די „באַזיל־בערטקייט" אַרום די אויערן, דערמאָנט זיך מיר אָפּט יענע נאַאיוו־ראָ־מאַנטישע צייט, ווען איך האָב געוואָלט מיט כוח אַרויפצווינגען אויף זיך די עלטער...

איך האָב מיך דאַן „געמאַכט" ווי אַזוי איך וואָלט ג ע וו אָ ל ט אויסזען, איך האָב מיר אָבער נישט פאָרגעשטעלט ווי אַזוי די יאָרן וועלן מיך מאַכן אויף אַן אמת אויסזען... דער שפּיגל, הפּנים, האָט נישט דער־זאָגט...

איך האָב מיך אַלזאָ געגרייט אָנצוקומען אין הרינעוואַצקאַס שולע. כדי צוצוגעבן מיין ייִנגלערישן פּנים אַ „דערוואַקסענעם" אויסזען, האָב איך דיסקרעט פאַרעטושירט דאָס אָרט פון וואָנצעס מיט אַ בלאָען בלייַש־טיפט... איצט האָט קיינער נישט געקאָנט צווייפלען, אַז איך בין גלאַט ראַזירט...

איך בין געוואָרן אָנגענומען אויפן צווייטן קורס אָן עקזאַמען. איך האָב מיך אָבער באַדאַרפט באַווייזן אין אַ סצענע, וואָס זאָל געבן אַ באַ־גריף פון מיינע פעאיקייטן. דאָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען עפנטלעך פאַר אַלע שילער און פּראָפעסאָרן. איך האָב אויסגעקליבן צו דעם צוועק שימאָ־נאָווסקים מאָנאָלאָג: „אויף דער גאַס".

ס'איז האַלבע נאַכט. די שטאָט איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. פון אַ שענק ווערט אַרויסגעוואָרפן אַ האַלב־שיכורער גאַסט, וואָס האָט נישט צו באַצאָלן דעם חשבון. ס'איז אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס פּרוווט „פּאַרסמען דעם וואָרעם". איצט האָט מען אים די לעצטע באַרוישונג אויך צוגענומען. וואָס ווייטער? נישט קיין היים, נישט קיין אַרבעט, פאַרשפּילט דעם היינט, דער מאָרגן האָפנונגסלאָז... זעלבסטמאָרד? און אפשר פּרוּוון ס'מזל?... אָט גייט פון דערווייטנס אַן עלעגאַנט געקליידעטער מאַן... אַביסל דרייסטקייט... נישט מער ווי איין אויגנבליק... איין פלינקער קלאַפּ און ער וועט אפילו קיין פּיפּס נישט טון... ס'איז פינצטער אַרום, בלויז דער שוואַכער אָפּשיין פון דער לאַמטערנע... קיינער וועט נישט וויסן... איין אויגנבליק דרייסטקייט און ער קאָן זיין געהאָלפן... נאָר אָט רוקט זיך אונטער אַן אַלטער גאַסן־קערער... זאָל דאָס זיין אַ וואָרענונג קעגן פאַר־ברעכן? ווען נישט דער אַלטער וואָלט שוין אפשר זיין האַנט פאַרגאָסן בלוט... דער אַלטער דערפילט דאָס. ער וויל אים געבן טרייסט און דער־מוטיקונג. ס'אַנטוויקלט זיך אַ שפּאַנענדיקער, כמעט מעלאָדראַמישער דיאַ־לאָג. דער יונגער באַקומט חרטה, די מאָראַל זיגט און ס'ווערט גערא(ט)ע־וועט אַ מענטשלעכע נשמה...

דעם דאָזיקן דיאַלאָג האָב איך שטודירט אין „פילהאַרמאָניע" מיט אַ צווייטן חבר, איצט האָב איך ביידע ראָלן אָפּגעשפּילט אַליין. צום סוף האָט מען מיך, מעשה אַקטיאָר, אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן און די פּראָפעסאָרן ווי אויך די שילער האָבן מיר גראַטולירט.

דער דאָזיקער דערפאָלג האָט מיר תיכף געשאַפן אַ פּריווילעגירטע לאַגע אין דער שולע און איך האָב מיך געקאָנט אַרויסדרייען פון געוויסע טעאָרעטישע לעקציעס, וועלכע די הרינעוועצקאַ פלעגט אויף אַ לאַנגוויי־ליקן אופן אַרויסלייענען פון אַ ביכל. איך האָב מיך אויך באַפרייט פון די טאַנץ־לעקציעס ביים באַלעט־מייסטער קולעשאַ און ביז היינט צו טאָג האָב איך נישט דעם מינדעסטן אינטערעס פאַר די פאַרשידענע מיני סאַלאָן־טענץ. דאַקעגן די לעקציעס פון ריטמיק און פּלאַסטיק האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט. איך האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון קולטיווירן די באַוועגונגען פון מענטשלעכן קערפּער, נישט ווייניקער פון דער שטים־מאָדולאַציע.

די הרינעוועצקאַ האָט פאַרן צווייטן קורס איינגעפירט לעקציעס פון גרים. זי פלעגט זיך דערביי אויך באַנוצן מיט אַן אַלטמאָדישן ביכל און אַרויסצולייענען פון דאָרט פאַרטיקע שאַבלאָנען, ווי בריוו פון אַ בריוושטעלער און אַלס מוסטער פלעגט זי אונדז ווייזן די נאַאיווע צייכענונגען מיט וועלכע דאָס ביכל איז געווען אילוסטרירט...

ווען איך האָב מיך אויף דער ערשטער לעקציע פאַרגרימירט פאַר אַן אַלטן, האָט מיר הרינעוועצקאַ געגעבן איר הסכמה און גרויסמוטיק באַפרייט פון צו באַזוכן די ווייטערדיקע לעקציעס. די חברים, דאַקעגן, האָבן געהאַט אויף מיר פאַראיבל, ווייל פון מיין גרימירן זיך, האָבן זיי געטענהט, קאָנען זיי זיך מער אויסלערנען ווי פון הרינעוועצקאַס ביכל.

די פראַקטישע לעקציעס פון דער אַזוי גערופענער „סצענישער קונסט", וואָס זענען באַשטאַנען פון צוגרייטן פראַגמענטן און אַקטן זעענען געפירט געוואָרן דורך באַרימטע אַקטיאָרן אויפן זעלבן שטייגער ווי אין דער „פילהאַרמאָניע", ד"ה אָן אַ וועלכן ס'איז פעדאַגאָגישן צוגאַנג, מיט דער הילף פון אָנוואַרפן דעם שילער פאַרטיקע שאַבלאָנען.

ס'געדענקט זיך מיר פאָלגנדיקער פאַל: אייניקע חברים האָבן רעפּעטירט אַ סצענע פון פּשיבישעווסקיס אַ פּיעסע. אין אַ געוויסער שטעלע זאָגט די פרוי צו איר געליבטן: „דו ביסט אַן אמתער קאָנקוויסטאַדאָר"...

די חברטע וואָס האָט רעפּעטירט די ראָל פרעגט זיך ביים פּראָפעסאָר וואָס ס'באַדייט דער אויסדרוק: „קאָנקוויסטאַדאָר". דער פּראָפעסאָר, איינער פון די גרעסטע פּשיבישעווסקי־אינטערפּרעטאַטאָרן, וועלכער האָט צו יענער צייט געשטורעמט וואַרשע מיט דער ראָלע פון דעם זעלבן „קאָנקוויסטאַדאָר", האָט זיך נישט געשעמט צו ענטפערן: „איך ווייס נישט גענוי, געווים עפּעס אַ באַליידיקונגס־וואָרט"...

אַזאַ באַציאונג האָבן אונדזערע פּראָפעסאָרן געהאַט צו זייער אַרבעט און צו זייערע שילער. ליידער האָבן דאָס נישט אַלע פאַרשטאַנען און די גרעסטע טייל פון אונדז האָט זיך נאָך געגרויסט צו זיין שילער פון דער אָדער יענער באַרימטקייט.

***

די שולע האָט זיך גענומען פיבערדיק גרייטן צום אַרויסלאָזעקזאַמען. איך האָב אין דעם געזען דעם סוף פון דער בלומרשטער

טעאַטער־אויסבילדונג און דעם אייגנטלעכן צוועק פון איר. — דעם אַטעסטאַט, וואָס עפנט אַ וועג צום טעאַטער. פאַר דער הרינעווועצקאַ דאַקעגן האָט עס באַדייט אַ רעקלאַמע־מיטל אויף צוציען נייע קרבנות פאַר איר שולע. אויב ס׳האָבן זיך אויפן אַרויסלאָז־עקזאַמען אויסגעצייכנט אייניקע פעאיקע שילער, איז עס געוואָרן צוגעשריבן אויפן חשבון פון איר שולע און במילא געהויבן איר אָנזען און פּאָפּולערקייט.

פון אַלע פראַגמענטן און אַקטן וואָס זענען רעפּעטירט געוואָרן במשך פון שול־יאָר זענען געוואָרן אויסגעקליבן די געלונגנסטע און ס׳איז באַשטימט געוואָרן דער פּראָגראַם פון אַרויסלאָז־עקזאַמען. די פעאיקערע שילער האָבן געהאַט די פּריווילעגיע אויפצוטרעטן דעם אָוונט אין אייניקע פראַגמענטן און אַזוי אַרום צו דעמאָנסטרירן די „אַלזייטיקייט" פון זייער באַגאַבונג.

מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַווייזן אין דריי ראָלן: אין אַ „ליבהאַבער" אין זאַפּאָלסקאַס פּיעסע: „פריילין מאַליטשעווסקאַ", אַלס „האַמלעט" אינעם גרויסן דיאַלאָג מיט דער מוטער און צום סוף אין דער ראָלע פון אַן אַלטן שוסטער אין קאַזשעניאָווסקיס קאָמעדיע: „פון גאַנצן הארצן", וואָס האָט אגב געהערט צו די בעסערע קרעאַציעס פון גרויסן פּוילישן אַקטיאָר לודוויק סאָלסקי. ווען די הרינעווועצקאַ האָט מיך באַשטימט צו שפּילן די דאָזיקע ראָלע, האָט זי באַמערקט, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד און זי האָפט, אַז איך וועל זי נישט פאַרשעמען. ביי דער געלעגנהייט האָט זי מיך, כלומרשט פאַרבייגייענדיק, געפרעגט ווי אַזוי איך וויל מיין נאָמען זאָל זיין אָפּגעדרוקט אינעם פּראָגראַם, צי וואָלט איך נישט וועלן מיר געבן קיין פּסעוודאָנים... לכתחילה האָב איך נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט איר, פאַרוואָס עפּעס אַ פּסעוודאָנים, מיט וואָס טויג נישט „סאַלאָמאָן טורקאָוו"? האָט זי מיר געגעבן אויף אַ דיסקרעטן אופן צו פאַרשטיין, אַז איר פּערזענלעך אַרט דאָס נישט, פאַרקערט, זי האָט תמיד זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע צו אירע יידישע שילער... נאָר טאַקע פאַר מיין טובה וועגן... צוליב דער איצטיקער שטימונג אין לאַנד... אויב אַלזאָ איך וויל אָנקומען אין אַ פּוילישן טעאַטער, דאַרף אויך מיין נאָמען קלינגען פּויליש. סיי דער עולם, סיי די קריטיק וועלן זיך צו מיר אַנדערש באַציען... הגם זי האָט עס מיר

בולט נישט אַרויסגעזאָגט, האָט זי מיר אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז קיין שום פויליש טעאַטער וועט נישט אַנגאַזשירן צו זיך קיין „סאַלאָמאָן" און איך וועל אַלזאָ האָבן אומזיסט געפטרט די צוויי יאָר אין דער דראַמאַטישער שולע... האָב איך גענומען פאַרפוילישן מיין צווייטן יידישן נאָמען: זלמן. נאָך לאַנגער מי איז מיר געלונגען אָפצוראַטעווען בלויז דעם ערשטן אות און פון „זלמן" איז געוואָרן „זיגמונט". געטרייסט האָב איך מיך וואָס איינער פון די ערשטע יידישע אַקטיאָרן, מאָגולעסקאָ, האָט זיך אויך גערופן זיגמונט און דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער פיינמאַן איז אויך געווען אַ זיגמונט. די אָפעראַציע איז אַלזאָ נישט געווען קיין שטאַרק ווייטיקדיקע און אַדאַנק, הייסט עס, דער הרינעוועצקאַ, איז מיין נאָמען בישראל ביז היינט צו טאָג זיגמונט.

דער פייערלעכער עקזאַמען איז פאָרגעקומען אינעם בנין פון דער וואַרשעווער „פילהאַרמאָניע", וווּ ס'האָט זיך אויך געפונען אַן אינטימער זאַל אונטערן נאָמען „קליינער טעאַטער". אויף די ברעטער פונעם דאָזיקן טעאַטער פלעג איך באַוווּנדערן קאַזימיערזש קאַמינסקין, אַדוועגטאָוויטשן, סעניצקאַן און אַנדערע קאָריפייען פונעם פוילישן טעאַטער. איצט דאַרף איך דאָרט באַלייגן מיין רייפקייטס־עקזאַמען, וואָס דאַרף עפענען פאַר מיר די טירן פונעם אויסגעבענקטן טעאַטער. ס'איז אַלזאָ אַ דעציזירנדיקער טאָג אין מיין לעבן. וועל איך דורכפאַלן, מוז איך אויפגעבן דעם געדאַנק פון צו ווערן אַן אַקטיאָר. ס'וועט אָבער זיין נישט בלויז מיין פערזענלעכער דורכפאַל, אָט געפינט זיך אין זאַל קרינסקי, דער פאָטער, דער פעטער ישראל־חיים, די גאַנצע משפחה, אַלע חברים — וועט דאָס זיין זייער אַלעמענס דורכפאַל. אויב שוין נישט צוליב מיר, דאַרף איך זיי צוליב אַרויס מיט כבוד פון דעם פרווו. דער עיקר טאַקע צוליב קרינסקין און פעטער ישראל־חיים, זיי האָבן דאָך אייגנטלעך דערוועקט אין מיר די ליבע צום טעאַטער.

נאָך דעם אַקט פון „פריילין מאַליטשעווסקאַ", איז קיינער צו מיר נישט אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן, דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן. איבעריקנס, איך האָב אויף די ראָל פונעם „ליבהאַבער" נישט צופיל געשטעלט. פון מיינע ערשטע טריט ביים טעאַטער, נאָך אַלס אַמאַטאָר, האָב איך נישט געפילט קיין נייגונג צום דאָזיקן זשאַנר. איך האָב

בכלל פיינט געהאַט צו שפּילן ראָלן מיט „מיין פּנים", דאָס הייסט אָן אַ גרים, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן אַ געוויסן טיפּ. ס'האָבן מיך נישט אינטערעסירט קיין ראָלן וואָס זענען געבויט אויסשליסלעך אויף דיאַלאָג און אויסערלעכע שיינקייט. אין יענער צייט בין איך געווען פאַרכאַפּט פון „פּסיכאָלאָגישע" ראָלן, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן אין איבער־לעבן. ס'האָט מיך מער אינטערעסירט די פּויזע ווי דאָס וואָרט, דאָס נישט דערזאָגטע ווי די ניין מאָס רייד. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו שפּילן מיט אסתר רחל קאַמינסקי האָב איך אין דעם פּרט געפונען אין איר אַ סך ענלעכעס. אויך זי האָט, להיפוך צו אַנדערע אַקטיאָרן, נישט פאַר־טראָגן קיין איבעריקע רייד אויף דער בינע און די לאַנגע דרשות פלעגט זי אומברחמנותדיק שניידן און, ווי זי האָט עס גערופן — „דערפירן צום פּונקט".

די ראָלע פון „ליבהאָבער" איז אַלזאָ געווען ביי מיר אַ שטיף־קינד. אפילו אינעם פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער האָט זיי אויך נאָר געקאָנט שפּיל; אַן אַקטיאָר מיט רייפער טעכניק, וואָס איז ספּעציאַליזירט אינעם דאָזיקן זשאַנר. פון אַלע אַקטיאָרן וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין ענלעכע ראָלן איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דער גרויסער פראַנצויזישער מייסטער וויקטאָר בושע.

אינעם צווייטן פראַגמענט, אַלס „האַמלעט", האָב איך שוין געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן אַ שלל פון געפיל־ענדערונגען. איבערגיין פון אויפריכטיקן נשמה־אויפברויז צו אַפעקטירטער עקזאַלטירונג און סי־מולירטע מענטאַלע דעפעקטיווקייט; פון לאָגישער אַרגומענטאַציע צו סטיר־כישן פּראָטעסט; פון ליבע און פאַרערונג צום פאַרשטאָרבענעם פאָטער צו שנאה און פאַראַכטונג צום שטיפפאָטער. מיט איין וואָרט: „אויסשפּילן אויף אַלע סטרונעס פון דער מענטשלעכער נשמה"...

די דריטע ראָלע — פון דעם אַלטן שוסטער האָט מיך פון דער ער־שטער לייען־רעפּעטיציע פאַרכאַפּט. איך האָב תיכף דערפילט די נשמה־ראַנגלענישן פון דעם אַנטוישטן און אָנגעווייטיקטן זקן; איך האָב געגלויבט זיינע טענות און אַרגומענטן, ווייל זיי זענען געווען אויפריכטיק אמתדיק און במילא טיף מענטשלעך. אין דעם וואָס איך אַליין גלויב — קאָן איך

מאַכן אַנדערע גלויבן. אין דעם באַשטייט דער כוח פון אמת. האָב איך טאַקע דערפילט אין אַלטן שוסטער „מיין" ראָלע.

צום באַרויערן האָבן זיך מיינע פּראָפעסאָרן פאַרנומען מיט מיינע מיטשפּילער, ווייזנדיק זיי ווי אַזוי צו גיין און צו רעדן. מיין ראָל האָבן זיי געהאַלטן פאַר „אַ געמאַכטער", וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין אויסבעסערונג, איז זי טאַקע אַרויסגעקומען נישט פאַרענדיקט. כּאָטיש, מיט נישט געצווימטע באַוועגונגען און מיט איבעריקער סענטימענטאַליש־קייט. איך האָב אָבער, ווי געזאָגט, געגלויבט אין אַלץ וואָס איך טו און דאָס האָט הפּנים געהאַט די געהעריקע ווירקונג אויפן צושויער־זאַל. דער אַקט האָט זיך געענדיקט מיט אַ שטורמישער אָוואַציע. אפילו דער קריטיקער פון די „2 גראָשן", אַן אַנטיסעמיטיש גאַסן־בלעטל פון יענער צייט, איז מיר אַרונטערגעקומען גראַטולירן פאַר דער ראָלע.

געענדיקט האָב איך די דראַמאַטישע שולע מיט אַן אויסצייכענונג אַלס כאַראַקטער אַקטיאָר.

און אָט זע איך מיך שטיין פאַר דער „פילהאַרמאָניע" אַרומגערינגלט פון אַלע נאָענטע מענטשן. אין איין האַנט — דער אַטעסטאַט פון דער שולע, אין דער צווייטער — אַ זילבערנער פּאַפּיראָסניצע מיט גאָלדענע איניציאַלן, אַ מתּנה פון מאַגנוס קרינסקי... איך בין נאָך עמאָציאָנירט פונעם נאָר וואָס איבערגעלעבטן, בין נאָך צו זיך נישט געקומען פון די אָוואַציעס און גליקוווּנטשן און שוין פאַרגנבעט זיך דער געדאַנק:

— און וואָס ווייטער?...

אָט בין איך שוין אַ געענדיקטער אַקטיאָר... קיין יידיש טעאַטער איז נישטאָ, אינעם פּוילישן הערשט דער גייסט פון די „2 גראָשן"... די דייטשן דערנענטערן זיך צו וואַרשע... — און וואָס ווייטער?...

פאַראַן אַ טרוק ביים פילמען, וואָס רופט זיך „איבערבלענדונג". איין בילד פאַרוואַנדלט זיך אומבאַמערקבאַר אין אַ צווייטן און גלייכצייטיק ווערט אונטערגעשטראָכן די שייכות פונעם פריקן צום איצטיקן, אָדער די אַנאַלאָגיע פון צוויי באַזונדערע געשעענישן.

אָט אַזאַ לעבעדיקע „איבערבלענדונג" איז טאַקע פאָרגעקומען אין מיין לעבן אין שייכות מיט יענעם מאָמענט פאַרן בנין פון „פילהאַרמאָניע".

ס'האָט אָבער פאַרנומען מער צייט, ווי דער דערמאָנטער קינעמאַ־טאָגראַפישער טרוק, ווייל סך הכל א פינף און צוואַנציק יאָר...

וואַרשע האָט קאַפּיטולירט, די נאַציס זענען נאָך נישט אַריין אין שטאָט. זיי וואַרטן ביז מען וועט אָפּרייניקן פאַר זיי די גאַסן. די הייזער סמאָלען זיך נאָך. דער הימל איז רויט פון די אַרומיקע שריפות. מענטשן לויפן פון איין גאַס צו דער אַנדערער מיטן אָפּגעראַטעוועטן ביסל אָרעמ־קייט. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פאַרברענגען די באָמבאַר־דירונג אין דעם קעלער פון קאַפע „עספּלאַנאַדאַ". קעגנאיבער אונדז אויף דער זעלבער גאַס האָבן געטליעט די איינגעפאַלענע מויערן פון אונ־דזער אַלטער „פילהאַרמאָניע"...

איך גיי אַרויס פאַרטאָג זיך „אַרומקוקן" אין גאַס. דער אַספאַלט ברענט אונטער די פוס, אין דער לופט פילט זיך געבראָטן פלייש. הונגע־ריקע שניידן געשוואָלענע שטיקער פון געפאַלענע פערד, מענטשן, דער־שראָקענע, פאַרחושכטע לויפן אַרום ווי די שאָטנס, טונקעלע שאָטנס אויף א רויטן פאָן...

און אָט איז די „איבערבלענדונג"! אויפן זעלבן אָרט ווו איך בין געשטאַנען מיטן אַטעסטאַט און פאַרטסיגאַר אין האַנט ליגט עפּעס א גרינער קעגנשטאַנד אויף דער ערד. פונדערווייטנס שטייט א גרופּע שאָטנס און וואַגט זיך נישט צו דערנענטערן צו דעם אָרט. מען שמועסט, אַז ס'איז א נישט עקספּלאָדירטער גראַנאַט... מען גייט נישט צו, אָבער מען גייט אויך נישט אַוועק. הגם א גראַנאַט קאָן אויפרייסן... די מלחמה אָבער איז פאַרשפּילט, איז א גלייכגילטיקייט צו אַלעם, אפילו צום גראַ־נאַט. און אָט פּלוצלינג — הויבט זיך דער „גראַנאַט" אָן צו באַוועגן. ס'טיילן זיך אויס צוויי גרינע פליגלען און פאַר אונדזערע אויגן באַווייזט זיך א פּאָפּוגיי... די שאָטנס ווערן אויפגעלעבט. ווי דורך א באַוועגונג פון א צויבער שטעקעלע פאַרוואַנדלען זיי זיך אין לעבעדיקע מענטשן... דאָס האָט זיי אויפגעוועקט דער עקזאָטישער פויגל... פון וואַנען נעמט ער זיך אַהער?... דאָס האָט געוויס זיין גוטהאַרציקע באַלעבאָסטע געעפנט פאַר אים די שטייג אינעם ברענענדיקן הויז און נאָכגעשריגן אים: ראַ־טעווע זיך ווי די קאָנסט!...

און אַט באַמערק איך אין דער גרופּע אַ באַקאַנטן מוזיקער, אַ פראַנ־צויזישן מולאַט... ער האָט אַ יידיש ווייב און יידישע קינדער... צי איז ער נישט מקנא דעם פּאַפּוגיי וואָס ער איז שוין באַפרייט פונעם שטייג און ער, דער מולאַט, איז אַריין צו די דייטשן אין פּאַסטקע...

איך האָב מיך דאַן דערמאָנט דעם מאָמענט נאָכן עקזאַמען, די פרייד־לעכע פּנימער פון מיינע באַגלייטער און מיין באַזאָרגונג: און וואָס ווייטער?...

איצט האָבן אַלע פּנימער אויסגעדריקט די זעלבע אומרואיקייט:

— און וואָס ווייטער?

אין זיבן חדשים אַרום האָט זיך מיר איינגעגעבן זיך אַרויסצוראַ־טעווען צוזאַמען מיט מיין פרוי פון דעם נאַצי־אָקופּירטן וואַרשע. דאָס איז געווען אין אַפּריל 1940.

מיר אַנטלויפן קיין איטאַליע. פּאַריז איז געפאַלן. כמעט גאַנץ אייראָפּע געפינט זיך אין דייטשע הענט. איך באַקום אַ ידיעה וועגן טאַטנס טויט. מוסאָליני דערקלערט מלחמה די אַליאירטע. מיט אַ פּאָר שעה פריער האָב איך באַקומען פון מיין ברודער מאַרק די אַרגענטינער וויזע. די האָפענונג אָפּצופאָרן פון איטאַליע איז פאַרלוירן. מען סטראַשעט אונדז אָפּצושיקן צו דער דייטשער גרענעץ. דאָס באַדייט אַ זיכערן טויט. אין בעסטן פאַל שטייט אונדז פאָר קאָנצענטראַציע־לאַגער. מוסאָליני דער־קלערט אַ קאַמף פון רוים קעגן ירושלים...

— און וואָס ווייטער?...

***

און ס׳איז פאַרביי נישט מער ווי צען יאָר. ס׳איז פעברואַר 1950. איך שרייב דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אויף דער יידישער שיף „נגב", וועלכע פירט אונדז איבערן „מאַרע נאָסטרום" צו די ברעגן פון מדינת ישראל.

דער „מגן־דוד", וועלכן איך האָב מיט צען יאָר צוריק געטראָגן אַלס יידישן „קען־צייכן" אין וואַרשע, פלאַטערט איצט שטאָלץ אויפן מאַסט פון אונדזער שיף.

פעברואַר 1950.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־ װיערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער־מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן) (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אַברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הויף
24) טאַניא פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַנעצנעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאָוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק (אויספארקויפט)
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער (אויספארקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד"ר ה. שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד"ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאַמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת־יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ: פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טאָצקי: גלות דייטשלאַנד
70) ד"ר יעקב שאַצקי: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה

71) נחמן מייזיל: געווען אמאָל אַ לעבן...
72) י. י. טרונק: סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע
73) יהודה עלבערג: אונטער קופּערנע הימלען
74) ד״ר א. מוקדוני: אין אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו: פראַגמענטן פון מיין לעבן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

דניאל טשאַרני: ווילנע
בעלכאַטאָוו (זאַמלבוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

יהושע פּערלע: יידן פון אַ גאַנץ יאָר
ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי: ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
יעקב לעשטשינסקי: ערב דעם חורבן
ד״ר יוסף טענענבוים: גאַליציע — מיין אַלטע היים
ש. בריאַנסקי: זשעלעכאָווער געשטאַלטן
מרדכי שטריגלער: גורלות
רחל אויערבאַך: פון רינגעלבלומס אַרכיוו
יוסף רייך: זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי: זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין: דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש: פּופּציק בריוו
ש. בערלינסקי: ירושה
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: אַמאָל איז געווען
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו: אַ ליד נאָך אייך
גרשם באַדער: קראָקע
משה זאָנשיין: „יידיש וואַרשע״

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פוילישע ייִדנטום

ד״ר א. מוקדוני שרייבט וועגן א. אלמיס בוך „מאָמענטן פון א לעבן״ („דער מאָרגן-זשורנאַל״, ניו-יאָרק, 28טער אויגוסט 1949):

א. אלמיס „מאָמענטן פון אַ לעבן״ (אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע), איז אַ טיפּיש אַלמיאיש בוך; ער איז האַלב-ערנסט און האַלב-שטיפעריש, האַלב-כובד-ראשיק און האַלב שקציש.

א. אלמי, וועלכער איז איצט אַ פעליעטאָניסט אין מאָרגן זשורנאַל, איז געווען אַ ליטעראַריש קינד, ער האָט אָנגעהויבן שרייבן גאָר פרי, ער איז צו 14 יאָר געווען שוין אַ שרייבער.

און דעם פילאָזאָפירנדיקן און פעליעטאָניזירנדיקן אלמי איז באַשערט געווען צו לעבן עפּעס אין אַ גאָרקישער סביבה אין דער יוגנט.

און ער האָט געזען די ביידע זייטן פון דער מטבע, וואָס הייסט לעבן.

די וואַרשעווער קאַפּיטלען פון זיין בוך זענען דורכאויס וואַרשעוועריש.

איר האָט דאָס לעבן פון אַ געדיכט באַזעצטער געגנט אין וואַרשע, דאָ האָט איר די ייִדישע אָרעמשאַפט, און צווישן דער דאָזיקער אָרעמשאַפט וואַקסט אויס אַ ייִדישער דיכטער, אַ פילאָזאָפירנדיקער שרייבער און אַ פעליעטאָניסט.

איר האָט דאָ אין דער אָרעמשאַפט אַ שטיקל אונטערוועלט; אָרעמשאַפט, דחקות און נויט זענען די פינצטערע מאַמעס פון דער אונטערוועלט, זיי ברענגען זי אויף דער וועלט, זיי האָדעווען אויס די אונטערוועלט.

אַלמי, דער ייִדישער דיכטער, האָט זעלטן געזען די זון אין זיין פּריסטער יוגנט, די זון האָט נישט אַריינגעקוקט אין דער ענגער, פינצטערער און מיט אַ וואַנט פאַרשטעלטער וווינונג פון זיינע עלטערן.

אָבער פון ערגעץ-ווו האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט פון דער זון.

און אין שכנות מיט דער אונטערוועלט האָט זיך פון ערגעץ-ווו אַריינגעגנבעט אין אים גלויבן, עכטער גלויבן.

און אין דחקות און אין נויט האָט אַ שמייכל, אַ גוטמוטיקער שמייכל, זיך באַזעצט אין אים.

און אַזוי איז אויפגעוואַקסן א. שעפּס, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן אַלמי...

ער האָט באַגעגנט אין ווין אַ שטאַרבנדיק ווינער מיידל, ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, אָבער זי

איז גיך געשטאָרבן, דאָס מיידל האָט געהייסן אַלמאַ, און אַזוי איז זיין שרייבערישער נאָמען געוואָרן אַלמי.

אַ שיינער אָנדענק נאָך אַ קורצער, טראַגישער ליבע.

און אָט וואַקסט אויף דאָס ייִנגל און ער הויבט אָן שרייבן.

זיין ליטעראַרישער פּאַטראָן אין דער שרייבערישער וועלט איז נח פּרילוצקי, אַן אַדוואָקאַט, אַ פֿאָלקלאָריסט, אַ פּאָליטיקער, אַ טעאַטער־קריטיקער, אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, הכלל — אַ מין כל־בו.

פון אָנהויב ווערט אַלמי אַ מין נושא־כלים ביי נח פּרילוצקין.

ער זאַמלט פאַר אים פֿאָלקס־לידער דווקא אין דער ייִדישער אונטערוועלט, און זאַמלענדיק לידער אין אַזאַ וועלט מוז מען שוין זיך אָנשטויסן אויף געפאַרן.

און אין איין עפּיזאָד אין זיין בוך גיט ער אייך אַ געטרײַ בילד פון די געפאַרן, וואָס אַ זאַמלער פון ייִדישן פֿאָלקלאָר מוז דורכמאַכן.

אָבער עס איז אַלץ כדאי.

און דאָס ייִנגל ווערט צוגעטוליעט צו נח פּרילוצקין, און ווען די פּרילוצקים האָבן אַ צייטונג, איז ער אַ מיטאַרבעטער, און נאָך אין די סאַמע יונגע יאָרן ווערט ער אפילו דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע.

אָבער דער יונגינקער שרייבער ווערט שוין אַ דערוואַקסענער, ער ווערט אַלט 21 יאָר, און דער צאַר, דער בייזער אַנטיסעמיטישער צאַר, וויל אים פאַר אַ זעלנער.

פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע.

דאָס 21 יעריקע ייִנגל אָדער בחורל, טראָגט אַוועק מיט זיך קיין אַמעריקע בילדער פון ייִדישע שרייבער.

און די בילדער האָט איר אין בוך.

איר האָט דאָ אַ פּאָרטרעט פון י. ל. פּרץ, פון דינעזאָן, פון מרדכי ספּעקטאָר, פון הלל צייטלין, פון ב. יאָושזאָן, פון דעם חסידישן בחורל, וואָס הייבט אָן פון העלער הויט שרייבן און ווערט איינער פון די פּאָפּולערסטע פּעליעטאָניסטן אין פּוילן, פון א. מ. ווייסנבערג, א״א.

איר האָט דאָ כמעט די גאַנצע וואַרשעווער שרייבערישע וועלט.

און ער פאַרגעסט נישט די שטילע, די זייטיקע, וואָס וואַרפן זיך קיינעם נישט אין די אויגן, אָבער טוען זייער אַרבעט מיט טיפן ערנסט און מיט ענווות.

ער פאַרגעסט נישט דוד דרוק, דער איינזאַמער, שטילער אייביקער בחור.

ער געפינט אין יעדן עפּעס שיינעס, עפּעס רירנדיק מענטשלעכעס און פאַרשטייט זיך, טאַלאַנט.

עס איז דאָ גוטמוטיקייט אין זיין מאָלן פּאָרטרעטן פון שרייבער; ער איז נישט קיין מלמד־זכותניק, ניין, פּשוט — ער טאַפּט אָן ביי יעדן שרייבער דאָס שרייבערישע פּינטעלע.

מיר האָט הנאה געטון לייענענדיק זיין פּאָרטרעט פון מרדכי ספּעקטאָר, גראָד האָב איך מיט עטלעכע טעג, איידער איך האָב געלייענט זיין פּאָרטרעט פון מרדכי ספּעקטאָר, געשריבן וועגן מרדכי ספּעקטאָרן און מיין אָפּשאַצונג פון דעם דאָזיקן געזונטן פֿאָלקס־מענטש און שרייבער פאַלט צוזאַמען מיט זיינער, מיט אַלמיס.

און אָט איז אַלמי אין אַמעריקע.

אָבער אין אַמעריקע מוז מען אַפּנים זיך איילן, מען מוז אַלץ מאַכן בקיצור, צייט איז אין אַמעריקע אַן אַרטיקל, וואָס ווערט געוווגן אויף דער וואָג פון גאָלד.

אַמעריקע איז צו קורץ אין בוך.

אָבער אַלמי שרייבט בלויז „מאָמענטן פון אַ לעבן", דאָס הייסט ער פּרעטענדירט נישט אויף אויספירלעכקייט.

אָבער אין דעם אַמעריקאַנער קיצור האָבן מיר דעם טראַגיזם פון מאָריס ראָזענפעלד, אַ לעבעדיקן און פאַרביקן פּאָרטרעט פון פּראָפעסאָר נעצל זעליקאָוויטש און פון אַנדערע.

אָבער עס איז דאָך אַ שאָד, אַ.

אַלמי האָט אונדז געקענט און באַדאַרפט געבן אַ פולערן בוך, עס איז אַן עת־כנוס, אַ צייט ווען מ'דאַרף אַלץ זאַמלען, מיר שטייען פאַר אַ נייער עפּאָכע, די אַלטע עפּאָכע איז בוכשטעבלעך טויט, מוז די אַלטע עפּאָכע פאַראייביקט ווערן.

דאָס פאָדערט די יידישע געשיכטע און דאָס פאָדערט די אוועקגייענדיקע עפּאָכע.

זי פאַרדינט אַ ריכטיקן קדיש...

און אַלמי פאַרמאָגט אַלע נויטיקע מכשירים פאַר דעם.

און אפשר — לא עליך המלאכה לגמור.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 Buenos Aires (Rep. Argentina)

Este libro se terminó de imprimir el
día veinticuatro de Abril de 1951 en
los Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231 — Buenos Aires